STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03988

IN MEKSIKANER GAN-EYDN

Abraham Weisbaum

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם ווייסבוים

אין מעקסיקאנער גן-עדן

געקליבענע פעליעטאָנען, הומאָרעסקעס און מאָנאָלאָגן

אין דער מלאָכים - שטאָט

(לאָס אַנדזשעלעס)

ר ײ ז ע - א ײ נ ד ר ו ק ן

פ אַ ר ל אַ ג „ה מ ש ך"

מעקסיקע, ד. פ.

תש"ך

1959

Abraham Weisbaum

En el Paraíso Mexicano

Humoradas, monólogos y cuadros escogidos

En la Ciudad de Los Angeles

(Impresiones de un viaje)

Copyright 1959 by Abraham Weisbaum
Mexico City

Todos los derechos del autor reservados
conforme a la Ley

MEXICO, D. F.
1959

אברהם ווייסבוים

Este libro se terminó de imprimir el día 31 de diciembre de 1959, en los talleres de la "Imprenta Moderna".—Manuel Pintel, calle Dr. Garciadiego 28, México, D. F.

געווידמעט דעם אָנדענק
פון מיין ליבן חבר, דעם
אומפאַרגעסלעכן,
האַרציקן דיכטער
יצחק בערלינער

זכרונו לברכה.

אינהאַלט:

זייט

ביסט אַן עקשן (ליד) פֿון יצחק בערלינער — 9

במקום אַן אריינפֿיר פֿון יעקב גלאַנץ — 11

עטלעכע ווערטער פֿון מחבר — 23

1) אין „גן-עדן"

מעקסיקאַנער גליקן (מאָנאָלאָג) — 25

איך מאַך אַ רייכע חתונה (מאָנאָלאָג) — 32

אָפּגעלאָזט דעם שידוך (דיאַלאָג) — 38

איך זיץ אינדערהיים און שיק טעלעגראַמעס (מאָנאָלאָג) — 45

גוואַלד דער קריזיס! — 51

שרייבט און צאָלט! — 55

באַנקראָטן מיט טשעקן . . . — 59

מיין זון איז געוואָרן אַ סוחר... (מאָנאָלאָג) — 64

איך בין געוואָרן אַ דעלעגאַט... (מאָנאָלאָג) — 71

מיין ווייב איז געוואָרן אַ פּרעזידענטין... (מאָנאָלאָג) — 77

מיר איז גוט, כ'בין אַ קבצן... (מאָנאָלאָג) — 84

טאָרטיאַס! טאָרטיאַס! — 91

2) די פֿאַמיליע טיניפֿאָצקי (ערשטע סעריע)

יענטע טיניפֿאָצקי (מאָנאָלאָג) — 97

יאַנקל פֿייפֿער (מאָנאָלאָג) — 104

סעניאָריטאַ טיניפֿאָצקי (מאָנאָלאָג) — 113

סאַלוואַדאָר טיניפֿאָצקי (מאָנאָלאָג) — 119

יאַנקל פֿייפֿער מאַכט חתונה (מאָנאָלאָג) — 124

יאַנקל פֿייפֿער ווערט אַן אַריסטאָקראַט... (מאָנאָלאָג) — 130

נייע סעריע

יאַנקל פֿייפֿער פֿאָרט קיין ארץ ישראל... (מאָנאָלאָג) — 136

יאַנקל פֿייפֿער כאַפּט אַ מציאה... (מאָנאָלאָג) — 142

יענטע פֿאָרט אין ראָטשעסטער... (מאָנאָלאָג) — 148

יאַנקל פֿייפֿער ווערט אַ זעכציקער... (מאָנאָלאָג) — 155

יאַנקל פֿייפֿער איז געוואָרן אַ יידישיסט... (מאָנאָלאָג) — 162

יאַנקל פֿייפֿער איז אריין אין דער קהילה... (מאָנאָלאָג) — 169

3) אַלערליי

וויזיע און טעלעוויזיע . . . — 177

רעפּעראַטן מיט דיסקוסיעס . . . — — — — — — — — — — — — 183
ס׳איז גרינג צו זיין אַ ייד . . . — — — — — — — — — — — 188
יהי אור ! . . . — — — — — — — — — — — — — — — — 195
אַ רעפּעראַט מיט טעמעס . . . — — — — — — — — — — — — 199
איר זענט אַ מבין אויף מוזיק? — — — — — — — — — — — 204
די ווירקונג פון שיפּאַן־זאַקן . . . — — — — — — — — — — 209
מ׳ציטערט פאַרן יום הדין! — — — — — — — — — — — — 214
קאַקטיילס, בלויז קאַקטיילס . . . — — — — — — — — — — 220
מאָלע וואָס מ׳רעדט ! . . . — — — — — — — — — — — — — 226

4) אין דער מלאָכים־שטאָט

לאָס אַנדזשעלעס

(רייזע ־ איינדרוקן)

מיט דער באַן קיין לאָס אַנדזשעלעס (יאַנואַר 1948) — — — — — 233
די מלאָכים־שטאָט (לאָס אַנדזשעלעס) — — — — — — — — — 236
קינאָס מיט סטאַרס — — — — — — — — — — — — — — 240
האָליוואוד־באָול — — — — — — — — — — — — — — — 242
כ׳פאָר מיטן אויטאָבוס (פעברואַר 1949) — — — — — — — — 244
ביינאַכט אין אויטאָבוס — — — — — — — — — — — — — 248
איבער דער בריק — — — — — — — — — — — — — — — 250
ווידער אין דער מלאָכים־שטאָט — — — — — — — — — — — 255
אַ ליטעראַרישער צענטער — — — — — — — — — — — — — 258
אין סאַנאַטאָריום „בית התקוה" — — — — — — — — — — — 262
„פערשינג־סקווער" — — — — — — — — — — — — — — — 266
שניי אין קאַליפאָרניע — — — — — — — — — — — — — — 268
צוריק אין לאַרעדאָ — — — — — — — — — — — — — — — 271
ווידער אין די שטאַטן (מאַרץ 1950) — — — — — — — — — 274
צום צווייטן מאָל אין לאָס אַנדזשעלעס — — — — — — — — 276
לאַגונאַ־ביטש — — — — — — — — — — — — — — — — 283
שניידעריי, שניידעריי! — — — — — — — — — — — — — 286
טאָג און נאַכט אין לאָס אַנדזשעלעס (פעברואַר 1951) — — — — 293
„פעלקער" אין לאָס אַנדזשעלעס — — — — — — — — — — 299
אַ שיינער חלום — — — — — — — — — — — — — — — — 304
אין הונטינגטאָן־פּאַרק — — — — — — — — — — — — — — 309
אין האַרמאָניע־קלוב — — — — — — — — — — — — — — — 311
גודביי לאָס אַנדזשעלעס (פעברואַר 1952) — — — — — — — 315
ס׳רעגנט און רעגנט! — — — — — — — — — — — — — — — 318
אין דער אייער־פאַבריק — — — — — — — — — — — — — — 323

יצחק בערלינער

ביסט אן עקשן

א. ווייסבוימען, מיט ליבשאַפט

כ׳האָב דיך ליב צו הערן שטראָפן,
כ׳וויל אויך הערן דיינע טענות,
ליב האָסטו דיין מאַמע־לשון —
אַט די ליבע אויכעט מיין איז — —

ביסט אַ זון פון עם קשי עורף,
ביסט אַן עקשן איינגעשפּאַרטער —
ווילסט די ריינקייט פונם לשון
שטענדיק שיצן און באַוואַכן — —
יעדער אָפּנויג, יעדער אָפּווענד,
טוט דיך קוועלן און עס אַרט דיר —
אויף די ליפּן פון די קינדער —
יעדער קלאַנג פון פרעמדע שפּראַכן — —

ביסט אַ שיכור! — טרינקסט טראַדיציע — —
דו האָסט ליב צו וועקן, רופן: —
רעדט אויף אידיש! פירט זיך אידיש!
לעבט מיט אידישקייט אינגאַנצן! —
אלף־בית און גימל־בראָנפן
מאַכן ס׳האַרץ דיר בגילופין —
כאַפּסט די פראָסטע שפּחה — אידיש —
און הייבסט־אָן מיט איר צו טאַנצן — —

אידיש טראַכטן, אידיש לעבן,
איז דיר הייליקער פון הייליק — —

לויפסטו איבער שטאָט פאַרהאַוועט,
דיינע טריט געשווינד און אייליק,
פון פאַרטאָג — דעם טאָג דעם גאַנצן —
ביז די זון זי ווערט פאַרלאָשן —
קלאַפּסטו־אָן אין אַלע טירן:
היט־אָפּ אונזער מאַמע־לשון! — —

כ׳האָב דיך ליב צו הערן שטראָפן,
כ׳וויל אויך הערן דיינע טענות,
ליב האָסטו דיין מאַמע־לשון —
אָט די ליבע אויכעט מיין איז — —

* * *

דאָס ליד „ביסט אַן עקשן"
איז געווען געדרוקט אין דער היגער
צייטונג „דער וועג" דעם 21־טן יוני 1947

דאָס ליד ווערט דאָ געדרוקט, אַלס אָנדענק
פון דער האַרציקער חברשאַפט, פון מיין
ליבן, אומפאַרגעסלעכן חבר יצחק ע"ה.

אברהם ווייסבוים

במקום אַן אריינפיר

פון יעקב גלאַנץ

דער מעקסיקאַנער יידישער ישוב איז געווען באַזונ־דערס מזלדיק מיט זיין פּעריאָדיק.

יידיש וואָרט איז געווען פון די ערשטע פאַרזייען אין דעם יונגן יידישן ישוב, וואָס האָט זיך געהאַלטן ערשט אין פאַרמירן. נייע אימיגראַנטן, אידעאַליסטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן פּיאָנעריש אויף דעם געביט פון פּרעסע און ליטעראַטור, פּונקט ווי דער נייער אימיגראַנט האָט זיי־נע פייאיקייטן פאַנאַנדערגעוויקלט אויף אַנדערע געביטן, וואָס האָבן אים פאַרוואָרצלט, געשאַפן פּאָזיציעס מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט, אַז עס האָט אַזש איי־ניקע פאַרדרייט דעם קאָפּ.

געווען איז עס, אין פלוג, אַ גאַנץ נאַטירלעכער גאַנג, אָט די יידישע עמיגראַציע, וואָס זי איז געגאַנגען במשך צענדליקער יאָרן, זוכנדיק נייע לענדער. אָבער די יידן, וואָס האָבן איינגעוואַנדערט קיין מעקסיקע, באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און נאָך דער רוסישער רע־וואָלוציע, זיינען געלאָפן וואו די אויגן טראָגן, מחמת דער באָדן האָט געברענט אונטער די פיס און דער הימל האָט געשראָקן מיט קאָמעטן און סימנים פון דראָענדיקע סכ־נות, וואָס האָבן זיך געקליבן אין וועג אריין.

די עמיגראַציע איז געווען אַ סטיכישע און וואוהין

צו פאַרן איז אויך נישט געווען, יעדער אָפּשטעל איז גע־וועָן אַ צופעליקער, אַ מין אכסניא פון וואַנען וועגדן דעם טראַט ערגעץ וואו ווייטער — און די טויערן פון דעם גאָלדענעם לאַנד — אַמעריקע — זיינע געווען צוגע־שלאָסן.

האָט מען בלית-ברירה זיך געמוזט אָפּשטעלן אין מעקסיקע.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן בויען אַ ישוב מיט אַלע קליפּערלעך.

דער פּראָצעס פון אייליקער צופּאַסונג צו דער נייער סביבה איז אָנגעגאַנגען אויף יעדן פּרייז.

די זשעדנעקייט פון לעבן האָט דעם אימיגראַנט גע־טריבן דערצו.

אין אַ הרף-עין איז אויפגעגאַנגען אַ יידישן לעבן.

און ווי דורך אַ וואונדער, ממש, איז אין דער זעלבי־קער צייט אויפגעגאַנגען דאָס יידישע וואָרט, וואָס האָט געוועקט, גערופן נישט אַראָפּצוואַרפן פון זיך די מיט־געבראַכטע יידישע עולן און אחריותן, וואָס האָבן זיך זייער גיך גענומען אָפּטשעפּן פונעם אימיגראַנט אין דעם האַסטיקן געלויף, ווי זיי וואָלטן נישט געווען קיין אַרויס־געוואַקסענע פון אַן איינגעפונדעוועטן יידישן שטייגער־לעבן, נאָר קינסטלעכע צוטשעפּענישן... דער דאָזיקער מין אימיגראַנט איז ניט קיין נייער ניט אין לעבן און ניט אין דער ליטעראַטור.

אויך זיין סאָציאַלע פּסיכאָלאָגיע איז נישט פרעמד.

אין אַזאַ ישובֿל אָבער, ווי מעקסיקע, האָט דאָס דאָ־זיקע געלאָף זיך געוואָרפן שטאַרק אין די אויגן, בעיקר פאַר די וואָס זיינען אָביסל אָפּגעשטאַנען פונעם לויף, און זיי זיינען זיך געגאַנגען פּאַוואָליע... און די פּאַוואָ־ליע-גייער, האָבן געשאַפן דאָס יידיש-געזעלשאַפטלעכע לעבן, די קולטור און די פּרעסע.

* * *

די פּרעסע האָט, אין אַ גרויסער מאָס, געהאָלפן פאָר־רעמען דעם ישוב.

און ביי דער זייט האָט זיך צוגערוקט די יידישע לי־טעראַטור.

אַ שעמעוודיקע, אַ גרינג זיך רויטלענדיקע, מחמת יונגקייט, ביי יעדער מינדסטער אָנווייזונג, אָדער גרינג־שעצונג פון דעם פּאַרוועניו, וואָס האָט געקוקט קרומלעך אויף דעם בטלן, וואָס אים גייט נישט מער אָן אין דעם לאַנד פון די גרויסע מעגלעכקייטן, ווי נאָר זיך אָפּגעבן מיט — שירה.

אָבער די ליטעראַטור, אַזוי צו זאָגן, — אַן ערשטלינג, קוים אַ בוך לידער, — האָט דורך אירע פּאַרעקשנטע שע־פּער, נישט אויפגעהערט.

עס איז צוגעקומען צום פּאָעט אַ פּראָזע שרייבער, אַ קריטיקער און עס האָט אַרויסגעשפּראָצט אויך דער סאַ־טיריקער און פעליעטאָניסט.

דער פעליעטאָן איז דאָך ערגעץ וואו אויף דער גרע־נעץ צווישן דער פּובליציסטיק און דעם שיין־שרייבן, וואָס מע באַצייכנט מיטן וואָרט: בעלעטריסטיק.

פונקט ווי די פּאַראָדיע איז אַ קליין־שוועסטערל פון דער פּאָעזיע.

אונדזער בעלעטריסטיק האָט אויך געזוכט דעם לאָ־קאַלן קאָלאָריט, ווי די פּאָעזיע האָט געמאָלן דעם נייעם פּייזאַזש און די פּאַראָדיע האָט אויסגעלאַכט זינגענדיק דעם נייעם אָנוואוקס, וואָס האָט גענומען אַרויסטאַרטשן אויפן רוקן פון דער געזעלשאַפט...

דער פעליעטאָניסט אָבער איז נאָכגעגאַנגען דאָס לע־בן גופא און ער האָט גענומען מן המוכן.

עס האָט געשווירבלט און געגריבלט ביי אונדז מיט בלערליי מענטשן, וואָס האָבן זיך ווי געבעטן: באַשרייבט אונדז.

און דער שרייבער און באַשרייבער פון אָט דעם נייעם פּאַרשוין אין אונדזער ערשט זיך אויסשיילנדיקער לי־טעראַטור, האָט זיך באַוויזן באַלד אין אָנהייב פון דער אויפגייענדיקער פּרעסע, אין די אָנהייב־דרייסיקער יאָרן.

און זיין נאָמען איז — אברהם ווייסבוים.

* * *

בטבע אַ סאַטיריקער און מאָראַליסט, האָט אברהם ווייסבוים פון זיינע ערשטע שריט אָן, זינט ער איז אַריינ־געקומען אין דער קאַפּעליע פון יידישע שרייבער דאָ, מיט זיין באַזונדערן אינסטרומענט, נישט אַרויסגעוויזן

קיין כעס צו זיינע פאַרשוינען, וואָס ער האָט געמאַכט פאַר דעם אָביעקט פון זיין שרייבן.

און איך דאַרף אייך זאָגן, אַז ס׳איז געווען פון וואָס אין כעס צו ווערן און אַריינפאַלן אין צאָרן אפילו, צו־זעענדיק די הנהגה פון אַ סך עולה לגדולה געוואָרענע עולים, — נעכטיקע יורדים...

און ביינאַנד מיט דער גדולה זייערער האָבן זיי גע־וואָלט טאַקע באַלד, תיכף ומיד זיך לאָזן וואוילגיין אויף זייער אייגענעם חשבון, וואַרפן זיך מיט געלט, אונטער־שטרייכן זייער גדלות און קליינלעכקייטן, זייער יחוס, וואָס האָט ביי זיי קיינמאָל נישט געגעכטיקט, און פּרואוון דעם מזל צו ווערן פירער בפועל ממש, פירן די שטאָט ביי דער נאָז...

דאָס זיינען די טיפן, וואָס מיר טרעפן אויף יעדן ראָג פון אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט, מיר שלאָגן זיך אָן ממש מיט די נעז מיט זיי, רייבן זיך פּלייצע צו פּלייצע, לאַכן זיך אַריין אין פּנים אַריין איינער דעם צווייטן אויף די דאַטשעס, אין די ווייטע נסיעות הינטער די הרי חושך, וואו זיי שפּאַרן אָן ביזן סמבטיון, מיר זיינען זיך מיט זיי משדך, — זיי האָבן אויפגעצויגן פיינע קינדער, טעכ־טער און זין, מע גיט זיי און מע נעמט ביי זיי פעטע נדנס, מע פּראַוועט טיש צוזאַמען, מע פּאַרווילט זיך און מע איילט זיך איינער דעם צווייטן איבעריאָגן...

אָבער זיינען זיינען זיי אין תוך וואוילע יידן, עמכדי־קע יידן, די אייביקע יידישע פּליטים, נאָך איידער דער דאַזיקער באַגריף איז אַריין אין אונדזער נייעם לעקסי־קאָן; בעזשענצעס, אויסגעוואָרצלטע פון דער אַלטער, איינגעוואָרצלטער סביבה, און זיך איבערגעוואָרצלט, אויפן נייעם באָדן ווי מע טראַנספּלאַנטירט אַ בוים, אַ דעמב אין טראָפּיק... און זיי וואַקסן, — גאָטס וואונדער! — זיי באַצווייגן, באַבלעטערן זיך און וואַרפן ברייטע, קרומע שאָטנס...

* * *

און דאָס איז די וואונדערלעכע יידישע וויטאַליטעט! אברהם ווייסבוים באַשרייבט און באַמאָלט, די פאַרשוי־נען זיינע ווי זיי שטייען און גייען, אין זייער נאַטירלעכן הולך; ער קאָן זיי דורך און דורך מיט אַלע זייערע מע־

לות און חסרונות, מיט זייער גאַרעניש און תשוקה זיך אַרויסצווייזן און שטעכן די אויגן מיט זייער אויפגעקומענער גבירהשאַפט...

מע קאָן זאָגן, און מיט רעכט, אַז אברהם ווייסבוים איז געוואַקסן מיט זיינע פּאַרשוינען, ווען ער גייט נאָך פוסטריט, ווי אַ גאָר נאָענטער מענטש זייערער, ער לאָזט זיי נישט אָפּ פון אויג און ער האַלט איבער זיי אַן אויג.

ער רעדט אויף זיי נישט קיין לשון הרע; ער רעדט בכלל זייער ווייניק וועגן זיינע פּאַרשוינען, ווייסבוים, ווייל ער ווייסט, אַז מע רעדט וועגן עמעצן, אפילו גוטמוטיק, איז מען עלול אַריינצופאַלן אין אַ גוזמאלע, אין אַ רכילותל, אַ פּליאָטקעלע, מע קאָן יענעם באַרעדן, חלילה, אַזוי אָבער ווען דער בעל-דבר רעדט אַליין, קאָן ער אויף זיך אויסריידן כל דבר אָסור, און נאָר ער איז פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר, ער איז אַליין דער שולדיקער — זיין צונג איז זיין שונא...

אים גייט אין אויסמאָלן די סאָציאַלע קאַנווע פון זיינע פּאַרשוינען אין זייער אייגענער אומגעבונג, און ער מיידט נישט אוים זייערע גראָבע גלוסטעניישן און פוסטקייטן, וואָס ברענגען זיי צו לעכערליכקייט און קאָמיזם.

און דאָס געלינגט אים, ווייסבוימען, אין די פאַרשיידענסטע אופנים און וואַריאַציעס פון זיין שרייבן און צייכענען פון זיינע העלדן; די באַזונדערע סיטואַציעס, אין וועלכע דאָס לעבן אַליין שטעלט זיי אַוועק, ווי אויסטערליש זיי זאָלן נישט אויסזען.

ער לאַכט ניט אָפּ פון זיינע העלדן, ווייל לאַכן לאַכט מען אָפּ פון אַ מענטשן, ווען מע האָט אים פיינט, און ווייסבוים האָט ליב זיינע מענטשן וואָס ער שילדערט, ער פילט זיי מיט, ער וואָלט זיי אפילו געגעבן אַ האַנט אין אַ שווערער סיטואַציע, ווען זיי וואָלטן עס נאָר פאַרלאַנגט פון אים, זיי באַדאַרפן אָבער קיין האַנט נישט.

זיי דאַרפן בכלל קיין וועג-ווייזער נישט, זיי זיינען גאַנצע חכמים, והראיה, זיי זיינען אַדורך באַלד אַ לעבן און גאָרניט שלעכט, זעט איר, ווי אימיגראַנטן, געקומענע פון אַ ווייטער פרעמד; געשאַפן יסודות, זיך אַריינגעבירגערט און פאַרוואָרצלט און אויפגעצויגן דורות,

קינדער און קינדס קינדער, וואָס גייען זיי טאָקע נישט אין טאַטנס דרכים, אָבער זיי זיינען שוין אַ שטאַפּל העכער אויפן לייטער פון דער געזעלשאַפט, זיי זיינען דאָקטוירים, אינזשעניערן, אינטעלעקטואַלן און אינטעלע־גענטן זיינען זיי.

און כאָטש ווייסבוים איז פון דער נאָענט אויסגעבונדן מיטן עלטערן דור, וועמען ער האָט קינסטלעריש פאַר־פיקסירט אין זיינע פריילעכע מאָנאָלאָגן און הומאָרעס־קעס, איז אים אָבער נישט פרעמד אויך דער יינגערער דור, וואָס דערווייטערט זיך אויף זיין וועג צו דער וועלט אַלץ מערער פון דעם יידישן דרך, און ער פרעמדט זיך וואָס מער אָפּ פון יוספן וועמען ער קען נישט און וויל נישט קענען...

דער עלטערער דור, דער אָביעקט פון ווייסבוימס פען, איז אַ גוט-ברודער מיטן מחבר, ער פּאַטשט אים אין פלייצע ווי אַן אייגענעם און ער האָט ליב אפילו, ווען ער לייענט פאַר זיינע פעליעטאָנען, וואו ער ברענגט אַרויס און באַשרייבט מיט אַלע פּישטשעווקעס אַ קאָ־מישן פּאַרשוין וואָס רופט אַרויס געלעכטער... אומבאַ־וואוסטזיניקערהייט, קאָן אפשר ניט איינער פון די גוטע ברידער פונעם מחבר, לאַכן פון זיך אַליין, ווען ער לאַכט פון דעם באַמאָלענעם פאַרשוין, מיט זיינע קרומע גענג און גענגעלעך, אָבער עס איז גוט צו לאַכן אפילו פון זיך, ווייל מענטשן האָבן בטבע גוואַלטיק ליב צו זען זיך אין שפּיגל... אויך אָבער דער יינגערער דור, — די גאָלדענע יידישע יוגנט, וואָס לעבט ערגעץ-וואו אַ פרעמד לעבן, נישט אויסגערעדט זאָל זיין; פוצט זיך אין פרעמדע פע־דערן און פעדערט זיך צו אַלע וואָוילטאָגן און לייכטע פאַרוויילונגען, אַנטלויפנדיק אַלץ ווייטער פון זיך, האָט ליב ווען מע שילדערט זיין סביבה. און כאָטש פון קיין יידיש וויל ער ניט וויסן, געלערנט האָט ער דווקא יאָ אין די יידישע שולן, — דערקענט ער אין די טיניפאַצ־קים ערגעץ וואו אַ קרובהשאַפט.

ער קאָן ווייסבוימען און ער האָט צו אים אַ וואַרע־מע באַציאונג, ווייל ער דערזעט אין אים אַ נאָענטן מענטשן, וואָס זוכט און נישטערט אים און וויל אים

דערפאַרשן מיט אַלע זיינע פּאַרמינאַריטעטן, זאָל מיר דערלויבט זיין אַ שפּאַניציזם.

דער מקור פון ווייסבוימס פּעליטאַנען און גוטער הומאָר איז אַ פאָלקסטימלעכער.

און דערפאַר איז די פּאָפּולאַריטעט זיינע געוואַקסן אין מעקסיקע — און אין די ישובים פון די אַמעריקעס, וואו עס איז פאַראַן אַ סימילאַריטעט, אַן ענליכקייט פון סביבה און אַ קרובהשאַפט פון אַט דעם נייעם טיפּ מענטש, וואָס טיילט אויס דעם זיך איינוואָרצלענדיקן אימיגראַנט, מיט אַלע זיינע אויסטערלישקייטן וואָס זיינען נאָר אים אייגן, צוליב די באַדינגונגען, וואָס האָבן אים פּאַרמירט, — און אין דעם איז דער אויפטו פון ווייסבוימס צוטראָג צו דער יידישער ליטעראַרישער שאַפונג פון מעקסיקע: די געטרייע אָפּשפּיגלונג פון דער ווירקלעכקייט פון די מעקסיקאַנער יידן.

און ווי רעפלעקסן פון לעבן, האָבן ווייסבוימס שאַפונגען נישט נאָר אַ סאָציאָלאָגישן ווערט, ווייל זיי דעקן אויף סאָציאַל אַ נייע יידישע סביבה, — נאָר זיי האָבן אויך אַ ליטעראַריש-קינסטלערישן וואַלער, דערפאַר וואָס זיי אַנטפּלעקן פּסיכאָלאָגישע ראַנדן פון דער טיפער פּסיכישער ענדערונג, וואָס קומט פאָר אין דעם אימיגראַנטן דור פון אַט די נייע יידישע קיבוצים, געראַטעוועטע פון מבול, — די פּאַרפּלייצונג האָט זיי אויך דאָ געטראָפן, און אויב זי האָט נישט פאַרשוועכט זיי פיזיש, חלילה, האָט זי זיי צעמאָלן און צעשטויבט און אויסגעליידיקט פון יידישן אינהאַלט.

אברהם ווייסבוימס באַשרייבונגען פון דעם מעקסיקאַנישן יידישן לעבן האָבן נישט נאָר אַ ווערט, לכן, פון אַ שטייגער-שילדערישן כאַראַקטער פון דער יידישער סביבה פון אונדזער צייט, נאָר זיי וועלן אויך בלייבן עלאָקווענטע עדות אויף שפּעטער.

און זיי זיינען אויך סאָציאַל און סאָציאָלאָגיש אַ פּרעווענטיווער מיטל, ווי זיך אויסצוהיטן פון דער מחלה, וואָס הייסט ככל הגויים, וואָס זי פאַרכאַפּט דעם יונגן מעקסיקאַנישן ישוב, און די דאַזיקע פּוצן זיך אין פרעמדן מאַנטל פון דעם טיניפאַצקי-שמענדרעקיזם, וואָס ווייסבוים ברענגט אַרויס אין אַ גוטן טאָן און מיט שניידנדי-

קער שאַרפקייט, איז דאָס כאַראַקטעריסטישע פון דער סביבה, וואָס האָט גערדאַרפט קומען צום אויסדרוק קינסט־לעריש, פונקט ווי זי איז געוואָרן אַרויסגעבראַכט אין דער פובליציסטיק.

די קונסט רופט נישט צו ענדערן די אומשטענדן פון לעבן, נאָר זי שילדערט זיי ווי זיי זיינען.

אין די כאַראַקטעריסטישע פאַרשווינען ווייסבוימס, ווי טאַקע די דערמאָנטע טיניפאַצקי־משפחה, מיט אַלע אירע שוואַכקייטן אַרויסגעבראַכטע, וואַרפן אַ ליכט אויפן שטייגער לעבן פון אַ באַזונדערן שיכט פון אַ ישוב, וועמענס בויער האָבן אין געיעג נאָכן טאָגטעגלעכן וואויל־זיין און אין דעם דראַנג נאָכצולויפן די וועלט און אירע פאַראַנדקעס, פאַרטאַכלעוועט נאָר אַ סך פון זייערע מע־לות טובות, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך, ווי אַ גייסטיקע ירושה, און זיי האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט, ניט קענענדיק געפינען זיך אַליין אין דעם לאַבירינט פון זייע־רע אויסגעבאָרנטע פרעמדע וועלטן.

ער באַווייזט אין אַ גוטן הומאָר און מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, ווי זיינע יידן, האָבן זיך אַליין איבערגע־שטיגן אין זייער געיעג אַרום זיך, און זיי האָבן זיך פּלוצים געכאַפּט אַז זיי האָבן פאַרשפּעטיקט דעם צוג...

דער דאַזיקער גוטער הומאָר זיינער, ווייסבוימס, ליגט אוים אַ וואַרעמקייט אויף דער דאַזיקער סביבה וואָס ער שילדערט, וואָס רופט אַרוים מיטגעפיל צו זיינע העלדן, ווי קאָמיש און לעכערלעך זיי זאָלן נישט זיין, און אין דעם דאַזיקן שמייכל זיינען קומט ער צו נענטער צום עיקר פון זיין באַרוף:

מיט איינגעהאַלטענער חכמה און מיט פאָלקסטימ־לעכן לשון איבערצוגעבן אַ שטיק יידיש לעבן, וואָס איז ווערט אַז עס זאָל זיך געפינען, ווי אַ בילד פון דער נאַ־טור, אָפּגעמאָלט אין זונשיין און אין אָוונט־ליכט.

די מרבה דברימידיקע מאָנאָלאָגן זיינע, און זיינע אייגענע רייד, וואָס זיינען אַרויסגעשלאָגן פון די פאָלקס־קוואלן, — זיינען עם די בילדער פון דער סביבה, וואָס מיר קענען, און דערפאַר דערקענען מיר זיי אַזוי בולט. זיי וועלן אָבער זיין דער מאַטעריאַל אויך אויף שפּעטער פאַר די וואָס האָבן די סביבה נישט געקענט, מע וועט

דורך די קען־שטריכן, וואָס ווייסבוים האָט זיי אַרויסגעבראַכט, געפינען שטיקער באַמאָלענע לייוונטן, וואָס וועלן דערמאָנען דאָס לעבן וואָס איז געווען...

און דאָס איז די עובדא פון אַ שרייבער.

* * *

די דאָזיקע קינסטלערישע קאָנצעפּציע פון איבערגעבן דאָס געזעענע אַזוי געטריי ווי מעגלעך, פאַרשטייט זיך, דורכן אויג פון דעם וואָס זעט, — דאָס אויג וואָס איז דער שפּיגל פון דער נשמה פונעם שרייבער, — קומט ביי ווייסבוימען שטאַרק צום אויסדרוק אין זיינע רייזע באַשרייבונגען.

ווען אַ מענטש גייט אַוועק פון זיין שטוב נאָר און ער קומט פּנים־לפּנים מיטן דרויסן, הייבן אין אים אויפטויכן לגמרי נייע מחשבות וועגן זיך אַליין. אפילו נישט נאָר דער אַרום נעמט ווירקן אויף זיין פּסיכיק אַנדערש, ער אַליין דערשפּירט זיך ווי אַ באַנייטער אין דער אָפנקייט פון דעם רשות הרבים.

און די דאָזיקע שפּירונגען זיינען אוודאי חל אויף אַ רייזע. אַ נסיעה. דערפאַר איז געקומען דאָס קלוגע ווערטל אַפּנים: אַז רייזעס לערנען. מע לערנט פון דער נאַטור, פון מענטשן.

מע לערנט פון דעם אַרום, און מע נעמט אַריין אין זיך נייערע איינדרוקן, וואָס באַרייכערן די נשמה און געמיט פון אַ מענטשן און זיי מאַכן אים קאָנטעמפּלאַטיווער.

ועל כל שכן אַ שרייבער, וואָס איז אַ פילנדיקער מענטש, און זיין אויג איז סענסיטיווער און זיין תפיסה איז ברייטער, אויפנעמערישער און דער עיקר פון אַלע עיקרים: דער שרייבער איז בכוח דאָס געזעענע איבערצוגעבן.

אויב ער האָט נישט אין זיך די דאָזיקע פעאיקייטן, איז ער כלל קיין שרייבער נישט, און מיר ריידן וועגן שיין־שרייבער.

אברהם ווייסבוימס רייזע פאַרצייכענונגען (אויף זיין וועג קיין לאָס אַנדזשעלעס), וואָס ווערן געבראַכט אין דעם בוך, אין אַ באַזונדערן אָפּטייל, געהערן צו אָט די רייזע־בלעטער, וואָס גיבן איבער די מענטשלעכע דער־

פאַרונגגען, שפּירונגען און עמאָציעס, ווען מע קומט אין מגע־משא מיט דער נאַטור און אירע שיינקייטן, וואָס פאַרכאַפּן און דערוואַרעמען דאָס געמיט.

ער טוט זיך אויס פון זיין סביבה, וואָס ער האָט אַזוי בריוט־לייוונדיק באַמאָלן אין זיינע הומאָרעסקעס און פּע־ליעטאָנען, רעפלעקסן פון די לעבעדיקע מענטשן, וואָס ער האָט באַגעגנט און ער האָט נישט געקאָנט שווייגן...

דערפאַר שווייגט ער אַריין אין זיך אַלע שיינקייטן פון דער נאַטור, ווען ער איז מחוץ זיין סביבה, ווייסבוים, און ער פאַרכלינעט זיך מיט די נייאיקייטן און שיינקייט־מאַניפעסטאַציעס וואָס דערקוויקן זיין אויג און צינדן אָן זיין געמיט מיט אַ ליריזם, וואָס איז באַזונדערס וויכטיק, מחמת ער שטעלט אַוועק דעם מחבר פון די הומאָריס־טישע פעליעטאָנען אין אַן אַנדער ליכט.

און דאָס ליכט וואָס וואַרפט אויף ווייסבוימען די סעריע רייזע־באַשרייבונגען פון אַט דעם בוך איז פון אַ התבודד, פון אַן אינזיך פאַרטראַכטן און פאַרטיפטן מענטשן, וואָס איז נאָר אויסערלעך אַ שמייכלענדיקער און אַ גוטמוטיקער באַאָבאַכטער פון לעבן, אינעווייניק אָבער אין זיין אינטימיטעט, איז ער אַ ליריקער, אַ שיין־גייסט, וואָס צינדט זיך אָן מיט התלהבות פאַרן באַ־שאַף און ער איז ביכולת אין זיך אָנצינדן די פונקען פון איבערשאַפן דאָס געזעענע אַז עס זאָל אויך באַפרידיקן די עמאָציע פון דעם לייענער.

די דאָזיקע סמנים זיינען געווען ניכר אין ווייסבוימס ישראל־בוך, וואו דער פייזאַזש איז אַרויסגעקומען בולט און שאַרף, ווי דער מענטש אין זיין לאַנדשאַפט, אָבער דאָ אין די דאָזיקע באַשרייבונגען זיינע פון אַ נסיעה, (די רייזע אין דער „מלאָכים־שטאָט" און צוריק, מיט אי־רע מענטשן און נאַטור) קומען צום אויסדרוק זיינע שריי־בערישע חן־פינטעלעך, זיין באַזונדערער חוש פאַר שיינ־קייט און די פייאיקייט די שיינקייט איבערצוגעבן מיטן גאַנצן פלאַטער און פליטערלעך, וואָס דאָס אויג האָט פיקסירט. און מער נאָך: ווייסבוימען געלינגט צו שאַפן אַ שטימונג אַרום דעם געזעענעם און אַרום דער לאַנד־שאַפט, וואָס ער גיט איבער ווי לעבעדיק.

דער דאָזיקער אָפּטייל פון בוך איז לגמרי נישט אין

קאָנטראַסט צו די פריערדיקע טיילן; די יומטובדיקייט פון די באַשרייבונגען פון דער רייזע, גיבן צו גאַנצקייט די פריערדיקע צו וואָכעדיקע טעמעס פון דעם טאָגטעג־לעכן לעבן, און די באַשרייבונגען גופא, גיבן צי קאָלאָ־ריט און פרישקייט דעם בוך.

ווייסבוים באַשרייבט אי לעבעדיק די נאַטור אי לע־בעדיק די לעבעדיקע מענטשן, וואָס ער באַגעגנט אין וועג; מענטשן וואָס זיינען דיאַמעטראַל קעגנגעזעצט צו די העלדן און פאַרשוינען, וואָס ער שילדערט אין זיינע הומאָרעסקעס, מאָנאָלאָגן און פעליעטאָנען וועגן די מעק־סיקאַנער יידן, אָדער די יידן פון מעקסיקע — אַ טראַט נאָר פון דער מלאָכים־שטאָט פון לאָס אַנדזשעלעס, אָבער ווי ווייט איז דער מהלך!

און וואָס איז דער מער מיט די מעקסיקאַנער יידן טאַקע?

אויף דעם וועט דער לייענער געפינען אַן ענטפער אין בוך, אַלע מיינע דעפיניציעס וואָס איך וועל געבן וועגן דעם אַרט שרייבן ווייסבוימס, וועלן נישט אַזויפיל דעפינירן און קלאָרמאַכן, בעיקר נישט פאַרשאַפן אַזוי־פיל הנאה ווי דער בוך אַליין.

און דאָ שטעלן מיר אַ פּונקט און עפענען דעם שער פון בוך, וואָס פירט אַריין הרחהבדיק אין דעם לאַבי־רינט פון לעבעדיקע מענטשן און סיטואַציעס וואָס אברהם ווייסבוים האָט אַריינגעבראַכט צווישן די טאָוולען צו לעבן און גערייען בשלום.

יעקב גלאַנץ

* * *

עטלעכע ווערטער פון מחבר

אַזוי ווי דאָס בוך „מעקסיקאַנער זיגזאַגן", וואָס איז דערשינען אין 1947 איז שוין לאַנג געוואָרן אויספאַרקויפט, און אַ סך לייענער האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו לייענען די ערשטע זעקס מאָנאַלאָגן פון דער „פאַמיליע טיניפאַצקי", ווערט דאָ, צוזאַמען מיט דער נייער סעריע מאָנאָלאָגן „די פאַמיליע טיניפאַצקי", אויך געדרוקט די ערשטע סעריע.

אַזוי, אַז דער לייענער וועט אין דעם בוך, האָבן די גאַנצע סעריע פון דער באַרימטער „פאַמיליע טיניפאַצקי".

ס'ווערט אויך אין בוך געדרוקט אַ פעליעטאָן „מאַלע וואָס מ'רעדט!"

אונטערן נאָמען „מאַלע וואָס מ'רעדט", האָב איך געדרוקט קנאַפּע 200 פעליעטאָנען, וועגן פאַרשידענע פאַסירונגען פון היגן יידישן ישוב.

אין דעם בוך ווערט געדרוקט בלויז איין פעליעטאָן „מאַלע וואָס מ'רעדט", צוליב זיין שטענדיקער אַקטועלקייט.

אברהם ווייסבוים

I

אין „גן-עדן"

מעקסיקאנער גליקן...
(מאָנאָלאָג)

— ניין, ס'איז נישט אויסצוהאַלטן פון דעם שוואָגער מיינעם, דעם אַמעריקאַנער, דעם „גרינגאָ"...

ער קומט טאַקע מיט דער שוועגערין מיינער, אַלע יאָר אין מעקסיקע צו גאַסט.

מיר שמועסן זיך אויס אַ ביסל, מיר שפּאַצירן אַרום, כ'ווייז אים ווי שיין מעקסיקע איז, און ער איז טאַקע צופרידן צו פאַרברענגען זיין וואַקאַציע אין דער שיינער, עקזאָטישער מעקסיקע.

נו, איז דאָך טאַקע גוט, האָ? זאָג איך אייך אַז נישט, ס'טויג נישט!

ווי זאָגט מען: אַלץ אינאיינעם איז נישטאָ ביי קיינעם...

ער איז טאַקע אַ גוטער געטרייער שוואָגער, אָבער ער האָט נעבעך אַ שטיקל חסרון:

ער האַלט אין איין דיסקוטירן מיט מיר, ער האַלט מיך אינאיין קריטיקירן און יאַדן מיך.

ער רעדט און רעדט און הערט נישט אויף צו רעדן...

רבונו של עולם, ווי נעמט זיך צו אַ מענטש אַזוי פיל רייד...

צום ערשט רעדט ער זיך אַדורך מיט דער ווייב זיינער:

פּעני דיער, וואו זיינען די קיס? (די שליסלעך). פּעני דאַרלינג, וואו זיינען די ציגאַרן?

ענטפערט זי אים: דאַרלינג, דו האָסט דאָך די שליסלעך אין פּאָקעט (קעשענע).

דאַרלינג אַהין, דאַרלינג אַהער!

ס'דאַרלינגט מיר שוין אין קאָפּ!

מיינט איר דאָך אַז די ליבע איז אַזוי גרויס? קוצעניו־מוצענו, עס ברענט ביי זיי די ליבע?

ס'הייבט זיך נישט אָן! ביי יעדער קלייניקייט צעקריגט מען זיך באַלד און דווקא אויף אַ מין געמישט לשון, האַלב ענגליש און חצי יידיש...

זי אים: ליסן איזי, דריי מיר נישט קיין קאָפּ, דאָנט באַדער מי!

ער ענטפערט בייז: פּעני שאַטאַפּ זאָג איך דיר!

אין אַ מינוט אַרום, אַהאַ, מען דאַרלינגט זיך שוין ווייטער...

נאָכן עסן, פאַררייכערט ער אַ גראָבן ציגאַר און נעמט זיך צו מיר:

דייוו, ליסן דייוו, בלייבסט שוין טאַקע אַ מעקסיקאַנער? אפשר וועסטו דיך פאַרט אַריבערפּעקלען צו אונדז אין די שטאַטן?

ענטפער איך אים געלאַסן: איטשע, שוואָגער טייערער, וואָס דרייסטו מיר שוין ווידער אַ קאָפּ מיט דיין אַמעריקע, מיט דיינע אַמעריקאַנער גליקן?

אַ דאַנק גאָט, מיר פעלט דאָ גאָרנישט, סי סעניאָר. פּרנסה האָב איך, פיינע גוטע קינדער, זאָלן געזונט זיין האָב איך, נו, וואָס פעלט מיר דאָ אין דער שיינער, פרייער מעקסיקע? נאַדאַ, סי סעניאָר, גאָרנישט!

נעמט ער אַרויס דעם ציגאַר פון מויל און צעלאַכט זיך מיט אַ שטיל געלעכטערל:

פּעני דיער, לוק עט הים, קוק אים נאָר אָן דעם שוואָגער דיינעם, כאַ־כאַ־כאַ! יעס, יעס, ער איז גליקלעך, אים פעלט דאָ גאָרנישט! וועל וועל, נישטאָ וועד עס זאָל לאַכן כי־כי־כי. ס'פעלט דיר גאָרנישט, ביסט טאַקע אַ גרויסער גביר, אַ גרויסער מיליאָן....

שלאָג איך אים גיך איבער: הער נאָר דו אַמעריקאַנער, טייערער שוואָ־גער מיינער. טו מיר אַ טובה און הער מיך אויף צו רופן דייוויד, דייוו, כ'האָב, אַ דאַנק גאָט אַ יידישן נאָמען יאָכל דוד הייס איך.

און שטיי נאָר נישט אַזוי גרויס מיט דיין אַמעריקע, מיט דיין גביריש־קייט מיט דיין רייכקייט. אדרבא זאָג מיר איטשע, וואָס האָסטו פון דיין עשירות פון דיין רייכקייט?

אַדרבאַ, קוק דיך נאָר אָן, פּאָר פּאַוואָר, כאַפּ אַ קוק אין שפּיגל ווי דו זעסט אויס?

אמת, דו גייסט טאַקע אין אַ קאָלירט העמד מיט בלימעלעך, מיט קורצע ארבל, ווי אַן אַכצן יאָריקן בחורל און אין בלויזן קאָפּ און האַלסט אין איין הייבן די הויזן מיט פּאַסיק...

דו בחורסט זיך, שוואָגער מיינער, דו בחורסט זיך...

אָבער דו שלעפּסט דאָך קוים די פיס דיינע, דו זעסט אויס, ווי איינער וואָס איז נאָרוואָס אַרויס פון שפּיטאָל...

צעלאַכט ער זיך הויך: ליסן דייוויד, דאָנט טאָק נאָנסענס! רעדט נישט קיין נאַרישקייטן, איך בין שוואַך? איך בין קראַנק?

ליסן פּעני דאַרלינג, איך זע אויס שלעכט? איך איך? כ׳קען זיך נאָך „פּייטן" מיט דיין מעקסיקאַנער שוואָגער. יעס, יעס, נו, קאָם אָן דייוויד, קאָם אָן!

ענטפער איך אים רואיק געלאַסן: סי, סי איטשע. דו ביסט טאַקע אַ גרויסער העלד, כ׳ווייס, כ׳ווייס ווי שטאַרק די ביסט. דו האָסט שוין געהאַט צוויי אָפּעראַציעס און דו קלייבסט דיך שוין מיט מזל צו דער דריטער אָפּעראַציע...

זאָג מיר נאָר טייערער איטשעלע, אַז די אַמעריקאַנער גליקן זיינען יאָ אַזוי גרויס. פאַרוואָס זשע גייט איר שטענדיק אַרום פאַרזאָרגט, פאַרדאַגהט, פאַריאָגט, פאַרהאָוועט און האַלטן אין איין קרענקען?

עפּעס האַלט מען ביי אייך אין אַמעריקע אין איין מאַכן אָפּעראַציעס. אַ לאַדע וואָס, שוין מ׳שנייד שוין...

די דאָקטוירים ביי אייך שטיין שטענדיק גרייט צו ראַטעווען — מיטן מעסער אין דער האַנט...

מיר, אין מעקסיקע, האָבן טאַקע נישט די גרויסע אַמעריקאַנער גליקן, אָבער אַ דאַנק גאָט, מיר קרענקן נישט אַזוי פיל ווי ביי אייך...

מיר יאָגן זיך נישט אַזוי אַרויס די נשמה, מיר האָבן צייט דאָס גליק אַנטלויפט נישט. אַ מיליאָן מער, אַ מיליאָן ווייניקער, אבי געזונט...

אין מעקסיקע איז דאָ אַ טייער, גאָלדן וואָרט „מאַניאַנאַ", מאָרגן הייסט דאָס. נישקשה, מאָרגן איז אויך אַ טאָג „מאַניאַנאַ". מ׳וועט גאָרנישט פאַרשפּעטיקן... נישטאָ וואָס צו לויפן, איינרייסן די וועלט און בלייבן אָן כוחות.

ווערט ער שוין, דער אַמעריקאַנער, אַ ביסל רואיקער און רעדט שוין שטילער אַ ביסל:

יעס, יעס, כ׳זע טאַקע דיינע גרויסע מעקסיקאַנער גליקן. דו האָסט דאָך דאָ ביי דיר אין מעקסיקע אפילו ניט קיין רעכט צו זיין אַ פּאָליסמאַן...

אַלרייט דייוויד, דו ביסט אַ מעקסיקאַנער סיטיזן, אַ בירגער, נו, וואָס פאַר אַ בירגער־רעכט האָסטו און דיינע קינדער?

זעסטו איך, איך קען ווערן ביי אונדז אין די שטאַטן אפילו אַ קאָנגרעס־מאַן, אַ דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט אין וואַשינגטאָן, אפילו אַ גאָווערנאָר...

וועל, וועל, ווּעסט שוין נישט לאַכן פון מיינע אַמעריקאַנער גליקן!

זע איך דאָך אַז ער האָט מיך אַביסעלע געפּאַקט... זאָג איך אים קאַלט־בלוטיק: עד, ווייסיך וואָס! רעכט אַהין, רעכט אַהער. ביי אייך אין אַמעריקע זיינען אויך דאָ גענוג דיסקרימינאַציעס אפילו קעגן...

מיין שוואָגער האָט מיך נישט געלאָזט ענדיקן, ער איז ראַפּטום אויפ־געשפּרונגען, זיך גיך געגעבן אַציאַרויף די הויזן מיטן פּאַסיק און מיט כעס אויסגערופן:

שאַטאַפּ זאָג איך דיר, שאַטאַפּ דייוויד, שוייג בעסער!

איך בין אַן אַמעריקאַנער סיטיזן, כ'וועל נישט לאָזן באַליידיקן מיין אַמעריקאַנער גאָווערמענט. מיין רעגירונג קעמפּט קעגן יעדער דיסקרימי־נאַציע...

כ'האָב געוואָלט מיין צעקאָכטן שוואָגער איינשטעלן אַביסל, אָבער ער איז געלאָפן הין און צוריק, אַרויסגעכאַפּט גיך דעם ציגאַר פון מויל, נאָענט צוגעגאַנגען צו מיר און געוויזן מיטן פינגער גלייך אין פּנים אַריין:

זאָג מיר נאָר טייערער שוואָגער מיינער, פּליז דייוויד, זאָג מיר דעם אמת, אין וועלכן לאַנד האָבן אַלע בירגער דאָס זעלבע רעכט און דעם זעלבן טשאַנס צו אַרבעטן, ווערן רייך אין אַ קורצער צייט, אפילו איבערנאַכט...

דו קויפסט דיר אַקציעס אין „וואָלסטריט" היינט, און מאָרגן ווערסטו אַ מיליאָנער... יעס, יעס, אַ מיליאָנער! אָרימע מענטשן האָבן אַ טשאַנס צו ווערן מיליאָנערן...

באַרואיק איך מיין מיין שוואָגער און זאָג אים געלאַסן: יאָ, יאָ, דאָס איז אמת, איטשע טייערער. כ'האָב גענוג געהערט פון די גרויסע גליקן מיט די וואָל־סטריט אַקציעס, מיט אייערע „מאָרטגיידזשעס".

כ'האָב אָבער אויך געהערט, אַז רייכע קענען ווערן פון די אַקציעס, טאָקע איבער נאַכט גרויסע אָרעמעלייט... און די אָרעמע קענען ווערן נאָך אָרעמער...

אויס גבירים, אויס מיליאָנערן כאַטש טו דיר אָן אַ טאָרבע און גיי אי־בער די הייזער...

אַקציעס! אַרויף־אַראָפּ, אַרויף — אַראָפּ! אויס אַקציעס!

אַמעריקאַנער גליקן!

זעסטו, איציק טייערער,, ביי אונדז אין מעקסיקע איז גלייכער דאָ אַ „לאָטעריאַ נאַסיאָנאַל״. פאַרשטייסט; אַ נאַציאָנאַלע לאָטעריע, דאָס געלט גייט אויף צדקה, פאַר שפּיטעלער, אָרעמע און קראַנקע.

אַלע וואָך שפּילט אַ האַלבן מיליאָן פּעזעס, אַ מיליאָן, צוויי מיליאָן, דריי מיליאָן, פינף מיליאָן און איין מאָל גאַנצע צען מיליאָן!

מ׳קויפט אַ צעטעלע פאַר עטלעכע פּעזעס, מ׳לייגט זיך שלאָפן אַן אָרע־מאַן און „מ׳קען״ אויפשטיין אַ מיליאָנער...

ביי אונדז זיינען טאַקע נישטאָ קיין גרויסע מיליאָנערן ווי ביי אייך אין אַמעריקע, עס זיינען אָבער אויך נישטאָ קיין גרויסע קריזיסן ווי ביי אייך מיט אייערע אַקציעס און מיליאָנען מיט — — —

שלאָגט ער מיר ווייטער איבער און שרייט הויך: מיליאָנערן, לאָטע־ריעס, כאַ־כאַ־כאַ! וואו האָט איר מיליאָנען? איר האָט פּעזע־מיליאָנערן!

ביי אונדז אַ מיליאָנער איז אַ מיליאָנער! יעס, יעס! צען מיליאָן דאָלאַר, צוואַנציק מיליאָן, הונדערט מיליאָן און מער, יעס, סער!

ענטפער איך שוין מיט כעס: דו גרויסע קנאַקער מיט דיינע מיליאָנען, לאָז מיך אויסרעדן אַ וואָרט, רייס מיר נישט איבער, איטשע, פאַר פאַוואָר!

ווערט ער שוין אַביסעלע ווייכער, נעמט דעם גראָבן ציגאַר אין מויל, זעצט זיך אויף דער סאָפע און זאָגט שטיל אומצופרידן:

קאָם אָן דייוויד, רעדט, רעדט. איי דאָנט קער, פּליז רעדט.

סי סי, איציק, מיר האָבן נישט קיין גרויסע מיליאָנערן, דערפאַר אָבער האָבן מיר גוטע געטרייע קינדער. זיי וואַרטן נישט אַז דער טאַטע זאָל צומאַכן אַן אויג... און די מיליאָנען זאָלן בלייבן ביי זיי.

די מעקסיקאַנער קינדער און אויך די יידישע, האַלטן נאָך דאָ פון דער מצוה כיבוד אב ואם. זיי גיבן אָפּ כבוד און האַלטן ערליך זייערע טאַטע־מאַמע.

אין מעקסיקע שעמען זיך נישט אונדזערע יידישע קינדער מיט זייערע עלטערן...

ביי אייך אין אַמעריקע, שעמען זיך דאָך אייערע געלערנטע קינדער מיט זייערע עלטערן, און דאַנקען גאָט, ווען זיי קענען שוין זייערע טאַטע־מאַמע פאַרשיקן אין אַ מושב זקנים...

אַמעריקאַנער גליקן!

וואַרט, וואַרט, טייערער שוואָגער מיינער, אין עטלעכע יאָר אַרום, ווען

דיך דיינע טייערע געלערנטע קינדער, דער דאָקטאָר מיטן אַדוואָקאַט, דיך און דיין ווייב פאַרשיקן ערגעץ אין אַ מושב־זקנים און דיין רייכקייט וועלן — — —

מיין שוואָגער איז אויפגעשפרונגען ווי אַן אָפּגעבריטער, ארויסגעכאַפּט דעם ציגאַר פון מויל, צוגעלאָפן צו דער טיר פון עסצימער און גענומען הויך שרייען:

פעני דאַרלינג, כ'האָב דיר געזאָגט אַז ס'איז פלענטי, גענוג דאָ צו זיין, און דו ווילסט זיין ביי דיין שוועסטער כאָטש אַ האַלב יאָר.

נאָ סער! כ'האָב שוין גענוג, יעס, פלענטי גענוג! אין אָקאַפּולקאָ ביסטו געווען? אין קוערנאַוואַקאָ ביסטו געווען? דעטס אָל, גענוג. אָלרייט, אָלרייט, קאַם אָן, לאָמיר נעמען די טיקעטס און אַהיימפאָרן.

כ'וועל זיצן אין מעקסיקע און הערן ווי מיין טייערער שוואָגער קרי־טיקירט מיין אַמעריקע, קריטיקירט מיך און באַרימט זיך מיט זיינע מעק־סיקאַנער גליקן.

נאָ, מאָער, כ'גיי זיך שוין פּאַקן, קאַם אָן פעני דאַרלינג!

ביידע שוועסטער זיינען גיך אַריין אין סאַלע און אויסגעשאָסן מיט אַ הילכיק געלעכטער: כאַ־כאַ־כאַ! קוקט זיי נאָר אָן די שוואָגערס ביידע, כאַ־כאַ־כאַ! שטייען ווי די אָנגעבלאָזענע הענער, האָט קוים אַרויסגערעדט מיין ווייב לאַכנדיק.

עפּעס איז זיי באַפאַלן אַ מאָדנע געלעכטער. זיך אָנגעקוקט און ווידער געלאַכט.

מיין שוואָגער איז געשטאַנען ביין אָנגעכמורעט, מיט די הענט אין די הויזנקעשענעס און מיטן ציגאַר אין מויל.

די שוועגערין מיינע איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צו אים און לאַכנדיק אים געזאָגט:

איזי דאַרלינג, צעקאָך דיך נישט אַזוי שטאַרק איבער אַ נאַרישקייט. דו דאַרפסט דיך נישט אַזוי אויפרעגן צוליב דיינע גרויסע אַמעריקאַנער גליקן. ס'איז נישט געזונט פאַרן האַרץ דיינעם.

מעגסט דיך, איזי דיער, שטאַרק איבערנעמען מיט דיינע גרויסע אַמע־ריקאַנער מיליאָנערן, יעס, יעס, און מיט דיינע אַקציעס...

שוער, שוער, דו מעגסט זיך באַרימען מיט דיינע אַמעריקאַנער גליקן...

מיין ווייבל איז צוגעגאַנגען צו מיר נאָענט, מיר געקוקט גלייך אין

פּנים אַריין און פּאַמעלעך, איראָניש אויסגעצויגן יעדעס וואָרט, ווי זי וואָלט דעקלאַמירט:

— קוקט זיי נאָר אָן די צוויי גרויסע נאַראָנים, צוליב וואָס זיי קריגן זיך, צוליב וואָס זיי אַמפּערן זיך.

יאָסל דוד, טייערער מאַן מיינער, גרויסער פּרנסה־געבער. סי, מי קע־רידאַ, דו מעגסט זיך אויך שטאַרק איבערנעמען מיט דיינע מעקסיקאַנער גליקן, מיט דיינע מיליאָנען פון דיינע לאָטערי־צעטעלעך...

כ׳האָב זיך נישט געקענט איינהאַלטן און גיך געענטפערט: סי, ביילע קרוין, סי. אויב איטשע איז צופרידן מיט זיינע אַמעריקאַנער גליקן בין איך צופרידן מיט מיינע מעקסיקאַנער גליקן!

סי, סי, מי קערידאַ, יאָ טייערע פאַרוואָס נישט, קאָמאָ נאָ! מעקסיקאַנער גליקן!

איך מאַך אַ רייכע חתונה...

(מ אָ נ אָ ל אָ ג)

— יאָ, כ'מאַך אַ רייכע חתונה, אָבער איר מיינט אַז כ'קען מאַכן אַ רייכע חתונה? זאָג איך אייך אַז ניין! כ'קען נישט און איך טאָר נישט מאַכן קיין רייכע חתונה, נאָר איך מוז, יאָ, כ'מוז!

איר פאַרשטייט, מ'צווינגט מיך, מ'פאָדערט פון מיר, מ'רייסט פון מיר פאַסן, כ'זאָל מאַכן אַ רייכע חתונה.

נו, יאָ, כ'וועל מאַכן, אוודאי וועל איך מאַכן, כ'מאַך מיט די זייטן מאַך איך...

דער מחותן, די מחותנתטע, דער חתן און טאַקע די כלה אַליין, די טאָכ־טער מיינע, וויל דווקא כ'זאָל מאַכן אַ רייכע חתונה.

נו, און די יידענע מיינע, מיינט איר איז בעסער? ניין און ניין! זי, דאָס ווייבל מיינס, ווייסט דאָך יאָ מיין עשירות, מיין רייכקייט. ווי קום איך יאָסל דוד נאָכטאַנצן די היגע גבירים און מאַכן אַ רייכע חתונה?

אָבער מיין ווייב וויל פון גאָרנישט וויסן, זי וויל עס זאָל זיין אַ גרויסע רייכע חתונה. זאָל די גאַנצע שטאָט וויסן, אַז מיר מאַכן חתונה אַ טאָכטער.

טענה איך צו מיין ווייב:ביילע קרוין, האַרציקע נשמה מיינע, דו ווייסט דאָך, אַז כ'טאָר נישט מאַכן קיין רייכע חתונה. די געשעפטן זיינען איצט שלעכט, די פרנסה איז נישט אַזוי פויגלדיק, וואו זאָל איך נעמען פערציק טויזנט פעזעס אויף אַ חתונה?

מיר דאַרפן קויפן מעבל, קליידער און אַ סך נייטיקער זאַכן פאַר אונדזער טאָכטער. גלויב מיר, ביילע טייערע, ס'וועט זיין פאַר אונדז בעסער און טאַקע אַ סך געזונטער צו מאַכן גלייכער אַ באַלעבאַטישע חתונה אין אַ

קלענערן זאָל, מיט וויניקער לוקסוס, מיט וויניקער טאַראַראַם, מיט וויי־ניקער אויסברענגעריי...

ווערט מיין יידענע בייז און נעמט שרייען אויף מיר: יאָסל־דוד, וואָס רעדסטו? יאָסל־דוד, דו ווייסט וואָס דו רעדסט? דו ווילסט מאַכן לייטיש געלעכטער, דו ווילסט מיך פאַרשעמען פאַר מיינע פריינד און באַקאַנטע?

דו ווילסט מ׳זאָל מיך באַרעדן, מ׳זאָל טייטלען אויף מיר מיט די פינ־גער, אַז מיר זיינען שנאָרער, אַז מיר זיינען קאַרגע, אַז מיר האָבן געמאַכט אַן אָרעמע חתונה.

נישט ביי מיר יאָסל־דוד, נישט ביי מיר!

באַרואיק איך מיין ווייב און פרעג איר אַזוי שטיל, געלאַסן: ביילע טייערע, דו ווילסט אַ רייכע חתונה? זאָל זיין אַזוי, גוט, זייער גוט. אָבער זאָג מיר נשמה מיינע, וואו זאָל איך נעמען אַזוי פיל געלט צו מאַכן אַ רייכע חתונה?

די ווילסט כ׳זאָל צעברעכן דאָס געשעפט?

אפשר ווילסטו, געטריי ווייב מיינס, כ׳זאָל פאַרקויפן אַ העלפט סחורה פון געשעפט און מאַכן אַ רייכע חתונה? יאַ, יאַ, דאָס ווילסטו? זאָג זשע חכמה מיינע, גרויסע אינטעליגענטקע מיינע, פון וואַנען וועט מען ציען דאָס שטיקל פרנסה, האַ? פון אַ ליידיק געשעפט?

ענטפערט מיר מיין אידענע גאַנץ רואיק: מ׳טוט דאָס וואָס אַנדערע טאָן. מ׳נעמט געלט אויף פּראָצענט... און שפּעטער צאָלט מען אויס צוביס־לעך. מ׳דאַרף האָבן שכל יאָסל־דוד, קאָפּ!

מ׳דאַרף זיך געבן אַן עצה, גרויסער אויפטוער מיינער. אָרעמע פון דיר מאַכן אויך גרויסע און רייכע חתונות אין מעקסיקע...

מיר מאַכן חתונה די ערשטע טאָכטער, זאָל זיין אַן אמתע חתונה, אַזוי מיטן גאַנצן קנאַק, מ׳זאָל וויסן אין שטאָט, אַז ביי אונדז איז אויך געוועזן אַ רייכע חתונה ווי ביי לייטן.

זאָרג נישט מיין מאַן, מיין געלט, דיין געלט, אונדזער געלט, זייער געלט... נעם אַז מ׳גיט, גרויסער צעלייגער מיינער. גאָט וועט העלפן, מיר וועלן שפּעטער אָפּצאָלן.

זע איך דאָך אַז ס׳איז פאַרפאַלן אַז מיינע שפּאַרט זיך איין, איז רעדט צו דער וואַנט. מיין יידענע וויל שפּילן די ראָל פון אַ גבירטע, פון אַ רייכע מאַדאַם. זי וויל ווייזן אירע באַקאַנטע, אַז זי קען אויך מאַכן אַ רייכע חתונה...

פראָביר איך רעדן צו דער טאָכטער מיינער, צו דער כלה אַליין, אַ טייער, אײדל קינד, זי וועט מיך פאַרשטיין.

רעד איך צו איר מיט אַ ווייטיק אין הארץ און מיט אַ ציטערדיקע שטי־מע: קינד מיינס, טאָכטער מיינע. דו ווייסט דאָך מיין לאַגע, כ׳קען נישט און טאָר נישט מאַכן קיין רייכע חתונה. טאָכטער מיינע אפשר וועסט רעדן וועגן דעם מיט דיין חתן?

ענטפערט זי מיר שטיל מיט טרערן אין די אויגן: יאָ טאַטע, דו ביסט גערעכט. כ׳ווייס טאַטע דו ביסט נישט קיין רייכער, אָבער דער חתן מיינער וויל דווקא אַ רייכע. חתונה מיט אַ גרויסן אָרקעסטער. ער האָט אַ סך פריינד וואָס ווילן קומען טאַנצן און ער אַליין האָט אויך ליב צו טאַנצן. יאָ טאַטע, מיין חתן קען גוט טאַנצן, ער איז זייער אַ גוטער טענצער...

נו, פרעג איך אייך, ווי אַזוי זאָגט מען אָפּ אַזאַ טייער ליב קינד? ווי אַזוי פאַרשאַפט מען עגמת־נפש אַזאַ פיינע, איידעלע כלה? מיט אַ חתן אַ גוטער טענצער...

זאָג איך מיין טאָכטער זי זאָל זיך גאָרנישט זאָרגן. ס׳וועט זיין, מיט גאָטס הילף, אַ שיינע חתונה מיט אַ גרויסן אָרקעסטער, איר חתן זאָל קענען טאַנצן מיט זיינע גוטע פריינד, און איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז דער חתן איז אַזאַ גוטער טענצער... יאָ, כ׳וועל האָבן אַן איידעם וואָס קען גוט טאַנצן...

איז מיר איינגעפאַלן אַ גוטער געדאַנק, אַ געניאַלער פלאַן, יאָ, איך יאָסל־דוד האָב זיך אַליין דערטראַכט צו דעם גאָלדענעם פלאַן: כ׳וועל בעטן דעם מחותן מיינעם, ער איז דאָך רייכער פון מיר און האָט אַ זון וואָס קען גוט טאַנצן, זאָל ער געבן אַ העלפט חתונה־הוצאות און איך אַ העלפט.

האָב איך איינגעלאַדן מיין טייערן מחותן אויף אַ גלעזל טיי מיט איינ־געמאַכטס, ווען ער האָט זיך שוין גאַנץ פיין אונטערגעלעגט ס׳האַרץ, האָב איך אים געגומען אונטערן אָרעם און אים אַריינגעפירט אין סאַלע און באַלד זיך גענומען צום פסוק: מחותן לעבן, אַזוי ווי מיר האַלטן פאַר אַ חתונה, וויל איך אייך בעטן אַ טובה.

שלאָגט ער מיר איבער אינמיטן רעדן: וואָס מחותן טייערער, אַ טובה? אדרבה, זאָגט, זאָגט וואָס פאַר אַ טובה ווילט איר? פאַר וואָס נישט, מחותן לעבן, אדרבה זאָגט.

ווער איך שיין אַ ביסל דרייסטער און דערקלער אים רואיק, געלאַסן:

איר פאַרשטייט מחותן, די צייט איז שלעכט, די פרנסה איז איצט שוואַך און די קינדער, די חתן־כלה, ווילן כ׳זאָל מאַכן אַ רייכע חתונה.

ענטפערט מיר גיך דער מחותן: גערעכט, גערעכט, אוודאי זיינען די קינדער גערעכט, איך און מיין ווייב, די מחותנתטע, ווילן אויך איר זאָלט מאַכן אַ רייכע חתונה.

שלאָג איך אים שוין אויך איבער: אָבער מחותן לעבן פון וואַנען זאָל איך מאַכן אַ רייכע חתונה? דער גרויסער גביר וואָס איך בין? גלייבט מיר מחותן, אַז כ׳קען נישט און טאָר נישט מאַכן קיין רייכע חתונה. בעט איך אייך טאַקע איר זאָלט מיר טאָן די טובה און געבן אַ העלפט חתונה־קאָסטן וועל איך מאַכן אַ רייכע חתונה ווי איר ווילט.

גיט ער זיך אַ שטעל אויף און רעדט שוין אַ ביסל בייז: וואָס? וואָס האָט איר געזאָגט? איך זאָל געבן אַ העלפט חתונה־קאָסטן? איר האָט שוין גע־הערט, אַז דעם חתנס עלטערן זאָלן מאַכן די חתונה? ניין מחותן, דאָס קען נישט זיין, דאָס איז נישט שיין פאַר מיר. וואָס בין איך שולדיק מחותן, אַז איר זענט נישט קיין גביר? ס׳איז גענוג, אַז איך גיב אייך דעם חתן. איר מוזט מהותן מאַכן אַ רייכע חתונה, איך קען אייך גאַרנישט העלפן.

ווער איך שיין בייז און פרעג אים שוין אַ ביסעלע איראָניש: אַזוי מחותן. ס׳איז גענוג, אַז איר גיט דעם חתן? וואָס זשע זאָלן טאָן די עלטערן פון די כלות, וואָס קענען נישט מאַכן קיין רייכע חתונות?

נו, ביי אייך אין שטעטל דאָרט, אין דער אַלטער היים, האָט מען אייך אויך געמאַכט אַזאַ רייכע חתונה? מיט אַזאַ לוקסוס, מיט אַזאַ אוצר מיט געלט? וויפל ס׳קאָסט דאָ איין רייכע חתונה, וואָלט מען ביי אייך אין שטעטל גע־קענט חתונה מאַכן פופציק כלות...

ענטפערט ער מיר קורץ און שאַרף: דאָ איז מעקסיקע מחותן! איר פאַר־שטייט? מעקסיקע! דאָ מוזט איר מאַכן אַ רייכע חתונה, כ׳דאַרף איינלאַדן מיינע רייכע פריינד און באַקאַנטע, ס׳קען מיר נאָך חלילה שאַדטן צום קרעדיט...

באַרואיק איך דעם מחותן מיינעם: האָט נישט קיין מורא מחותן טייערער, ס׳וועט אייך חלילה נישט שאַדטן צו אייער קרעדיט, ס׳וועט זיין אַ רייכע חתונה. ס׳וועט זיין איר זענט מחותן אַ גליקלעכער טאַטע. איר האָט דעם חתן און איך האָב די כלה... מוז נעבעך דער כלהס טאַטע ווערן פאַרשוואַרצט, ברעכן זיך דעם קאָפּ, וואו ער זאָל נעמען אַ פעטן נדן פאַר דער טאָכטער און אויך מאַכן אַ רייכע חתונה...

יאָ, יאָ מחותן, חתונה צו מאַכן אַ טאָכטער אין מעקסיקע, דאַרף מען האָבן ראָטשילדס פאַרמעגן...

ביים אָוועקגיין זאָגט מיר דער מחותן מיט אַ זיס צופרידן שמייכעלע: עס זאָל אייך נישט פאַרדריסן מחותן, וואָס כ'קען אייך איצט גאָרנישט העלפן מיט דער חתונה, אָבער כ'בין שטענדיק גרייט אייך צו טאָן אַ טובה. ווי זאָגט מען: איינס מיטן דריטן איז נישט קיין מחותן...

ענטפער איך אים אויך מיט אַ שמייכל: אָ, יאָ, מחותן טייערער. כ'ווייס, כ'ווייס אַז איר זענט מיר גרייט צו טאָן אַ טובה. איר האָט מיר שוין געטאָן אַ גרויסע טובה. איר גיט מיר אייער זון פאַר אַן איידעם. איך וועל אייך די טובה קיין מאָל נישט פאַרגעסן...

ווען דער מחותן איז אַוועק, רוף איך זיך אָן אָן אומעטיקער, אַ פאַר־זאָרגטער צו מיין ווייב. דו ווייסט ביילע טייערע, אין מעקסיקע איז אַ זון אַ זיכערער פרעמיע מאַיאָר... מעג ער זיין נישט קיין געלערנטער, נישט קיין גרויסער חכם, אַז ער איז נאָר אַ זכר און אַ בחור וואָס קען פירן אַ קאָטשע און קען גוט טאַנצן, איז ער שוין אַ פאַרזאָרגטער מיט אַ פעטן נדן, מיט אַ קאָטשע און מיט אַ כלה...

אַמאָל האָבן די חתנים מורא געהאַט פאַר אַ בייזער, שלעכטער שוויגער, אין מעקסיקע האָבן די חתנים מורא פאַר אַן אָרעמען שווער...

אַמאָל האָט זיך דער חתן־בחור פריער באַקענט מיט דער כלה, ביי אונדז אין מעקסיקע וויל זיך דער חתן־בחור פריער באַקענען מיטן מחותן... ער וויל צום ערשט באַקוקן דעם מחותן, דערנאָך די כלה... ער וויל נעבעך זען וואָס פאַר אַ שווער ער וועט האָבן...

נו, יאָ, וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן, דער מחותן מיינער האָט מיר גע־האָלפן מיט אַ קרעכץ... כ'האָב אַליין געמוזט מאַכן די חתונה און טאַקע אַ רייכע חתונה.

ווי זאָגט מען: אַז מ'קען נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער...

אַ טובה־וועקסעלע קען מען נאָך קריגן ביי אַ גוטן ברודער, אַ גמילות־חסד צו צאָלן אַ לעטרא, קען מען נאָך אויך כאַפּן ביי אַ גוטן פריינד. אָבער אַזאַ אַפּותיקי, אַזאַ מאַיאָנטיק מיט געלט צו מאַכן אַ רייכע חתונה, האָבן איך געמוזט פאָלגן מיין ווייב און נעמען געלט אויף פראָצענט...

האָב איך אים געבעטן דעם פריינד מיינעם, דעם געלט־לייער, אַז דאָס זאָל בלייבן אַ סוד, ער זאָל חלילה נישט אויספּייקן איבער דער שטאָט, אַז כ'האָב ביי אים געבאָרגט געלט אויף פראָצענט צו מאַכן אַ רייכע חתונה.

ווי זאָגט מען עפּעס: אַפּגעהיטן זאָל מען ווערן פון גוייִשע הענט און פון יידישע מיילער...

האָט ער אָבער נישט געהאַלטן קיין וואָרט דער געלט־לייער.

אויף דער גרויקאַרטיקער, רייכער חתונה, איז ער אויך געזעסן צווישן די געסט און זיך גאַנץ פיין אונטערגעלענט. ווען ער איז שוין געווען גוט אונטערן גלעזל, האָט ער גאַנץ ברייטלעך געכאַפּט אַ פלאַש קאָניאַק און גיך אָנגעגאָסן די ליידיקע גלעזלעך ביי זיינע פריינד אַרום טיש און זיי שטיל געזאָגט: טרינקט, טרינקט, לחיים! טרינקט נאָך אַ קאָניאַק, לחיים, לחיים! זשאַלעוועט נישט, טרינקט, ס'איז מיין קאָניאַק ס'איז דערוויל מיין חתונה...

דאָס מאַכט ער דער מחותן, דער קבצן, אַזאַ רייכע חתונה פאַר מיין געלט. איר פאַרשטייט, דאָס האָט ער ביי מיר געבאָרגט געלט אויף דער חתונה... לחיים! טרינקט, טרינקט, לחיים!

נו, זאָגט איר אַליין, האָב איך געדאַרפט נאָכטאַנצן די גבירים און מאַכן אַ רייכע חתונה און די גאַנצע שטאָט זאָל מיך דערנאָך באַרעדן?

גוואַלד יידן! צו וואָס האָט מען זיך אַזוי צעלאָזט, צו וואָס אויפרייסן די אויגן מיט אַזעלכע רייכע חתונות?

ס'איז מיר זייער נישט גוט, נייך, ס'טויג נישט. כ'הייב שוין אָן קלערן און זאָרגן.

כ'וועל אייך אויסזאָגן אַ סוד: ס'וואַקסן ביי מיר אונטער, קיין עין הרע, נאָך צוויי טעכטער.

און אין מעקסיקע חתונה צו מאַכן טעכטער, איז שוין גאָרנישט קיין געלעכטער...

אין מעקסיקע איז זייער שווער — צו ווערן אַ שווער...

אַ חוץ אַ פעטן נדן, מוז מען נאָך אויך מאַכן אַ רייכע חתונה...

אָפּגעלאָזט דעם שידוך . . .

(ד י אַ ל אָ ג)

(אַ רייך הויז, סיהערט זיך אַ שטאַרקן קלינג ביי דער טיר, די דינסט לויפט גיך עפענען, סיקומט אַריין אַן אויסגעפּוצטע פרוי מיט אַ בייזע מינע אויפן פּנים. די דינסט גייט אַריין אין עס צימער און מעלדעט שטיל דער באַלעבאָסטע, אַז אַ סעניאָראַ פרעגט זיך אויך איר).

ערשטע מחותנתטע: — (ביי דער טיר), אָ, גוט מאָרגן, בוענאָס דיאַס, אַ גאַסט אַ גאַסט! קומט אַריין מחותנתטע, פּאַסע פּאַסע!

צווייטע מחותנתטע: — בוענאָס דיאַס, גוט מאָרגן, גוט מאָרגן, מחותנתטע. עפּעס אַזוי טונקל ביי אייך אין הויז, אין דרויסן איז דווקא אַ שיינער ליכטיקער טאָג.

ערשטע: — קומט מחותנתטע אַריין אין עס־צימער. קומט זייט מוחל, פּאַר פאַוואָר, וועט איר עפּעס נעמען אין מויל אַריין. ב'בייס איצט איבער, שפּעט אויפגעשטאַנען.

צווייטע: — אַ דאַנק, גראַסיאַס, גראַסיאַס, כ'בין שוין אַ געגעסענע.

ערשטע: — וועט איר טרינקען אַ קאַפע, אַ געשמאַקע, פרישע קאַפע מיט אַ שטיקל פּאַסטעל. זיצט, זיצט מחותנתטע.

צווייטע: — (זעצט זיך אָפּגערוקט פון טיש), אַ דאַנק, גראַסיאַס, כ'בין שוין אַ געטרונקענע און געגעסענע. כ'בין איצט נישט געקומען צו אייך צו גאַסט. איך שטיי אויף פרי, איך בין נישט קיין אַריסטאָקראַטקע, איך האַלט נישט קיין דריי דינסטן...

ערשטע: — ווער לאָזט אייך נישט האַלטן דריי דינסטן, אייך? פון מייַנעטוועגן קענט איר האַלטן צען דינסטן...

צווייטע: — (איראָניש) פֿאַר מיר איז גענוג איין דינסט, כ'בין דאָך נישט קיין אַריסטאָקראַטקע! כ'האָב, אַ דאַנק גאָט, צוויי הענט, כ'קען אַליין אויך עפּעס טאָן.

ערשטע: — עפּעס זענט איר היינט אַ ביסעלע בייז, מחותנתטע טייערע, עפּעס שטעכט איך מיך אַ ביסל.

צווייטע: — ווער, איך? ס'הייבט זיך נישט אָן, כ'שטעך קיינעם נישט!

ערשטע: — עפּעס זענט איר אָנגעדרודלט מחותנתטע איר ווילט זיך אויפֿן פרי־מאָרגן קריגן מיט מיר?

צווייטע: — (לאַכט שטעכיק) כאַ, כאַ, כאַ! איך קריגן זיך מיט אייך? זאָל גאָט היטן! כ'האָב זיך פיינט צו קריגן.

ערשטע: — וואָס זשע מחותנתטע טייערע רעדט איר עפּעס אַזוי שטעכיק, איראָניש, און וואָס טאַקע זענט איר געקומען צו מיר אַזוי פרי?

צווייטע: — (איראָניש) אַזוי פרי? אַז מ'טרעפט דאָך אייך קיין מאָל נישט אין דער היים נאָך מיטאָג!

ערשטע: — איר ווייסט דאָך מחותנתטע, מ'האַלט פֿאַר אַ חתונה, גיי איך מיט דער טאָכטער, מיט מיין כאָספּינאַ עפּעס קויפֿן, עפּעס אָנקוקן, קליידער, מעבל און שטוב־זאַכן, בין איך טאַקע נאָך מיטאָג אַ ביסל פֿאַרנומען.

צווייטע: — יאָ, פֿאַרנומען, פֿאַרנומען, איר זענט, אַ דאַנק גאָט, שטענדיק פֿאַרנומען. בין איך טאַקע איצט געקומען מיט אייך זיך אַדורכרעדן אַ ביסל.

ערשטע: — גוט, זייער גוט, מואי ביען מחותנתטע! איז וואָס ווילט איר מיט מיר רעדן? קאָמאָ נאָ, רעדט.

צווייטע: — איר ווייסט גאַנץ גוט, וועגן וואָס איך וויל מיט אייך רעדן, סי מחותנתטע, איר ווייסט!

ערשטע: — (דרייט מיטן קאָפּ) נייך, כ'ווייס נישט. כ'ווייס טאַקע נישט וואָס איר ווילט.

צווייטע: — (איראָניש, אויסגעצויגן) וואָס איך וויל? וואָס דרייט איר אַזוי מיטן קאָפּ, אַז איר ווייסט נישט? איר ווייסט שוין יאָ. סי, סי, איר ווייסט! איר ווייסט!

מחותנתטע, מ'האַלט דאָך פֿאַר אַ חתונה, וויל איך טאַקע נאָכאַמאָל רעדן וועגן פּעדראָ, וועגן זון מיינעם, כ'מיין וועגן חתן. איר האָט דאָך צוגעזאָגט אַ נדן, וואָס זשע וועט טאַקע זיין מחותנתטע?

ערשטע: — (שטעלט זיך אויף, גייט צו נענטער צו דער צווייטער). דאָס וואָס מיר האָבן צוגעזאָגט, וועלן מיר, געבן!

צווייטע: — (בייז) אַזוי, צוגעזאָגט! נו, ס'איז דאָך שוין געווען אַ „וואָרט" און דער מחותן, אייער מאַן האָט גאַנץ אָפן געזאָגט, אַז ווען מיין פעדראָ וועט דאַרפן צו אַ געשעפט אָדער צו אַ פאַבריק געלט וועט ער אים נישט זשאַלעווען קיין געלט.

ערשטע: — איז וואָס זשע ווילט איר מחותנתטע?

צווייטע: — אַ שיינע מעשה, כ'לעבן, וואָס איך וויל? וואָס דאַרף איך וועלן? פעדראָ וויל. דער חתן וויל איצט דעם גאַנצן נדן און טאַקע פאַר דער חתונה...

ערשטע: — גלויבט מיר מחותנתטע, אַז מיין מאַן האָט צוגעזאָגט הונדערט טויזנט פעזעס, וועט ער זיכער האַלטן וואָרט.

צווייטע: — צוויי הונדערט טויזנט פעזעס מחותנתטע, צוויי הונדערט טויזנט!

ערשטע: — הונדערט טויזנט מחותנתטע.

צווייטע: — צוויי הונדערט טויזנט, צוויי, איר האָט שוין פאַרגעסן מחותנתטע.

ערשטע: — ס'קען זיין, נאָר מ'דאַרף זיך נישט יאָגן מיטן געלט.

צווייטע: — ווער יאָגט זיך, איך? ס'הייבט זיך נישט אָן. איר פאַרשטייט מחותנתטע, פעדראָ וויל זיך מאַכן אַ פאַבריק מיט אַ שותף, נו, וויל ער דעם נדן איצט, פאַר דער חתונה, דעם גאַנצן נדן וויל ער.

ערשטע: — אַזוי, דעם גאַנצן נדן! און פאַר דער חתונה, נישט אַנדערש?

צווייטע: — וואָס זשע מחותנתטע, איר האָט מורא צו געטרויען מיין פעדראָן זיין נדן?

ערשטע: — (איראָניש) זיין נדן!

צווייטע: — נו, יאָ מחותנתטע, ס'איז דאָך זיין נדן. אוי, כ'האָב שיער, שיער פאַרגעסן. מיין פעדראָ, אַ געזונט אים אין די ביינער, וויל טאַקע אויך, אַז איר זאָלט אים קויפן אַ נייע קאָטשע פון דעם יאָר, אַ פּאַקאַרד וויל ער.

ערשטע: — נו, יאָ, אוודאי וועט מען קויפן אַ קאָטשע, מ'וועט קויפן. נאָר דערווייל פאָרט ער דאָך אין זיין טאַטנס קאָטשע.

צווייטע: — וואָס רעדט איר מחותנתטע? ס'איז דאָך שוין געווען אַ „וואָרט", ער איז דאָך שוין אַ חתן, ווי איז מיר! און וועלכער חתן פאָרט נישט אין זיין אייגענער קאָטשע? קויפט אים אַ קאָטשע מחותנתטע!

ערשטע: — נו, מילא, עסטאָ ביען, אַ קאָטשע אַהין, אַ קאָטשע אַהער, אַ קאָטשע איז נישט קיין גרויסע זאַך. אָבער דעם נדן גיב איך נישט פאַר דער חתונה.

צווייטע: — (שטעלט זיך ראַפּטום אויף) אַזוי, אַזוי, איר האָט מורא, איר ציטערט פאַר די עטלעכע טויזנט פּעזעס! וואָס שפּילט ביי אייך אַ ראָלע צוויי הונדערט טויזנט פּעזעס? איר זענט דאָך אָנגעשאָפּט מיט געלט!

ערשטע: — וואַרפט זיך נאָר נישט אַזוי מיט די הונדערטער טויזנטער פּעזעס, אויף געלט דאַרף מען אַרבעטן איר פאַרשטייט מחותנתטע? מ׳קען גוט אייער פּעדראָ, מ׳קען אים זייער גוט! ער טרייבט טאַקע גוט אַ קאָטשע, קען גוט טאַנצן, קען גוט אַרומלויפן, אָבער ער האָט, כ׳בעט אייך איבער, לויזע פינגער, וואַרפט זיך מיטן טאַטנס געלט און קען נישט פאַרדינען קיין איין סענט.

צווייטע: — (בייז) טע, טע, טע! שטייט נישט אַזוי גרויס מיט אייער געלט! עפּעס אַ קלייניקייט צוויי הונדערט טויזנט פּעזעס? האָסטו געהערט אַ מעשה? אַ וואַזשנער נדן!

מיין פּעדראָן האָט מען געדעדט שידוכים מיט אַ גאַנצן האַלבן מיליאָן פּעזעס און טאַקע מיט אַ נייער קאָטשע, מיט אַ קאַדילאַק און מיט אַ מיידל אַ ליאַלקע, אַ רויז, אַן אמתע קראַסאַוויצע!

ערשטע: — (איראָניש) אַזוי! איי, איי, איי! נו, נו, פאַרוואָס האָט ער נישט גענומען דעם האַלבן מיליאָן מיט דער קאָטשע?

צווייטע: — איר ווייסט פאַרוואָס, איר ווייסט!

ערשטע: — ס׳הייבט זיך נישט אָן, איך ווייס נישט.

צווייטע: — איר ווייסט יאָ!

ערשטע: — ניין, כ׳ווייס נישט!

צווייטע: — איר ווייסט, איר ווייסט!

ערשטע: — איך ווייס נישט!

צווייטע: — אַזוי, איר ווייסט נישט? קוקט זי נאָר אָן די אַריסטאָקראַטקע, זי ווייסט נעבעך נישט. (גייט צו נענטער) ווייל, ווייל אייער טעכטערל האָט אים פאַרדרייט דעם קאָפּ, איר פאַרשטייט?

ערשטע: — אַזוי? אפשר פאַרקערט? אפשר האָט אייער פּעדראָ פאַרדרייט דעם קאָפּ מיין טאָכטער?

צווייטע: — (הויך), אוי, אוי! יידישע קינדער, ס׳איז דאָך נישטאָ ווער עס זאָל לאַכן!

אוי, אוי! מיין פעדראָ איז דאָך געגאַנגען מיט די שענסטע און רייכ־סטע מיידלעך, נו, האָט זיך אייער טעכטערל אין אים פאַרליאַפּעט, פאַרליבט!

ערשטע: — אַזוי, ווי איז מיר, פאַרליאַפּעט! אפשר האָט זיך אייער פעדראָ פאַרליאַפּעט אין מיין טאָכטער?

צווייטע: — אַ גליק האָט אים געטראָפן!

ערשטע: — און מיין טאָכטער האָט אויך געטראָפן אַ גליק, אַ גרויס גליק! אַ קליינינקייט, אייער פעדראָ!

צווייטע: — (בייז) יאָ, יאָ, מיין פעדראָ, ער איז אַ טייער, גאָלדן קינד, סי, סי, ער איז ווערט אַ גרעסערן נדן!

ערשטע: — נו יאָ, אַ גאָלדן קינד, נישטאָ וואָס צו רעדן! (אויסגעצויגן, פאַמעלעך) קיין געענדיקטער איז ער נישט, לערנען האָט ער נישט גע־וואָלט, אַרבעטן וויל ער אויך נישט, אָ, יאָ, ער איז אַ גרויסער ספּעציאַליסט צו נעמען אַ רייכן נדן.

צווייטע: — (קלאַפּט אין טיש און שרייט) איר זאָלט נישט באַליידיקן מיין זון, האַלט ס׳מויל! אויב אייך געפעלט נישט דער שידוך, האָט איר אַ ברירה!

ערשטע: — מיר? מיר? איך מיש זיך נישט. מיין כאַסעפּינאַ וויל דעם חתן, זאָל זי חתונה האָבן מיט אים. זי וועט שפּעטער באַדויערן.

צווייטע: — (אויפגערעגט) שפּעטער? ס׳וועט נישט זיין קיין שפּעטער! איצט, איצט, פאַר דער חתונה וועט דאָס נעמען אַ סוף! אַהין אָדער אַהער!

ערשטע: — (איראָניש) איז נישט געטאַנצט מיטן בער!

צווייטע: — (הויך) איר זאָלט אויף מיר אַזוי נישט שרייען; איר הערט?

ערשטע: — ווער שרייט? איך שריי?

צווייטע: — סי, סי, איר שרייט!

ערשטע: — איך שריי? איר שרייט!

צווייטע: — איר שרייט, איר, איר!

ערשטע: — כ׳זע, אַז איר זענט זיך מיט מיר געקומען קריגן, זאָגט, וואָס ווילט איר?

צווייטע: מיין פעדראָ האָט נישט געוואָלט קומען מער צו אייך אין שטוב אַריין, האָט ער מיך געשיקט אייך זאָגן, אַז אויב איר ווילט, אַז עס זאָל זיין אַ חתונה, דאַרפט איר אים געבן דעם נדן, דעם גאַנצן נדן פאַר דער חתונה.

ערשטע: — (איראָניש) אַזוי, דעם גאַנצן נדן, מער גאָרנישט?

צווייטע: — און טאָקע אים קויפן אַ נייע קאָטשע, אַ פּאַקאַרד, אַמערי־קאַנער מעבל, אַ טעלעוויזיע מיט אַ ראַדיאָ און אַ גרויסן „רעפריכעראַדאָר״, (אייזקאַסטן) און קויפן אַ — —

ערשטע: — (האַקט איר איבער אין מיטן רעדן) גענוג, גענוג! כ׳וועל אַ חוץ מתנות, אַ חוץ די רעגאַלאָס, נישט געבן קיין איין סענט.

צווייטע: — אַזוי, קיין איין סענט, איר ווילט אַ חתן אָן נדן, איר וויל כאַפּן אַ מציאה?

ערשטע: — איר קענט זיך האַלטן מיט אייער מציאה! מיין טאָכטער דאַרף זיך נישט קויפן קיין חתן פאַר אַ גרויסן נדן מיט אַ נייער קאָטשע.

צווייטע: — אַז ס׳איז נישטאָ קיין מזומנים איז אויס מחותנים!

ערשטע: — אַזוי, אויס מחותנים! קיין גרעסער אומגליק זאָל נישט זיין, מיין מיידל ווייסט שוין אויך, וואָס פאַר אַ פויגל אייער פעדראָ איז.

צווייטע: — איר זאָלט נישט באַליידיקן מיין זון, איר הערט? נישט באַליידיקן!

ערשטע: — איך דאַרף אים באַליידיקן? אַזעלכע פעדראָס באַליידיקן זיך אַליין. גיט זיי אַ פעטן נדן, שטאָפּט זיי אָן די קעשענעס מיט געלט, וועלן זיי אייך טאָן אַ טובה און מיט מזל ווערן אַ חתן.

צווייטע: — (שרייט) גענוג, גענוג! איך לאָז אָפּ דעם שידוך!

ערשטע: — אוי, אוי, אַזוי, איר לאָזט אָפּ דעם שידוך! ווי איז מיר! נישקשה, נישקשה, מיין טאָכטער וועט נאָך קריגן אַ חתן און טאָקע אַ פיי־נעם, אַ לייטישן חתן. נישט קיין לײדיקגייער, אַ געלט־צאַפּער, ווי אייער פעדראָ.

צווייטע: — שווייגט זאָג איך אייך, אַז נישט וועל איך — — —

ערשטע: — וואָס איז סעניאָראַ? איר סטראַשעט מיך? גייט שוין אַרויס פון מיין שטוב! אַרויס!

צווייטע: — (שרייט הויך) געוואַלד! געוואַלד! די גאַנצע שטאָט וועט דאָס וויסן, אַ מחותנתטע טרייבט איר אַרויס?

ערשטע: — איר זענט נישט מער מיין מחותנתטע! זוכט אייך אויס אַ בעסערע מחותנתטע מיט אַ בעסערן שידוך פאַר אייער פעדראָ, מיט אַ גרע־סערן נדן מיט צווי קאָטשעס, מיט דריי ראַדיאָס און מיט פיר אייזקאַסטנס. אַרויס פון מיין שטוב! גייט!

צווייטע: — (שרייט הויך) און אַז נישט? איר זענט אַ־אַ־אַ — — אויס שידוך!

ערשטע: — (שרייט הויך) אַרויס אַרויס!

(ביידע שטייען ביי דער טיר, שרייען, קריגן זיך, די דינסטן קומען צולויפן און קוקן דערשראָקענע, ווי ביידע מחותנתטעס קריגן זיך).

איך זיץ אינדערהיים און שיק טעלעגראַמעס...

(מאָנאָלאָג)

ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך אַ ייד, אַ פּשוטער ייד, אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר. מיש זיך נישט אין קיין פּאָליטיק, יאָג זיך נישט נאָך קיין כבוד, רייס זיך נישט אויבנאָן...

נאָר איין זאַך, הערט איר, פאַרדריסט מיך אַביסל אויף אונדזערע יידן: די „רעגאַלאָס", די מתנות! וואָס האַלט מען אינאיין געבן און אינאיין נע־מען אַזוי פיל רעגאַלאָס און טאַקע טייערע רעגאַלאָס...

וואָס זאָל טאָן דער וואָס קען נישט געבן קיין רעגאַלאָס, קיין טייערע רעגאַלאָס? זאָל ער זיצן אינדערהיים? נישט גיין אויף קיין שמחה?

וואוינען, וואוין איך שוין, ברוך השם, אין מעקסיקע גאַנצע צוואַנציק יאָר און כ'בין נאָך אַלץ קיין גביר נישט געוואָרן... אַ, ניין! ס'האַלט נאָך זייער ווייט כ'זאָל ווערן אַ גביר מיט לייטן גלייך. כ'בין נאָך אפילו נישט קיין האַלבער גביר און אפילו נישט קיין פערטל גביר...

נאָר גאָרנישט, גאָט צו דאַנקען, געזונט איז מען, פּרנסה האָט מען, טאָר מען נישט זינדיקן.

מיין ביילע, דאָס ווייבל מיינס, איז אפילו נישט צופרידן מיט דער פּרנסה מיינער, גיט זי מיר אַלעמאָל אָנצוהערן מיט שטעכווערטלעך, איר קענט דאָך די ווייבער... יאָסל דוד וועט וועסטו שוין פּטור ווערן פון דער פינסטערער און ווּסטער פּרנסה דיינער? יאָסל דוד, די קינדער וואַקסן אונטער. ס'וואַקסן אין שטוב 2 מיידלעך, קיין עין הרע, די עלטערע ווערט שוין באַלד 15 יאָר... און צו מיידלעך דאַרף מען דאָך האָבן אין מעקסיקע געלט, אַן אוצר מיט געלט...

זע איך דאָך, אַז מייןביילע איז אַביסל געַרעכט, זע איך דאָך, אַז מיין ווייבל רעדט גאָלדענע ווערטער. ענטפער איך איר געלאַסן, באַרואיק זי אַביסל: טייער, זיס ווייבעלע מיינס, פון מיינע געשעפטן קען איך קיין גביר נישט ווערן. אַלע יידן אין מעקסיקע קענען דאָך נישט זיין קיין גבירים...

און אַז מ׳וואוינט אין אַן אַפּאַרטמענט, איז וואָס? אַלע מוזן דען וואוינען אין אייגענע הייזער? אין אייגענע פּאַלאַצלעך ווי די פּריצים? אַלע מוזן דען לעבן אין לוקסוס?

גלויב מיר, ביילע טייערע, אַז עס זיינען דאָ מענטשן וואָס זיינען אונדז מקנא. מיר האָבן פיינע, געראָטענע קינדער, פּרנסה, געזונט, אַ דאַנק גאָט, זינדיק נישט ביילע, זינדיק נישט!

וואָלט שוין, ווי ס׳איז, אַלץ גוט געווען: איז אָבער דאָ אַ צרה, אַן אומגליק, אַן אָנשיקעניש — רעגאַלאָס! מתנות! פּרעזענטן!

אַלע וואָך אַ פיעסטאַ, אַ שמחה, און אַמאָל טאָקע עטלעכע פיעסטאָס מיט רעגאַלאָס. מ׳קען זיך דאָך נישט געבן קיין ריר אָן אַ רעגאַלאָ...

זענען טאָקע ביי מיר די רעגאַלאָס געוואָרן אַ גרויסער פּראָבלעם. וואָס טוט מען מיט די רעגאַלאָס? כ׳מיין, וואָס טוט מען אָן רעגאַלאָס?

אויף אַ חתונה — אַ רעגאַלאָ, אויף אַ שמחה — אַ רעגאַלאָ, אויף אַ „קומפּלעאַניאָס" (געבורטסטאָג) — אַ רעגאַלאָ. די קינדערס קומפּלעאַניאָס — רעגאַלאָס, דער שוויגערס קומפּלעאַניאָס — אַ רעגאַלאָ. נו, און דער אייגענער ווייבס קומפּלעאַניאָס, מוז מען דאָך קויפן עפּעס אַ לייטישע רעגאַלאָ...

הימל און ערד און רעגאַלאָס!

אַנומלט קומט צו מיר צו מיין טעכטערל און מיט אַ צערטלעך, איידל שטימעלע, בעט זי מיך כ׳זאָל איר געבן געלט אויף אַ קומפּלעאַניאָס.

זאָג איך איר, זי זאָל קויפן אַ קעסטל שאָקאָלאַד פאַר 20 פּעזעס, וועט זי זיין אַ גוטע חברטע.

ווערט זי ברוגז, ס׳מיידל מיינס, און צעוויינט זיך אין דער שטיל: ביין, פּאַפּא, ב׳מוז האָבן אַ שיינע, טייערע רעגאַלאָ. מיין חברטע איז אַ רייכע מיידל, אַלע וועלן ברענגען טייערע רעגאַלאָס, און איך וועל נאָך ווערן פאַרשעמט מיט מיין קעסטל שאָקאָלאַד. גיב מיר פּאַפּאַסיטאַ כאָטש אַ 50 פּעזעס אויף אַ רעגאַלאָ, פאַר פאַוואָר פּאַפּאַסיטאַ!

נו, בין איך שולדיק, אַז מיין טאָכטער האָט אַ רייכע חברטע,, זי וויל

נישט פאַרשעמט ווערן מיין קינד... מוז איך איר געבן 50 פעזעס אויף אַ רעגאַלאָ. אַ גליק נאָך וואָס זי בעט נישט קיין הונדערט...

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, קומט צו מיר צו מיין קלענערע טאָכטער, נעמט מיך אַרום מיט אירע וואַרעמע, קליינע, איידעלע הענטלעך און זאָגט מיר שטיל אין אויער אַריין:

פּאַפּאַ, פּאַפּאַסיטאָ, כ׳וויל דו זאָלסט מיר טאָן אַ „פאַוואָר", אַ גרויסע פאַוואָר, כ׳גיי אויף אַ קומפּלעאַניאָס צו מיין „פּרימאַ" (קוזינע), זאָל איך געבן דער מאַמען געלט צו קויפן פאַר איר אַ רעגאַלאָ, אַ טייערע, שיינע רעגאַלאָ

זי גיט מיר אַ קוש און לויפט אַוועק. נו, ווי אַזוי, כ׳בעט אייך, קען מען אָפּזאָגן אַ קינד, אַזאַ שיין, זיס טעכטערל אַזאַ קליינע טובה? גיב איך ווידער מיין ווייב 50 פעזעס אויף אַ רעגאַלאָ...

מיט צוויי טעג שפּעטער, דערקלערט מיר מיין אינגל זייער ערנסט: טאַטע, כ׳דאַרף געלט און אַ סך געלט, מוטשאָ דינעראָ פּאַפּאַ. אַ גוטער חבר פון מיין שולע ווערט בר־מצוה, מען מאַכט אים אַ גרויסע פיעסטאַ, וויל איך אים געבן אַ שיינע רעגאַלאָ. ס׳וועלן דאָרט זיין אַ סך רייכע אינגלעך מיט טייערע רעגאַלאָס.

זאָג איך מיין זון, אַז אויף דער בר־מצוה וועל איך און די מאַמע אויך גיין, וועלן מיר שוין אינאיינעם קויפן אַ רעגאַלאָ.

צעוויינט זיך דער זון מיינער מיט ביטערע טרערן נעבעך, אַז ער מוז אַליין אויך האָבן אַ באַזונדערע רעגאַלאָ. אַלע אינגלעך וועלן ברענגען רעגאַלאָס און ער נישט, וויל ער בעסער נישט גיין אויף דער בר־מצוה.

נו, ווי האָט מען נישט קיין רחמנות אויף אַ איינציקן זון, אַ בן יחיד. ווי שטייט דאָרט געשריבן: כרחם אב על בנים... כ׳בין דאָך פאָרט אַ טאַטע, האָב איך געמוזט מיין אינגל קויפן אַ באַזונדער רעגאַלאָ.

מיט אַ וואָך שפּעטער, באַלד נאָך דער וועטשערע, זאָגט מיר מיין ווייב מיט אַ צערטלעך קול: דו ווייסט יאָסל דודי? כ׳דאַרף מיט דיר רעדן וועגן זייער אַ וויכטיקע זאַך.

דערשרעק איך מיך אַביסל און פרעג איר גיך: וואָס איז, ביילע טייערע? וואָס איז געשען?

ענטפערט זי מיר גאַנץ רואיק, געלאַסן: ס׳איז גאָרנישט יאָסל דוד, ס׳איז גאָרנישט. כ׳האָב דיך נאָר געוואָלט דערמאָנען, אַז מ׳דאַרף קויפן עפּעס אַ שיינע רעגאַלאָ, מיר זענען דאָך איינגעלאַדן אויף אַ חתונה.

פרעג איך איר גיך: וואָס איז, וואָס פאַר אַ חתונה?

ענטפערט זי מיר קאַלט: וואָס הייסט וואָס פאַר אַ חתונה? האָסט שוין פאַרגעסן יאָסל דוד, אַז מיר זענען איינגעלאַדן אויף אַ גאָלדענע חתונה?

זאָג איך מיין ווייב שוין אַביסל העכער: דו ביסט דאָך ערשט יענע וואָך געווען אויף אַ זילבערנע חתונה און געקויפט אַ רעגאַלאַ, און איצט ווידער אַ גאָלדענע חתונה? ווידער רעגאַלאָס...ביילע טייערע, דו ווייסט וואָס דו רעדסט? נשמה מיינע, דו ווייסט וואָס דו טוסט?

דעם לעצטן חודש זענען מיר געווען אויף דריי חתונות, צווי בר־מצוות און אויף פיר קומפּלעאַניאָס. און טאַקע מיט רעגאַלאָס, מיט שיינע טייערע רעגאַלאָס!

מ׳דאַרף דאָך זיין אַ באַנקיר מ׳דאַרף דאָך האָבן קורחס אוצרות אויף אַזוי פיל רעגאַלאָס. דער קאָפּ דרייט זיך מיר שוין פון די רעגאַלאָס!

ענטפערט מיר מיין ווייב שוין אויך אַביסל בייז, מיט אַן איראָניש שמייכעלע: נו, יאָ, מיין טייערער מאַן, אַז מ׳נעמט רעגאַלאָס, דאַרף מען אויך געבן רעגאַלאָס... דו זעסט די זילבערנע לייכטער? דאָס איז אַ רעגאַלאָ! די מעסער, לעפל, גאָפּל? דאָס איז רעגאַלאָס, די טעלער אויך אַ רעגאַלאָ, דער זייגער אויך אַ רעגאַלאָ!

יאָ, רעגאַלאָס, יאָסל־דוד, רעגאַלאָס!

גיט דאָס מיך שוין אַ צינד אונטער און גיב זיך ראַפּטום אַ שטעל אויף און הייב אָן שרייען: וואָס ווילסטו האָבן פון מיינע יאָרן מיט דיינע רעגאַ־לאָס? וואָס דרייסטו מיר אַלע טאָג אַ קאָפּ מיט רעגאַלאָס? עס רעגאַלאָט מיר שוין אין קאָפּ און אין מוח פון דיינע רעגאַלאָס!

יאָ, יאָ, אַלץ איז רעגאַלאָס! די זאַכן רעגאַלאָס, דאָס מעבל רעגאַלאָס, דיינע בלעכלעך, גלעזלעך און צאַצקעס — רעגאַלאָס! יאָ, אפשר זענען די קינדער אויך רעגאַלאָס? און דו מיין ווייב, ביסט אַליין אויך אַ גוטע רע־גאַלאָ!...

וואָס ווילסטו ביילע? ווילסט מיך מאַכן פאַר אַן אַנזעצער? צוליב דיינע רעגאַלאָס זאָל איך נאָך, חלילה, באַנקראָטירן?

אין געשעפט לייזן מען קנאַפּ, מ׳קוקט זיך אויס די אויגן נאָך אַ קונה. וואָס זאָל איך טאָן צאָלן אַ לעטראַ (וועקסל), אָדער קויפן רעגאַלאָס?

ניין, כ׳טאָר נישט און קען נישט קויפן אַזוי פיל רעגאַלאָס!

ווערט מיין ווייב רויט פאַר כעס און זאָגט מיר קורץ און שאַרף: שריי נאָר נישט אַזוי, דו גרויסע פאַרדינער מיינער! אַז מ׳קען נישט קויפן קיין

רעגאַלאָס זיצט מען אינדערהיים! יאָ, יאָסל דוד, אַן אַ רעגאַלאָ גייט מען נישט אויף קיין שמחה!

באַרואיק איך זיך אַביסל און זאָג איר שוין געלאַסן: טייערע, שיין ווייבל מיינע, דו ביסט דאָך אַ קלוגע, דו פאַרשטייסט דאָך, אַז מ׳קען אויך זיין אַ גוטער גאַסט אויף אַ שמחה אָן אַ רעגאַלאָ, מען מיינט דאָך די געסט, נישט בלויז די רעגאַלאָס...

מיין ווייב וויל שוין אָבער נישט הערן וואָס איך רעד. זי זיצט אויס־געדרייט, ברוגז און זיפט דורך צווישן די ציין בייז: אַז מ׳קען נישט קויפן קיין רעגאַלאָס, זיצט מען אינדערהיים!

גיי איך צו פאַמעלעך צו מיין ווייבל און זאָג איר געלאַסן: נאַרעלע, וואָס ביסטו בייז, פאַרוואָס ביסטו ברוגז? ס׳קען זיין אַז דו ביסט גערעכט, מ׳לאַדט איין געסט אָבער מ׳וויל אפשר די רעגאַלאָס אויך...

מ׳באַטראַכט דאָך און מ׳באַטאַפּט יעדער רעגאַלאָ באַזונדער... די זיל־בערנע, טייערע רעגאַלאָס לייגט מען אויס באַזונדער, ווי אויף אַן אויס־שטעלונג, און די ביליקע רעגאַלאָס רוקט מען צוזאַמען אַלע איינאיינעם, ווי בראַקאָוונע סחורה...

וואָס זאָלן אָבער טאָן גוטע פריינט וואָס קענען נישט קויפן קיין טייערע רעגאַלאָס?

— זיצט מען אינדערהיים — ענטפערט מיר מיין ווייב בייז און אָפּגע־האַקט, זיצט מען אינדערהיים!

זע איך דאָך, אַז ס׳איז פאַרפאַלן, רעדט צו דער וואַנט! אַז מיין ווייב זאָגט ניין, זי גייט נישט אָן אַ רעגאַלאָ, גייט זי טאַקע נישט. זאָג איך שוין גאַנץ הויך: יאָ, מיין ווייב דו ביסט גערעכט, זייער גערעכט. ביילע טייערע, ס׳איז אַ טייערע עצה, ס׳איז אַ גאָלדענער געדאַנק, אַ געניאַלער איינפאַל! אַז מ׳קען נישט קויפן קיין רעגאַלאָס, זיצט מען אינדערהיים.

יאָ, טייערע מיינע, מיר וועלן טאַקע זיצן אונדערהיים. ס׳וועט זיין בי־ליקער און געזונטער.

אַז מ׳גייט אויף אַ שמחה, כאַפּט מען זיך צו גיך, שנעל צום געזאַלצע־נעם טיש, ס׳ווערט אַ שפּאַרעניש, אַ כאַפּעניש גלייך ווי מ׳וואָלט שוין דריי טעג נישט געגעסן. און שפּעטער קומט טאַקע דער אמתער באַנקעט. האָט מען דערנאָך עטלעכע טעג צו טאָן מיטן מאָגן...

האָב איך טאַקע באַשלאָסן צו פאָלגן מיין ווייב. זיצן אינדערהיים און באַגריסן די פריינד מיינע צו זייערע שמחות מיט אַ טעלעגראַמע...

יאָ, ס'איז אַ טייַערער, אויסגעצייכנטער פּלאַן, און ס'איז, פאַרשטייט איר מיך, ביליקער אויך. און ס'איז טאַקע בעסער ווי אַ רעגאַלאַ. די רע־גאַלאָס זעט קיינער נישט ווען מ'גיט זיי, אָבער אַ טעלעגראַמע הערן דאָך אַלע געסט ווען מען לייענט זיי הויך אויפן באַנקעט...

כ'האָב שוין אפילו אויסגעאַרבעט אַן אייגענעם נוסח צו באַגריסן מיינע פריינד אויף זייערע פּיעסטאָס, אַ ספּעציעלן טעלעגראַמע־סטיל...

אויף אַ חתונה, ווינטש איך דעם יונגן פּאָרל רעגאַלאָוויטש, זיי זאָלן האָבן אַ סך נחת פון די רעגאַלאָס און זיי פאַרנוצן געזונטערהייט...

אויף אַ זילבערנע חתונה ווינטש איך מיינע פריינד, זיי זאָלן דערלעבן צו פּראַווען די גאָלדענע חתונה, מיט אַ סך גאָלדענע רעגאַלאָס.

אויף אַ גאָלדענע חתונה, ווינטש איך, זיי זאָל דערלעבן די זילבערנע חתונה ביי זייערע אייניקלעך...

אויף אַ בר־מצוה, ווינטש איך דעם בר־מצוה בחור, ער זאָל אַזוי ליב האָבן די תפילין מיטן סידור, ווי ער האָט ליב די רעגאַלאָס...

אויף אַ קומפּלעאַניאָס פון אַ 15 יאָריק מיידל, ווינטש איך אירע על־טערן, זיי זאָלן האָבן אַ סך נחת און אַ סך נדן פאַר זייער טאָכטער.

און אויף אַלע טעלעגראַמעס שרייב איך אונטער: יאָסל דוד רעגאַלאָווס־קי און פאַמיליע.

אָט אַזוי האָב איך גאַנץ פּשוט און טאַקע אויף אַ פיינעם אופן, געלייזט דעם רעגאַלאָס פּראָבלעם:

כ'זיץ אינדערהיים און שיק טעלעגראַמעס...

גוואלד, דער קריזיס!

— גוואַלד, דער קריזיס!
— וואָס, גוואַלדעוועט איר? וואָס שרייט איר אַזוי?
— דער קריזיס ר׳ייד, דער קריזיס!
— וואָס פאַר אַ קריזיס־ וואָס מיר קריזיס, ווער מיר קריזיס, וואו האָט איר אַ קריזיס?
— איר זענט אַ היגער, אָדער פון האַצעפּלאַץ?
— אַ היגער, אוודאי אַ היגער, אָבער וואָס שרייט איר אַזוי קריזיס, קריזיס!
— ס׳טוט ווי׳ שרייט מען!
— וואו טוט אייך ווי?
— אָט, דאָ, אין קעשענע, איר פאַרשטייט, צי נייך? אין קעשענע טוט ווי, ס׳ווערט שווער אויפן האַרץ און גרינג אין קעשענע...
— טפו, צו מיינע שונאימס קעפּ! איר האָט מיך דאָס אַביסל איבערגע־שראָקן, כ׳האָב געמיינט, אַז ס׳טוט אייך חלילה ווי דער בויך, דער קאָפּ... נו, שרייט נישט, געוואַלדעוועט נישט. נישקשה, נישקשה, אַבי דער וויטיק איז נאָר אין קעשענע, מאַכט שוין נישט אויס. ס׳וועט זיך אויסהיילן...
אַזוי טענהן זיך אויס צוויי באַקאַנטע יידן, חכמהנען זיך וועגן קריזיס, זאָגן זיך אַריין איינער דעם אַנדערן שטעכווערטלעך צוליב דעם קריזיס.
וואו מ׳גייט און וואו מ׳שטייט רעדט מען איצט וועגן קריזיס.
הימל און ערד און קריזיס!
מ׳הייבט אָן שמועסן וועגן דער דריטער וועלט־מלחמה און מען פאַר־ענדיקט מיטן קריזיס...
אויף אַ פאַרזאַמלונג רעדט מען צווישן זיך שטילערהייט וועגן קריזיס.

אויף אַ שמחה, ביים עסן די צווייטע פּאַרציע פליש, געבראָטענעם אינ־דיק, רעדט מען פון קריזיס...

אפילו ביים דאַוונען אין שול רעדט מען שטילערהייט ביי דער הויכער שמונה עשרה וועגן קריזיס. (ווען רעדט מען נישט ביים דאַוונען...)

פרעגט איין ייד ביים צווייטן: — וואָס זאָגט איר צום קריזיס? מען באָרגט נישט קיין געלט אין די בענק, די קונים ווילן נישט קויפן קיין סחורה, די סוחרים שטייען אין די קראָמען און גענעצן...

ענטפערט אים דער צווייטער:

— בע, מע, קריזיס, שמיזיס, ווייסיך וואָס! ביי מיר איז, ברוך השם, שטענדיק אַ קריזיס... זינט כ'בין אין מעקסיקע, איז ביי מיר אַ קריזיס. מיר איז אַלץ איינס, יאָ קריזיס — נישט קריזיס. כ'האָב קיינמאָל נישט געמאַכט קיין מיליאָנען, נישט אפילו קיין הונדערטער־טויזנטער. כ'האָב ניט קיין „טערענאָס", נישט קיין „עדיפיסיאָס" און נישט קיין קריזיס...

קומט מען אַריין צו אַ רייכן קריזיס — ייד נאָך אַביישטייערונג, ענט־פערט ער באַלד די נעמערס: פאַראַיאָרן האָבן איך אייך געגעבן 500 פעזעס, איצט גיב איך אייך נאָר 200 פעזעס. איר ווייסט דאָך, דער קריזיס!

טענהן מיט אים די „נעמערס": ס'טייטש, ביי אייך איז דאָך נישט קיין קריזיס, קיין עין הרע נישט, אויף אַלע יידן געזאָגט אייער קריזיס...

ענטפערט ער קורץ און שאַרף:

ביי מיר איז גאָט צו דאַנקען נישטאָ קיין קריזיס, אָבער איך בין אַ סימפּאַטיקער, אַ קריזיס־סימפּאַטיקער... אַלע שרייען קריזיס, מוז איך אויך האַלטן מיטן קריזיס... כ'האָב פיינט צו זיין אַ קעגנער, אַז אַלע זאָגן קרי־זיס, זאָל זיין קריזיס...

פאַראַן מענטשן, וואָס זיינען זיך פשוט מחיה מיטן קריזיס. זיי דער־כאַפּן זיך נעבעך דאָס האַרץ מיטן קריזיס...

פאַראַן קלאָג־מוטערס, וואָס האָבן שטענדיק ליב זיך צו באַקלאָגן, קרעכצן און זיפצן. רופן אַרויס ביי יענעם רחמנות און באַדויערן צו זיך...

אַזאַ טרערן־מענטש, איז נישט צופרידן, ווען מ'זאָגט אים: אַ, סעניאָר, איר זעט דאָך, קיין עין הרע, אויס זייער גוט! איר שיינט דאָך, איר בליט!

ווערט ער ברוגז אויף אייך און ענטפערט אייך שטיל: נו, יאָ, כ'זע גוט אויס. ס'איז אָך און ווי צו מיין אויסזען, כ'בין דאָך אַ צעבראָכענער שאַרבן, ווי איז מיר! כ'בין דאָך אַ חולה מסוכן, כ'האָב דען אין מיר אַ גאַנץ אבר?... די פיס ברעכן מיר, רומאַטיזם. די פלייצעס, די לעבער, דער מאָגן און דאָס האַרץ, און דער קאָפּ, ווי איז מיר, דער קאָפּ!

אַט די סאָרטן וויינענדיקע, באַקלאָגנדיקע מענטשן האָבן פּשוט אויפ־געלעבט מיטן קריזיס...

— שלעכט, זייער שלעכט! זי ליגט ביי מיר אויף די פּאַליצעס די סחורה מיינע, זי רירט זיך נישט פון אָרט... שלעכט! — כ׳וועל מוזן פאַרקויפןביידע „טערענאָס" צו קענען פאַרענדיקן מיין „עדיפיסיאָ", ווי איז מיר!

— אוי, ס׳איז ביטער! דער קריזיס האָט מיך אינגאַנצן צעדרייט. איך האָב מיר געוואָלט אויסבייטן מיין קאַטשע אויף אַ נייער אַ 59־ער, איז פונקט אין מיטנדרינען אַריינגעפאַלן דער קריזיס...

באַקלאָגט זיך אַ קריזיס־פרוי:

— ווי איז מיר! וואָס זאָגט איר צום קריזיס? כ׳האָב מיר געוואָלט בייטן דאָס מעבל, קויפן נייע פּערסישע טעפּיכער, שעם איך זיך פאַרן קרי־זיס... מענטשן וועלן מיינען, אַז ביי מיר איז חלילה נישטאָ קיין קריזיס... נו, יאָ, כ׳מוז אומזיסט און אומנישט צו ליידן פון קריזיס..

בעט זיך, אַ סעניאָריטאַלע ביי איר מאַמען:

— מאַמע, יאָ סאַוועס, מיין „קומפּלעאַניאָס" קומט אויס ען לאַ אָטראַ סעמאַנאַ. מ׳דאַרף פּרעפּאַרירן אַ לאַנג זיידן קלייד, ניילאָן־זאָקן, אַ פּאַסטעל און אַ „ביילע" מיט מוזיק.

ענטפערט איר די מוטער צערטלעך, מיט גרויס באַדויערן:

— נאָ, איכאַ מיאַ, מ׳טאָר נישט. דער פּאַפּאַ זאָגט, אַז ס׳איז אַ קרי־זיס, מ׳טאָר נישט קאַליע מאַכן דעם טאַטנס קריזיס...

בעט זיך אַ פרוי ביי איר מאַן:

— כאַסעסיטאָ, כ׳וויל פאָרן אויף אַ צען טעג וואַקאַציע אין אַקאַפּולקאָ.

גיט דער מאַן אַ שפּרינג אויף, ווי אַן אָפּגעבריטער און צעבייזערט זיך:

— וואָס האָסטו געזאָגט, אַקאַפּולקאָ? איצט פאַרגלוסט זיך דיר אַקאַ־פּולקאָ? אין אַזאַ שרעקלעכן קריזיס! אין קואַוטלאַ טויג דיר נישט? מעגסט זיך צוריק אָנהייבן צוגעווינען צו די פּאָר מלחמה יאָרן... צו קואַוטלאַ. מעגסט דיר נעמען אַ קריזיס־וואַקאַציע...

ס׳איז שוין אויך דאָ אַ קריזיס־בר־מצוה...

דער בר־מצוה בחור לעבט נעבעך איבער אין שול אַ קריזיס מיט דער „עברי" און ביי דער דרשה... און ער קריגט, דער בר־מצווה בחור, קרי־זיס־רעגאַלאָס... ער באַטראַכט טרויעריק די קריזיס־מתנות און קלערט, צי האָט זיך אים געלוינט צו מוטשן דריי חדשים מיטן פּראָפעסאָר און לער־נען די העברעאישע „בענדיסיאָנעס", צוליב אַזעלכע „רעגאַלאָס" וואָס מ׳קויפט זיי אויף אַ קריזיס־„באַראַטאָ"...

אברהם ווייסבוים

די שרייבער אין די היגע יידישע צייטונגען לעבן אויך איבער א שריי־בערישן־קריזיס, ווען זיי דארפן שרייבן וועגן קריזיס.

זיי וויסן נעבעך נישט, צי איז דא אן אמתער קריזיס, אדער א גע־מאכטער קריזיס, א פסיכאלאגישער קריזיס... ביי די יידישע שרייבער איז דא א כראנישער קריזיס...

בעט זיך א מאן ביי זיין פרוי:

— טייבעלע מיינס, סטייטשע, דאס עסן האט דאך נישט די לעצטע צייט קיין שום יידישן טעם.

ענטפערט אים איראניש זיין ווייב:

— וואס פארשטייסטו נישט מיין ליבער מאן, ס׳איז א קריזיס אין קיך, האט דאס עסן אזא טעם ווי דער קריזיס...

ס׳איז שוין אויך דא א פאקער־קריזיס...

בעט זיך א שוואכער שפילער ביים טיש: דערבארעמט זיך, רייסט נישט קיין פאס! גיט מיט יושר. אויף צוויי צענטלעך 50 פעזעס, איז טאקע א ביסל צו פיל, ס׳איז דאך א קריזיס.

ענטפערט מען אים איראניש: סעניאר, ס׳איז ביי אייך א קריזיס אין די 5 קארטן אדער אין דער קעשענע?

און א בייזע, נערוועזע שפילערין, וואס ס׳גייט איר נעבעך נישט קיין קארט... צעשרייט זיך אויפן קריזיס שפילער:

— איר זענט געקומען שפילן אדער האלטן א רעפעראט וועגן קרי־זיס?... כ׳האב גענוג א קריזיס ביי מיין מאן, קומט ער נאך מיט א נייער מעשה, מיט א פאקער־קריזיס...

הימל און ערד און קריזיס!

נאר פונקט ווי א זינדיקער מענטש ווערט חלילה קראנק, מוז ער אי־בערלעבן א קריזיס, מוז זיך גוט דורכשוויצן און ווערט צוריק געזונט און שטארק. אזוי ווילן א סך איצטיקע קריזיס־קראנקע, וואס האבן זיך נעבעך א ביסעלע צופיל איבערגעגעסן פארן קריזיס... מוזן אביסל צו שוויצן און צוריק געזונט ווערן. אפשר טאקע א סך געזונטער און נארמאלער, ווי פארן קריזיס...

אבער דערווייל שרייען אלע:

— גוואלד, דער קריזיס!

שרייבט און צאָלט!...

ס'איז שוין ביי מיר אַ געוווינהייט אַזאַ, כמעט אַ מנהג, אַרומצוגיין יום־כפור איבער די שולן און מנינים...

כ'וויל זען ווי יידן דאַוונען, בעטן דעם רבונו של עולם ער זאָל זיי מכפר זיין זייערע עבירות, וועלכע זיי זיינען באַגאַנגען ביודעים ובלא יודעים דורכן גאַנצן קיילעכיקן יאָר...

דאָס יאָר איז געווען אַ געראָטן יאָר, קיין עין הרע, מיט עבירות, מיט שולן און מנינים...

ס'איז נאָך בנאמנות אַ שטיקל גליק, וואָס אַלע היגע יידישע אָרגאַני־זאַציעס מאַכן נישט אויף ימים נוראים קיין באַזונדערע מנינים...

שטעלט אייך פאָר, ווען דער פרויען פאַראיין וואָלט איינגעאָרדנט אַ מנין, וואָלטן זיכער אַלע מנינים געבליבן אָן אַן עזרת־נשים, אָן פרויען דאַוונער... אַלע יידישע פרויען וואָלטן זיכער געדאַוונט ביים פרויען פאַר־איין. דאָס וואָלט געווען די גרעסטע פרויען פאַרזאַמלונג אין מעקסיקע.

ווען אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס זאָלן איינאָרדנען ימים נוראימדיקע מנינים, וואָלט איך נישט אויסגעקומען מיטן טאָג צו באַזוכן אַלע שולן און מנינים...

גיי מאַך וויזיטן אין דריי און צוואַנציק שולן און מנינים אין אַ יום כפורדיקן טאָג, ווען מ'פאַסט און די קני בויגן זיך פון שוואַכקייט...

שטיי איך יום כפור בייטאָג אין אַ שיינעם גרויסן זאַל און באַטראַכט די מתפללים: אויסגעבלייכטע יידן מיט פאַרטרוקנטע ליפּן פון תענית. זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם עול פרנסה, צוגעמאַכט די פאַבריקן מיט די געשעפטן און דווקא אין אַ שבתדיקן טאָג...

די ווענט פונעם זאַל האָבן זיך דורכן יאָר גענוג אָנגעהערט מיט רע־

דעס: ציוניסטישע, בונדיסטישע, אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג רעדעס, לעקציעס, רעפעראַטן, און איצט (אוי ווי) הערן די ווענט אַן אַנדערן מין רעדן. עפּעס אַ קרעכצן און אַ בעטן.

— אוי טאַטע זיסער, דערבאַרמדיקער: ויעשו כלם אגדה אחת, אַלע זאָלן מאַכן אַ פאַראייניקטן פראָנט...

— כי תעביר ממשלת זדון מין הארץ, ס'וועלן אונטערגיין די טיראַנישע רעגירונגען פון דער ערד...

אין קאָרידאָר שטייען רעדלעך יידן, מ'רעדט, מ'שמועסט. וועגן — צאָלן...

הימל און ערד און צאָלן!

— ר'וועט אויפהערן צאָלן!

— ר'וועט נישט קענען צאָלן!

— ר'וועט יאָ צאָלן!

— ס'איז דאָס יאָר אַ זול אויף עליות, די עליות ווערן פאַרקויפט בחצי חינם... מ'האָט מורא פאַרן צאָלן...

אַן אויסגעפּאַשעטער קיילעכדיקער יונגערמאַן מיט אַ זיידן טליתל אויף די אַקסלען מיט אַ מחזור אין האַנט, דערציילט אַנעקדאָטן וועגן צאָלן:

— אַ פּריוואַטער לערער לערנט מיט אַ אינגל גראַמאַטיק: איך צאָל, דו צאָלסט, זי צאָלט, איר צאָלט, זיי צאָלן, מיר צאָלן. איך האָב געצאָלט, דו האָסט געצאָלט, מיר האָבן געצאָלט. איך וועל צאָלן, דו וועסט, מיר וועלן צאָלן.

דער פאָטער לויפט פלוצים אַריין און זאָגט צום לערער מיט כעס: וואָס מוטשעט איר מיין אינגל מיט אַזוי פיל צאָלן? לערנט אים בלויז: איך צאָל נישט איך האָב נישט געצאָלט און וועל נישט צאָלן!...

ס'קומט צו מיר צו אַן אומבאַקאַנטער ייד, גיט מיר אָפּ אַ ברייטן שלום עליכם און רופט מיך אַוועק אין אַ זייט, ער וויל מיט מיר עפּעס ריידן קיינער זאָל נישט הערן. דער ייד רוקט זיך צו נענטער צו מיר, צעעפנט ברייט די אויגן און גיט מיר שטיל אַ זאָג אַריין אין אויער:

— איר צאָלט?

— וואָס פאַר אַ שאלה, אודאי צאָל איך — ענטפער איך געלאַסן דעם ייד — פאַרוואָס זאָל איך עפּעס נישט צאָלן?

— איר צאָלט טאַקע? — וואונדערט זיך דער ייד און שאָקלט צו בשעת מעשה מיטן קאָפּ — איר צאָלט טאַקע אינגאַנצן? איר צאָלט גאַנצע הונדערט פּראָצענט?...

— כ׳צאָל ר׳ ייד, כ׳צאָל! — זאָג איך שוין אַביסל העכער. כ׳זע אַז דער ייד האָט נעבעך געמאַכט אַ שטיקל טעות, ער מיינט אודאי, אַז ער רעדט צו אַ פאַבריקאַנט אָדער צו אַ סוחר...

— נו, איר קענט טאַקע צאָלן אינגאַנצן? — שטייט ווייטער צו מיר צו דער ייד.

— כ׳קען צאָלן און כ׳מוז צאָלן! — ענטפער איך גיך.

— איר מוזט נעבעך צאָלן — באַדויערט מיך דער ייד. — איר האָט נעבעך נישט קיין מזל!...

— יאָ, יאָ ר׳ ייד, כ׳מוז צאָלן! — רייד איך שוין אַביסל שטרענגער — אַ ברירה האָבן איך. כ׳מוז צאָלן דירה געלט, כ׳מוז צאָלן אין רעס־טאָראַן, אין קאַפע, כ׳מוז צאָלן פאַר מיינע קינדער שכר למוד אין שול, כ׳מוז צאָלן מיין ווייב אַלע וואָך אויף שטוב הוצאות. כ׳מוז אפילו צאָלן מיין געליבטער... כ׳צאָל אין טראַמווײ, אין קאַמיאָן, כ׳צאָל אין אַלע אָר־גאַניזאַציעס, כ׳צאָל וואו מ׳דאַרף און וואו מ׳דאַרף נישט... כ׳צאָל אפילו פאַרשפּילט קאָרטן געלט...

ווען מ׳קען טאַקע פּטור ווערן פון צאָלן, וואָלט אונדזער וועלטעלע געווען אַן אמתער גן־עדן!...

גיי איך אין אַ צווייטער שול, אין אַן אמתער שול וואו מ׳דאַוונט אַ גאַנץ יאָר... איז דאָרט קיין עין הרע געפּאַקט, מ׳קען קוים דורכגיין.

די פרויען שטייען פאַרטיפט אין די מחזורים, זיי האָבן פאַרגעסן אין די נייע מאָדעס און אַז מ׳דאַרף בייטן דאָס מעבל אין שטוב...

די אויסגעפּוצטע כלה־מיידלעך שטייען אויפן באַלקאָן מיט רויטע אָפּ־געפאַרבטע ליפּן. (גיי טרעף צי זיי פאַסטן צי נישט...)

די יום טובדיקע אויסגעפּוצטע קינדער שפּילן זיך און טומלען. ביי זיי איז היינט אַ גרויסע יידישע „פיעסטאַ"... איינמאָל אין יאָר קומט דער טאַ־טע מיט דער מאַמען מיט די קינדער אין שול אויף דער „פיעסטאַ". די קינדער מעגן עסן ווען זיי ווילן און וויפיל זיי ווילן, אַ טייערע, גוטע „פיעסטאַ"...

אויפן שול־הויף שטייען רעדלעך יידן און שמועסן געשמאַק, נישט וועגן אַ נייער שול, נישט וועגן די ביליקע עליות, נאָר וועגן — שרייבן!...

— יעדן שראַב נישט מעיער! — קאַכט זיך אַ הויכער יונגערמאַן און קלאַפּט זיך מיט דער רעכטער האַנט אויפן האָרץ — אויס שראַבער!

— כ׳שרייב אויך נישט — העלפט אים צו אַ דיקער ייד מיט אַ באָס־

שטים. — כ׳האָב געגעבן מיין ווייב אַ וואָרט, אַז כ׳וועל מער בישט שריי־בן, וויפיל איז דער שיעור צו שרייבן?

אַ דאַרער יונגערמאַן הויט און ביין צים אויס בײדע הענט אין דער הויך און רעדט מיט אַ וויינענדיק קול:

— ס׳איז אַ בראָך צו מיר און צו מיין שרייבן! מיין אייגנס האָב איך אין געשעפט 50 טויזנט פעזעס און געשריבן האָב איך „לעטראַס" פאַר 100 טויזנט פעזעס...

גיי זאָג אָפּ אַ טובה־וועקסל אַ גוטן פריינד, אַ חבר, אַ שכן, אַ פעטער, אַ קוזין, אַ שוואָגער און גלאַט אַ באַקאַנטן מענטש, ס׳איז דאָך נישט מער ווי אַ טובה! היינט שרייב איך פאַר יענעם, מאָרגן וועט יענער שרייבן פאַר מיר!...

ביים אַרויסגיין פון שול שאַרט זיך פאַמעלעך צו מיר צו אַן אומבאַ־קאַנטער ייד און גיט מיר גיך אַ זאָג אַריין אין פנים:

— אויס שרייבער! אויס! כ׳שרייב נישט מער! כ׳וועל מער נשט בע־מען די פעדער אין האַנט צו שרייבן. איך האָב אינגאַנצן אויפגעהערט אַ שרייבן, אַ סוף אַן עק, אויס שרייבער!

— זייער גוט ר׳ ייד, זייער גוט טוט איר וואָס איר האָט אויפגעהערט צו שרייבן — ענטפער איך דעם ייד געלאַסן — ס׳איז דאָ גענוג שרייבער אין היגן יידישן שרייבער־פאַראיין... הלוואי וואָלטן אַ סך שרייבער אויפגע־הערט צו שרייבן, וואָלט די יידישע ליטעראַטור און פרעסע געווען אַ סך רייכער און שענער...

מ׳דאַרף טאַקע מער לייענער און וויניקער שרייבער...

— נו, איר שרייבט נאָך? — פאַרשט ביי מיר דער ייד.

— יאָ, כ׳שרייב נאָך! — ענטפער איך קורץ.

— איר האָט גאָרנישט קיין מורא צו שרייבן?

— ניין, כ׳האָב נישט קיין מורא!

— נו, און וואָס איז מיטן צאָלן?

— אַז מ׳צאָלט שרייב איך!

— איר קריגט באַצאָלט פאַרן שרייבן?

— יאָ!

— זענט איר אַ חכם!

— אַז מ׳צאָלט ר׳ ייד (די „לעטראַס") מעגט איר אויך שרייבן... שרייבט און צאָלט!

באַנקראָטן און טשעקן...

פאַראַן צווייערליי באַנקראָטן און צווייערליי טשעקן...

פאַראַן גוטע, ערלעכע באַנקראָטן און גוטע, ערלעכע, אמתע טשעקן...

ס'זיינען דאָ סוחרים, פאַבריקאַנטן, וואָס האָבן זיך אַריינגעדרייט, פאַרדרייט און קענען זיך בשום אופן נישט אַרויסדרייען... אַזעלכע מענטשן זיינען בטבע גוטע, ערלעכע נשמות, נאָר גיי זיי פריער אַ חכם, אַז ס'וועט זיך אַזוי אויסדרייען, אַז ס'וועט נישט זיין מיט וואָס זיך צוריק צודרייען, אַז מ'וועט נישט קענען צאָלן די וועקסלען דעם באַשטימטן טערמין... און מ'איז באַנקראָט!

אַזאַ ערלעכער סוחר אָדער פאַבריקאַנט, וועט אייך ווייזן די ביכער, — מ'האָט מיר נישט באַצאָלט קען איך דיר נישט צאָלן, נאָט אייך די שליסלען פון געשעפט און — און מ'פאַרגלייכט זיך ביי אַ גלעזל טיי... ס'הייסט: חצי שלי און חצי שלך, פיפטי־פיפטי... איר וועט הזיק האָבן אַ העלפט פון דער געבאָרגטער סומע און איך וועל צאָלן די אַנדערע העלפט און מ'בלייבט ווייטער גוטע ברידער און מ'האַנדלט ווייטער...

דאָס הייסט אַ מענטשלעכער, סוחרישער באַנקראָט...

אַזאַ באַנקראָטירטער סוחר, קריגט אַמאָל נאָך אַזאַ מין געצוואונגענעם באַנקראָט, אַ בעסערן נאָמען ווי פריער. ער ווערט פאַררעכנט אין דער סוחרישער וועלט פאַר אַן ערלעכן מענטשן וועלכן מען מעג געטרויען און אַלע לייגן אים דערנאָך פאַר גרעסערע קרעדיטן...

פאַראַן אָבער באַנקראָטן, וועלכע לאָזן איבער נאָכזיך אַ נישט שמעקנדיקן ריח... פונקט ווי אַ טכויר וואָס נאָכן אויסהרגענען די הינער לאָזט ער נאָך איבער אַ פאַסקורנעם ריח אַלס צוגאָב...

נאָך אַזאַ מין טכויר־באַנקראָט הייבן די סוחרים אָן צו ציטערן, זיי האָבן מורא צו געבן קרעדיט אפילו די וועלכע מ׳קען געטרויען...

אַזאַ מין באַנקראָט, האָט אַמאָל געהייסן „אַנזעצן״... ס׳הייסט, ס׳זיינען דאָ גזלנים וואָס נעמען ביי איינעם צו זיין געלט מיט אַ זעץ... ס׳איז נישט געוווּג וואָס דער גזלן נעמט צו ביי זיין קרבן דעם לעצטן גראָשן, איז ער אים נאָך מכבד מיט עטלעכע זעץ אין פנים, אָדער סטראַשעט אים גאָר מיט — שאו ידיכם! די הענט אין דער הויך! דיין לעבן אָדער דיין געלט...

און אַז מ׳באַנקראָטירט, נעמט מען צו ביי יענעם אָן אַ זעץ... אָן קלעפּ, „אָן—זעצן״... און אָן אויפהויבן די הענט. אַזוי זיך, מעשה סוחר. — כ׳קען נישט צאָלן און רופט מיך קנאַק־ניסל...

ס׳איז אויך פאַראַן אַ צייט ווען גאַנצע רעגירונגען באַנקראָטירן, זיי מאַכן אָן אינפלאַציע פון דעם געלט וואָס דאָס פאָלק האָט זיי געבאָרגט און געטרויט... און די בידנע בירגער נעבעך, זיינען, אָדער מוזן זיין צו־פרידן, ווען די רעגירונג צאָלט כאָטש עפּעס פאַר אירע געלט־פּאַפּירלעך...

דאָס הייסט אַ מלוכה־באַנקראָט אויפן גרויסן מאסשטאַב...

אַזאַ מין באַנקראָטל לוינט זיך שוין יאָ אפשר צו מאַכן...

ס׳זיינען אויך דאָ לייטישע נדן־באַנקראָטן. נישט אויסגערעכנטע ליבע־באַנקראָטן און געצוואונגענע אידייען־באַנקראָטן...

אָט למשל, האָט איינער אַ טאָכטער, אַ פיין קינד, אַ געבלידעטע, אַ שטילע צנועה, נאָר ס׳מאַכט זיך עפּעס נישט קיין רעכטער שידוך. דאָס מיידל זיצט נעבעך און וואַרט. זי איז שוין אַ בגרות. זי האָט שוין לאַנג געמעגט שטיין אונטער דער חופה און הערן דעם הרי את...

נעמט דער מחותן און זאָגט צו אַ חתן־בחור אַ גרויסן, פעטן נדן... נאָר ווען ס׳קומט נאָך דער חתונה, דערקלערט דער שווער דעם יונגן איי־דעם זיינעם: טייערער זון מיינער, זיי וויסן אַז כ׳קען אַזאַ גרויסן נדן ניט באַצאָלן, כ׳בין באַנקראָט! כ׳וועל דיר געבן אַ העלפט פון צוגעזאָגטן נדן און — דער איידעם מוז נעבעך בלייבן ביים יונגן ווייבל מיט אַ האַלב אָפּגעריסענעם נדן...

פאַראַן אויך ליבע־באַנקראָטן...

אָט שווערט אַ יונגערמאַן זיין געליבטע כלה ביי דער לבנה און שטערן, ביי דער אייביקייט און ביי זייער הייליקער ליבע, אַז ער וועט זיין דער בעסטער מאַן אין דער וועלט... אַז ער וועט נאָך דער חתונה, אַרומטראָגן זיין יונג ווייבעלע אויף די הענט, אַז ער וועט איר אַראָפּנעמען דאָס טע־

לערן פון הימל... אז ער וועט — — — נאר מאלע וואס מ׳זאגט אלץ צו אין אזעלכע הייסע, צאפלדיקע מאמענטן...

נאר נאך דער חתונה, הערט אויף דער יונגער בעל הביתל צו צאלן זיי־נע צוגעזאגטע ליבע־חובות צו זיין „ווייב". (נישט ווייבעלע)... אויס קושן און האלדזן זיך, פון אלע זיינע צוזאגעכצן לאזט זיך אויס א בוידעם... די פרוי, נעבעך, דאנק גאט ווען איר געליבטער מאן צאלט כאטש א העלפט פון זיינע ליבע־חובות... זי איז צופרידן, ווען איר מאן שענקט איר אמאל א גוט ווארט, א קוש און א ביסל אויפמערקזאמקייט...

דאס הייסט: באנקראטירטע ליבע־חובות...

דער מאן, דער פריערדיקער הייסער ליבהאבער צאלט א העלפט פון זיינע ליבע־וועקסלען... די ליבע איז טאקע באנקראט, אבער ער גיט זיין ווייב פרנסה און העלפט דערציען זייערע קינדער...

פאראן אויך אידייען־באנקראטן...

אידייען־באנקראטן זיינען א סך ערנסטער און געפערלעכער ווי די סוחרישע־באנקראטן, מלוכה־באנקראטן און אפילו ליבע־באנקראטן... ווייל אונדזער גאנץ ביסעלע קולטור משטיינס־געזאגט, די ליטעראטור, די שיינע קונסט און די פרויען מאדעס האלטן זיך אויף נאר צוליב די אידייען...

אלע פארטייען און פארטייעלעך, דעמאגאגן און רעדנער, פרעדיקער און מיסיאנערן האלטן זיך נאר אויף, ווייל זיי מיינען אין דער אמתן אז זיי פארטרעטן א גרויסע אידייע...

אבער די מערסטע פארטייען און באוועגונגען באנקראטירן שטענ־דיק, אויפן בעסטן פאל, א העלפט פון זייערע אידייען, די אנהענגער פון א געוויסער אידייע, די מיטגלידער פון א פארטיי זיינען אדער מוזן זיין צופרידן, ווען זייערע אידייען ווערן אויסגעפירט, פארווירקלעכט כאטש אויף פופציק פראצענט און אמאל נאך ווייניקער...

די אידייע פון קריסטנטום האט שוין לאנג באנקראטירט... און צאלט נישט זיינע אנהענגער אפילו קיין איינס פראצענט...

די גאנצע קריסטן־ליבע מיטן אונטערשטעלן די צווייטע באק, ווען מ׳קריגט דעם ערשטן פאטש... איז נישט ווערט קיין רויע ציבעלע...

די קאמוניסטישע פארטיי אין רוסלאנד האט צוגעזאגט אירע אנהענ־גער און די רוסישע מאסן הרים וגבעות, אן אמתן פראלעטארישן גן־עדן אבער דער סאוועטישער ארבעטער איז דערווייל געבליבן אן א גן־עדן...

די רוסישע קאמוניסטן האבן צוגעזאגט די ארבעטער־מאסן פון אלע

לענדער אַ קאָמוניסטישע וועלט־רעוואָלוציע און ס'איז געבליבן ביים שיקן אומעטום אויסגעפוצטע קאָמוניסטישע אַמבאַסאַדאָרן...

ס'זיינען דאָ אַ סך אידייען וועלכע צאָלן כאָטש עפּעס און אַ סך וועלכע זיינען, לא עליכם, אין גאַנצן באַנקראָט...

און פּונקט ווי ס'זיינען דאָ גוטע און שלימזלדיקע באַנקראָטן, אַזוי זיינען אויך דאָ גוטע און שלימזלדיקע טשעקן...

פאַראַן אמתע גוטע טשעקן וועלכע זיינען נאָך בעסטער ווי מזומן געלט. איר טראָגט דעם טשעק אַוועק אין באַנק און איר קריגט באַלד אויסגעצאָלט און דער טשעק בלייבט איבער אויף אייביק אין באַנק, ער זעט שוין מער נישט די ליכטיקע שיין...

ס'זיינען אָבער אויך דאָ „גייענדיקע" טשעקן... דער גייענדיקער טשעק זעט טאָקע אויס גלייך ווי אַלע טשעקן: אַ שטיקל פּאַפּיר מיט אַ נומער, דאַטום און אַן אונטערשריפט... נאָר איין חסרון האָט ער, דער טשעק, ער איז געבענטשט מיט „פיס" וועלכע האַלטן אין איין גיין...

ס'שטייט טאָקע געשריבן: שקר אין לו רגלים. דער ליגן האָט נישט קיין פיס... אָבער דער מין „גייענדיקע" טשעקן, גייען און וואַנדערן נעבעך אַרום פון איין סוחר צום אַנדערן...

טייערע, גאָלדענע טשעקן, טשעקן וואָס זיינען עובר לסוחר... זיי גייען אַרום פון איין סוהר צום אַנדערן...

אָט למשל, קריגט איר אַ טשעק פאַר אייער סחורה, נעמט איר און באַצאָלט מיטן טשעק אַ צווייטן סוחר. דער צווייטער אַ דריטן. דער דריטער אַ פערטן, דער פערטער אַ פינפטן, דער פינפטער אַ זעקסטן און דער לעצטער גייט אין באַנק אַריין אויסבייטן דעם טשעק פאַר מזומן, פאַר אמתע געלט. הייסט עס, גיט מען אייך, במחילה, צוריק דעם טשעק אַ געשטעמפּלטן מיטן וואָרט — נישטאָ קיין פאָנדן... נישטאָ קיין געלט פאַרן טשעק, די געלט פאָנדן פון דעם אייגנטימער פון טשעק האָבן זיך שוין אויסגעלאָזט און זיינען טרוקן פונקט ווי אַ רעפאָרם ראַבינער... דער אייגנטימער פון טשעק איז געבליבן, נישט פאַר אייך געדאַכט, ביים בלויזן טשעק־ביכל...

הייבט דער „גייענדיקער" טשעק אָן צו גיין אויף צוריק...

דער זעקסטער, דער לעצטער קרבן נעבעך, גיט אים אָפּ דעם פינפטן, דער פינפטער דעם פערטן, דער פערטער דעם דריטן, דער דריטער דעם צווייטן, דער צווייטער דעם ערשטן און דער ערשטער מוז נעבעך באַצאָלן אמתע געלט און נעמען אויפזוכן דעם בעל־דבר אַליין פון דעם „גייענ־

דיקן" טשעק, ער דאַרף בעטן דעם אייגנטימער פון טשעק מיט די „פיס"
ער זאָל אים באַצאָלן פאַר זיין סחורה מיט מזומנים...

יאָ, ס'זיינען דאָ גוטע מזלדיקע באַנקראָטן און שלימזלדיקע טשעקן
מיט „פיס", עובר לסוחרדיקע, „גייענדיקע" טשעקן...

מיין זון איז געוואָרן אַ סוחר...
(מאָנאָלאָג)

— יאָ, מיין זון איז געוואָרן אַ סוחר!

ס'איז אָבער, הערט איר, גאָרנישט אַזוי גרינג דאָ אין מעקסיקע, צו מאַכן אַ זון פאַר אַ סוחר. אָ ניין! גאָרנישט גרינג. ס'איז, הערט איר, טאַקע גאַנץ שווער צו מאַכן אַ זון פאַר אַ סוחר. זייער שווער זאָג איך אייך!

הערט אומישנע וואָס פאַר אַ צרות און טאַקע גרויסע צרות, וואָס איך האָב געהאַט מיטן זון מיינעם, איידער כ'האָב אים, דעם טייערן בן מיינעם, געמאַכט פאַר אַ סוחר.

ס'הייסט, מיטן בחור מיינעם האָב איך דווקא נישט געהאַט קיין שווערע אַרבעט, אָ, ניין! אדרבה, ער האָט שטאַרק חשק געהאַט צו ווערן אַ סוחר פונקט ווי דער טאַטע זיינער. וואָס רעד איך חשק געהאַט? ער האָט געציטערט, געפלאַטערט צו ווערן אַ סוחר און העלפן דעם טאַטן זיינעם אין געשעפט.

נאָר פאַרשטייט איר מיך, די צרה איז דאָ געווען אַן אַנדערע, איר וועט אפשר נישט גלייבן.

די מאַמע זיינע, דאָס הייסט, מיין טייער ווייב, זאָל געזונט און שטאַרק זיין, האָט בשום אופן נישט געלאָזט, אַז מיין חיים זאָל ווערן אַ סוחר.

זי האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ניין, ניין, און ניין!

איר כאָרכע וועט קיין סוחר נישט זיין. זאָל גאָט היטן! אַ סוחר גאָר? אַ זון אַ סוחר? אָ, ניין! נישט ביי איר.

אַ גרויסע עקשנטע, מיין ווייב. אַן איינגעשפּאַרטע פרוי, אַז זי זאָגט ניין, איז כאָטש האַק און בראָק, נישט פון אָרט!

זי וויל, זאָגט זי, האָבן אַ זון אַ דאָקטאָר. יאָ אַ דאָקטאָר און נישט

קיין סוחר. וועלכע עלטערן ווילן דאָס האָבן אין מעקסיקע אַ זון אַ סוחר? אַ כעמיקער, אַן אינדזשעניער, אַ דענטיסט ,אַ בוכהאַלטער, אָבער נישט קיין סוחר.

און מיין ווייב וויל האָבן אַ זון אַ דאָקטאָר און גייט טוט איר עפּעס...

גלייבט מיר, אַ סוחר, אַז עס גייט אים גוט אָוועק. ס'הייסט, אַז דאָס שטיקעלע מזל באַוויזט זיך אין זיין געשעפט, פאַרדינט ער מער ווי צען כעמיקער, און ער דער סוחר טאַקע, האָט נישט באַדאַרפט פאַרשוואַרצט ווערן זעקס יאָר אין פּרעפּאַראַטאָריע און אין אוניווערזיטעט.

ווייסיך וואָס? אַז אַ סוחר גייט אָוועק מיט די פוטער אַרויף, נו, נו, גייט עס דורך טיר און טויער. ער פאַרדינט מער ווי דריי דאָקטוירים און טאַקע אָן אַ דיפּלאָם...

טענה איך צו מיין ווייב, ביילע קרוין, דו זעסט דאָך אַז אונדזער חיים וויל נישט לערנען. ער וויל נישט נעמען קיין בוך אין האַנט אַריין. ער האָט אַזאַ חשק צום לערנען, ווי איך האָב אַ חשק צום טאַנצן... ער וויל גלייכער זיצן ביי דער ראַדיאָ און טעלעוויזיע.

קוים, קוים, מיט ניסים דורכגעשטופּט די סעקונדאַריע און אומזיסט און אומנישט געפּטרט אַ יאָר אין פּרעפּאַראַטאָריע, און באַסטאַ! מער וויל ער נישט לערנען, ניין! די לעקציעס קריכן אים נישט אין קאָפּ אַריין.

ענטפערט מיר מיין ווייב מיט אַ זיס שמייכעלע, וואָס רעדסטו יאָסל דוד? אונדזער כאַרכע איז דאָך אַ געבוירענער דאָקטאָר, אַ געזונט אים אין די ביינער.

געדענקסט, טייערער מאַן מיינער, ווי כאַרכע איז פאַראַיאָרן אַהיים גע־קומען פון שולע און דערציילט מיט פרייד, אַז ער האָט געהאָלפן אין שולע צעשניידן אַ זשאַבע. יאָ ,יאָ, דער לערער פון אַנאַטאָמיע האָט אים געוויזן ווי אַזוי מען פאַלמעסט אַ זשאַבע.

ער איז דאָך אַ געבוירענער דאָקטאָר! אַ פּאַרטיקער „סירוכאַנאָ", אַן אָפּעראַציע מאַכער, כ'וועל דאָך האָבן אַ זון דאָקטאָר! יאָסל דוד מיר האָבן אַ דאָקטאָר!

האָב איך מיין ווייבל געלאָסן געענטפערט: יאָ טייער ווייב מיינס. אונד־זער חיים האָט טאַקע צעשניטן אַ זשאַבע, אַ לעבעדיקע זשאַבע, אַ רחמנות נעבעך אויף דער זשאַבע, אַ צער בעלי חיים. אָבער קיין דאָקטאָר קען מען נאָך נישט ווערן פון צעשניידן אַ זשאַבע, מ'קען ווערן אַ זשאַבע־שניידער אָבער נישט קיין דאָקטאָר...

ווייסטו וואָס כ'וועל דיר זאָגן מיין ווייב, איך מיין פּונקט פאַרקערט.

אונדזער חיים איז טאַקע אַ געבוירענער סוחר. יאָ, אַ געבוירענער סוחר. איי,ביילע קרוין, ווען דו זעסט ווען ער קומט אַריין אין געשעפט צו מיר, ער ווערט דאָך אַ נייער מענטש. ער ברענט, ער פלאַטערט, האָט ליב צו רעדן מיט אַ קונה, און אַז ער רעדט מיט אַ קונה, וועט ער זיך שוין פון זיינע הענט נישט אַרויסדרייען, ער וועט שוין עפּעס קויפן. און איינפּאַקן אַ פּעקל, קען ער בעסער ווי דער טאַטע זיינער, עס ברענט ביי אים אונטער די הענט.

אַ געבוירענער סוחר!

האָב איך טאַקע געכאַפּט פון איר די אמתע פּאַרציע: וואָס האָסטו געזאָגט, אַ סוחר? מיין כאַרכע אַ סוחר? נאָ סעניאָר? קיינמאָל נישט! מיין כאַרכע וועט זיין אַ דאָקטאָר! דו הערסט יאָסל דוד, אַ דאָקטאָר! סי סעניאָר!

מיין ווייב האָט מיר ווידער גענומען דערציילן די מעשה מיט דער זשאַבע, זי האָט מיך פאַרמוטשעט מיט דער זשאַבע, זי האָט מיר אָנגעזשאַבעט אַ פולן קאָפּ, זשאַבע אַהין, זשאַבע אַהער, איר כאַרכע איז דאָך אַ געבוירענער דאָקטאָר! סי סעניאָר ,ער וועט זיין אַ דאָקטאָר!

האָב איך פּראָבירט מיט גוטן דערקלערן מיין פרוי, אַז זי זאָל נישט מיינען, אַז עס קומט אָן אַזוי גרינג צו ווערן אַ דאָקטאָר. מ׳דאַרף זיך גענוג אָנמוטשען, מ׳דאַרף לערנען און לערנען, און די לעקציעס ליגן אונדזער זון אין דער לינקער פּאה, און מ׳וועט אים דאַרפן אויסהאַלטן כאָטש נאָך אַ זעקס יאָר...

ענטפערט מיר מיין ווייב שוין אַביסל איראָניש: זעסטו גרויסער צעלייגער מיינער, מיין שוואָגער אין די שטאַטן איז נישט קיין סוחר, נאָר אַ פּראָסטער שניידער און האָט צוויי זין דאָקטוירים.

מיין שוועסטער מעג האָבן צוויי דאָקטוירים, מעג איך דאָך האָבן איין שטיקל דאָקטאָר, גרויסער פרנסה געבער מיינער, לאָמיך כאָטש האָבן איין דאָקטאָר!

זע איך דאָך אַז איך האַלט שלעכט, מיין ווייב האָט דאָך אַ גערעכטע טענה. איר שוועסטער אין די שטאַטן האָט דאָך טאַקע גאַנצע צוויי דאָקטוירים. חייב איך שוין אָן צו רעדן צו מיין ווייב מיט אַ ביסעלע פּאָליטיק, כ׳וויים, אַ פרוי אַ ווייך האַרץ, סענטימענטאַל. אפשר וועט דאָס העלפן:

זעסטו ביילע קרוין, דו ביסט דאָך אַ קלוגע, אינטעליגענטע פרוי. ווייסטו ווי דיין שוואָגער דער שניידער האָט נעבעך שווער געהאַרעוועט, געוואָרן אויסגעריסן ביז זיינע קינדער זענען געוואָרן דאָקטוירים? גלייב מיר ביילע

טייערע, אַז ס׳וואָלט אפשר גלייכער געווען, ווען זיי וואָלטן געוואָרן שניי־דערס, ווי דער טאַטע זייערער, ווי די זיידעס זייערע. וואָס פעלט דען אַ שניידער? טאַקע אַ גוטן שניידער? די פאַרשטייסט טייערע, אַז עס מעגן זיין יידישע — — —

נו, נו, פרעגט שוין גאָרנישט. מיין ווייב האָט מיך שוין נישט געלאָזט רעדן. זי איז געוואָרן צעקאָכט, האָט אָנגעהויבן שפריצן מיט פייער:

וואָס האָסטו געזאָגט? שניי־דער־רדס? אַ וואָזשנע פּראָפעסיע האָסטו אויסגעקלערט פאַר יידישער יונגעלייט, שניי־דערדס! וואָס זאָגט איר ניט צו זיין קאָפּ, צו זיין גרויסע חכמה, מיין שוועסטערס זין זאָלן ווערן שניידערס?

האָב איך אַביסעלע באַרואיקט מיין צעקאָכט ווייב און איר רואיק געגו־מען דערקלערן, אַז, שניידעריי איז אַ שיינע מלאכה, אַן עכט יידישע מלאכה פון דוד דורות. עמך, שער און אייזן! טייערע ביילע מיינע. יאָ, אַן אמת נאַציאָנאַלע יידישע מלאכה. אַ שיינע, באַלעבאַטישע און בכבו־דיקע מלאכה. ווי זינגט מען עפּעס:

— מיט אַ נאָדל און אַן אַ נאָדל, ניי איך מיר בכבוד גדול...

דיין שוואָגער איז דאָך אַ פיינער, אָרנטלעכער מענטש און אַ גוטער שניידער. גלייב מיר, אַז עס שאַדט אים גאָרנישט צום יחוס...

ענטפערט מיר שוין מיין ווייבל אַביסעלע געלאַסענער: נו, גרויסער חכם מיינער. אַז דער טאַטע איז אַ שניידער, דאַרפן די קינדער אויך זיין שניידערס? האָסטו געהערט אַביסל! אַן איינפאַל פון אַ מענטש.

זאָג מיר נאָר גרויסער פילאָזאָף מיינער, אין וועלכן ספר־פּראַלניק שטייט דאָס געשריבן, אַז דער טאַטע איז נעבעך אַ שניידער, דאַרפן די קינדער זיינע אויך זיין שניידעס?

ניין יאָסל דוד, ניין! גענוג אַז די טאַטעס זענען נעבעך שניידערס, די קינדער דאַרפן שוין זיין דאָקטוירים, יאָ דאָקטוירים, דענטיסטן, אינזשע־ניערן און אַדוואָקאַטן!

זע איך דאָך, אַז מיין ווייב האָט זיך שוין אַביסעלע באַרואיקט, רעדט שוין אַביסעלע שטילער, געלאַסענער. הייב איך אַן איינטענהן מיט איר שוין אַביסל טיפער.

פאַרשטייסט, נשמה מיינע, ביילע קרוין. די גאַנצע יידישע יוגנט קע־נען דאָך נישט ווערן קיין דאָקטוירים, דענטיסטן, אינזשעניערן און אַד־וואָקאַטן. דו מיינסט אַז די גויאישע, שטודירנדע יוגנט פאַרדריסט דאָס נישט? איי, איי, פאַרדריסט דאָס זיי, וואָס די יידישע יוגנט רייסט זיך און

שטופּט זיך שוין אַביסעלע צו פיל אין די אוניווערזיטעטן... איי, פאַרדריסט דאָס זיי און טאַקע גאַנץ שטאַרק...

און ווער זאָלן טאַקע זיין די שניידערס, האַ? ביי וועמען זאָל טאַקע בלייבן שער און אייזן, די יידישע שניידעריי? בלויז ביי די איטאַליענער און נעגערס אין די שטאַטן?...

יאָ, יאָ, טייער ווייב מיינס. משה רבנו האָט געוואָלט מאַכן פון די יידן אַ הייליק פאָלק, אַ גוי קדוש... און דו, קלוג ווייב מיינס, ווילסט מאַכן פון דער יידישער יוגנט בלויז דאָקטוירים, אינזשעניערן, דענטיסטן און אַד־וואָקאַטן... אויס בעל־מלאכות! אויס אַרבעטער!

און וואָס וועלן טאַקע זאָגן וועגן דעם די גויים, האַ?

ניין, גרויסע חכמה מיינע, ס'טויג נישט, אפילו אין די שטאַטן טויג דאָס נישט!...

ענטפערט מיר שוין מיין ווייב אַביסל פאַרטראַכט: זאָג מיר נאָר יאָסל דוד, און אַז אַ יידישער בחור וויל שטודירן, ער האָט חשק צו לערנען און וויל זיין אַ — — —

האָק איך איר גיך איבער אינמיטן, אָ, יאָ, אָט דאָס איז עפּעס אַנדערש, זעסטו מיין טייער ווייב, אַז מ'וויל לערנען! ווי איז אָבער דער דין אַז אונדזער בחור וויל אָבער נישט לערנען און דו ווילסט אים מיט גוואַלד מאַכן פאַר אַ דאָקטאָר. צו וואָס טויג דיר אַ געניטער דאָקטאָר?...

און גלייב מיר, ביילע קרוין, אַז היינט איז גאָרנישט אַזאַ גרויסע מציאה צו זיין אַ דאָקטאָר.

אפילו צו דאָקטאָריי דאַרף מען האָבן דאָס שטיקעלע מזל...

פאַראַן דאָקטוירים, וואָס די פּאַציענטן וואַרטן אויף זיי... און פאַראַן דאָקטוירים, וואָס וואַרטן אויף פּאַציענטן...

פאַראַן דאָקטוירים, וואָס ראַטעווען די פּאַציענטן מיטן מעסער אין האַנט... (אָפּעראַציעס) און פאַראַן דאָקטוירים וואָס טאַפּן נעבעך אין דער פינסטער. זיי זוכן און זוכן ביז זיי געפינען אויס ביים פּאַציענט אַ קרענק...

גלייב מיר, טייער ווייב מיינס, אַז אפילו די מעדיצין איז היינט געוואָרן פאַרקאָמערצעוועט...

אַמאָל האָט אַ דאָקטאָר פאַרשריבן אַ רעצעפּט און מ'האָט געמיזט ניין מאַכן דעם רעצעפּט אין אַן אַפּטייק. היינט זעט אויס אַן אַפּטייק ווי אַ קראָם... אַלע מעדיצינען שטייען פאַרטיק. מ'קריגט דאָרט אין דער אַפּטייק (פאַר־מאַסיאַ) פּאַרפום, שפּילעכלעך, פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן. אַ היים טעפּל קאַ־פע מיט אַ סענדוויטש... און מיט פּילן (פּאַסטיאַס).

אַמאָל האָט מען שטאַרק מורא געהאַט צו נעמען אַ פּיל אָן אַ דאָקטאָר, ווי מ׳האָט מורא פאַר סם... היינט שלינגט מען פילן ווי הייסע לאָקשן און מ׳פרעגט שוין נישט דעם דאָקטאָר.

ס׳טוט ווי דער קאָפּ — אַ פּיל, ס׳טוט ווי דער בויך — אַ פּיל, מען איז אויפגערעגט — אַ פּיל, מ׳קריגט זיך מיטן ווייב — אַ פּיל... אַלע זענען היינט פאַרפּילעוועט...

ווייסיך וואָס, גלייב מיר,ביילע קרוין, אַז ס׳איז היינט בעסער צו זיין אַ רייכער סוחר, ווי אַן אָרעמער דאָקטאָר...

מיין איך דאָך אַז שוין, פאַרטיק, מיין ביילע זיצט אַזוי שטיל און הערט מיך אויס. מיטאַמאָל גיט זי זיך ראַפּטום אַהייב אויף און גיט אַ קלאַפּ אין טיש און צעשרייט זיך הויך: יאָסל דוד דו זאָלסט אויפהערן, דו זאָלסט מיר נישט פאַרדרייען דעם קאָפּ! כאַרכע וועט זיין אַ דאָקטאָר, דו הערסט, אַ דאָקטאָר! נישט קיין סוחר!

ווער ווייסט מיט וואָס אונדזער קריגעריי וואָלט זיך געענדיקט. עס האָט זיך מיטאַמאָל געעפנט די טיר און דער זון מיינער איז שטיל אַריין אין זיין צימער.

מיין ווייב האָט אָנגעהויבן צו שרייען: כאַרכע ווען אַקאַ! כאַרכיטאָ קום אַהער, ווען אַקאַ כאַרכע! איצט וועט מען באַלד זען, גרויסער סוחר מיינער, צי כאַרכע וויל זיין אַ דאָקטאָר אָדער נישט, אַהין אָדער אַהער.

מיין ווייב האָט מיר אָנגעכאַרכעט אַ פולן קאָפּ, ביז דער בחור מיינער האָט זיך פאַמעלעך אַריינגעשאַרט אין צימער.

מיין ווייב האָט אים מיט צערטלעכקייט אַרומגענומען און אים גע־פרעגט מיט אַ זיס שמייכעלע: ווערדאַד כאַרכיטאָ אַז דו ווילסט ווייטער לערנען? אמת דו ווילסט שטודירן מעדיצין? אמת כאַרכע קערידאָ דו ווילסט זיין אַ דאָקטאָר, אַ מעדיקאָ?

דער בחור מיינער איז געבליבן שטיין אַ פאַרשעמטער, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און מיט אַ וויינענדיק קול געענטפערט:

איך וויל ווייטער נישט לערנען. נאָ טענגאָ גאַנאַס מאַמאַ. נאָ מע גוס־טאַ מאַמאַ, כ׳וויל נישט זיין קיין דאָקטאָר, כ׳וויל העלפן דעם טאַטן אין געשעפט, איך וויל — — — — —

מיין ווייב האָט שוין מער נישט געוואָלט הערן, זי איז מיט אַ געשריי גיך אַריינגעלאָפן אין סאַלע און אָנגעהויבן הויך צו קרעכצן: אוי, אוי,

ער האַט מיך דערהרגעט; אוי, ער האָט מיך צעבראָכן! ער האַט מיך אומ־
גליקלעך געמאַכט דער מאַן מיינער!

כ׳וועל דאָס נישט אויסהאַלטן! איבער אים האָב איך פאַרלוירן אַ דאָק־
טאָר, אויס דאָקטאָר!

יאָ, מיין זון איז געוואָרן אַ סוחר!

איך בין געוואָרן אַ דעלעגאַט...

(מאָנאָלאָג)

— שוין, איר מעגט מיר שוין אָפּגעבן אַ מזל טוב! וואָס איז? וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן?

יאָ, יאָ, ס'קומט מיר אַ מזל טוב, אָבער דעם אמתן מזל טוב! אָבער מיינט נישט, אַז כ'האָב געוואונען די „פּרעמיע מאַיאָר" אויף דער לאָטע־ריע, אָ, ניין!

זאָג איך אייך, אַז ס'איז אַ בעסערע זאַך ווי אַ פּרעמיע, אַ סך בעסער. כ'בין געוואָרן אַ דעלעגאַט!

איר הערט? איך, בערל קלאַפּער, בין געוואָרן אַ דעלעגאַט! יאָ, יאָ, אַ דעלעגאַט!

וואָס איז, וואָס וואונדערט איר זיך אַזוי? וואָס איז, ס'פּאַסט מיר נישט צו זיין אַ דעלעגאַט? וואָס איז, כ'בין נישט קיין טאַטנס אַ קינד?

גלויבט מיר, אַז דאָרט, ביי אונדז אין שטעטל בין איך געווען, טאַקע ווי מ'זאָגט, אַ גאַנצער קנאַקער און אַ גאַנצער מאַכער. בערל קלאַפּער אַהין, בערל קלאַפּער אַהער.

אָבער דאָ, ביי אונדז אין מעקסיקע, רייסן זיך אַנדערע אויבנאָן, און מיך בערל קלאַפּער, לאָזט מען נישט צו צום פּסוק... אמת, כ'העלף, כ'אַר־בעט, כ'לויף, כ'שוויץ אין מיין אָרגאַניזאַציע. אָבער, אַז מ'דאַרף אַמאָל שיקן אַ דעלעגאַט פאַרגעסט מען אינגאַנצן אָן מיר. בערל קלאַפּער לאָזט מען זיצן אין דערהיים, און שיקן שיקט מען איינעם מיט אַ געשליפן צינגל, אַ רעדנער, אַ שרייער, אַ טומל־מאַכער און אַ קאַכלעפל...

וואו איז טאַקע יושר, האַ? וואו איז דעמאָקראַטיע? דעמאָקראַטיע וואו איז?

אָבער, ווי זאָגט מען, אַז מ׳לעבט, דערלעבט מען זיך.

כ׳בין שוין מיט מזל אויך געוואָרן אַ דעלעגאַט! איך בערל קלאַפּער בין אַ דעלעגאַט!

איר זענט שוין אַמאָל געווען אַ דעלעגאַט. ניין? אַ שאָד, באמת אַ גרויסער שאָד, זאָג איך אייך.

ס׳איז, הערט איר, דאָס בעסטע גליק, דער גרעסטער פאַרגעניגן, צו זיין כאָטש איינמאָל אין לעבן אַ דעלעגאַט!

איר שפּילט זיך מיט אַ דעלעגאַט!

אויף אַ דעלעגאַט קוקן אַלע ווי אויף אַ העכערן מענטש, אַן אויסדערווײלטן. פאַר אַ דעלעגאַט האָט מען דרך ארץ. אַ דעלעגאַט גיט מען אָפּ כבוד ווי דעם גרעסטן תלמיד חכם. פאַר אַ דעלעגאַט זענען אָפן אַלע טירן.

דאָרט וואו אַ דעלעגאַט קען צוקומען, קען קיין פּראָסטער מענטש ניט אַריינקומען. פאַר אַ דעלעגאַט איז אַלץ גרינגער, צו אַ דעלעגאַט מוז מען זיין העפלעך, פאַר אַ דעלעגאַט האָט מען מורא.

און איך בערל קלאַפּער בין געוואָרן אַ דעלעגאַט!

גיב איך אַ פאַל אַריין אין שטוב מיט אַ ברייטן, פריילעכן ברוך הבא: מזל טוב דיר מיין ווייב! מזל־טוב! כ׳בין געוואָרן אַ דעלעגאַט! גאָלדע טייערע, כ׳בין אַ דעלעגאַט!

קוקט זי מיך אָן, מיין ווייב, גלאָצט אויס אויף מיר די אויגן און פרעגט מיך פאַמעלעך, איבערגעשראָקן: וואָס ביסטו געוואָרן, בערנאַרדאָ טייערער, אַ דעלעגאַט? ווער האָט דיך געמאַכט פאַר אַ דעלעגאַט? ווײ איז מיר, אַ דעלעגאַט גאָר? צו וואָס דאַרפסטו דאָס? בערל טייערער, אפשר קענסטו ווערן אויס דעלעגאַט? אַזאַ אומגליק, נאַדיר גאָר אַ דעלעגאַט אינמיטנדרינען!

צעלאַך איך זיך הויך: כאַ, כאַ, כאַ! אַן אומגליק זאָגסטו? כאַ, כאַ, כאַ! אַ גליק, אַ גרויסע גליק גאָלדעלע טייערע! ס׳איז אַ גליק און אַ כבוד, אַ גרויסער כבוד צו זיין אַ דעלעגאַט!

פאַרשטייסט מיין ליב ווייבעלע, מיין אָרגאַניזאַציע האָט מיך אויסגעקליבן צו זיין אַ דעלעגאַט צו דער ערשטער גרויסער, היסטאָרישער קאָנפערענץ אויף יענער זייט טייך סמבטיון...

און איך נעם דערקלערן מיין ווייב, גיב איר צו פאַרשטיין וואָס פאַר אַ גרויסער נאַציאָנאַלע, היסטאָרישע מיסיע איך דאַרף דאָרט אויספירן אַלס דעלעגאַט.

ס׳איז דאָ ערגעץ אין אַפריקע אַ גרויסער, באַרימטער טייך סאַמבאַטיון

(סמבטיון), אַ גאַנצע וואָך וואַרפט דאָס וואַסער מיט גרויסע שטיינער, קאָכט און זידט און מ׳קען דעם טייך נישט אַריבערפאָרן אפילו מיט אַ שיף.

בלויז שבת איז דער טייך רואיק. איז אָבער דער טייך אַזוי ברייט, אַז איידער די שיף קומט אַריבער איז שוין אויס שבת...

אויף דער צווייטער זייט סמבטיון איז דאָ זייער אַ שיין לאַנד און יידן וואוינען דאָרט. מ׳רופט זיי בני משה, אָדער די רויטע יידעלעך.

און איך וועל דער ערשטער אַריבערפליען דעם סמבטיון מיט אַן עראָפּ־לאַן אַלס דעלעגאַט.

און דו, מיין טייערע גאָלדע, ביסט דעם דעלעגאַטס ווייב. אַלע פרויען וועלן דיך מקנא זיין: דאָ גייט דעם דעלעגאַטס פרוי! דאָס איז די סעניאָראַ קלאַפּער, דעם דעלעגאַטס ווייב!

אַלע צייטונגען וועלן וועגן מיר שרייבן, אַלע צייטונגען וועלן דרוקן מיין בילד אויף דער ערשטער זייט: אָט דאָס איז אונדזער גרויסער סמבטיון־דעלעגאַט.

מיין ווייבל האָט זיך דערפרייט, מיך מיט אַ מאָל אַרומגעכאַפּט קושן, און אַ צעפּלאַמטע, אַ צופרידענע אויסגערופן מיט שטאָלץ: אָבער כ׳האָב געוואוסט בערנאַרדאָ טייערער, כ׳האָב געוואוסט מיין ליבער בערל, אַז דו וועסט נאָך אַמאָל ווערן אַ באַרימטער מענטש! אַז מ׳וועט דיך אָפּשאַצן, אַז דו האָסט אַ קלוגן קאָפּ, אַז דו וועסט ווערן אַ לייט, אַז דו וועסט נאָך ווערן אַ פּרעזידענט, אַ פירער, אַ דעלעגאַט, זאָל זיין דערווייל אַ דעלעגאַט...

די אַקציעס מיינע האָבן געשטיגן ביי מיין ווייב אויף גאַנצע טויזנט פּראָצענט...

אפילו ביי מיין בייזער שוויגער, וואָס האָלט מיך פאַר אַ גרויסן שלימזל, אַז כ׳טויג צו גאָרנישט, אַז כ׳בין נישט ווערט צו האָבן איר שיינע, געראָ־טענע טאָכטער פאַר אַ ווייב, האָבן איצט מיינע אַקציעס אויך געשטיגן אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט...

די קינדער מיינע זענען אַרומגעגאַנגען ווי אָנגעבלאָזענע מחותנים... עפּעס אַ קלייניקייט, זייער טאַטע איז געוואָרן אַ דעלעגאַט.

כ׳בין מיטאַמאָל דערהויבן געוואָרן אין די אויגן ביי דער גאַנצער משפחה מיינער.

מ׳האָט מיך אויפגעהערט רופן ביים נאָמען. אַלע רופן מיך שוין סע־ניאָר דעלעגאַט: אָט גייט אונדזער דעלעגאַט, דער דעלעגאַט קומט, דער דעלעגאַט זיצט, דער דעלעגאַט רעדט.

מיין קרעדיט האָט אָנגעהויבן וואַקסן ווי אויף הייוון...

— סעניאָר דעלעגאַט, אפשר דאַרפט איר אַ גמילות־חסד?
— סעניאָר דעלעגאַט, אפשר אונטערשרייבן פאַר אייך עטלעכע לע־טראַס?
אפילו די ידישע באַנק האָט מיר אויך פאַרגעלייגט אַ גרעסערן קרע־דיט...
דער ידישער ספּאָרט־צענטער, וואָס נעמט נישט ווייניקער ווי טויזנט פּעזעס צו ווערן אַ מיטגליד, האָט מיך געמאַכט פאַר אַן ערן־מיטגליד אינ־גאַנצן אָן געלט...
ס'איז גוט, ס'איז אַ מחיה צו זיין אַ דעלעגאַט!
מיין טייער ווייבל האָט גענומען ווייזן וואָס זי קען. אַ געזונט אויף איר קאָפּ! מיין טייערע גאָלדעלע.
זי האָט גענומען צעפּויקן איבער דער גאַנצער שטאָט, אַז כ'בין גע־וואָרן אַ דעלעגאַט. זי האָט גענומען דערציילן און זיך באַרימען, אַז איר מאַן בערנאַרדאָ איז מיט מזל געוואָרן אַ דעלעגאַט.
יעדן באַקאַנטן האָט זי געפרעגט מיט אַ צעפרידן שמייכעלע אויף די ליפּן: איר האָט שוין געהערט די נייעס? מיין מאַן איז דאָך געוואָרן אַ דעלעגאַט!
וואָס זאָגט איר עפּעס צום מאַן מיינעם? ער פאָרט דאָך אַזוי וויט אַלס דעלעגאַט, אַזש צום סאַמבאַטיון פאָרט ער נעבעך.
מ'האָט מיך אָנגעהויבן איינלאַדן אויף ווטשערעס. די פאַמיליע מיינע, פריינד און באַקאַנטע האָבן אָנגעהויבן מאַכן פאַר מיר היימישע באַנקעט־לעך, יעדע נאַכט אַ באַנקעטל. מ'האָט מיך געזעצט אויבנאָן און מיך מכבד געווען עפּעס ווי אַ גרויסן אָנגעלייגטן גאַסט: לחיים דעלעגאַט! טרינקט עפּעס דעלעגאַט, עסט עפּעס דעלעגאַט, פאַרזוכט דעם פּאַסטעל דעלעגאַט, עסט דעם פלוימען־צימעס דעלעגאַט, דאָס האָט מען ספּעציעל געמאַכט פאַר אייך דעלעגאַט.
מ'האָט זיך אָנגעהויבן געזעגענען מיט מיר און מיר ווינטשן אַ גליק־לעכע רייזע.
כ'האָב זיך דערפילט עפּעס ווי אַ נייער מענטש. כ'בין אַרומגעגאַנגען יום־טובדיק און כ'האָב זיך גענומען גרייטן צו דער רייזע.
אַלע מיינע באַקאַנטע וואָס האָבן מיך פריער באַגריסט מיט אַ קאַלטן „אַדיאָס", האָבן איצט זיך אָפּגעשטעלט מיט מיר כאַפּן אַ שמועס, מיך אויספרעגן ווען איך פאָר און צי איך האָב נישט קיין מורא צו פליען אי־בערן סמבטיון, און מיר געוואונטשן אַ גליקלעכע רייזע.

כ׳האָב זיך אַליין נישט דערקענט. בין איך דאָס טאַקע דער אייגענער סעניאָר בערנאַרדאָ קלאַפּער?

רבונו של עולם, וואָס טוט זיך דאָ? פאַר וואָס גיט מען מיר אַפּ אַזוי פיל כבוד? אַלץ דערפאַר וואָס כ׳בין געוואָרן אַ דעלעגאַט?

יאָ, יאָ, ס׳איז גוט, זאָג איך אייך, ס׳איז זייער גוט צו זיין אַ דעלעגאַט!

דער געזעגענונג־באַנקעט, וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט מיר געמאַכט איז געווען דער גרעסטער באַנקעט פון יאָר. דאָס איז געווען, זאָג איך אייך, שוין איינמאָל אַ באַנקעט!

דאָס עסן איז געווען אַזוי געשמאַק און מ׳האָט געגעבן אַזוי פיל צו עסן, אַז די קנאַפּע פירהונדערט געסט זענען עטלעכע טעג אַרומגעגאַנגען מיט אַ בויך־ווייטיק...

יאָ, ס׳איז געווען דער אמתער באַנקעט. אויף אַלע מיינע גוטע פריינד געזאָגט אַזעלכע באַנקעטן.

דער חשובער טאָסט־מייסטער האָט געטיילט ווערטער צו די וואָס האָבן געוואָלט רעדן און די וואָס האָבן נישט געוואָלט רעדן... מ׳דאַרף זיך געזעגענען מיטן דעלעגאַט און מ׳קען אים אויך מיטגעבן רעקאָמענדאַציעס.

יעדער רעדנער האָט מיך געבעטן אויסגעפינען אַן אַנדערע זאַך אין סמבטיון — לאַנד.

— כ׳זאָל אויספאָרשן צי די רויטע יידעלעך האָבן אויך פּאַרטייען: בונדיסטן, ציוניסטן און לינקע.

— צי זיי האָבן אַ יידישן קולטור־קאָנגרעס.

צי מ׳גיט דאָרט ליטעראַרישע פּרעמיעס יידישע און העברעאישע שרייבער.

— צי די סוחרים קריגן קרעדיט און צי ס׳איז אויך דאָ באַנקראָטן.

— צי די פרויען און מיידלעך גייען אין ניילאָן־זאָקן, און צי די חתנים ווילן אויך אַ גרויסן, פעטן נדן...

אַ ליטעראַרישער, אינטעליגענטער אַקטיאָר, האָט געבעטן איך זאָל אויסגעפינען צי מ׳לאָזט אין סמבטיון־לאַנד שפּילן יידיש טעאַטער...

אַ באַלייבטע, דיקע פרוי האָט געבעטן: כ׳זאָל, למען השם, אויסגעפינען צי די סמבטיון־פרויען האָבן אייגענע סמבטיון־קאָרטן, אָדער זיי שפּילן מיט אונדזערע קאָרטן פּאָקער און קאַנאַסטאַ... און מיט אַ לימיט...

נאָכן אָפּזינגען אפשר צען מאָל טשיריבאָם־טשיריבאָם און אַ ניין מאָל: לאָמיר אינאיינעם, אינאיינעם דעם דעלעגאַט מקבל פנים זיין, האָט דער טאָסט־מייסטער, דריי אַ זייגער פאַרטאָג פייערלעך דערקלערט, אַז

אײדער ער גיט דאָס לעצטע וואָרט דעם דעלעגאַט, וועט ער רעדן וועגן דער היסטאָרישער מיסיע און וויכטיקער שליחות פון דעם ערן־גאַסט.

איר האָט שוין געמעגט הערן דעם טאָסט־מײַסטערס געאָגראַפישע לעק־ציע, ס'איז געווען וואָס צו הערן:

— חשובע פרײַנד, ערן־גאַסט חבר בערל קלאַפּער. מיר ווייסן וועגן די יידישע ישובים ביי אַ סך טײַכן, ווי למשל, דער היסטאָרישער יידישער ישוב ביים טײַך נילוס, ביים טײַך ירדן אין אונדזער אייגן לאַנד. דער יידישער ישוב ביי דער ווײַסל, דער ישוב ביי דער וואָלגאַ, ביים טײַך סען, ביי דעם טײַך טעמזע, ביים טײַך ריאָ־גראַנדע, און טאַקע דאָ אין דער שטאָט מעקסיקע, שיפן זיך יידן אַלע זונטיק אויפן טײַך טשאַטשעמילקע (סאָשימילקאָ).

ווי איר ווייסט זענען אויך דאָ אַ סך לעגענדעס, מעשיות און פאַנטאַ־זיעס וועגן דעם לעגענדאַרישן טײַך סמבטיון און וועגן דעם יידישן ישוב אויף דער אַנדערער זײַט סמבטיון, מ'רופט זיי די בני משה אָדער די רויטע יידעלעך.

איצט שיקט אונדזער אָרגאַניזאַציע אַהין אַ דעלעגאַט זיך צו באַקענען מיטן יידישן ישוב אין סמבטיון־לאַנד, און דער חשובער דעלעגאַט איז נישט קיין אַנדערער ווי אונדזער באַליבטער פרײַנד, חבר בערל קלאַפּער!

ס'איז געוואָרן אַ קלאַפּערײַ, אַ פּאַטשערײַ, און דער טאָסט־מײַסטער האָט הייזעריק געשריגן און געפּאַטשט: גיט אים אַן אַפּלאָז, קלאַפּט, פּאַטשט, פּאַטשט! אונדזער דעלעגאַט איז ווערט די פּעטש, ער האָט די פּעטש כשר פאַרדינט, פּאַטשט אים שטאַרקער, שטאַרקער!

גאַנצע דרײַ אַפּאַראַטן האָבן פון מיר גענומען בילדער, ווען כ'האָב זיך אויפגעשטעלט רעדן. ס'האָט זיך מיר געמישט אין קאָפּ פון אַזוי פיל באַנ־קעט־רעדעס, ס'האָט מיר געהאַקט אין די שלייפן און געשווינדלט אין די אויגן...

וואָס כ'האָב גערעדט געדענק איך נישט, אָבער די צײַטונגען האָבן גע־שריבן, אַז מײַן רעדע איז געווען די בעסטע באַנקעט־רעדע פון אַלע באַנ־קעט־רעדעס פון גאַנצן יאָר.

הערט אַן עצה פון אַ גוטן פרײַנט: לאָזט זיך אויסקלייבן פאַר אַ דע־לעגאַט. מעג זײַן אַ דעלעגאַט צום נאָרד־פּאָל. אָדער אַ שלום־דעלעגאַט, אַבי אַ דעלעגאַט!

פאָלגט מיך, ווערט אַ דעלעגאַט, איר וועט קיין חרטה נישט האָבן...
ס'איז גוט, ס'איז אַ מחיה צו זײַן דעלעגאַט!

מײַן װײַב איז געװאָרן אַ פּרעזידענטין...

(מאָנאָלאָג)

— מײַן װײַב, זאָל לעבן, איז אַהײם געקומען אַ פרײלעכע, אַ לעבעדי־קע און מיר אָנגעזאָגט אַ גוטע בשורה:

יאָסל דוד טײַערער, ס׳קומט מיר אַ מזל טוב!

פרעג איך איר גיך: טאַקע, ס׳קומט דיר אַ מזל טוב? נו, זאָל דיר זײַן מיט מזל!

זאָג זשע מיר טײַער װײַבל מײַנס, װאָס פאַר אַ מזל טוב קומט דיר? האָסט געװאונען די פּרעמיע מאַיאָר אויף דער לאָטעריע?

ענטפערט זי מיר מיט אַ שמײכעלע: אדרבה, גרויסער חכם מײַנער, נו, טרעף, טרעף!

פּראָביר איך טרעפן: האָסט געקויפט אַ מציאה?

— נײן!

— האָסט דיר געקויפט אַ נײַ מאַנטל?

— נײן!

— אַ נײעם קאַפּעליוש?

— נײן!

— גײסט װערן צוריק אַ בראָנעטקע?

— נײן!

װער איך שוין אַביסל בײז, נײן, נײן, און נײן! כ׳בין נישט קײן טרע־פער און װיל נישט טרעפן.

נעמט זי מיך אַרום און זאָגט מיר גלײך אין פּנים אַרײַן: טײַערער מאַן מײַנער, מעגסט מיר גראַטולירן און װינטשן מזל־טוב. כ׳בין געװאָרן אַ

פרעזידענטין! יאָ, יאָ, מיין אָרגאַניזאַציע האָט מיך אויסגעקליבן פאַר אַ פרעזידענטין.

ענטפער איך איר גאַנץ קאַלט: אַהאַ, אַזוי איז די מעשה, אַ פרעזי־דענטין? נו, נו, פריי זיך, פריי זיך מיין ווייב, אַ גרויס גליק האָט מיך געטראָפן!

ענטפערט מיר מיין ווייב, כ׳מיין די נייע פרעזידענטין, בייז, איראָ־ניש: וואָס זשע יאָסל דוד, דו פאַרגינסט מיר נישט, ביזט מיך מקנא? אַוואַדע, ביי דיר האָב איך אַ קנאַפּן ווערט. ביי דיר מוז איך תמיד זיין פאַריאָגט, פאַרנומען אין שטוב, אין קיך ביי די טעפּ...

דו ביסט דען אַ מבין אויף מיר? דו שאַצט דען מיך אָפּ? אָבער מיין אָרגאַניזאַציע שאַצט מיך אָפּ, מענטשן זעען מיינע פעאיקייטן, מיין טאַ־לאַנט. דו פאַרגינסט מיר נישט! ניין!

הייב איך מיט די פּלייצעס און זאָג איר מיט אַ שמייכל: ווער איך? איך פאַרגין דיר נישט? גיי, גיי נאַרעלע, אדרבה, פאַרקערט, כ׳בין זייער צופרידן, כ׳בין אַ גליקלעכער מאַן...

מיין ווייב איז געוואָרן אַ פרעזידענטין! קום טייער ווייבעלע מיינס, קום לאָמיר כאַפּן אַ טענצל...

טרייבט זי מיך אַוועק און זאָגט שוין מיט כעס: גיי, אַוועק פון מיר! דו פאַרגינסט מיר נישט, דו ביסט מיך מקנא. דו ביסט שוין אין דיין אָר־גאַניזאַציע 15 יאָר און ביסט נאָך אַ פּילע נישט אין קאָמיטעט... און איך בין שוין מיט מזל געוואָרן אַ פרעזידענטין.

יאָ, יאָ ס׳געפעלט דיר נישט מיין טייערער מאַן, נו, האָסטו אַ ברירה! איך בין אַ פרעזידענטין!

מיין ווייב איז אַרומגעגאַנגען עטלעכע טעג אַ ברוגזע, אַן אָנגעדרודל־טע און זיך געבלאָזן ווי אַן אינדיק...

כ׳האָב קוים־קוים שלום געמאַכט מיט מיין פרעזידענטין, כ׳מיין מיט מיין ווייב.

כ׳האָב זיך פאַרענטפערט פאַר איר, אַז אדרבה, כ׳בין זייער שטאָלץ מיט איר וואָס מ׳האָט איר אויסגעקליבן פאַר אַ פרעזידענטין. מיין גאַנצע משפחה איז שטאָלץ און פרייט זיך. זי איז דאָך די ערשטע פרעזידענטין אין אונדזער גאַנצער פאַמיליע...

און טאַקע פאַר וואָס נישט? זי האָט גענוג געאַרבעט אין איר אָרגאַ־

ניזאַציע. זי האָט זיך כשר פאַרדינט מ׳זאָל איר אָנטאָן דעם כבוד און איר מאַכן פאַר פרעזידענטין.

בין איך טאַקע אין אָנהייב געווען אַביסל צופרידן. כ׳ווייס? אפשר וועל איך אויך האָבן אַביסעלע כבוד צוליב מיין ווייב:

— אָט גייט סעניאָר יאָסל דוד, דער פרעזידענטינס מאַן!

— אייער פרוי איז טאַקע געוואָרן פרעזידענטין?

— וואָס מאַכט איר? וואָס מאַכט עפּעס אייער פרעזידענטין?

— אייך קומט אַ מזל־טוב סעניאָר, אייער סעניאָראַ איז דאָך געוואָרן אַ פרעזידענטין?

ביסלעכווייז איז אָבער ביי מיר אין הויז געוואָרן אַ גאַנצע איבערקע־רעניש...

מיין ווייב, זאָל געזונט זיין, איז גאַנצע טעג געווען פאַרנומען מיט איר אָרגאַניזאַציע...

קיין שום זאַך איז נישט געטאָן געוואָרן אָן איר וויסן. מיין פרעזידענ־טין האָט געמוזט וויסן אַלץ וואָס דער קאָמיטעט טוט און וואָס דער קאָ־מיטעט דאַרף טאָן...

מיין ווייב איז געווען די אמתע פרעזידענטין!

אַ פרעזידענטין מיט אַן אויעריגגל...

שוין איינמאָל אַ פרעזידענטין!

די גאַנצע אָרגאַניזאַציע האָט זי געטראָגן אויף איר קאָפּ... זי האָט אַכטונג געגעבן אויף איר אָרגאַניזאַציע מער ווי אויף איר אייגענער היים...

זי איז דאָרט געוואָרן די אמתע באַלעבאָסטע, אָבער אין דער אייגענער היים איז זי געוואָרן וואָס ווייניקער באַלעבאָסטע...

זי האָט נעבעך נישט געהאַט קיין צייט פאַרן הויז, פאַר די קינדער און נישט פאַרן מאַן.

די היים, די שטוב מיטן גאַנצן באַלעבאַטישקייט האָט זי איבערגעלאָזט פאַר דער דינסט...

זי איז נעבעך געוואָרן אַ פאַרנומענער מענטש, ווי איז מיר!

אָפּגעכאַפּט אויף גיך דעם אָנבייסן אין דער פרי, אָנגעזאָגט דער דינסט וואָס זי זאָל קאָכן אויף מיטאָק און אַוועק אויף עטלעכע שעה עפּעס באַ־זאָרגן פאַר איר אָרגאַניזאַציע.

אַן אמתע, געטרייע פרעזידענטין!

אין מיטן עסן וועטשערע האָט דער טעלעפאָן געהאַלטן אין איין קלינ־

גען. מיין ווייב לויפֿט שנעל צו צום טעלעפֿאָן און פֿרעגט האַסטיק: ווער רעדט? אָ, סעניאָרא גאַרגעלעווסקי, איר זענט דאָס? ביען, ביען! זייער גוט, קאָמאָ נאָ? סי־סי, כ'קום באַלד! אַדיאָס.

אין צען מינוט אַרום דער טעלעפֿאָן קלינגט. מ'וויל רעדן מיט דער פּרעזידענטין. מיין ווייב לויפֿט גיך צום טעלעפֿאָן: ווער רעדט, אָ, סעניאָרא קאַנאַסטאָ? וואָס, די סעניאָרא קאָכלעפֿל איז נאָכנישט דאָ? אויב זי קומט נישט היינט צו דער זיצונג, איז אויס, אויס! מ'וועט זי מוזן אויסשליסן פֿון קאָמיטעט.

מיר דאַרפֿן נישט קיין לײדיקע בענקלעך... אַרבעטן דאַרף מען, טאָן עפּעס אָדער אַרויס פֿון קאָמיטעט. עסטאָ ביען, כ'קום באַלד, אַדיאָס!

מיין ווייב כאַפּט גיך איר מאַנטל מיטן לעדערנעם בייטל, זאָגט עטלעכע ווערטער דער דינסט אין קיך. זאָגט אָן די קינדער זאָלן אָפּעסן און זיך לייגן שלאָפֿן, מיר וואַרפֿט זי צו אַ קאַלטן אַדיאָס — און זי איז שוין אויף יענער זייט טיר...

מיין ווייב איז ביסלעכווייז געוואָרן די ערשטע און בעסטע בילעטןפֿאַרקויפֿערין...

דער גאַנצער קאָמיטעט האָט נישט פֿאַרקויפֿט אַזוי פֿיל בילעטן, ווי די פּרעזידענטין אַליין.

מיין ווייב איז באַרימט געוואָרן אַלס די בעסטע בילעטן־פֿאַרקויפֿערין...

זי האָט שטענדיק אַרומגעטראָגן אין איר בייטל גאַנצע פּעק מיט בילעטן און יעדן פֿריינד און באַקאַנטן געבעטן קויפֿן אַ בילעט אויף אַן אונטערנעמונג.

אַז אַ באַקאַנטער האָט געזען, אַז מיין פֿרוי גייט צו אים צו, האָט ער שוין פֿאַרשטאַנען, אַז דאָ גייט אַ בילעט...

— בוענאָס נאָטשעס — זאָגט זי מיט אַ שמייכל און נעמט זיך עפֿענען דעם בייטל, ענטפֿערט מען איר באַלד: בוענאָס נאָטשעס, כ'האָב שוין אַ בילעט...

— גוט אָוונט, וואָס מאַכט איר?

— אַ דאַנק, כ'האָב שוין אַ בילעט...

— אָ, איר האָט שוין אַ בילעט, מואי ביען, האָב איך פֿאַר אייך אַ בילעט אויף אונדזער אונטערנעמונג אין דריי חדשים אַרום...

יאָ, מיין ווייב טראָגט אַרום, אַ דאַנק גאָט, בילעטן אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר...

ביסלעכווייז האָט מען מיך אויפגעהערט צו רופן מיט מיין נאָמען, כ'האָב מיטאַמאָל געקריגן אַ נייעם נאָמען:

— דער פּרעזידענטינס מאַן...

אַז כ'קום ביינאַכט אַהיימפירן מיין פרוי פון אַ זיצונג, איז מען מיך מכבד מיט אַ גאָר פיין טיטל: אָ, ס'איז געקומען דער פּרעזידענטינס מאַן...

— דער פּרעזידענטינס מאַן וועט, פאַר פאַוואָר, אַ ביסעלע צו וואַרטן, מיר וועלן באַלד ענדיקן די זיצונג, וועט ער אינאיינוועגס אָפּפירן אַהיים עטלעכע פרויען פון קאָמיטעט...

נו, יאָ, ס'לוינט אוודאי צו זיין דער פּרעזידענטינס מאַן...

יאָ, מיין ווייב איז געוועזן אַ געטרייע, אַ גוטע פּרעזידענטין שוין אַבי־סעלע צו גוט... און צו גוט, הערט איר, טויג נישט!

ניין, ס'טויג נישט!

מיין פרוי איז געוואָרן נערוועז. פון יעדער קליינקייט איז זי געוואָרן אויפגערעגט.

זי האָט זיך אָנגעהויבן בייזערן אויף די קינדער, אויף דער דינסט און טאַקע אויף מיר אַליין אויך...

כ'האָב זיך געבעטן ביי איר מיט גוטן: ביילע טייערע, נשמה מיינע, לויף נישט אַזוי, פלי נישט אַרום. דו דאַרפסט נישט אַרבעטן פאַרן גאַנצן קאָמיטעט.

אָבער גיי רעדט צו דער וואַנט!

איינמאָל שפּעט ביינאַכט אין סאַמע בעסטן שלאָף, האָט מיר פּלוצלונג מיין ווייב דערלאַנגט אַ זעץ מיטן פויסט גלייך אין קאָפּ אַריין... און אָנגע־הויבן שרייען און רעדן פון שלאָף.

— איר האָט נישט דאָס וואָרט; כ'נעם ביי אייך צו דאָס וואָרט! מאַכט אַ פאָרשלאַג! זאָל זיין שטיל! די זיצונג איז געשלאָסן!

און נאָך יעדן וואָרט האָט זי געקלאַפּט מיט די הענט אויפן קישן, אויף מיר, וואו זי האָט געטראָפן...

כ'האָב זיך שטאַרק דערשראָקן, כ'האָב זי אָנגעהויבן צו וועקן, צו טרייסלען: ביילע, ביילע קרוין, וואָס איז דיר? כאַפּ זיך אויף ביילע! וואָס שרייסטו? וועמען שלאָגסטו? שטיי אויף ביילע, שטיי אויף!

זי האָט זיך קוים אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענע, אַ צעטומלטע; אוי, אוי יאָסל דוד, ס'האָט זיך מיר געחלומט, אַז כ'פיר אַ זיצונג אין מיין אָר־גאַניזאַציע...

יעדע פרוי האָט געבעטן אַ וואָרט, אַלע האָבן געמאַכט צווישן־רופן.

ס'איז געוואָרן אַ טומל, אַ גערעדעריי... האָב איך אָנגעהויבן קלאַפּן אין טיש מיט דער האַנט עס זאָל זיין שטיל...

האָב איך דיר, יאָסל דוד טייערער, געטראָפן די קלעפּ גלייך אין קאָפּ אריין... ווי' איז מיר!

כ'האָב געזען, אַז ס'איז שלעכט, מיין ווייב אַרבעט זיך איבער, כ'מוז אויסזוכן אַ מיטל, ווי אַזוי זי זאָל ווערן אויס פּרעזידענטין.

ווען מיין ווייב איז עטלעכע טעג געווען נישט געזונט און נישט גע־קענט אַרויסגיין פון שטוב, בין איך איינמאָל ביינאַכט אַוועק אין איר אָר־גאַניזאַציע, אויף אַ קאָמיטעט־זיצונג.

מ'האָט מיך, דער פּרעזידענטינס מאַן, גאַנץ פיין געבעטן זיצן און מיך געפרעגט וואָס איך וויל.

האָב איך אויך גאַנץ פיין דערקלערט, אַז איך וויל דער חשובער קאָ־מיטעט זאָל מיר טאָן אַ טובה.

האָט זיך ראַפּטום געגעבן אַ שטעל אויף אַ ווייבעלע מיט פּאַרשנירלטע, דינע ליפּעלעך, מיט פלינקע בייזע אייגעלעך, זי רייבט זיך אוודאי צו ווערן אַ פּרעזידענטין... און געבעטן די פּאַרזיצערין, אַז צום ערשטן זאָל מען ענדיקן די זיצונג און דערנאָך זאָל מען אויסהערן דער פּרעזידענטינס מאַן.

מילא, נו, וואָס קלערט איר, מ'איז גוט אין גלות ביי די ווייבער...

כ'האָב געמוזט זיצן און וואַרטן צוויי שעה ביז מ'האָט מיר געגעבן אַ וואָרט...

— זייער חשובע פרויען — האָב איך אָנגעהויבן געלאָסן: איר ווייסט דאָך אַז מיין ווייב, כ'מיין אייער פּרעזידענטין איז שוין עטלעכע טעג ניט געזונט.

זי האָט זיך נעבעך איבער געאַרבעט, בעט איך אייך זייער, טוט מיר אַ טובה, לאָזט מיין פרוי זיך אָפּרוען אַביסל און קלויבט זיך אויס אַ נייע פּרעזידענטין...

נו, נו, איז געוואָרן אַ געשריי, אַ גוואַלד, אַ טומל מיט אויסרופן:

— וואָס וויל ער, דער פּרעזידענטינס מאַן?

— זאָל ער גיין געזונטערהייט!

— פאַר אונדז איז אונדזער פּרעזידענטין גוט און פיין!

— מיר דאַרפן נישט קיין אַנדערע פּרעזידענטין!

— אַ מאַן דאַרף זיך נישט מישן אין אַ פרויען־אָרגאַניזאַציע!

בין איך שוין אויך געוואָרן גוט אין כעס און אָנגעהויבן הויך צו שרייען:

אין מעקסיקאַנער גן־עדן

— וואָס ווילט איר פון מיין לעבן? וואָס האָט איר אויסגעקליבן מיין ווייב פאַר אַ פּרעזידענטין? זי איז געוואָרן נערוועז, זי דערגייט מיר די יאָרן. זי איז קיין מאָל נישטאָ אין דערהיים, די קינדער זעען איר נישט אַ גאַנצע טעג.

האָט רחמנות, דערבאַרמט זיך אויף מיר, גיט מיר אָפּ מיין ווייב! מיין ווייב!

כ'דאַרף אַ באַלעבאָסטע אין שטוב!
גיט מיר אַ ווייב! מיין ווייב גיט מיר צוריק!
כ'דאַרף נישט קיין פּרעזידענטין! גיט מיר אַ ווייב!
נו, וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן, מיר זיינען גוט אין גלות ביי די ווייבער...
איך בין געבליבן ביים שרייען.
מיין ווייב איז ווייטער געבליבן פּרעזידענטין!

מיר איז גוט, כ'בין אַ קבצן...

(מאָנאָלאָג)

— וואָס האָב איך? וואָס פעלט מיר און וואָס דאַרף איך?

כ'האָב גאָרנישט, ס'פעלט מיר גאָרנישט און דאַרף גאָרנישט! נאַדאַ, סעניאָר.

ס'הייסט דאַרפן דאַרף איך יאָ, נאָר, אַ דאַנק גאָט, כ'האָב אַלץ — אַלץ וואָס כ'דאַרף...

גלייבט מיר, אַז אַ סך גבירים און טאַקע אַ סך אמתע מיליאָנערן זיינען מיך מקנא, יאָ, פשוט מקנא... סי סעניאָר!

קיינער איז מיר גאָרנישט שולדיק און איך בין קיינעם נישט שולדיק. כ'דאַרף נישט קיין טובה־וועקסעלעך און נישט קיין „לעטראַס"... קיינער באָרגט מיר נישט קיין געלט און איך באָרג קיינעם נישט קיין געלט, כ'האָב נישט!

קיינער באַרעדט מיך נישט אונטער די אויגן און איך באַרעדט נישט קיינעם...

די גרעסטע גבירים טראָגן מיר אַ קעגן דעם פיינעם גוט־מאָרגן און איך ענטפער די גרעסטע מיליאָנערן (אמתע) אַ שמייכלדיקן גוט־מאָרגן, אַ היימישן בוענאָס דיאַס.

זיי ווייסן די גבירים, אַז כ'וועל ביי זיי חלילה קיין גמילות־חסד נישט בעטן...

נישט איך דאַרף אָנקומען צו די גבירים, און די גבירים דאַרפן נישט אָנקומען צו מיר, מיר זיינען אמתע גוטע פריינד, אַמיגאָס!

אַ טייערע זאַך צו זיין אַ קבצן!

איר מיינט אַז ס׳איז טאַקע גוט צו זיין אַ גביר? גלייבט מיר אַז נישט, נאָ סעניאָר.

נישט די גבירים אַליין זיינען צופרידן מיט זייער גבירישקייט און זייערע פריינד זיינען אויך נישט שטאַרק צופרידן...

זאָגט מיר כ׳בעט אייך, וועלכער גביר איז דאָס אין דער אמתן צופרידן מיט זיין רייכקייט, מיט זיין עשירות?

ניין, דאָס קען נישט זיין, דאָס איז נאָכנישט געווען און וועט נישט זיין... נאָ סעניאָר!

קיין שום גביר איז קיין מאָל נישט צופרידן מיט דעם וואָס ער פאַרמאָגט, אַ, ניין! וויפל איינער פאַרמאָגט וויל ער נאָך מער און נאָך מער... אַזוי איז שוין דער גביר, דער רייכער. געלט ציט צו געלט... מאָס אי מאָס!

זעט איר, אַ קבצן ליידט נישט פון דער קרענק, פון וועלן נאָך און נאָך... אַ קבצן וויל נישט איינשלינגען די וועלט. וויפל אַ קבצן האָט — האָט ער און פאַרטיק אַן עסק! נאַדאַ מאָס.

אַ קבצן וויל נישט קיינעם דעריאָגן און איבעריאָגן... נאָ סעניאָר!

האָט איינער הונדערט טויזנט, וויל ער צוויי, האָט איינער אַ מיליאָן, אַ גאַנצן מיליאָן! מיינט איר דאָך אַז שוין? ס׳הייבט זיך נישט אָן! וויל ער טאַקע צוויי מיליאָן און דריי און פיר און — ס׳האָט דען אַ שיעור וויפל אַ גביר וויל פאַרמאָגן? ניין, געלט האָט קיין שיעור נישט...

זעט איר, איך אַ קבצן, בין צופרידן וויפל איך האָב. אַ קבצן טאָר נישט וועלן... אַ קבצן טאָר אפילו נישט טראַכטן פון מיליאָנען. ווער מיר מיליאָנען און וואָס מיר מיליאָנען!

כ׳האָב נאָך אפילו אין חלום נישט געזען קיין מיליאָן...

דער רבונו של עולם האָט מיך נאָכנישט געשטראָפט מיט אַזוי פיל געלט — אַ מיליאָן! אַ גאַנצער מיליאָן, ווי איז מיר!

זאָגט מיר כ׳בעט אייך, ווי אַזוי ציילט מען איבער אַ גאַנצן מיליאָן?

איך האָב נאָך קיין מיליאָן נישט איבערגעציילט! נאָ סעניאָר, נונקאַ!

ווי זאָגט מען עפּעס: אַ קבצן שלאָפט אין דער פינצטער און האָט אַ סך קינדער — נישט קיין מיליאָנען...

מיר איז גוט, כ׳בין אַ קבצן!

אַ גוטער פריינד מיינער האַלט מיך אין איין קריטיקירן און מוסרן: — ס׳טייטש, וואָס וועט זיין דער סוף דיינער? וואָס וועט זיין דער תכלית? ווען וועסטו שוין ווערן כאָטש אַ שטיקל גביר? ביסט שוין אַזוי לאַנג אין

מעקסיקע, די צייט שטייט נישט. ווארף אַוועק דעם קבצן, נעם מאַכן אַ ביסל געלט! דינערא סעניאָר, דינעראָ!

ענטפער איך געלאַסן מיין גוטן פריינד: זאָג נאָר דו גרויסער צעלייגער, וואַזשנער גביר מיינער. וואָס פאַר אַ גליקן האָסטו פון דיין גאַנץ גבירישקייט, האַ? אדרבה, זאָג מיר דעם אמת, ביסטו טאַקע אַזוי גליקלעך מיט דיין גבירישקייט? דעווערא?

הערסטו מיין טייערער פריינד, מיר דאַכט זיך אַז מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק ביסטו געווען אַ סך, אַ סך גליקלעכער ווי היינט מיט דיין גאַנץ גבירישקייט, אַ פּאָקאַ נאַ?

עפּעס ביסטו דעמאָלט געווען אַ קבצן גלייך מיט מיר, אָבער אַזוי לעבעדיק, האָסט גערעדט, האָסט דיסקוטירט, זיך געקאַכט, געאַמפּערט, ביסט געווען פול מיט לעבן, מיט קוראַזש.

און היינט? ווי איז מיר! גייסט דאָך אַרום ווי אַ שאָטן, ווי אַ נעכטיקער; שטיל, צוריקגעהאַלטן, באַהאַלטן אין דיין פּאַלאַצל... האָסט מורא אַ וואָרט אויסצורעדן.

יאָ, אוודאי אַז מ'זאָגט אַ דעה, דאַרף מען אויך געבן די מאה... און דו האָסט מורא פאַר די הונדערטער, ציטערסט פאַר די טויזנטער, סי סעניאָר!

זעסטו פריינד מיינער, דיר איז שווער צו זיין אַ גביר און מיר איז אַ סך גרינגער צו זיין אַ קבצן.

איך בין גליקלעכער פון דיר, יאָ גליקלעכער פון דיר מיט דיין גאַנץ עשירות, מיט דיין אָנגעבלאָזן גבירישקייט.

איך באַהאַלט זיך נישט פאַר קיינעם, איך דאַרף פאַר קיינעם קיין מורא נישט האָבן. איך קום אומעטום, איך בין מיט אַלעמען אַ גוטער ברודער, קאָן טאַדאָס!

מיר איז וואויל ווי די וועלט!

מיר איז גוט, כ'בין אַ קבצן!

פאַראַן ביי אונדז יידן, הערט איר, וואָס ווילן מיט גוואַלד רייך ווערן. האָט מען נישט קיין אייגן געלט, וויל מען רייך ווערן מיט — מיט פרעמד געלט... סי, סי!

מ'באָרגט, מ'ליַיט ביי דעם, ביי יענעם געלט אויף פּראָצענט. מ'דרייט אַהין אַהער. מ'צאָלט גרויסע פּראָצענטער ביז — ביז מ'פּאַרדרייט זיך און מ'פּאַרדרייט יענעם...

ווען מ׳נעמט דאָס געלט, איז אדרבא ואדרבא. ווי זאָגט מען אויף שפּאַניש: קאָן מוטשאַ גוסטאָ! מיט אַ שמייכל, מיט אַ דאַנק.

אָבער ווען מ׳דאַרף נעבעך אָפּגעבן דאָס געלט? ווי איז מיר! וואָס מ׳ווינטשט דעמאָלט די געלט־געבער, זאָל דאָס פאַלן אויף אַלע וויסטע פעלדער...

פאַראַן אַזעלכע וואָס דרייען און דרייען מיט יענעמס געלט און דרייען זיך אַרויס...

און פאַראַן שלימזלדיקע דרייערס, וואָס דרייען אַזוי לאַנג — ביז סטאָפּ! שטיי הייסט עס, נישט אַהין און נישט אַהער... און מוזן נעבעך מאַכן לחציין, אויף אַ העלפט, הייסט דאָס, חצי שלי חצי שלך... אָדער מאַכן אַ ויברח...

מען מאַכט זיך אַליין אָן צרות און אַנדערע האַרץ־ווייטיק... אַ געשריי. אַ געפּילדער, מ׳שרייט, מ׳ווײנט, מען שעלט, מיין געלט, גוואַלד מיין געלט!

נו, כ׳בעט אייך, דאַרף מען זיך יאָגן צו ווערן אַ גביר, צו מאַכן מיליאָנען מיט פרעמד געלט...נאָ וואַלע לאַ פּענאַ נאָ!

זעט איר, איך וויל נישט ווערן קיין גביר. כ׳גיב נישט קיין פּראָצענט און נעם נישט קיין פּראָצענט...

מיך בענטשט מען נישט און מיך שעלט מען נישט! נאָ סעניאָר!

מיר איז גוט, כ׳בין אַ קבצן!

פאַראַן ביי אונדז, הערט איר, צווייערליי גבירים.

פאַראַן יידן וואָס גאָט האָט זיי געהאָלפן. ס׳איז זיי אָוועק גוט און זיינען רייך געוואָרן. ווייסט מען דאָך, אַז דאָס שטיקעלע מזל גיט איינעם אַ שיין אויף, נו, נו, גייט דאָס דורך טיר און טויער...

מילא, נו, ווערט מען אַ גביר, אַ מיליאָנער.

אָבער דער אויפגעקומענער גביר פאַרגעסט נישט חלילה, אַז ער אַליין איז אַמאָל געווען אויף גרויסע געהאַקטע צרות, אַליין געווען, כ׳בעט איבער אייער כבוד, אַ גרויסער קבצן...

אַזאַ גביר, זעט איר, גיט מיט אַ ברייטער אָפענער האַנט, ווען מ׳קומט צו אים נאָך אַ ביישטייערונג.

פאַראַן יידישע גבירים, מעצענאַטן וואָס העלפן יידישע קינסטלער, שרייבער, העלפן בויען יידישע אינסטיטוציעס.

ווי זאָגט מען עפּעס: — ביסטו אַ שניידער זאָלסטו נייען. ביסטו אַ האָן זאָלסטו קרייען...

ממה־נפשך, ביסטו אַ גביר, טאָ זיי זשע נישט קיין פאַרד... זאָלן אַנדערע אויך הנאה האָבן! סי סעניאָר!

און זיי גיבן טאַקע, די גוטהאַרציקע. מענטשלעכע גבירים.

נאָר גאָרנישט, מ׳זאָגט אַז זיי וואָלטן געקענט מער געבן... סי, מאָס, מוטשאָ מאָס!

איי, איי, זעט איר, ווען איך דער קבצן, ווער טאַקע, כדומה, למשל, גאָט זאָל מיך אָפּהיטן, די שעה זאָל נישט זיין, אַזאַ גרויסער גביר. וואָלט איך זיכער מער געגעבן...

ווי זאָגט מען: אַן אָרעמאַן האָט אַ גוט האַרץ... קאָמאָ נאָ!

ס׳איז אָבער אויך פאַראַן אַ גביר, וואָס גאָט האָט אים געשטראָפט מיט עטלעכע מיליאָן. האָט ער נעבעך נישט קיין שליטה אויף זיין געלט...

ער ליגט נעבעך אויפן געלט־זעקל, אויפן טשעק־ביכל. ער ציטערט, ער פלאַטערט, ווען ער דאַרף זיך נעבעך צעשיידן מיט עטלעכע טויזנט פעזעס...

ער האָט מורא עס זאָל חלילה נישט ווערן ווייניקער אין געלט־זעקל.

אַז מ׳קומט צו אַזאַ גביר נאָך אַ ביישטייערונג, דינגט ער זיך ווי אויף אַ מאַרק, ער וויל נעבעך כאַפּן אַ מציאה... אַ גאַנגאַ.

דרייט ער זיך דער קאַרגער גביר, וויל זיך אַרויסדרייען, וויל געבן אַ העלפט און אַמאָל טאַקע גאָרנישט... נאַדאַ סעניאָר, נאַדאַ!

טענה איך צו מיין באַקאַנטן גביר: ר׳ ייד דערבאַרעמט זיך, האָט גאָט אין האַרץ, האַלט נישט אַזוי שטאַרק פאַרמאַכט דעם פעטן געלט־טייסטער. עפנט די קעשענע, גיט, גיט וואָס מער!

פאַר וועמען באַהאַלט איר אייער מאַיאָנטיק? פאַר וועמען באַהאַלט איר די אַפּותיקי? גיט, גיט כל־זמן איר קענט, כל־זמן איר האָט.

ווי זאָגט מען! — יידישע עשירות איז ווי אַ פורימדיקער שניי... עס צעגייט גיך...

ענטפערט ער מיר, דער קאַרגער גביר: איי, גוטער ברודער, ס׳איז אייך גרינג צו זאָגן געבן, געבן! מ׳דאַרף דאָך האָבן אַ כוח צו געבן, מ׳דאַרף דאָך קענען געבן...

סעניאָר מיאָ, איר פאַרשטייט, עס קומט מיר אָן שווער, זייער שווער זיך צעשיידן מיט עטלעכע טויזנט פעזעס, אַזוי שווער!

מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק בין איך טאַקע געווען אַזאַ קבצן ווי איר. אָבער היינט, היינט? סאָי מואי ריקאָ, סעניאָר!

זאָגט איר אַליין, ווי אַזוי גיט מען דאָס אַ ביישטייערונג וויפל מ׳וויל. צען טויזנט, צוואַנציק טויזנט!

איך איז גרינג צו זאָגן געבן, איך האָב נישט קיין כוח צו געבן אַזוי פיל געלט מיטאַמאָל. כ׳בין נעבעך אַ קראַנקער מענטשן, אַ קראַנקער אויף געלט...

אוודאי קען איך געבן. מ׳דאַרף דאָך אָבער האָבן שמשון הגיבורס גבורה אויסצושרייבן אַ טשעק אויף אַזוי פיל געלט. מ׳דאַרף קענען אויסשטיין אַזאַ גרויסן נסיון... נאָ פּועדאָ, סעניאָר!

ווען כ׳שרייב אויס אַ טשעק פאַר אַ ביישטייערונג, ציטערט מיר די האַנט, עס באַדעקט מיך אַ קאַלטער שווייס, און כ׳ווער נאָך אַזאַ „אָפּעראַציע” קראַנק עטלעכע טעג...

איר קבצנים קענט נישט פילן דעם טעם פון געלט. איך טשעפּעט מען נישט, ביי איך וויל מען נישט קיין שווערע טויזנטער. איך איז גוט, אויף מיר איז טאַקע אַ גאַטס רחמנות...

יאָ, דער קאַרגער גביר איז גערעכט, איידער אַזאַ קמצן... איז שוין בעסער אַ קבצן...

מיר איז גוט, איך בין אַ קבצן!

בין איך טאַקע, פאַרשטייט איר מיך, אַ קבצן, אָבער אין שטוב האָב איך דווקא אַן אוצר... אַן אמתן אוצר. אַזאַ אוצר, וואָס מ׳קען נישט געפינען ביי די גרעסטע גבירים...

מיין ווייבל זאָל געזונט און שטאַרק זיין!

אַ פרוי אַ גאָלד, אַ בריליאַנט, אַן אמתע אשת־חיל, איינע פון טויזנט, סי סעניאָר!

נאָך פאַר דער חתונה אונדזערע, האָט זי שוין געוואוסט דעם גרויסן סוד, אַז איך האָב נישט דעם וואַזשנעם „טאַלאַנט” — צו מאַכן מיליאָנען...

האָט זי טאַקע נעבעך נישט ביי מיר קיין בריליאַנטן, נישט קיין עדיפּי־סיאָ און אפילו נישט קיין אייגענע קאַטשע, ווי איז מיר!

אָבער ווען זי גיט מיך אַמאָל אַ פרעג:

נו, טייערער מאַן מיינער, וואָס וועט זיין דער תכלית! קינדער וואַקסן אונטער, ווילסט טאַקע בלייבן אַ קבצן?

ענטפער איך איר מיט אַ שמייכל, הערסטו טייער ווייבל מיינס, נשמה מיינע. ס׳איז טאַקע אמת, כ׳בין אַ קבצן. כ׳האָב נישט קיין מיליאָנען, אָבער

אַ דאַנק גאָט, אַ זאַטן מיטאָג אָפּצועסן איז דאָ? דירה־געלט צו באַצאָלן איז דאָ? דאַרפן מיר גאָרנישט זאָרגן, נאַדאַ!

האָסט נישט, מיין טייער ווייב, קיין עדיפּיסיאָס און נישט קיין ברי־ליאַנטן. האָסטו אָבער נישט קיין הויכן בלוט־דרוק און נישט קיין נידעריקן בלוט־דרוק...

האָסט נישט קיין אייגענע קאָטשע, ניין? האָסטו אויך ניט קיין צוקער...

וואָס מיר געלט, ווען מיר געלט! געלט איז קיילעכדיק. מיין געלט, דיין געלט, אונדזער געלט! נאָ מע אימפּאָרטאָ נאַדאַ!

אַ מיליאָן מער, אַ מיליאָן ווייניקער. אַ דאַנק גאָט, געזונט איז מען — איז הוליע קבצן!

ווייס איך וואָס, טייער ווייב מיינס, לאָמיר נישט זאָרגן. ס׳קען נאָך חלילה זיין ערגער.

גוטס האָט דאָך קיין שיעור נישט.

גלייב מיר, אַז אַ סך גבירים זיינען אונדז מקנא... סי, סי, מקנא!

מיר איז גוט, כ׳בין אַ קבצן!

טאָרטיאַס! טאָרטיאַס!

די יידישע יוגנט אין מעקסיקע עסט טאָרטיאַס!

אונדזערע קינדער, זאָלן געזונט זיין, (און טאַקע עלטערע אויך) האָבן זיך ביסלעכוויס צוגעוואוינט צו עסן די האַלב־רויע טאָרטיאַס פון מאאיז.

איי, עסן דאָס מיט גרויס אַפּעטיט אונדזערע קינדער די טאָרטיאַס...

(שרייבן, שרייבט מען טאַקע טאָרטיללאַס, אָבער אויף שפּאַניש לייענט מען „טאָרטיאַס").

זיי שלינגען די טאָרטיאַס מיט גרויס חשק.

זיי גיבן אַ נעם גיך־גיך אַ ווייכע, האַלב־רויע טאָרטיאַ, אַ לייג אַרויף אַ ביסל רייז, פּריכאָלעס (אַרבעס) אָדער אַ שטיקל פלייש, אַ וויקל אַרום פּונקט ווי אַ מעקסיקאַנער און אַ בייס אַריין — פאַרטיק!

זיי עסן שוין אַ טאַקאָ...

זיי, די קינדער אונדזערע זיינע אייך מוחל די יידישע חלה מיטן יידיש געשמאַקן ברויט, פאַר אַ דינע „ראָסקאַ" (בייגל), אָדער „פּאַן דולסע".

ס'האָלט טאַקע גאַנץ שמאָל מיט אונדזער געשמאַק, אויסגעבאַקן יידיש ברויט...

אַ סך מעקסיקאַנער בעקערס האָבן שוין אויך אָנגעהויבן באַקן געפלאָכ־טענע חלות מיט קוילישטן, אָבער ניין! ס'איז נישט דאָס וואָס יידישע חלות...

ווי קומט דאָס צו יידישע אויסגעברוינטע געשמאַקע יידישע חלות, וואָס האָבן טעם גן־עדן?

מאַכן כריין, קאָכן קרעפּלעך, געפילטע פיש, המן־טאַשן און באַקן אַ געשמאַק שטיקל ברויט, קענען נאָר יידן...

אַמאָל, אַמאָל האָבן טאַקע אַלע יידן אין מעקסיקע געגעסן יידיש ברויט מיט יידיש געבעקס.

און היינט?

היינט עסט מען מער „באַליאַס" (קליינע זעמעלעך) מיט „טאָרטיאַס"...

אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, האָבן מיר דאָ געהאַט אַ יידישן בעקער־פאַריין מיט זיבן יידישע בעקערס, און אַלע האָבן געהאַט פּרנסה.

היינט האָבן מיר דאָ בלויז פיר יידישע בעקערס, וואָס באַקן נאָך דאָס יידישע אויסגעברוינטע, געשמאַקע, לאַנגע קאָרנברויט, מיט געפלאָכטענע באַטעמטע חלות, אויסגעבאַקענע ראָזעווע ברייטלעך, אייער־קיכלעך און שטראָדל..

אַ שווערע מלאכה איז בעקעריי.

בעקעריי איז עפּעס אַ בחיפּזונדיקע, אַ כאַפּנדיקע, יאָגנדיקע מלאכה...

די ערשטע יידישע בעקערס וואָס האָבן געבאַקן „„טאָרטיאַס" (מצות) נאָך פאַר מעקסיקע, זיינען געווען די יידן וואָס זיינען אַנטלאָפן גיך פון מצרים...

זיי האָבן אַרויפגעלייגט די האַלב רויע טאָרטיאַס אויף די אַקסלען און געבאַקן די מצות לויפנדיק...

פון דעמאָלט אָן דערקענט מען אַ בעקער נאָך די פאַרמעליקדיקע אַקסלען...

אַ בעקער האָט דאָך קיין מאָל נישט קיין צייט. איר האָט שוין געזען אַ בעקער זאָל זיך אָוועקזעצן עסן? אַ בעקער עסט נישט, נאָר כאַפּט עפּעס איבער...

איר שפּילט זיך מיט די בעקערס!

זיי זיינען דאָך דאָס אייבערשטע פון שטייסל... זיי זיינען דאָך מפרנס, שפּייזן די גאַנצע מענטשהייט...

נו, פּרואווט לעבן אָן אַ שטיקל ברויט, אדרבא, פּרואווט!

אָן דעם קולטור־צענטער קען מען ביי אונדז אין מעקסיקע לעבן... אָבער אָן אַ שטיקל לחם, אָן דעם שטיקל ברויט — לא מיט אַ גרויסע אלף!... ניין, הייסט דאָס.

נעמט צו דאָס שטיקעלע ברויט און די מענטשן ווערן מיט אַמאָל אויס קנאַקערס...

ס׳הייבן זיך באַלד אָן בונטן מיט רעוואָלוציעס...

מיט בעקערס טאָר מען זיך נישט שפּילן, אַז זיי זאָגן, אָן ברויט קען מען נישט לעבן, ווייסן זיי וואָס זיי רעדן.

אפילו אָן טאָרטיאַס קען מען אויך נישט אויסקומען אין מעקסיקע.

אַן רייז, דאָס כינעזישע און יאַפּאַנישע ברויט, קען מען אין כינע און אין יאַפּאַניע אויך נישט אויסקומען...

פרעגט יעדן הונגעריקן, וועט ער אייך באַלד זאָגן...

אַן אַמאָליקער בעקער, אַז ער האָט געוואָלט זען, צי דאָס ברויט איז שוין פאַרטיק, האָט ער אַרויסגעשאַרט מיט דער לאָפּעטע אַ הייס ברויט פון אויוון, געוואָרפן דאָס אין די הענט ווי אַ פּילקע, געקלאַפּט אויף דער אונטערשטער זייט מיט אַן איינגעבויגענעם פינגער צי ס'איז שוין גוט אויסגעבאַקן...

וועלכער ייד האָט דאָס געקענט עסן רוי האַלב־געבאַקן ברויט? פון האַלב־רוי ברויט האָט מען געקענט קריגן אַן אמתן בויך־ווייטיק...

דאָ, אין מעקסיקע, עסט מען די האַלב־רויע טאָרטיאַס און די מעקסיקאַנער פילן זיך, קיין עין הרע, געזונט און שטאַרק.

אונדזערע קינדער האָבן אויך אַ גרויסע הנאה פון די טאָרטיאַס...

דער היינטיקער בעקער באַנוצט זיך מיט מאָדערנע מיטלען ביים באַקן. מיט מעכאַנישע קנעטערס, מיט אַן עלעקטרישן אויוון, אָבער פאַרשלאָפן און פאַרמעליקט, איז ער פּונקט ווי דער אַמאָליקער בעקער...

פרעגט אומישנע אַ בעקער ווען ער אַרבעט און ווען ער שלאָפט, וועט ער אייך מאָדנע אָנקוקן און נישט וויסן וואָס צו ענטפערן...

אַמאָל איז די יידישע בעקעריי געווען אַ קליינע הויז־אינדוסטריע.

אַז אַ באַלעבאַטישער ייד האָט נישט געהאַט קיין פּרנסה, איז ער געוואָרן אַ מלמד... און דאָס ווייב האָט אָפּגעבאַקן אַ געבעקס־ברויט, ראָזעווע אָדער געבייטלטע גרויסע, קיילעדיקע ברויטן און זיי פאַרקויפט די גויים אויפן מאַרק.

כמעט, יעדע יידישע פרוי איז דאָך געווען אַ גאַנצע עקספּערטין אין חלות־באַקן, אין פלעכטן קוילישן, אין באַקן אייערקיכלעך אָדער מאַכן אַ גוטן לאָקשן־קוגל...

אַ כלה־מיידל וואָס האָט ניט געקענט פאַרקנעטן אַ טייג אויף קיכלעך, אָדער כאַטש אויסוועלגערן אַ בלאַט לאָקשן, איז דאָס געווען אַ גרויסער חסרון צו אַ שידוך...

דאָ, ביי אונדז אין מעקסיקע איז דאָס באַקן טאָרטיאַס, אויך אַ הויז אינדוסטריע.

וועלכע מעקסיקאַנער פרוי אָדער מיידל קען דאָס נישט אַליין באַקן טאָרטיאַס?

עס זיינען טאָקע דאָ צענדליקער קליינע מילן, וואָס מאָלן מאַיז און מאַכן דאָס טייג פאַר די קליינע טאָרטיאַס־פאַבריקלעך.

דאָס קנעטן און באַקן די טאָרטיאַס, איז אין מעקסיקע אַ פאָלקס־אינ־דוסטריע, פונקט ווי דאָס וועבן די שיינע, קאָלירטע, „סאַראַפּעס".

אין די דערפער האָבן די פרויען טונקל־גרינע שטיינער אויף וועלכע זיי צערייבן מיט אַ שטיינערן וואַלגער־האָלץ די נאַסע מאַאיז און מאַכן אַ ווייכן טייג און באַקן אַליין טאָרטיאַס פאַר דער גאַנצער פאַמיליע.

אין די גרעסטע טאָרטיאַ־פאַבריקלעך, שטייט אין מיטן צימער אַ גרוי־סער פירקאַנטיקער אויוון מיט ברענענדיקע קוילן, איבערגעדעקט מיט אַ גרויסער הייסער בלעך. איז טאָקע אינטערעסאַנט צו זען ווי עס שטייען אַרום אויוון עטלעכע פרויען, זיי רייסן אָפּ אַ שטיקל פון אַ גרויס שטיק טייג, וואָס ליגט אויף אַ טישל, מאַכן דערפון גיך מיט די הענט אַ קיילעכיק קנײדל, פּאַטשן און גלעטן דאָס קנײדל מיט בײדע הענט, לייגן דאָס איבער הין און צוריק, ביז ס'ווערט אַ דין קליין, קיילעכיק מצהלע.

לייגט מען דאָס מצהלע אויף דער הייסער בלעך, מ'דרייט דאָס איבער עטלעכע מאָל און — פאַרטיק!

כ'מיין, ס'איז שוין נישט פאַרטיק... ס'איז אַ האַלב נישט דערבאַקן מצהלע און דאָס איז די אמתע טאָרטיאַ...

די טאָרטיאַ־פּאַטשערינס פּאַטשן מיט בײדע הענט די טאָרטיאַ און זינגען דערביי צו די שיינע מעקסיקאַנער פאָלקס־לידער מיט אַ טערצע באַג־לייטונג...

פונקט, להבדיל, ווי די חסידים פלעגן זינגען הלל, ביים וועלגערן די מצה־שמורה...

„פולקע" איז דאָס נאַציאָנאַלע מעקסיקאַנער געטראַנק (פון דער מאַגעי־פּלאַנץ און ס'האָט אַ קאָליר ווי וואַסער מיט מילך), און די טאָרטיאַ, איז דאָס נאַציאָנאַלע ברויט.

דאָס פאָלק, די מעקסיקאַנער מאַסן טרינקען „פולקע" און עסן טאָרטיאַס. האָבן זיך טאָקע אונדזערע קינדער ממש פאַרליבט אין די טאָרטיאַס...

בעט זיך אַ מאַמע ביי איר קינד:

— כאַרכע קערידאַ, עס דאָס פלייש מיש אַ שטיקל ברויט.

ענטפערט דאָס יינגל:

נאָ מאַמאַ, נאָ קיעראָ עסטע פּאַן, כ'וויל נישט קיין ברויט, נאָ מע גוסטאַ, כ'האָב נישט ליב קיין ברויט. פּאָר פאַוואָר מאַמאַ, מעכאַר גיב מיר טאָרטיאַס.

איז טאַקע די טאָרטיאַ, פאַר די קינדער גרינגער צו עסן ווי ברויט...

זיי גיבן אַ בייג איין די ווייכע טאָרטיאַ און נעמען אַן, ווי מיט אַן איינגעבויגענעם לעפל... אַ ביסל רייז, פריכאָלעס אָדער שטיקעלעך פלייש און גלייך אין מויל אַריין!

זיי זיינען זיך פשוט מחיה, די קינדער אונדזערע, מיט אַזאַ „טאַקאָ", פונקט ווי מיר עסן קרעפלעך, קנישעס אָדער געפילטע קישקע...

איך שפּילט זיך מיט די טאָרטיאַס!

ס'איז שוין באַלד נישטאָ קיין איין יידיש הויז, וואו מ'עסט נישט קיין טאָרטיאַס...

די טאָרטיאַס שטופן נעבעך אַרויס ביסלעכווייז, אונדזער געשמאַק יידיש שטיקל ברויט...

יאָ, ס'איז טאַקע אַ גרויסע סכנה, אַז אונדזער געשמאַק יידיש ברויט מיט דער באַטעמטער געפלאָכטענער חלה, זאָל חלילה אינגאַנצן אַרויסגע־שטופּט ווערן פון יידישע היימען אין מעקסיקע...

אָבער, לא אלמן ישראל!

נישקשה, גאָט פאַרלאָזט נישט!

אין דער אַנדערער זייט פון ריאָ גראַנדע, אין די שטאַטן, האָט נאָך דווקא אונדזער יידיש שטיקל ברויט אַ גרויסן פּרעסטיזש...

אין די שטאַטן איז יידיש ברויט און יידיש געבעקס אַ שטאַרק אַנגעלייג־טער, גוטער גאַסט אין אַלע יידישע הייזער.

אין די שטאַטן איז יייִדיש געבעקס און יידיש ברויט אַ גרויסע אינ־דוסטריע, אַ יידיש־נאַציאָנאַלע אינדוסטריע, פונקט ווי שניידעריי...

אין יעדער שטאָט וואו יידן וואוינען איז דאָ אַ יידישע בעקעריי, וואָס באַקט דאָס יידישע געשמאַקע ברויט מיט יידיש געבעקס.

די אַמעריקאַנער יידן, אפילו די קינדער, דערכאַפּן זיך דאָס האַרץ מיט אַ שטיקל יידיש ברויט.

אין די שטאַטן איז באַרימט, באַשיינט און באַקריינט אונדזער יידיש שטיקל ברויט.

אויב אַ סך גויים האָבן דאָרט נישט איבעריק ליב די יידן, האָבן זיי אָבער ליב דאָס יידישע געשמאַקע ברויט...

איך שפּילט זיך עפּעס מיט „ראַי־ברעד", מיט יידיש קאָרן־ברויט!

די יידן אין אַמעריקע האָבן אויסגעלערנט די איטאַליענער און נעגערס שניידעריי און די גויים, עסן געשמאַק יידיש ברויט... ראַי־ברעד!

אין די צייטונגען קענט איר געפינען גאָר גרויסע אַנאָנסן פון יידיש ברויט מיט געשמאַק יידיש געבעקס...

אָבער ביי אונדז אין מעקסיקע, לעבט איבער דאָס יידישע שטיקל ברויט זייער אַ שווערע צייט...

ווי איז מיר!

וואָס טוט מען פאַרט, אַז אונדזערע קינדער, זאָלן געזונט זיין, ווילן בעסער עסן טאָרטיאָס און נישט קיין ברויט?...

ווי גוטע, געטרייע מעקסיקאַנער בירגער, האָבן זיי ליב און לעקן די פינגער פון די מעקסיקאַנער מאכלים:

ענטשילאַדאָס, טאַקאָס, אַראָז אַ לאַ מעכיקאַנאַ, פריכאָלעס, און מער פון אַלץ:

טאָרטיאָס, טאָרטיאָס!

ווען אַ יידיש ייגגל הערט ווי אַ מעקסיקאַנער פאַרקויפער רופט אויס:

טאַקאָס כאָוועץ, טאַקאָס!

וואָסערט אים דאָס מויל, און ער וואָלט שוין געוואָלט עסן אַ היימיש געמאַכטע טאַקאָ... (שטיקעלעך פלייש איינגעוויקלט אין אַ טאָרטיאַ).

און דאָס וויכטיקסטע איז די טאָרטיאַ.

יאָ, ס'איז דאָ איין מיטל, ווי אַזוי צו דערהאַלטן דעם פרעסטיזש און גוטן נאָמען פון אונדזער געשמאַק יידיש ברויט און געבעקס:

די יידישע בעקערס זאָלן אויך אָנהייבן באַקן — יידישע טאָרטיאָס...

באַקט כשרע טאָרטיאָס!

וועלן טאַקע די יידישע בעקערס האָבן אַ גוטע פרנסה...

און די יידישע קינדער וועלן קענען איינוויקלען זייערע ענטשילאַדאָס און טאַקאָס אין ווייכע, כשרע יידישע טאָרטיאָס...

באַקט יידישע טאָרטיאָס!

II

די פאַמיליע טיניפּאַצקי

ערשטע סעריע

יענטע טיניפּאַצקי

(מאָנאָלאָג)

— ניין, ס'איז נישט גוט צו זיין רייך. ס'איז נישט גוט צו זיין קיין גבירטע, נאָך דערצו אַ גבירטע אין מעקסיקע.

איר הערט? ס'טויג נישט!

ווען מ'רעדט מיט מיר, איז אדרבא, מיט אַ שמייכעלע, מיט אַ חניפהלע: סעניאָראַ טיניפּאַצקי אַהין, סעניאָראַ טיניפּאַצקי אַהער.

אָבער אונטער די אויגן? ווי איז מיר! אַלע ווייבער זיינען דאָך מיר מקנא, באַרעדן מיך פון אַלע זייטן. מ'פאַרגינט דאָך מיר נישט דאָס שטיקל ברויט.

נו, לוינט זיך צו זיין אַ נגידתטע?

וואָס בין איך שולדיק, אַז איך בין רייך? און וואָס האָב איך פון מיין גאַנץ עשירות, אומשטיינס געזאָגט!

איך וואוין זיך טאַקע אין דער אַריסטאָקראַטישער קאָלאָניע „פּאָלאַנ־קאָ", אַ גרוס שיין הויז, אַ פּאַלאַץ, זאָג איך אייך, צוועלף צימערן, מיט אַ „האָל" און מיט אַ, אַ, ווי הייסט דאָס דאָרטן? מיט אַ, אַ, טעראַסע. און וואָס מיינט איר האָב איך פון דעם? קאָפּ דרייעניש, מער גאָרנישט!

איך בלאָנדזשע אַרום ווי אַ פרעמדע, פון איין צימער אינעם אַנדערן.

אַז כ׳גיב אַ קלונג נאָך אַ דינסט, לויפן אַרום די פיר דינסטן אין אַלע צי־מערן, ביז זיי געפינען מיך.

אַרום טיש אין עסצימער קאָנען זיצן זעכציק מענטשן. זיץ איך אין איין זייט טיש, מיין מאַן קעגנאיבער מיר, די טאָכטער מיינע אין דערמיט טיש און קעגנאיבער איר דאָס יינגל מיינס.

די דינסט הייבט אָן דערלאַנגען דאָס עסן, דאַרף זי נעבעך גיין אַרום און אַרום טיש. און די שטולן? ווי איז מיר!, צו וואָס דאַרף מען אַזעלכע הויכע, שווערע שטולן? מען זעט דאָך קיינעם נישט אַרויס...

אַמאָל, נישט היינט געדאַכט, ווען כ׳האָב אַליין אָפּגעקאָכט דאָס טעפּל מיטן איינגעדעמפּטן שטיקל פלייש, מיט אַ פּערל־גרויפּן זופּ, אַ קלאָפּס; אַליין צעשניטן דאָס ברויט, אַליין געמאַכט דעם הערינג מיט ציבעלע, מיט עסיק, האָט דאָס עסן געהאַט טויזנט טעם, און היינט? כ׳זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, רבונו של עולם, דאָס עסן האָט דאָך נישט קיין יידישן טעם!

נו, וואָס האָב איך פון מיין רייכקייט, פון מיין לוקסוס, פון „פּאַלאַקאַ״?

וואָס זענט איר מיך מקנא, וואָס? מיט מיינע קאָטשעס, מיט מיינע ברי־ליאַנטן, וואָס האָב איך פון דעם?

אַ שמיקל גליק, הערט איר, וואָס ס׳איז נאָך דאָ מיט וועמען צו מאַכן אַ פּאָקער. מ׳דאַרף דאָך פּטרן די צייט, מ׳קאָן דאָך משוגע ווערן אַרומ־דרייען זיך ליידיק אַ גאַנצע טאָג...

און ביים פּאָקער מיינט איר איז בעסער? ס׳הייבט זיך נישט אָן!

וועלכע שלעפּערקע שפּילט דען נישט היינט אין פּאָקער? מ׳ווייסט דען מיט וועמען מ׳גייט צום טיש, מיט וועמען מ׳שפּילט?

שטעלט מיר אַ פּאָקערניצע אַ לאַנגע „פּיטשאַ״ פון 25 פּעזעס, לייג איך איר אַוועק אַן איי, אַ קיילעכדיקע „פּיטשאַ״ פון אַ פּופּציקער. נו, וואָס מיינט איר? הייבן אָן פליען פּופּצקערס, ווייל איך דאָך ווייזן, אַז איך בין עפּעס יענטע, יענטע טיניפּאַצקי, שטעל איך אַ הונדערטער, כ׳זאָל אַזוי האָבן נחת פון מיינע קינדער, ווי אַ גאַנצן הונדערטער...

נו, וואָס קלערט איר? ענטפערט מען מיר אַ הונדערטער! און ווער מיינט איר? עפּעס אַ שלעפּערקע, אַ קבצנטע, אַ שלומפּערקע, וואָס פאַרמאָגט נישט מיין מיסט...

זאָג איך צו איר: סעניאָראַ, וואָס דאַרפט איר פאַרשפּלן דעם לעצטן הונדערטער, איר וועט דאָך נישט האָבן מיט וואָס צו גיין מאָרגן אין מאַרק אַריין... וואָס קריכט איר אויף קבר אבות?

ענטפערט זי מיר בייז: נישט אייער באָבעס דאגה! ווייזט וואָס איר האָט, סעניאָראַ טיניפּאַצקי.

אַזאַ חוצפּה! אַזאַ שנאָרערקע גלייכט זיך צו מיר אַזאַ הם!! הונדער־טערס! הונדערטערס!

איך מעג, איך קאָן, איך בין יענטע טיניפּאַצקי!

נו, קאָן מען נישט צעזעצט און צעשפּרונגען ווערן פאַר פאַרדראָס? מע קאָן דאָך שוין באַלד קיין לייטישן פּאָקער נישט מאַכן!

שאַט, וואָס דאַרפט איר בעסער די ווייבער ווילן דאָך מיך דעריאָגן און איבעריאָגן.

אַנומלט קויף איך זיך אַ קאַראַקולן מאַנטל פאַר פיר טויזנט פּעזעס. אַהאַ! אין עטלעכע טעג אַרום זע איך שוין מיינע באַקאַנטע טראָגן קאַראַקו־לענע מאַנטלען...

קויף איך מיר אַ קאַפּאַ פון זעקס פוקסן, אַהאַ! מ׳טראָגט שוין די זעלבע קאַפּאַס.

מיט עטלעכע חדשים צוריק, איז דער שלימזל מיינער געפאָרן אין די שטאַטן, האָט ער מיר געקויפט אַ סאַלע, אַ צאַצקע זאָג איך אייך! פופצן טויזנט פּעזעס אַ סאַלע! איינע אין מעקסיקע!

און וואָס מיינט איר? אין עטלעכע וואָכן אַרום, אַהאַ! טרעף איך ביי מיינער אַ באַקאַנטער די זעלבע סאַלע.

נו, קאָן מען אויסהאַלטן, האַ?

קויף איך אַ „טאַפּעטע", אַ טעפּיך פאַר אַכט טויזנט פּעזעס. ביי אונדז אין שטעטל איז אפילו דער גרעסטער שררה, נישט געגאַנגען אויף אַזאַ טייערן טעפּיך. ס׳גייט זיך עפּעס אַזוי שטיל, ווייך, ווי אויף אַ פוכן איבער־בעט, ווי אויף אַ פערינע, איר זענט עפּעס אַ מבין אויף טעפּיכער?

אַ כינעזישער טעפּיך איז פוכקע, דיקלעך, ווייך ווי אַ קנײדל, און אַ פּערסישער טעפּיך איז שטייף ווי אַן אויסגעבאַקן פּסחדיק כרעמזל.

ביי אונדז אין שטעטל האָט מען אַלע פרייטיק גענומען אַ לאָפּעטע, אַ רידעל און אַראָפּגענומען די בלאָטע פון דער פּאָדלאָגע און אויסגעשיט מיט זאַמד, און דאָ גייט מען אויף „טאַפּעטעס", אַזאַ מחיה!

נו, וואָס מיינט איר? לויפט מיין שכנה און קויפט צוויי טעפּיכער, אַ כינעזישן און אַ פּערסישן פאַר צען טויזנט פּעזעס...

קויף איך מיר אַ הענג־לאָמפּ פאַר דער סאַלע פאַר זעקס טויזנט פּעזעס. זע איך באַלד דעם זעלבן לאָמפּ אין אַן אַנדערער סאַלע.

נו, קאָן מען נישט קראַנק ווערן פון פאַרדראָס?

דערפאַר אָבער, גיי איך זיך לאָזן מאַכן אַזאַ לאָמפּ פאַר דער סאַלע, אַז קיינער וועט מיר נישט קאָנען נאָכמאַכן...

איר זעט? אַזאַ גרויסן קיילעכיקן זשיראַנדעל, וואָס זאָל פאַרנעמען אַ האַלבן סופיט. אָט אַזוי! פון ריינעם קרישטאָל, מיט אַ סך געשליפענע גלעזלעך אַרום און אַרום.

יענטע טיניפּאַצקי קאָן זיך פאַרגינען!

און פון מיין אייגענעם שלימזל, דעם מאַן מיינעם, מיינט איר האָב איך נישט קיין צרות מיט הארץ ווייטיק?

אָט פאַלט אים איין אַ נייער שמע־קולנו אין קאָפּ אַריין... ער וויל זיך קויפן אַ גרויסע יידישע ביבליאָטעק, די גרעסטע יידישע ביבליאָטעק אין מעקסיקע, אַזאַ איינפאַל גאָר!

בייטל איך אויס צו אים אַלע מיינע בייזע חלומות. משוגע צי חסד־דעה? אַ ביבליאָטעק אין מיטן דערינען! ווער מיר ביבליאָטעק? וואָס מיר ביבליאָטעק? דו לייענסט עפּעס אַ סך יידישע ביכער? האָסט צייט אַריינצוקוקן אין אַ יידיש בוך? ביסט דאָך שטענדיק פאַרנומען.

אַ גאַנצן טאָג ביסטו אין געשעפט, ביינאַכט כאַפּסטו אַריין אַ פּאָקערל, זונטיק פאָרסטו אויף דאַטשע, און די קינדער נעמען דאָך בישט אין דער האַנט אַריין קיין יידיש בוך...

וואָס זשע דאַרפסטו אַ פּאַפּירענע מצבה אין שטוב אַריין?...

זעט איר, אַנשטאָט אַ ביבליאָטעק קויף איך מיר גלייכער אַ ביסל זילבער אין שטוב אַריין.

יענטע טיניפּאַצקי האָט שכל קאָפּ! וואָדען? קאָפּ!

אַמאָל, נישט היינט געדאַכט, אין דעם קליינעם, חושכדיק, בלאָטיקן שטעטל, איז ביי אונדז אין שטוב געווען פיר מעשענע לייכטער מיט אַ קופּערנעם ראַנדעל, אַ פאַן צו קאָכן פיש.

האָב איך אַלע פרייטיק געדאַרפט שייערן, רייבן און פוצן די לייכטער לכבוד שבת. כ'האָב אַזוי שטאַרק מקנא געווען די, וואָס האָבן געהאַט זילבערנע לייכטער...

היינט האָב איך אַלץ פון זילבער... איי, האָב איך ליב זילבערנע זאַכן!

כ'האָב אַ זילבערנע טאַץ אַ גראָבע, אָט אַזוי די גרעב, איר זעט? זי וועגט אַכט קילאָ. אַ זילבערנעם טשייניק, קריגלעך, טעפּלעך, לעפל, מעסער, גאָפל. אַלץ פון זילבער פון ריינעם זילבער!

אויף אַלע שענקלעך, אויפן בופעט, אויף דער קאָמאָדע שטייט אָנגעשטעלט זילבערוואַרג.

ס׳איז אַזאַ מחיה צו קוקן אויף אַזוי פיל זילבערנע זאַכן. ס׳בלישטשעט, ס׳שיינט, ס׳לייכט פון אַלע זייטן...

אַ ביבליאָטעק וויל ער גאָר? זילבער! וואָס מער זילבער!

כ׳וויל אייך אויסזאָגן אַ סוד, ס׳זאָל דערווייל בלייבן צווישן אונדז.

מ׳קאָן דאָך שוין באַלד אין דער קאָלאָניע „פּאָלאַקאַ״ אויך נישט וואוינען.

הערט אומישנע אַ שיינע מעשה, נאָר אַ קורצע.

כ׳פּאָר מיר אַזוי אין דער קאַטשע מיינער, דערזע איך עפּעס אַ באַ־קאַנטע פּרוי, שטעל איך זיך אָפּ און גיי צו איר צו מיט אַ ברייטן האַלאָ! בוענאָס טאַרדעס! וואָס מאַכט איר סעניאָראַ? איר דערקענט מיך נישט?

קוקט זי מיך אָן אַ ביסל, באַטראַכט מיך פון אַלע זייטן און גיט אַ פּאַטש מיטביידע הענט: אוי ווי איז מיר! איר זענט דאָך, דאַכט זיך מיר, סעניאָראַ טי, טי, טיניפ... — אַצקי, אַצקי, העלף איך איר אַרויס, טיניפּאַצקי. איך בין סעניאָראַ טיניפּאַצקי.

זאָגט זי מיר, אַז זי דערמאָנט זיך, ווען מיר האָבן געוואוינט מיט צוועלף יאָר צוריק אין איין הויף, אויף כעסוס מאַריאַ...

פרעג איך איר שוין, וואָס זי טוט אין „פּאָלאַנקאָ״. ענטפערט זי מיר, אַז זי וואוינט דאָ. קאָן איך זיך שוין נישט איינהאַלטן און פרעג איר: ווי קומט איר עפּעס צו וואוינען אין „פּאָלאַנקאָ״? ענטפערט זי מיר שוין בייז־לעך: וואָס וואונדערט איר אייך אַזוי? פריער האָב איך געוואוינט אין כעסוס־מאַריאַ, דערנאָך אין תל־אביב היפּאָדראָמאַ, און איצט וואוין איך אין פּאָ־לאַנקאָ. אייך שטייט אָן צו וואוינען אין פּאָלאַנקאָ און מיר נישט? ווי לאַנג איז, אַז איר האָט געוואוינט אין כעסוס־מאַריאַ אין דריי ענגע, קליינע צימערלעך? שטייט נישט אַזוי גרויס! מ׳קאָן אייך, סעניאָראַ טיניפּאַצקי!

זע איך דאָך, אַז כ׳האָב דאָ צו טאָן מיט אַ פּראָסטער יידענע, זאָג איך איר אַ קאַלטן אַדיאָס און גיי מיר אַוועק.

קום איך באַלד אַהיים בייז אַ באַליידיקטע, אָנגעדרודלט און זעץ מיך אַוועק אַ ברוגזע אין דער סאַלע.

דער מאַן מיינער זיצט אין אַ ווייכן פאָטעל און איז פאַרטיפט אין אַ צייטונג. איך זיץ אויפגערעגט און באַטראַכט מיר דערווייל די שיינע מאַ־ניקירטע נעגל מיינע: אוי, רבונו של עולם! זע נאָר וואָס ס׳איז געוואָרן פון דער אַמאָליקער יענטע. אַמאָל האָבן די הענט מיט די מאַניקירטע, אָפּגע־פאַרבטע נעגל געהאָרעוועט, געוואַשן וועש, געוואַשן פּאָדלאָגעס, ווײַ איז מיר! געריבן טעפּ, פאַרברענט זיך די פינגער ביים אויוון מיט די פּייערקעס,

ווי איז מיר! און היינט, היינט? פינגער ווי ביי אַ פּריצטע, ווי ביי אַ גרעפין! איר זעט פינגער? שיין ווי גאָלד! יענטע טיניפּאַצקי מיט אָפּגעפּאַרבטע נעגל!...

כאַקבאַ, כאַקאַביטאַ, זאָג איך שטיל צום מאַן מיינעם, קום נאָר אַהער, כ׳וויל דיר עפּעס זאָגן. מאַכט ער זיך נישט הערן, דער שלימזל מיינער, און לייענט ווייטער. גיב איך שוין אַ געשריי הויך: יאַנקל, יאַנקל פּייפּער! קום אַהער! דערשרעקט ער זיך און לויפט גיך צו מיר צו, נעמט מיך צערטלעך אַרום, קוקט מיר אין די אויגן אַריין מיט אַ זיס שמייכעלע, מיט ליבשאַפט, פּונקט ווי ער וואָלט מיט מיר ערשט נעכטן געשטאַנען אונטער דער חופּה...

וואָס איז דיר יענטעלע? עפּעס ביסטו מיר ברוגז, ווייבעלע מיינס, וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק, נשמה מיינע? טייבעלע מיינס, וואָס איז דיר? כ׳וויל דו זאָלסט מיר עפּעס קויפן, זאָג איך אים שטיל, געלאַסן. קויף מיר עפּעס, טייערער!

וואונדערט ער זיך: קויפן? וואָס זאָל איך דיר קויפן? ס׳פעלט דיר עפּעס? האָסט אַ שיין הויז, אַ קאַטשע, ברילִיאַנטן, דינסטן, צוויי קליינע הינטעלעך, אַ קאַלטן בופעט מיט אַ רולעטקע. וואָס זשע זאָל איך דיר קויפן, טייערע מיינע?

זאָג איך אים שוין צערטלעך מיט אַ ווייך קול: כ׳וויל יאַנקל, כ׳וויל זאָלסט מיר קויפן אַ זאַך, וואָס קיינער האָט נאָך נישט. קויף מיר, מיין ליבער טייערער מאַן, קויף מיר אַ קאַלאַניע!

גיט ער ראַפּטום אַ שפּרינג אויף. ווי אַן אָפּגעבריטער און צעלאַכט זיך הויך: כאַ, כאַ, כאַ, כי, כי, כי, כאַ, כאַ, כאַ! אַ קאַלאַניע? אַ קאַלאַניע זאָל איך דיר קויפן? כאַ, כאַ, כאַ! גיטס איר אַ קאַלאַניע גיטס איר!

גיב איך זיך אויך אַ שטעל אויף און צעשריי זיך הויך: וואָס איז דאָס פּאַראַ געלעכטער? יאַנקל פּייפּער! וואָס האָסטו זיך אַזוי צעלאַכט? פּייפּערוק!

און כ׳זאָג אים באַלד אין אַ ווייענדיק קול אָנגעזאָפּט מיט טרערן: האָסט נישט קיין פּיצל רחמנות אויף מיר, דו שאַנעוועסט מיך נישט. כ׳קאָן שוין נישט אויסהאַלטן: כ׳קאָן שוין מער נישט וואוינען אין דער קאַלאַניע „פּאַלאַקאַ״. כ׳קאָן נישט!

דאָ וואוינען שוין אַלע שלעפּערס, אַלע שנאָרערס. ווער ס׳האָט נאָר עטלעכע פּעזעס, קויפט זיך אַ „טערענאָ״, אַ פּלאַץ, אַ הויז אין „פּאַלאַקאַ״ אָדער אין „לאָמאַס״...

•

אין מעקסיקאַנער גן־עדן

כ׳וויל אַנטלויפן פון דאַנען. קויף מיר אַ קאָלאָניע! דו הערסט? כ׳וויל וואוינען איינע אַליין אין אַן אייגענער קאָלאָניע...

יאָ, כ׳גיי זיך שוין קויפן אַ קאָלאָניע. איר וועט זען. יענטע טיני־פּאַצקי וועט נאָך האָבן אַן אייגענע קאָלאָניע! אַדיאָס, אַדיאָס!

יאַנקל פּייפּער

(מאָנאָלאָג)

— מ'קאָן לעבן, נאָר מ'לאָזט נישט!

איר הערט? מ'לאָזט נישט!

מ'פאַרגינט מיר נישט, וואָס כ'בין אַ גביר, רייך, אַן עושר, אָנגע־שטאָפּט מיט געלט...

מ'פאַרגינט מיר נישט, וואָס איך לעב אַ גוטן טאָג!

די, אינטעליגענטן, די, די, ווי אַזוי רופט מען זיי? די כלל־טוער, פאַר־זאָרגער, די אידעאַליסטן, די שרייבער מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג, האַלטן מיך אין איין קריטיקירן, יאָדן מיך, זאָגן מיר מוסר, כ'זאָל אויפהערן ברענען אַ וועלט, כ'זאָל נישט אויפרייסן די אויגן ביי אונדזערע שכנים מיט מיין לוקסוס, מיט מיינע הוליאַנקעס, כ'זאָל האָבן אַ ביסל מער טאַקט... נישט לעבן אַזוי פאַרשווענדעריש...

וואָס אַרט דאָס זיי, אַז איך צעלאָז זיך אַ ביסל, צעפיר זיך אַ ביסל די הענט און לעב, ווי גאָט אין אַדעם... וואָס אַרט דאָס זיי, אַז יאַנקל פּייפּער ברענט? כ'האָב געלט, ברען איך! כ'קאָן זיך פאַרגינען, הוליע איך אויף וואָס די וועלט שטייט!

זאָגט מיר, כ'בעט אייך, וואָס אַרט דאָס די אינטעליגענטן, אַז סעניאָר כאַקאָבאָ טיניפּאָצקי לעבט זיך אַ ביסל ברייטער, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ גביר? ווי שטייט דאָרט אין הייליקן דאַוונען: כל זמן שהנשמה בקירבי — רייב מאַטיע! כ'מיין, רייב, יאַנקל פּייפּער!

מ'קאָן לעבן, נאָר מ'לאָזט נישט!

גלויבט מיר, אַז איך וויל גיב איך אויף זיי אַלע אַ גרויסן פייף: פ—פ—פ

—ש—ש—ש. און אַ סוף! אַז כ׳וויל פייף איך אויף דער גאַנצער וועלט. אוי. קאָן איך פייפן!

אַמאָל האָב איך געכאַפּט פייערדיקע פּעטש פון טאַטן מיינעם, פאַרן פייפן. אַ שייגעץ, האָט ער מיר געזאָגט, פייפט. אַ ייד זינגט אָדער שרייט. אַ גוי פייפט אָדער שלאָגט...

אָבער נישקשה, כ׳קאָן נאָך איצט אויך געבן אַ גוטן פייף, נאָר כ׳וויל נישט.

וואָס מיינט איר, האָב איך פון מיין גאַנץ רייכקייט? גאָרנישט מיט גאָר־נישט! כ׳האָב דען הנאה פון אַ ביסל היימיש עסן פון אַ לעפל געקעכץ? ס׳הייבט זיך גאָרנישט אָן! אַ נעכטיקער טאָג!

איר האָט מיך גאָרנישט, וואָס מקנא צו זיין מיט מיין עשירות, מיט מיין וווילטאָג...

אַמאָל, נישט היינט געדאַכט, האָב איך געהאָרעוועט, געפּראַצעוועט, שווער און ביטער. געשלעפּט אויף זיך אַ פּעקל זאָקן מיט קראַוואַטן איבער די גאַסן און געזוכט „מאַרטשאַנטעס". געפּאָרן אויף די מערק מיט אַ שווערן קאַסטן שטאָלוואַרג, אָדער געקלאַפּט אין די טירן נאָך אַן „אַבאָנאַ".

אָבער, ווען כ׳בין געקומען אַהיים נאָך דער אַרבעט, האָב איך זיך אָרומ־געוואַשן, געזעצט זיך צום טיש און מיין יענטעלע, זאָל געזונט זיין, האָט מיר דערלאַנגט דעם געשמאַקן באָרשטש מיט אַ גרויסן ביין, געהאַקטע לעבער מיט ציבעלע, אַ קרופּניק מיט אַ קוגעלע, אַ געפילט העלזל, אַ פלוימען צימעס, האָב איך טאַקע געהאַט הנאה פון עסן. כ׳האָב זיך דאָך מחיה געווען מיט מיין יענטעס מאכלים...

איי, קאָן זי קאָכן! נאָר זי וויל נישט, זי וויל נישט!

טענה איך צו מיין יידענע: יענטע קרוין, דערבאַרם זיך, האָב רחמנות און קאָך מיר אַליין אָפּ אַ ביסל יידיש עסן, ווי אַמאָל, צעלאַכט זי זיך און ענטפערט מיר בייז: איך זאָל שטיין אין קיך? נונקאַ! דו הערסט יאַנקל פייפער? נונקאַ! קיין מאָל נישט, סעניאָר! גענוג געקאָכט! גענוג פאַרשוואַרצט געוואָרן אין קיך, גענוג! כ׳האָב דינסטן, זאָלן זיי קאָכן, פּרעגלען און באַקן.

שטאָפּן זיי מיך, די דינסטן, מיט "פּאַיאַ", מיט „מאָלע", מיט רויע ביפשטיקן און מיט „פּאַסטעלן". ס׳קריכן מיר שוין פון האַלדז די ביפשטיקן מיט די פּאַסטלען...

געוואַלד, גיט מיר גלייכער אַ הייסן באָרשטש! אַ ביסל גריץ, גע־האַקטן הערינג, אַ ביסל מייערן־צימעס, אַ ביסל וואַרעניע, מאַלינעס־סאָק! נו, דאַרפט איר מיך מקנא זיין, האַ?

כ׳בין רייך, כ׳לעב אין ראַסקאַש, וואָס האָב איך פון מיין לעבן? גלויבט מיר, אַז די קבצנים לעבן אַ סך בעסער ווי איך...

דערפאַר אָבער, ווען איך כאַפּ זיך אַריין מיט מיינע „אַמיגאָס" אין אַ רייכן קאַבאַרעט, גיב איך שוין אַ הוליע און לאָז זיך וואויל גיין, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין!

כ׳עס די אמתע וועטשערע, כ׳דערכאַפּ זיך דאָס האַרץ מיטן אמתן ביסל קאָניאַק. נאָך אַ „קאַפּאַ" און טאַקע נאָך אַ גלעזל. דער אָרקעסטער שפּילט, די אויסגעפּוצטע סעניאָריטאַס גלאַנצן מיט די פייערדיקע אויגעלעך. ס׳ווערט מיר עפּעס אַזוי וואַרעם אויפן האַרץ, סאַראַ מחיה!

אוי, האָב איך חשק צו נעמען אַזאַ אײדל, שיין סעניאָריטאַלע אין מיינע אָרעמס און כאַפּן אַ טענצל. נאָר עפּעס בין איך שוואַך אויפן טריט... כ׳הייב די פּלייצעס ביים טאַנצן... זיץ איך גלייכער און קוק, ווי אַ הייסע, קאָכעדיקע שפּאַנישע טענצערין, פּליט, פלאַטערט, טאַנצט און שוועבט מיט די שלאַנקע, געטאָקטע, דינע פיסלעך. זי פלאַקערט, ברענט ביים טאַנצן. איך ברען אויך... כ׳וואַרף זיך מיט הונדערטעס!...

אַמאָל, נישט היינט געדאַכט, האָב איך געגעסן ביים „טשינאַ" אַ גאַנצן מיטאָג פאַר פופציק סענט, און היינט? היינט פליען די הונדערטערס. נאָך אַ הונדערטער! נאָך אַ הונדערטער! ס׳פעלט מיר געלט, פעלט מיר? יאַנקל פייפער קאָן זיך פאַרגינען! וואָס אַרט דאָס די אידעאַליסטן, די אינטעליגענטן, אַז איך פאַרווענד און פאַרשווענד מיין געלט ווי איך וויל?

יעדער אינטעליגענט, יעדער פלאַסקעדריגע, יעדער שלעפּער זאָגט מיר אַ דעה, ווי אַזוי כ׳זאָל לעבן...

ווער ס׳האָט די מאה, דער האָט די דעה! כ׳האָב געלט, מאַך איך הוליאַנקעס!

וואָס בין איך שולדיק, אַז איך האָב דאָס ביסעלע מזל, כ׳האָב זיך אַרויפגעאַרבעט, כ׳בין רייך, און זיי, די אינטעליגענטן, די דעה-זאָגערס, זיינען געבליבן שלימזלס, לא יצלחס, קבצנים אין זיבן פאַלעס. וואָס בין איך שולדיק, וואָס?

האָסטו געזען אַ ביסל? אַזעלכע אינטעליגענטן!

איר מיינט אַז כ׳בין חלילה אַ שלעכטער מענטש, אַ קאַרגער, אַן איינברענגער? ס׳הייבט זיך נישט אָן! אדרבא, כ׳האָב אַן אָפענע האַנט. מ׳קומט אַריין צו מיר נאָך אַ נדבה, אַביישטייערונג, איז מיטן גרעסטן כבוד!

כ׳האָב זיך נאָר ליב אויסצופרעגן, צו וואָס דאַרף מען אַזוי פיל געלט,

און וויפל ס'האָט געגעבן מיין שכן. כ'הייס די נעמערס וואָרטן אַ ביסל, וואָס־זשע, זיי האָבן נישט קיין צייט? און דערלאַנג זיי אַ הונדערטער, איר הערט? אַ גאַנצן הונדערטער, ווי כ'בין אַ ייד!

כ'בעט נאָר די נעמערס, זיי זאָלן חלילה נישט פאַרגעסן אַריין צו שטעלן מיין נאָמען אין צייטונג: סעניאָר כאַקאַבאַ טיניפאַצקי און אָן גרייזן... איר פאַרשטייט, ס'קאָסט געלט!

בין איך גערעכט, צי נישט?

מ'קומט מיר פאַרקויפן אַ בוך פון אַ יידישן שרייבער, קויף איך דריי ביכער. כ'וועל גיין זשאַלעווען די פעזע? אַ בוך איז אַ נוצלעכע זאַך. איך אַליין האָב נישט קיין צייט צו לייענען ביכער, ווער האָט דאָס געדולד צו לייענען ביכער? כ'קויף באַלד אויסגעלייענטע ביכער... זיי קומען צונוץ!

איר פאַרשטייט, אַז כ'גיי אויף אַ בר־מצוה, אויף אַ קומפלע־אַניאָס, שענק איך אַ „רעגאַלאָ" די געקויפטע ביכער. אַ בוך קומט צונוץ!...

נו, וואָס האָט מען צו מיר? וואָס זשע טשעפּען זיי מיך, די אינטע־ליגענטן? וואָס־זשע איז מען מיך אַזוי מקנא מיט מיין גבירישקייט, מיט מיין פּאַלאַץ אין „פּאַלאַנקאַ" ?

שאַט, וואָס דאַרפט איר בעטער, אַז איך קאָן דאָך נישט איינזיצן אפילו אין מיין רייך הויז! ס'יאָגט מיך אַרויס פון מיין שיין, אויסגעפוצטע שטוב. כ'האָב דאָך נישט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן!

מיין יידענע גייט אַלע נאַכט ערגעץ אַוועק מאַכן אַ פּאָקער, די טאָכטער מיינע גייט אין „סינע", און דאָס יינגל גייט שלאָפן. נו, מ'איז דאָך אַ לע־בעדיקער מענטש, גיי איך אויך מאַכן אַ פּאָקער...

און ביים פּאָקער מיינט איר איז בעסער? ווייסיך וואָס! ס'איז היינט אַ ריזיקע זיך צו זעצן צום טיש מיט אַ פעשל קאָרטן. ווער שפּילט דען היינט נישט אין פּאָקער? אַלע קבצנים, אַלע שנאָרערס, מ'איז דאָך אפילו נישט זיכער מיט די טשעקן...

ווען איך שפּיל, וויל איך זען מזומנים. איר פאַרשטייט? דגים איז פיש — און געלט אויפן טיש!

זיצט לעבן מיר עפּעס אַ יידל אַ נערוועזער, אַ דערשלאָגענער, די הענט ציטערן ביי אים, ווען ער שטעלט נעבעך איין דעם לעצטן הונ־דערטער...

זאָג אים שטילערהייט: רעב ייד, צו וואָס זאָלט איר פאַרשפּילן דעם לעצטן הונדערטער? איר דאַרפט דאָך מאָרגן צאָלן אַ לעטראַ...

רופט ער זיך אָן צו מיר מיט כעס: סעניאָר טיניפאַצקי, נישט אייער

עסק; מישט זיך נישט אין פרעמדע געשעפטן. שטייט נישט אַזוי גרויס! מ'האָט שוין געזען גרעסערע גבירים, ווערן בעטלער, יידיש עשירות איז ווי פורימדיקער שניי — עס צעגייט זיך... זייט נישט אַזאַ פלאַקנשיסער, יאַנקל פייפער, גיט קאַרטן!

ווער איך שוין טאַקע גוט בייז און מאַך אים אַ מי־שברך, אין טאַטנס טאַטן אַריין! איר זעט אַ חוצפה פון אַ שנאָרער? ער גלייכט זיך צו מיר. איך קאָן זיך פאַרגינען צו פאַרשפּילן אין איין נאַכט אַ טויזנטער און טאַקע אַ צען טויזנט אויך. איך האָב גענוג געלט, האָב איך!

כ'וויל אייך דאָ אויסזאָגן אַ סוד, מיין יידענע זאָל זיך חלילה נישט דערוויסן. מיין יענטעלע, זאָל געזונט און שטאַרק זיין, איז דאָך ביי מיר אַן אייפערזיכטיקע, אַ „סעלאָסאַ"!

אוי, איז זי אייפערזיכטיק! זי היט דאָך מיך אויף טריט און שריט. זי לאָזט דאָך מיך נישט רעדן קיין וואָרט מיט אַ שיין, יונג ווייבל...

ווען מיר שפּילן צוזאַמען אין פּאָקער, האָב איך ליב צו זיצן לעבן אַ שיין, יונג ווייבל, זי איז אונדזערס אַ באַקאַנטע. אַ ליאַלקע, אַ פיגורל, בלוט און מילך. איר פאַרשטייט? ס'איז אַ מזלדיק אָרט...

כ'באַרג איר אַמאָל אַ פּופּציקער, אַ הונדערטער, ס'ווערט נישט פאַר־פאַלן, זי גיט אָפּ, זי ברענט און צאַפּלט ביים שפּילן; זי ברענט און איך ברען! כ'שרפע, כ'מאַך זיך אַמאָל אַ שפּאַס מיט איר, אַז מיין יידענע זעט? נו, נו, בין איך שוין אַ פאַרטיקער... ווען כ'קום אַהיים האָב איך שוין פון איר געברענטע צרות.

זי הייבט באַלד אָן שרייען און גוואַלדעווען: כאַקאַבאַ, האָסט דיך שוין ווידער גענומען צו דיינע אַלטע שטיק? דו מיינסט, אַז כ'זע נישט? דו לאָזט דאָך נישט אַראָפּ קיין אויג פון ווייבל! דו זיצסט צו נאָענט לעבן איר, דו האַלסט עפּעס צו לאַנג איר הענטל. כ'זע אַלץ פייפער, כ'טשאַטעווע גוט נאָך. דו ווערסט דאָך פאַרכאַפּט, ווען דו זעסט אַ שיין ווייבל!

דו מיינסט, אַז איך ווייס נישט, ווי דו מאַכסט קאָמפּלימענטן דער שיינער סעקרעטאַרשע דיינער? היט דיר דיביינער, פייפערוקל! לאָז געמאַך די שיקסע. קריך נישט מיט אַ געזונטן קאָפּ אין קראַנקן בעט אַריין!

זי הייבט באַלד אָן צו וויינען מיט ביטערע טרערן: דו פאַרקירצט מיר מיינע טעג און יאָרן, כ'ווער דאָך גרוי און אַלט איבער דיר. ווער ווייסט וואָס דו טוסט אָפּ הינטער מיינע פּלייצעס? דו האָסט מיך מער נישט ליב!

איר קאָנט זען, ווי אַ פרוי וויינט? איך נישט! כ'האָב אַ ווייך האַרץ...

נעם איך זי באַרויקן, לאַטשען און איינרעדן: יענטעלע, יענטעלע, דו

ביסט אייפערזיכטיק? הער אויף נארעלע צו ריטשן. וואָס כליפּעסטו, ווי אין דער ווייבערשער שול צום ונתנה תוקף? כ׳האָב דיך ליב, ווי מיין אייגן לעבן, אוצר מיינער! כ׳שווער דיר, אַז דו ביסט ביי מיר די איין און אייב־ציקע פּרוי אויף דער גאַנצער וועלט. נשמה מיינע! איך זאָל אַזוי דערלעבן צו זען היטלערס מפּלה, ווי — — — נאָר גיי טענה זיך אויס מיט אַן אייפערזיכטיק ווייב!

נו, וואָס האָב איך פון מיין רייכקייט?

מ׳קאָן לעבן, נאָר מ׳לאָזט נישט!

הערט איר, ס׳איז נאָך אַ שטיקל גליק, וואָס כ׳האָב אַ ביסל פאַרגעניגן פון מיין קאָטשע.

איי, האָב איך אַ כלי! איי, האָב איך אַ קאָטשע! שוין איין מאָל אַ קאָטשע! אַ צאַצקע, זאָג איך אייך! אַ פּאַקאַרד, אַ זעקס און פערציקער פּאַקאַרד!

איר זענט עפּעס אַ מבין אויף קאָטשעס?

אַמאָל בין איך געווען אַ גרויסער מבין אויף סוסים, אויף פערד. פון וויטנס האָב איך זיי דערקענט, די לאָשאַקעס, די פערדלעך: אַ קאָבילע, א קאַשטאַן, אַ שימל, אַ זשערעבעץ אָדער אַ פייערדיקן אָגער.

היינט בין איך אַ גרויסער מבין אויף קאָטשעס. פון אַ ביליק פאָרדל, ביז אַ טייערן קאַדילאַק אָדער אַ פּאַקאַרד.

איך אַליין פּאָר מיר אין מיין שיינעם פּאַקאַרד. מיין יענטע, זאָל לעבן, „מאַנעכירט" אַן אַריסטאָקראַטישן „לינקאָלן". וואָס־זשע וואָלט איר גע־וואָלט, כ׳זאָל לאָזן מיין יידענע זיך שטופּן און טרייסלען אין אַן ענגן, גע־פּאַקטן „קאַמיאָן" אָדער טראַמוויי? פע, ס׳פּאַסט נישט!

דאָס טעכטערל מיינס, איז פריער געפאָרן אין אַ שיברי־לב (שעוורא־לעט), אין אַ „נאַש", אין אַ הופּמאָביל, איצט טרייבט זי אַ ביואיק. אַ פּאַקאַרד פרעסט אַ סך גאַזאָלין און אַ ביואיק, איז שטאַרק ווי אייזן.

דאָס ייִנגל מיינס, האָט שוין אויך חשק צו פירן אַ קאָטשע, נאָר ער טאָר נאָך נישט. ער האָט נאָר וואָס געפּטרט זיין בר מצוה.

ביי אונדז אין בלאָטיקן שטעטל, איז דער פריץ געפאָרן אין אַ קאָטש מיט פיר פערד נאַ־שפּיץ, און איך האָב געבראָדזשעט אין דער שיטערער בלאָטע. אָדער געטאָפּטשעט אינעם נאַסן שניי, און היינט פאָר איך אין מיר אין מיין רייכן פּאַקאַרד...

איי, איז אַ מחיה צו פאָרן אויף דער גלאַטיקער „קאַרטעראַ"! מיין פּאַ־קאַרד יאָגט איבער אַלע קאָטשעס. איך זע אַ באַקאַנטן, גיב איך אַ פייף

מיטן „קלאַקסאָן”: טרו־טראַ־טרו, טרו־טרו־טראַ! כ׳גיב אַ מאַך מיט דער האַנט און היידא ווייטער, ווייטער, אַכציק קילאָמעטער אַ שעה!

איך יאָג, איך שוועב, איך פלי! קומען אָבער די אינטעליגענטן, די אידעאַליסטן און מאַכן אַ גוואַלד: יידן, ס׳טויג נישט! ס׳איז אַ געפאַר! יאַנקל פייפער וויל איבעריאָגן די גאַנצע וועלט!...

מ׳קאָן לעבן, נאָר מ׳לאָזט נישט!

הערט אומישנע אַ טשיקאַווע געשיכטע, וואָס אַזאַ קאָפּ־מענטש ווי איך, קאָן איינפאַלן.

כ׳פאָר מיר אַזוי אַהיים אין מיין קאַטשע און טראַכט מיר, אַז ס׳איז שוין צייט פטור צו ווערן פון מיין געשעפט, פון מיין פאַבריק און מיין „עדיפיסיאָ”. מ׳דאַרף זיך נעמען צו בעסערע געשעפטן. מ׳דאַרף זיך נעמען צו אַזאַ מין געשעפט, וואָס האָט נאָך נישט קיין סך קאָנקורענטן...

איז מיר איינגעפאַלן אַ געניאַלער פּלאַן, אַ גאָלדענער, אַ בריליאַנטענער פּלאַן.

כ׳קום אַריין אין שטוב, טרעף איך מיין יידענע זיך פּוצן, שמירן און פאַרבן. פרעג איך איר: יענטעלע, צום פּאַקער באַדאַרפסטו זיך אַזוי אויס־פּוצן? ענטפערט זי מיר אונטער דער נאָז: כ׳שפּיל נישט היינט. כ׳גיי אין סינע. מ׳ווייסט היינט אַ שיין בילד מיט דער באַרימטער, האָליוואודער אַרטיסטין בעטי גראַבלע...

זאָג איך איר, אַז כ׳מוז מיט איר רעדן וועגן זייער אַ וויכטיקער זאַך, ווערט זי נייגעריק און פרעגט מיך, צי כ׳גיי קויפן אַ ניי הויז. זאָג איך איר געלאַסן: ניין, פאַרקערט, כ׳גיי, פאַרקויפן מיין „עדיפיסיאָ”. כ׳האָב דערפון אַלע טאָג אַנדערע צרות. דאָ פעלט וואַסער, דאָ ווערט עפּעס צו־בראָכן. צו וואָס טויג מיר אַ הויז פון פיר שטאָק? אַז אַנדערע יאָגן מיך שוין איבער מיט הייזער פון 5 שטאָק פון 6 און אפילו פון זיבן שטאָק...

אויס געשעפט, אויס פאַבריק און אויס הייזער!

פרעגט זי מיך איראָניש, מיט אַ שמייכעלע: וואָס זשע וועסטו טאָן מיין טייערער מאַן? וועסט שרייבן תפילין?

ענטפער איך איר רואיק: ניין, מיין טייערע. כ׳האָב אַ בעסער געשעפט, אַ גאָלדן געשעפט, זאָג איך דיר!! כ׳גיי, כ׳גיי ווערן אַ באַנקיר!...

כ׳גיי זיך אויפמאַכן אַ באַנק!

גיט זי גיך אַ שפּרונג אויף, ציט אויס די הענט אין דער הויך און שרייט אויס מיט איר קוויטשיק שטימעלע:

גוואַלד, יידישע קינדער! דער מאַן מיינער איז אַראָפּ פון זינען, משוגע! כ׳גיי רופן אַ דאָקטאָר. וואָס ווילסטו ווערן? אַ באַנקיר? כאַ—כאַ—כאַ! כי—כי—כי! יאַנקל פייפער אַ באַנקיר! קוקט נאָר אָן דעם באַנקיר!!!

זי גייט צו מיר צו, טאַפּט מיר אָן דעם שטערן און זאָגט מיר גלייך אין פּנים אַריין מיט כעס:

דו רעדסט פון היץ כאַקאַביטאַ. שלאָג דיר אַרויס פון קאָפּ דיין באַנק. כ׳וועל דיך נישט לאָזן צעטרענצלען, פּטרן אונדזער געלט אויף בענק, דו הערסט? דיין זיידע איז נישט געווען קיין באַנקיר און נישט דיין טאַטע, און דו וועסט אויך נישט זיין קיין באַנקיר, נונקאַ פּייפּערוק, נונקאַ!

יאַנקעלע פּייפּערוקעלע אַ באַנקיר; גיטס אים אַ באַנק. גיטס אים! ס׳איז דאָ געגוג בענק אין מעקסיקע...

ווער איך שוין טאַקע גוט אין כעס, שטעק אַריין די גראָבע פינגער אין וועסטל ביי די אָרעמס, קלאַפּ צו נערוועז מיט אַלע פינגער אויפן וועסטל, שטופּ אַ ביסל אַרויס דעם בויך פאָרויס און זאָג איר פאַמעלעך:

יענטע, דיין באָבע איז נישט געווען קיין אַריסטאָקראַטקע און דיין מאַמע אויך נישט, און דו ביסט אַריין אין די פעדערן, דו ביסט געוואָרן אַ גאַנצע אַריסטאָקראַטקע. יענטע טיניפּאַצקי, אַן אַריסטאָקראַטקע!

אַז דו מעגסט זיין אַן אַריסטאָקראַטקע, מעג איך זיין אַ באַנקיר! קוק מיך נאָר אָן טיניפּאַצקעלע, ס׳פּאַסט מיר נישט צו זיין קיין באַנקיר?...

הייבט זי אָן אויף מיר צו שרייען, שפּריצט מיט פייער און פילדערט, שעלט. זאָג איך איר קורץ און שאַרף: יענטעניו, שריי נישט אַזוי, ליאַרם נישט, עפן נישט דיין פּיסקעלע מיט דיין מענה־לשון. כ׳האָב נישט פאַר דיר קיין מורא, כ׳פייף אויף דיר! דו הערסט?

ס׳געפעלט דיר נישט? קאָן איך דיר געבן די צוועלף שורות... ס׳איז דאָ ביי יידן אַ גט!

אַ באַנק אָדער אַ גט!

ווערט זי שוין אַ ביסעלע ווייכער און פרעגט מיך מיט אַ נערוועז שמייכעלע: וואָס־זשע פּייפּערוקל, האָסט דיר שוין אָנגעגרייט עפּעס אַ שיין ווייבעלע? מ׳וועט דאָך דיך באַלד אויסכאַפּן, פאַרשווין מיינער! האָסט שוין דערוואַקסענע קינדער און רעדסט וועגן אַ גט?

שעמען מעגסטו זיך!

שעמען? זאָג איך איר מיט שטאָלץ, איך זאָל זיך שעמען? נישטאָ וואָס צו שעמען זיך. ס׳איז הפקר פּעטרישקע! ס׳איז מעקסיקע, ס׳איז אַ פריי לאַנד. דו טוסט אויך וואָס דו ווילסט, סעניאָראַ טיניפּאַצקי!

אברהם ווייסבוים

דערווייל בין איך באַלעבאָס. אָדער דו ווערסט אַ באַנקירשע, אָדער אַ גרושה. דו הערסט, יענטעלע?
אָדער אַ באַנק אָדער אַ גט!
איר וועט זען, יאַנקל פייפער, וועט נאָך זיין אַ באַנקיר!
כ'גיי שוין עפענען אַ באַנק! אַדיאָס, אַדיאָס!

סעניאָריטאַ טיניפּאָצקי
(מאָנאָלאָג)

— מיינע פּאַדרעס קאָנט אר דאָך, אַ פּאָקאָ נאָ?

ווער קאָן דאָס נישט מיין מאַמאָ?

מיין מאַמאַ האָט אַ קאָסטומברע צו קויפן זיך קאָדאַ סעמאַנאַ אַ נייעם סאָמברעראָ, סי, סי!

אַ סאָמברעראָ, וואָס זעט אויס, ווי אַ שיסל מיט בלומען, אַ סאָמברעראָ, ווי אַן איבערגעקערטער טאָפּ, אַ סאָמברעראָ מיט אַ גרויסער, געפאַרבטער פּלומאַ... — אַ פעדער.

מיין מאַמאַ האָט ליב מ׳זאָל קוקן אויף איר. אַ פּאָקאָ נאָ!

און מיין פּאַפּאַ קאָנט איר דאָך אויך, אַ פּאָקאָ נאָ?

ווער קאָן דאָס נישט מיין פּאַפּאַ?

ער איז אַ האָמברע דע קאָנפיאַנסאַ, נאָר ער האָט ליב מ׳זאָל רעדן פון אים, ער איז אַ באָרימער, און פּאָקאָ פּרעסומידאָ... ער רעדט אַ ביסל צו הויך. ער לויפט, שוויצט, פּליט און פייפט. ווייטער איז ער אַ גאָלדענער מענטש, עקסאַקטאַמענטע ווי מיין מאַמאַ!

מואי בוענאַ כענטע! אַ פּאָקאָ נאָ?

און אַז איר קאָנט שוין מיינע פּאַדרעס, מעגט איר מיך אויך קאָנען אַ ביסעלע, נאָ לע האָסע!

יאָ סאָי סעניאָריטאָ טיניפּאָצקי!

כ׳בין זייער אַ געלערנט מיידל, מואי עדוקאַדאַ:

כ׳קאָן פייפן פונקט ווי אַ מוטשאַטשאַ הויך, מואי אַלטאַ — פּפּפּששש!

כ׳קאָן שפּאַניש, ענגליש, איך שפּיל פּיאַנאָ און לייען אַלע פּאָקינעס און רעוויסטאַס פון די סינעס... איך קאָן אויסטרינקען עטלעכע קאָפּאַס, קאָניאַק,

קאָקטיילס, בעסער ווי אַ מוטשאַטשאַ און נישט ווערן באָראַטשאָ! אַ פּאָקאָ נאָ?

איך פאַרלייג אַ פוס אויף אַ פוס, מ׳זאָל אַרויסזען מיינע מעדיאַס דע סעדאַ איבער די ראָדיאַס... און רויכער אַמעריקאַנער סיגאַראַס לאַקי סטרייק, קע פּיאַטשאַ!

יידיש רעדט איך מואי פּאָקאָ און זייער שלעכט. שולדיק זיינען מיינע פּאַדרעס. סי, יאָ נאָ טענגאָ לאַ קולפּאַ! ען מי קאַסאַ רעדט מען נישט מיט מיר קיין איין פּאַלאַבראַ יידיש.

מיין פּאַפּאַ האָט געוואָלט איך זאָל זיך לערנען יידיש, העברעיש, יידישע געשיכטע און קאָנען דאַוונען. נאָר מיין מאַמאַ האָט זיך איינגעשפּאַרט קע נאָ! מ׳דאַרף נישט, האָט זי געזאָגט. עס איז אַ לאַסטימאַ אויפן קינד, כ׳לערן אַזוי אויך באַסטאַנטע:

וואָס וועט זי האָבן פון די אַלע טאָנטעריאַס? זי וועט אָן יידיש, אָן העברעיש און אָן די יידישע ליטעראַטור, אויך קריגן אַ שיינעם, געראָטענעם חתן... קע פּיאַטשאַ!

מיין מאַמע איז מואי אינטעליכענטע, אַ פּאָקאָ נאָ?

מיין מאַמאַ זאָגט, אַז אויב איך בין נישט אַזוי געלערנט אין יידישקייט, בין איך דערפאַר אַ שיינע, און אויב איך בין נישט אַזוי שיין, אי קע? בין איך רייך. מואי ריקאַ, סי! כ׳האָב אַ גרויסן, פעטן נדן! די כאָווענעס וועלן מיר נאָכלויפן, ווי די — — — מיין מאַמאַ ווייסט וואָס זי רעדט. יאָ טענגאָ מזל, אַ פּאָקאָ נאָ?

אַלע סעניאָריטאַס זיינען דאָך מיך מקנא, סי, ענווידיאָסאַס! זיי פאַרגינען דאָך מיר גאָרנישט, קאָמפּלעמטאַמענטע נאַדאַ!

קויף איך מיר אַ ניי אַמעריקאַנער קלייד, באַקוקן זיי מיך אַרום און אַרום, די אַמיגאַס מיינע. זיי פרעגן מיך וויפל ס׳קאָסט און צו וואָס איך דאַרף איך אַזוי פיל זיידענע וועסטידאָס?

כ׳קאָן זיך פאַרגינען, קויף איך זיך קאָדאַ סעמאַנאַ נייע קליידער, שיך און מעדיאַס דע פּוראַ סעדאַ. פּאָרקע נאָ? מיין פּאַפּאַ איז זייער רייך, מואי ריקאָ! אַ פּאָקאָ נאָ?

אַ סך אָרעמע מיידלעך, שלעפּערקעס, וואָס פאַרמאָגן נישט, וויפל עס קאָסטן מיינע פּערפומעס און קרעמאַס, ווילן מיר נאָכטאָנצן און זיך קליידן פּונקט ווי איך. קע פּיאַטשאַ!

איך קויף זיך אַ גאַנצע דאָסענאַ מעדיאַס דע סעדאַ, פּופּציק פּעזאָס אַ פּאָר, רעפּיאַטשאַ! און אַ מיידל וואָס פאַרדינט הונדערט פּעזאָס אַ מעס,

וויל אויך גיין אין זיידענע מעדיאַס. זי קאָן זיך קויפן פאַר איר סאַלאַריאַ, פונקט צוויי פּאָר זיידענע מעדיאַס. אַ פּאָקאַ נאַ?

קע פּאַסאַ? זיי ווילן גיין אויסגעפּוצט עקסאַקטאַמענטע ווי איך. איך מעג, יאַ פּועדאַ! איך קאָן גאַסטירן. מיינע פּאַדרעס זיינען רייך, מואי ריקאָס! אַ פּאָקאַ נאַ?

ווען איך מאַך אַ וואָועלטאַ אין מיין נייער קאַטשע אין לאָמאַס, אויפן מיראַדאָר, ווען איך זע באַקאַנטע מיידלעך, גיב איך אַ פּייף מיטן קלאַקסאָן — טרו־טראַ־טרו! זאָלן זיי זען, ווער עס מאַנעכירט אַ קאַטשע. איך, סע־ניאָריטאַ טיניפּאַצקי! קע פּיאַטשאַ!

כ'וויים, אַז מיינע אַמיגאַס פאַרגינען מיר נישט, נאַדאַ, נאַדאַ! זיי רעדן צו מיר אַזוי זיס, טאַן דולסע, זיי שמייכלען צו מיר אַזוי פריינד־לעך. אָבער הינטער מיינע עספּאַלדאַס? דיאָס מיאָ! זיי לאַכן און פאַרקרומען זיך און רעדן אויף מיר אַלץ, וואָס — — — איר ווייסט שוין וואָס זיי רעדן די מענטיראָסאַס... אַ פּאָקאַ נאַ?

זיי זאָגן, אַז איך זוך אַ נאָוויאָ מיט אַ טיטל... אי קע? מיינע פּאַדרעס קאָנען געבן מיין נאָוויאָ הונדערט טויזנט פּעזאָס נדן, דאַטע, אי מאַס! אַ פּאָקאַ נאַ?

נאָר איך וויל נישט, נאָ קיעראָ, איך וויל נישט קיין חתן דורך נדן, נאָ! איך וויל חתונה האָבן, סאָלאַמענטע פאַר אַמאָר! אַ פּאָקאַ נאַ?

איר מעגט הערן, פאַר פאַוואָר, וואָס מיינע טייערע אַמיגאַס האָבן מיר געטאָן. זיי האָבן מיך פאַרמסרט פאַר מיין מאַמאַ, אַז איך גיי אַרום מיט אַ שייגעץ... אי קע? אַז אַ שייגעץ איז וואָס?

די מאַמאַ האָט אָנגעהויבן צו וויינען, צו שרייען: אַ שייגעץ גאָר? ווי איז מיר! קינד מיינס, ס'פעלט דיר ידישע יינגלעך? עס זיינען דאָך דאָ אַזלעכע שיינע, גאָלדענע ידישע בחורים, וואָס טויג דיר אַ שייגעץ? איכאַ מיאָ! דו קאָנסט דאָך דיר אויס קלויבן דעם שענסטן און בעסטן, אַריסטאָ־קראַטישן חתן, אוצר מיינער! דו ווייסט וואָס די שקצים ווילן? ווי איז מיר! יאַ סאַבעס איכאַ!

האָב איך מיין מאַמאַ באַרואיקט און איר געזאָגט, אַז ס'איז ווערדאַד. סי מאַמאַ, כ'גיי אַרום מיט אַ שייגעץ אַ ביסל שפּאַצירן, ער איז אונדזערס אַ וועסינאָ. אי קע? כ'קלער נישט און טראַכט נישט מיט אים חתונה האָבן. נונקאַ מאַמאַ, נונקאַ! מיר זיינען בלויז אַמיגאָס אי נאַדאַ מאַס! קעכאַ זיך נישט מאַמאַ!...

איי מאמאַ, איז ער אַ שיינער דער שייגעץ. טאַן סימפּאַטיקאָ! אַ הויכער, אַ מאָרענאָ. ער האַלט מירביידע הענט און קוקט אויף מיר מיט זיינע שוואַרצע, ברענענדיקע אויגן און רעדן רעדט ער אַזעלכע שיינע, זיסע ווערטער, טאַן ראָמאַנטיקאָס: — מי קערידאַ, מי באָניטאַ, מי לינדאַ, מי טשולאַ, גואַפּאַ, מי ווידאַ, מי אַמאָר, מי רעינאַ מי דולסע, מי קאַמפּאַטאַ. איי, קע פּיאַטשאַ!

ער פרעגט מיך קיין מאָל נישט, צי איך בין רייך, וויפל נדן איך האָב. אַ שייגעץ רעדט נישט אַזעלכע טאָנטעריאַס — קאַטשעס, נדן! סאַלאַמענטע פון אַמאָר...

איר מיינט, אַז איך ווייס נישט, די יידישע אַמיגאָס מיינע ווילן מיט מיר חתונה האָבן, נאָר צוליב מיין גראַנדע אי גאָרדאַ נדן, אַ פּאָקאָ נאָ?

זיי דרייען זיך אַרום מיר, די כאָוועניעס, אויסגעפּוצטע, ווי די האָלי־וואָודער אַרטיסטאָס, מיט גלאַנציק פּאַרקעמטע האָר, מיט שמאָלע צוגע־שוירענע וואָנסעלעך. זיי טאַנצן טאַנגאָס און קאָנגאַ, רויכערן סיגאַראָס, טרינקען קאָקטיילס און וואַרטן אויף אַ רייכע נאָוויאַ, אַ פּאָקאָ נאָ?

אַז אַזאַ כאָווען נעמט זיך מיר דערקלערן אין ליבע, הויבט אָן קריכן מיט די הענט, וויל מיך אַרומנעמען און מיר געבן אַ בעסאָ... זאָג איך אים קאַלט, קאַן קאַלמאַ: פּאָר פאַוואָר סעניאָר, קאָן לאָס מאַנאָס נאָ! אָן הענט כאָווען. איך לאָז זיך נישט פאַר דרייען מיין קאַבעסאַ... כ'ווייס, אַז ער מיינט מיין נדן, אַ פּאָקאָ נאָ?

כ'בין סעניאָריטאַ טיניפּאַצקי!

מיינע אַמיגאָס זיינען ענאַכאַדאָס אויף מיר, זיי זיינען סעלאָסאָס, וואָס בין איך שולדיק, אַז די כאָוועניעס לויפן מיר נאָך?

מיינע אַ באַקאַנטע סעניאָריטאַ האָט מיך שוין אינסולטירט און געשריגן אויף מיר: דו ווייסט, אַז כאָרכע איז מיין, מעכאָר אַמיגאָ? איך גיי שוין מיט אים אַרום אַ יאָר, און דו ווילסט אים ביי מיר צונעמען! סי, סעניאָריטאַ טיניפּאַצקי, סי! ס'פעלט דיר מוטשאַטשאָס?

צעלאַך איך זיך: כאַ, כאַ, כאַ, כי כי, כי! ווער דאַרף דיין אַמיגאָ, איך? כאַ, כאַ! קאַנסט זיך האַלטן מיט דיין כאָרכען, מיט פּעפּען, קאַן טאַדאָס! אַ פּאָקאָ נאָ?

איר הערט, כ'האָב אפילו נישט קיין גאַנאַס צו שפּילן אין פּאָקער מיט מיינע אַמיגאָס. איי, האָב איך ליב פּאָקער, מע גוסטאַ טאַנטאַ על פּאָקער! אַ פּאָקער איז טאַן עמאָסיאָנאַנטע, פּיאַטשאַ! נאָר די ערגסטע זאַך איז צו

שפּילן מיט מיינע אָרעמע אַמיגאָס. זיי ציטערן אַזוי איבער דער פּעזע. זיי ווילן שפּילן און נישט פֿאַרלירן. פּעראָ יאָ נאָ! איך קאָן פֿאַרשפּילן האַסטאַ סיען פּעסאָס אי מאַס, אַ פּאָקאָ נאָ?

איי, האָב איך ליב צו לעבן, צו האָבן פּלאַסער. מע גוסטאַ דיווערטירמע. כ׳קאָן זיך פֿאַרגינען, מיינע פּאַדרעס סאָן מואי, מואי ריקאָס! אַ פּאָקאָ נאָ?

האָב איך אָבער אַ פּעטער, מאַכט ער מיך שטענדיק טריסטע. ער זאָגט מיר מוסר, און רעגאַניעט מיך. איי, איז דאָס אַ טיאָ! ער רעדט צו מיר סיעמפּרע מיט זיין טרויעריקער שטימע:

גוואַלד, ווי קאָן אַ יידיש מיידל אַזוי אַרומהוליען, לעבן אין לוקסוס, גיין אויסגעפּוצט ווי אַ פּרינצעסין, גיין אַלע נאַכט אין סינע אָדער עסן אין די רייכסטע רעסטאָראַנען און טאַנצן ביז פֿאַרטאָג... אין אַזאַ צייט, ווען טויזנטער יידישע סעניאָריטאַס אין די נאַצי־לענדער, גייען אַרום אין שמאַטעס, אָפּגעריסן, פֿאַרפּייניקטע און גייען אויס פֿון הונגער און נויט. איי, סעניאָריטאַ, שעמען מעגסטו זיך!

נו, וואָס זאָגט איר צו מיין טיאָ? איך זאָל זיך שעמען! אַ פּאָקאָ יאָ טענגאָ לאַ קולפּאַ? וואָס ביז איך שולדיק, אַז די יידישע סעניאָריטאַס אין איראָפּע האָבן נישט קיין געבראָטענע פּאָיאָס מיט פּאַסטעלן, שאָקאָלאַד, כאַמאָן מיט קאָקטיילס...

וואָס בין איך שולדיק, אַז די יידישע סעניאָריטאַס דאָרט, האָבן ניט קיין אַמעריקאַנער וועסטידאָס, פּיעלעס מיט מעדיאַס דע סעדאַ?

קע פּאַסאָ? ווי אַזוי דען זאָל איך לעבן, ווי אַ שנאָרערקע? ווי אַ שלעפּערקע? נאָ סעניאָר! אַ פּאָקאָ בין איך פּאָברע?...

כ׳קאָן זיך פֿאַרגינען, לעבן איך אין לוכאָ, אי קע! לאַ ווידאַ איז אַזוי טאַן הערמאָסאַ, אַזוי שיין, אַ פּאָקאָ נאָ? מיינע פּאַדרעס זיינען רייך, מואי ריקאָס, טיענען מוטשאָ דינעראָ, סי, יאָ סע טאָדאָ... איך ווייס, איך ווייס!

אין דער היים האָב איך נישט קיין אַפּעטיטאָ צום עסן, קאָמפּלעטאַמענטע נאַדאַ. אין רייכן, עלעגאַנטן רעסטאָראַן עס איך קאָן טאַנטאָ אַפּעטיטאָ, מ׳טרינקט אַ קאָקטייל, מען עסט אַלגאָ, די מוזיק שפּילט, מ׳טאַנצט אַ ביסל, דעספּועס עסט מען אַלגאָ, אי לועגאָ אַ ביילאַר. קע פּיאָטשאַ! אַ פּאָקאָ נאָ?

איך מוז עסן מיט מוזיק, מיט אַן אָרקעסטער. איך מוז גיין כאָטש פֿיר מאָל קאַדאַ סעמאַנאַ אין סינע, אויף אַלע עסטרענאָס, איך וואָלט אַלע נאַכט געוואָלט זען שפּילן דיאַנאַ דורבין מיט בעטי גראַבלע, קע פּיאָטשאַס!

כ׳וויל איך אויסזאָגן אַ סעקרעטאָ: כ׳גיי בעטן מיין פּאַפּאַ, ער זאָל מיר קויפן צו מיין קומפּלע־אַניאָס אַ רעגאַלאָ — אַ סינע מיט אַ דזשאַס אָרקעסטער...

דע וועראַס, ביי מיין קערידאָ פּאַפּאַסיטאָ קאָן איך אַלץ אויספירן, טאָדאָ, טאָדאָ!

איך בין סעניאָריטאַ טיניפּאָצקי! אַ פּאָקאָ נאָ?

אַדיאָס, אַדיאָסיטאָ!

סאַלוואַדאָר טיניפּאַצקי
(מאָנאָלאָג)

— טרעס קאָסאַס איי ען לאַ ווידאַ, סאַלוד, דינעראָ אי אַמאָר — — —
פששש — פשו — פששש — פשש —

— קע פּאַסאָ, סעניאָר מיאָ? וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר? איר דער־קאָנט מיך נישט? סי סעניאָר, דאָס בין איך דער קלייניקער מוטשאַטשאָ סימכעלע (שמהלע), איצט בין איך שוין אַ כאָווען, כ'בין זיך צעוואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט, מואי גראַנדע!

יאָ סאָי על כאָווען סאַלוואַדאָר, סאַלוואַדאָר טיניפּאַצקי אַ סוס אָרדענעס!

איר וואונדערט זיך, וואָס איך שטיי מיר אַזוי רואיק, זאָרגלאָז, די הענט אין די הויזן קעשענעס, די פיס אַ ביסל צעשפּרייט און פייף מיר צו אַ שפּאַניש לידל? נאָ לע האַסע סעניאָר, עס איז מיר גוט, ס'איז מיר פריילעך, מואי אַלעגרע, זינג איך מיר און פייף! פּאַלאַבראַ קע סי!

קע מע פּאַלטאַ? נאַדאַ! ס'פעלט מיר אַבסאָלוטאַמענטע גאָרנישט. אַל קאָנטראַריאָ, כ'האָב נאָך מער ווי איך דאַרף, מוטשאָ מאַס, וואָס אַ כאָווען דאַרף. נו, טאַנץ איך, זינג און פייף!

מיין פאַדרע הייסט, קאָמאָ סע יאַמאַ, יאַנקל פייפער, נו, אַז מיין פּאַפּאַ פייפט, פאַרוואָס זאָל איך נישט פייפן? פּאָר קע נאָ?

מיין מאַדרע הייסט, קאָמאָ סע יאַמאַ, יענטע, נאָר מ'רופט זי כוליאַנאַ, אויף שפּאַניש, כוליאַנאַ טיניפּאַצקי, און איך בין על כאָווען טיניפּאַצקי אַ סוס אָרדענעס.

זאָגט מיר, פּאָר פאַוואָר, פאַרוואָס רופט מען די יידישע מוטשאַטשאָס מיט אַזעלכע מאָדנע נעמען, פּאַלאַבראַ, מואי טשיסטאָסאָס נאָמבּרעס: יאַנ־

קעלע, אברהמעלע, משהלע, הערשעלע, יצחקל און סימכעלע. וואָס בין איך שולדיק, אַז מיין זיידע האָט געהייסן שמחה? מיר האָט מען אויך אַ נאָמען געגעבן שמחה, נאָר מיינע פּאַדרעס האָבן מיך פאַרשריבן סאַל־וואַדאָר, סאַלוואַדאָר טיניפּאַצקי אַ סוס אָרדענעס.

נאָר מיין קערידאַ טיאַ, דער פעטער מיינער, רופט מיך נאָך אַלץ סימ־כעלע, סימכעלע! ווען כ'בין געווען אַ קליינער מוטשאַטשאָ, האָב איך זיך צעוויינט און געשריגן אויף מיין פעטער, ער זאָל מיך נישט רופן מיט אַזאַ פעאַ נאָמברע — סימכעלע. איך שעם זיך מיט מיין יידישן נאָמען — סימכעלע! סאַלוואַדאָר איז אַ סך שענער, אַ פּאָקאַ נאָ?

און אפשר מיינט איר, אַז דער אַפּעידאָ, דער פאַמיליע נאָמען מיינער געפעלט מיר שטאַרק? זאָג איך איך אַז נישט, נאָ סעניאָר! נאָ מע גוסטאָ, פּאַלאַבראַ!

ווען מיין פּאַפּאַ איז געוואָרן אַ סיאוּדאַדאַנאָ, אַ בירגער, האָט ער געוואָלט בייטן זיין פאַמיליע נאָמען. ער האָט געוואָלט פאַרקירצן, אָפּשניידן אַ האַלבן נאָמען. האָט זיך די מאַמע איינגעשפּאַרט, אַז איר געפעלט בעסער דער ערשטער האַלבער נאָמען פון טיניפּאַצקי, ס'וועט קלינגען אַ סך אַריסטאָ־קראַטישער: כוליאַנאַ טיניף... האָט דער טאַטע דווקא געוואָלט דעם אַנדערן האַלבן נאָמען — פּאַצקי, כאַקאַבאַ פּאַצקי איז שענער, פּאַלאַבראַ.

האָבן זיי זיך אַזוי לאַנג געשפּאַרט, ביז ס'איז געבליבן — טיניפּאַצקי...

מיינע פּאַדרעס האָבן מיך זייער ליב, מוטשאָ, מוטשאָ! זיי גיבן מיר נאָך אַלץ וואָס איך וויל, טאָדאָ, טאָדאָ!

איי, האָבן זיי מיר געמאַכט אַ שיינע, קאָמאָ סע יאַמאַ, באַר מיצווע (בר מצוה), על מעכאַר באַר מיצווע דע טאָדאָס לאָס באַר מיצוועס, פּאַלאַבראַ...

דער מאַעסטראָ האָט מיט מיר געלערנט די בענדיסיאָנעס (ברכות) אין העברעיש, איז דאָס מיר נישט געקראָכן אין קאָפּ אריין, אַזוי פיל ברכות! האָט ער מיר אויפגעשריבן מיט שפּאַנישע לעטראַס אי סע אַקאַבאַ על אַסונטאָ! פּאַלאַבראַ!

ביים זאָגן אין שול די בענדיסיאָנעס מיט אַ דיסקורסאָ (דרשה), האָב איך געציטערט, זיך געשראָקן, כ'זאָל נישט מאַכן קיין פּאַלטאַ. פּערא וואָלע לאַ פּענאַ! סי סעניאָר. כ'האָב געקראָגן אַזוי פיל רעגאַלאָס, פון אַלע זייטן רעגאַלאָס, פּערא רעגאַלאָס!

מ'האָט מיר געמאַכט אַ באַנקעט פונקט ווי אויף אַ חתונה: מיט מוזיק, זינגערס און ביילאַרינאַס... פּאַלאַבראַ!

נאָך דער בר מצוה זאָגט מיר דער פּאַדרע מיינער, כ׳זאָל לייגן די קאַמאַ סע יאַמאַ, די תפילין און דאַווענען. זאָג איך אים נאָ סעניאָר! יאַ סע אַקאַבאַ על אַסונטאָ. דו לייגסט נישט די קאַמאַ סע יאַמאַ, די תפילין, דו דאַוונסט ניט, פאַרוואָס זשע זאָל איך דאַוונען? איך האָב שוין אָפּגעדאַוונט...

מירע סעניאָר, ווען מ׳זאָל מיר מאַכן נאָך אַזאַ ריקאַ בר מצוה, מיט אַזוי פיל רעגאַלאָס, מיט אַזאַ גראַן באַנקעטע, וואָלט איך געהאַט גאַנאַס צו לייגן נאָכאַמאָל די קאַמאַ סע יאַמאַ די תפילין און זאָגן די בענדיסיאָנעס, דעוועראַס סעניאָר, פּאַלאַבראַ.

דער פעטער מיינער האָט געוואָלט, אַז כ׳זאָל לייענען ווייניקער פּאַ־קינעס און מ׳זאָל מיך גלייכער לערנען יידיש, העברעיש, יידישע געשיכטע. נאָר מיין פּאַדרע האָט געזאָגט, אַז איך וועל שוין קיין רב נישט זיין, און די מאַמע האָט געזאָגט, קע נאָ! כ׳האָב באַסטאַנטע אַרבעט אין קאָלעכיאָ: שפּאַ־ניש, ענגליש, באַסטאַנטע טאַרעאַס, און מ׳זאָל מיר נישט דרייען דעם קאַבעסאַ מיינעם מיט די טאָנטעריאַס; יידיש, העברעיש אי אַטראַס, קאַמאַ סע יאַמאַן. וואָס וועל איך האָבן פון דעם, וואָס? נאַדאַ!

וואָס בין איך שולדיק, ע׳ז איך קאָן נישט רעדן און נישט לייענען קיין יידיש? יאַ נאָ טענגאָ לאַ קולפּאַ, נאָ.

מיין טאַטע וויל כ׳זאָל ווערן אַ סוחר אָדער אַן אינזשיניער, און די מאַמע וויל דווקא איך זאָל ווערן אַ דאָקטאָר. זי וויל האָבן, זאָגט זי, כאָטש איין דאָקטאָר אין דער פאַמיליע: דאָקטאָר סאַלוואַדאָר טיניפּאַצקי!

פּעראָ יאָ נאָ סע, וואָס ווילן פון מיר מיינע פּאַדרעס. עסטודיאַר, לער־נען, טאַרעאַס אי מאַס טאַרעאַס!

צו וואָס דאַרף איך זיך אַזוי ברעכן דעם קאָפּ מיט די ליבראָס? ביכער, ביכער! אַז מיין טאַטע איז אַזוי רייך, מואי ריקאָ, און קיין נאָוויאַ מיט נדן זוך איך אויך נישט, פּאַלאַבראַ; די אַנדערע כאַוועגעס, וואַרטן אויף אַ כלה מיט אַ פעטן נדן, יאָ נאָ! צו וואָס דאַרף איך אַזוי פיל שטודירן, צו וואָס?

מע גוסטאַ מעכאַר דיווערטירמע, פּלאַסער, פאַרגעניגן אי נאַדאַ מאַס!

מיין פּאַפּאַ איז רייך, מואי ריקאָ, פאַרוואָס זאָל איך זיך זאָרגן, דיגאַמע, פּאָר קע? קע מע פּאַלטאַ? גאָרנישט, קאָמפּלעטאַמענטע נאַדאַ!

סי, סעניאָר, כ׳האָב ליב צו לעבן אַ גוטן טאָג, מע גוסטאַ לאַ בוענאַ ווידאַ...

די זון שיינט אַזוי שיין, די קאַרעטעראַס זיינען אַזוי גלאַטיק, זעץ איך זיך אַריין אין מיין שיינער קאַטשע, אַ פּאַקאַרד, און פלי מיר אין קוער־

באוואקא, קואאוטלא, טעהואקאן, סאן כאסע פורוא, ס'איז דא! וואו צו פארן אין מעקסיקע, ס'איז דא! מיין פאדרע מעג פארן אלע וואך האבן פלאסער, פארברענגען א ביסל, מעג איך אויך, קאמא נא!

דער פעטער מיינער זאגט מיר מוסר, רעגאניעט מיך, כ'זאל רעדן יידיש, לייענען א יידיש בוך. א יוגנט זאגט ער, וואס רעדט נישט די שפראך פון איר פאלק, לייענט נישט די יידישע ליטעראטור, קאן נישט די יידישע געשיכטע און אינטערעסירט זיך נישט מיט יידישע פראבלעמען, אזעלכע באוועגעס טויגן אויף כפרות, אי נאדא מאס...

קע טשיסטאסא איז מיין טיא! פאלאברא. וואס וועל איך האבן פון דעם, קאמא סע יאמא? לייענען יידישע ביכער! כ'האב דען צייט צו לייענען א בוך?

דריי מאל א וואך גיי איך אין סינע, צוויי מאל א וואך גיי איך אויף א באילע, א כאוועס דארף טאנצן, ווערדאד! און לערנען דארף מען אויך און פאקיטא, אי קע? און א פאקער דארף מען אויך שפילן, ווערדאד? מיינע פאדרעס מעגן שפילן און איך נישט?

איך און מיין שוועסטער כאסעפינא שפילן מיט די אפגעשפילטע קאר־טן... מיינע פאדרעס מיט די געסט שפילן מיט נייע קארטן און מיר שפילן מיט די אלטע קארטן, די קארטן גייען איבער פון די עלטערן צו די קינ־דער... און מיר שפילן אויך...

וואס מיין טאטע פארשפילט איין נאכט אין פאקער, קאן איך האבן פלאסער מיט מיינע אמיגאס א גאנצן מעס... פאלאברא!

איי, קע מע גוסטא דיוועטירמע! כ'גיי אויסגעפוצט ווי א פרינץ, אלע מעס א נייע טראכע. כ'האב צוויי פולע קעשענעס מיט געלט, מוטשא דינע־רא, אינוויטיר איך מיינע יידישע אמיגאס: כאסע, מיגעל, פעדרא, נאטשא און טאטשא אין א רייכן רעסטאראן, מ'טרינקט א קאפא, קאקטייל, א קאניאק, א קובאליברע, איי, האב איך ליב א קובא־ליברע! כ'קאן אויסטרינקען דריי קובא־ליברעס און ניט ווערן באראטשא. איי, קע מוטשאטשא!

צאלן, צאל איך, יא פאגא פארא טאדאס, פאלאברא, יא סאי סאלוואַ־דאר טיניפאצקי!

דעספועס, פארוויכער איך א סיגארא א לאקי סטרייק און טאנצן, א באילאר! וואמאס א באילאר כאוועס: טאנגא, פאקסטראט און קאנגא.

ווען איך טאנץ מיט א יידישע סעניאריטא, מיינט זי באלד, אז כ'בין אין איר פארליבט... האב איך בעסער ליב צו טאנצן מיט א שיקסע, יא סאבע אוסטעד, א שיקסע זוכט נישט קיין תכלית... פאלאברא.

אז כ'זע, ווען א יידישע סעניאריטא ווערט צו שטארק צוגעלאזן צו מיר

און בעט מיך, כ׳זאָל זי איינלאַדן אַהיים, זי וויל זיך באַקענען מיט מיינע פּאַדרעס, טראַכט איך מיר, אַהאַ, אַקי עסטאַ על פּעליגראָ, שלעכט!...

זאָג איך איר באַלד: סעניאָריטאַ, כ׳האַלט נאָך נישט דערביי, כ׳גיי נאָך נישט חתונה האָבן, טאַדאַוויאַ נאָ!

אַלע כאַוועגעס זיינען מיך מקנא, זיי פאַרגינען מיר נישט, וואָס אַלע מיידלעך פאַרליבן זיך אין מיר, טאַדאַס!

קוקט מיך גוט אָן, וועט איר זען, אַז מ׳קאָן זיך פאַרליבן אין מיר... פּאַלאַבראַ, מיינע פּאַדרעס זיינען רייך, מואי ריקאָס, און איך בין על כאַוועגן טיניפּאַצקי...

אויגאַ סעניאָר מיינע צרות: די אַמיגאָס מיינע האָבן מיך איין מאָל צו־געדעדט, כ׳זאָל ווערן אַ מיעמבראָ אין אַ קאַמאָ סע יאַמאַ, אין אַ קלוב פון יידישע כאַוועגעס. בין איך געגאַנגען עטלעכע מאָל, אי קע? קאָנפע־רענסיאָס, מיטינגס, דיסקוסיאָנעס, געשיכטע, ליטעראַטור אי אַטראַס קאָסאַס: די נאַציס הרגענען אויס די יידישע כאַוועגעס אין אייראָפּע, העלפט יידישע כאַוועגעס פון מעקסיקע העלפט; טאַנצט ווייניקער און מאַכט ווייניקער הוליאַנקעס...

מ׳רעדט, האַבלאַן, האַבלאַן, אי נאַדאַ מאַס, און אַזוי טרויעריק, טאַן טריסטע...

נאָ מע אינטערעסאַן עסטאַס קאָסאַס, נאָ, וואָס בין איך שולדיק? יאָ נאָ טענגאָ לאָ קולפּאַ. פּאַרוואָס זאָל איך זיין טריסטע, פּאָר קע?

מיין טאַטע איז רייך, מואי ריקאָ, איך וויל לעבן אַ גוטן טאָג. מיינע פּאַדרעס מעגן מאַכן אַלע וואָך פיעסטאַס מיט פיעסטאַס, און איך נישט? קאַמאָ נאָ!

כ׳גיי שוין נישט מער אין דעם קאַמאָ סע יאַמאַ, אין דעם יידישן קלוב הערן די קאָנפערענסיאָס, ליטעראַטור, געשיכטע אי אַטראַס קאָסאַס, נאָ מע גוסטאַ, נאָ סעניאָר.

נאָ מע אימפּאָרטאַ נאַדאַ, פּאַלאַבראַ, מיך אַרט גאָרנישט. מע גוסטאַ דיווערטירמע, כ׳וויל האָבן פאַרגעניגן, פּלאַסער. וואָס פעלט מיר? מיין פּאַדרע איז רייך, פּאַלאַבראַ, מואי ריקאָ...

יאָ סאָי סאַלוואַדאָר טיניפּאַצקי!

טרעס קאָסאַס איי ען לאַ ווידאַ, סאַלוד, דינעראָ אי אַמאָר — — — — פושש — ששש — פושש — —

אַדיאָס, אַדיאָסיטאָ!

יאַנקל פּייפּער מאַכט חתונה
(מאָנאָלאָג)

יידן ס׳קומט מיר אַ מזל טוב, אָבער אַזוי, דעם אמתן מזל טוב! סי סעניאָר!

וואָס איז, איר וואונדערט זיך? איר מיינט, אַז כ׳האָב געוואונען די פּרעמיע מאַיאָר אויף דער לאָטעריע? עס הויבט זיך נישט אָן, נאָ סעניאָר! ווער דאַרף די פּרעמיעס, געלט איז ביי מיר בלאָטע! די טיניפּאַצקיס האָבן גענוג געלט, סי סעניאָר.

כ׳האָב געוואונען אַ בעסערע און טאַקע אַ גרעסערע פּרעמיע, די אמתע פּרעמיע!

כ׳האָב חתונה געמאַכט מיין טאָכטער!

נו, האַ, קומט מיר אַ מזל טוב צי נישט?

איר ווייסט דאָך, ווי שווער און ביטער ס׳איז חתונה צו מאַכן אַ טאָכטער אין מעקסיקע, איי ווי שווער!! עס איז גרינגער צו קויפן אַן אַכט־שטאָקיקע „עדיפיסיאָ”, איידער חתונה צו מאַכן אַ טאָכטער, איר ווייסט דאָך!

מיין טייער טעכטערל כאָספינאַ קאָנט איר דאָך? שיין ווי די וועלט, קלוג ווי דער טאָג, געראָטן אין איר טאַטן, סי סענאָר. טאַנצט ווי אַן אמתע באַלערינע, לייענט ענגליש ווי אַ וואַסער און וויל בשום אופן נישט רעדן קיין יידיש וואָרט... אַ שאַרף קעפּלביים פּאָקער און מאַנעכירט אַ קאָטשע בעסער ווי דער טאַטע אירער. וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן, אַ געראָטן קינד, אַ ליאַלקע, אַ צאַצקע!

איז דאָך דאַכט זיך גוט, האַ? טויג דאָס ערשט נישט, נאָ סעניאָר, עס טויג נישט!

ס׳טעכטערל מיינס, כאָספינאַ טיניפּאַצקילע, האָט זיך איינגעשפּאַרט,

אַז זי מוז נעמען דעם בעסטן, דעם שענסטן, דעם געלערנטסטן חתן אין מעקסיקע. וואָס איז, זי קאָן זיך נישט פאַרגינען?

מילא, נו, האָט זי גענומען קלויבן די חתנים, פונקט ווי מ׳קלויבט ווערימדיקע אַרבעס... דער איז צו הויך, דער איז צו דאַר, דער איז נישט גענוג געלערנט, דער אַזוי און דער אַזוי...

בוענאָ, וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן, עס איז גרויסע צרות, סי סעניאָרעס. כאַטש האַק און בראַק, מיין כאַסעפינאַלע גיט זיך נישט אונטער, נישטאָ פאַר איר קיין חתן!

מיין יענטע גייט נעבעך אַרום אַן אַ קאָפּ, פאַרזאָרגט, מואי טריסטע. זי וויל האָבן אַ ביסעלע נחת פון איר פרינצעסין.

אפשר מיינט איר, אַז עס גייט אין נדן? אָ, נייִן, נאָ סעניאָר. ביי מיר איז געלט בלאָטע. פופציק טויזנט, איז פופציק טויזנט. הונדערט טויזנט איז הונדערט טויזנט און טאַקע מיט אַ שמיצל אויך... וויפל מ׳וויל. צוויי נייע קאַטשעס מיט אַ גאַנצע „עדיפיסיאָ" פאַר אַ חתן...

איר ווייסט דאָך, אַ מיידל ווערט נישט יונגער, און פאַרלעגענע סחורה וויל קיינער נישט... און נישטאָ קיין חתן!

אָבער אַז עס איז באַשערט, הערט איר, קומט דאָס אַליין אין שטוב אַריין.

מיין טעכטערל קומט איין מאָל צופאָרן מיט איר קאַטשע, אָבער נישט אַליין. זי קומט אַריין אין סאַלע אַ לעבעדיקע, אַ פריילעכע און פירט ביי דער האַנט עפּעס אַ „כאַווען" מיט אַ פאַררויטלט פּנים. זי שטעלט אונדז פאַר איר „אַמיגאָ" כאַרכע גאַרגעלעוויטש.

מיין יענטע האָט פאַר גרויס פרייד געוואָלט געבן דעם בחור אַן „אַבראַסאָ" און זיך צוקושן מיט אים, האָב איך איר שטילערהייט געזאָגט: יענטע לעבן כאַפּ נישט, ס׳איז נישט קיין הייסע לאָקשן, האָב צייט, קאָן קאַלמאַ יענטע, קאָן קאַלמאַ...

אָבער מיין יענטעלע האָט געטראָפן, ס׳איז געווען די פּרעמיע מאַיאָר, סי סעניאָר, אַ חתן! מזל טוב! געקליבן, געקליבן און זיך אויסגעקליבן אַ דאָקטאָר...

בוענאָ, טראַכט איך מיר, זאָל זיין אַ דאָקטאָר, אבי א חתן. אמת, דער דאָקטאָר איז נאָך נישט קיין געענדיקטער, ס׳הייסט, אַ נישט דערשאָכטענער... בוענאָ, זאָל זיין אַ נישט געענדיקטער. אבי אַ חתן. נאָך דער חתונה, זאָגט ער, וועט ער קריגן דעם דיפּלאָם זיינעם. נאָר מיין יענטעלע זאָגט, אַז

עס איז בעסער צו האָבן דריי „עדיפיסיאָס", איידער איין דאָקטאָר־דיפּלאָם... כ'מיין אַז זי איז גערעכט.

פאַר דער חתונה, גיי איך מיר אַוועק צום רב און לאַד אים איין, ער זאָל זיין מסדר קידושין אויף מיין טאָכטערס חתונה. גיט ער מיר אָפּ אַ ברייטן מזל טוב. מיט מזל זאָלט איר לעבן רבי, ענטפער איך אים. פרעגט ער מיך וואו די חתונה וועט זיין, זאָג איך אים, וואָס הייסט רבי וואו? אין גרעסטן, שענסטן אַריסטאָקראַטישן סאַלאָן אין שטאָט. ענטפערט ער מיר געלאַסן, אַז ער איז נאָר מסדר קידושין אין אַ יידישן זאַל, וואו ס'איז דאָ אַ כשרע קיך...

ווער איך שוין אַ ביסל בייז און רעד שוין אַ ביסל העכער: רבי, מאַכט נישט קיין רבנישע שטיק! איר ווייסט ווער איך בין? איך בין סעניאָר טיגיפּאָצקי, מיך רופט מען יאַנקל פייפער, איך קאָן פייפן אויף אַלעמען. איך בין רייך, איר פאַרשטייט רבי, כ'בין אַ גביר. ביי מיר וועט זיין אַן אַריסטאָקראַטישע חתונה מיט מעקסיקאַנער געסט, ליסענסיאַדאָס, דאָקטוירים, אינזשיניערן מיט באַנקירן.

ענטפערט מיר דער רב קאַלטבלוטיק, אַז קיינער וועט נישט מסדר קידושין זיין אויף אַ טריפהנער חתונה און אַז מ'טאָר אויך נישט סערווירן קיין „העלאַדאָס".

וואָס, וואָס האָט איר געזאָגט רבי? קיין העלאַדאָס אויך ניט? ווי אַזוי קאָן דאָס זיין אַן אַריסטאָקראַטישע חתונה אָן „העלאַדאָס"? איר פאַר־שטערט מיר די שמחה רבי, איר מאַכט מיך אומגליקלעך, ווויי איז מיר!

ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. די חתונה האָט געמוזט זיין אין אַ יידישן סאַלאָן, אָן העלאַדאָס און אָן „לעטשאָן", אָן אַ געבראָטן יונג חזירל...

מ'קאָן לעבן נאָר מ'לאָזט נישט. די שרייבער, די דעה זאָגערס און איצט דער רב.

ס'איז אָבער געווען שוין איין מאָל אַ חתונה. די גרעסטע, רייכסטע, אַריסטאָקראַטישע חתונה פון אַלע יידישע חתונות, סי סעניאָר!

דריי פאָטאָגראַפירער האָבן געשוויצט, זיי האָבן פאָטאָגראַפירט די געסט. און בלומען? אַזוי פיל בלומען האָט מען נאָך אויף אַ יידישער חתונה ניט געזען. אַ גאַנצער גאָרטן בלומען.

די שלעפּע די „קאָלאַ" פון חופה־קלייד, איז געווען זעקס מעטער די לענג, זעקס קליינע קינדער האָבן געמוזט אונטערהאַלטן די שלעפּע. איך קאָן זיך אפילו פאַרגינען אַ זיידענע שלעפּע פון 20 מעטער, עס זאָל זיך שלעפּן איבערן גאַנצן זאַל, נאָר מען לאָזט נישט, נאָ סעניאָר.

איר האָט געמעגט אָנקוקן דעם פּאַסטעל, וואָס איז געשטאַנען לעבן די חתן־כלה. איר זעט, אָ! אַ האַלבן טיש האָט ער פאַרנומען, אַ גאַנצע „עדי־פיסיאָ״, זעקס גרויסע זיילן, קאַלומנעס פון שאָקאָלאַד און אויבן אויפן צווייטן שטאָק, זיינען געווען אויסגעגאָסן פון שאָקאָלאַד ווי חתן־כלה האַלטן זיך ביי די הענט. ס'איז ג:עווען אַ מחיה צו קוקן אויפן פּאַסטעל...

ביי אונדז, אין בלאָטיקן שטעטל, האָט מען אויף דער גרעסטער גבירי־שער חתונה, אָקעגנגעטאַנצט חתן־כלה נאָך דער חופּה מיט אַ געפלאָכטענעם קוילישט, פאַר אַ רובל מיט פופציק קאָפּיקעס... און דער חתונה־פּאַסטעל קאָסט גאַנצע 600 פּעזעס.

פאַר דעם געלט האָט מען אַמאָל געקאָנט חתונה מאַכן צוויי טעכטער...

דעם פעטער אונדזערן, איז דער פאַסטעל אין גאַנצן נישט געפעלן. ער האָט געקוקט אויפן פאַסטעל מיט אַ זויערע מינע און זיך שטיל געבייזערט: פע, פע, מענטשעלעך פון שאָקאָלאַד, געטשקעס, עבודה זרה, אַ גויישער מנהג, פע, פע, אַ כשרע חתונה מיט אַ טריפהנעם פּאַסטעל, פע, פע...

דערלאַנג איך דעם פעטער אַ „קאָפּאַ״ קאָניאַק און מאַך מיט אים אַ לחיים: טרינקט פעטער, סאַלוד, לחיים, לחיים! נאָך אַ „קאָפּאַ״ פעטער, עס איז כשרער קאָניאַק, כאַ־כאַ־כאַ, סאַלוד פעטער, דאָ איז מעקסיקע נישט קאַבצאַנסק. ס'איז דאָ אַ פּאַסטעל פאַר אַכט הונדערט פּעזעס. ווען מען צעשניידט דעם פּאַסטעל, הויבט אונטן אָן צושפּילן אַ חתונה־מאַרש: טאַ־טאַנ־טעטאַם טאַ־טאַטאַם, און אויבן הייבן די שאָקאָלאַד חתן־כלה אָן צו טאַנצן. לחיים, סאַלוד!

איי. איז ביי מיר געווען אַן אַריסטאָקראַטישע חתונה. ביים עסן זיינען די „מעסעראָס״ געשטאַנען אויסגעשטעלט, שטייפע אָנגעצויגענע מיט גע־פרעסטע סערוועטלעך אין די הענט. די בעסטע מעסעראָס פון דעם רייכסטן רעסטאָראַן מיט אַ צערעמאָניע־מייסטער, וואָס האָט זיי געוויזן, ווי אַזוי אויסצולייגן די מעסער־גאָפּל, ווי אָנצוגיסן דעם שאַמפּאַניער. אמת אַריס־טאָקראַטיש, סי סעניאָר.

עסן איז געווען, אָט, ביז אַהער, נישקשה, יאַנקל פייפער קאָן זיך פאַרגינען...

פּירעליי פיש: געפילטע פיש, געפּרעגלטע פיש, מאַרינאַט, זיס און זויערע פיש. קאַוויאַר, הערינג, סאַרדינען, געהאַקטע לעבער, בוליאָן, רויטער באָרשטש, פּאַיאַ, געבראָטענע קאַטשקעס, קאַלב־פלייש, קאָטלעטן, צונגען, רינדערן פלייש, געפילטע קישקע מיט געבראָטענע טייבעלעך. ענ־

סאַלאַדאַס מיט פאַרשיידענע שלימויזן, פּרוכטן, טאָרטן, שאָקאָלאַדן, און ווײַן מיט קאָניאַק האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער...

בוענאָ, דאָס וואָס איז איבערגעבליבן נאָכן עסן, האָט מען פון דעם געקאָנט מאַכן נאָך דריי אָרעמע חתונות, סי סעניאָר.

נאָך דער חופה גיי איך צו צום יידישן פּיאַניסט, איר קאָנט אים אַלע, דער וואָס פירט דעם אָרקעסטער אויף יידישע חתונות, און זאָג אים, אַז ער קאָן שוין נעמען זיין אָרקעסטער און גיין געזונטערהייט. איך האָב פּאַר די טענץ באַשטעלט דעם טייערסטן אָרקעסטער אין מעקסיקע...

שטעלט ער אויס אויף מיר אַ פּאָר אויגן און וואונדערט זיך: ס'טייטש, סעניאָר טיניפּאַצקי, איך האָב אַנגעגרייט שיינע יידישע מוזיק צו שפּילן ביים עסן. יידישע לידער, פאָלקס־מוזיק, אַ פּאָפּורי פון יידישע ניגונים.

זאָג איך אים קורץ און שאַרף. איך בין אייך מוחל אייערע יידישע מוזיק, גראַסיאַס. ביי מיר איז אַן אַריסטאָקראַטישע חתונה, עס זיינען דאָ מעקסיקאַנער געסט, ליסענסיאַדאָס, דאָקטוירים, באַנקירן...

צעקאָכט ער זיך, דער פּיאַניסט און רעדט שוין אַ ביסל בייז: ס'טייטש, סעניאָר טיניפּאַצקי, אדרבא, זאָלן די גוים הערן, אַז מיר האָבן אַזעלכע שיינע יידישע מאָטיוון, זיסע יידישע פאָלקס־מוזיק. אויף אַלע חתונות קוועלן אַן די מעקסיקאַנער געסט פון אונדזערע יידישע לידער זיי האָבן גרויס פאַרגעניגן פון יידישע מוזיק, וואָס רעדט איר סעניאָר טיניפּאַ — — —

אָבער כ'האָב אים נישט געלאָזט מער רעדן, באַצאָלט — און אַדיאָס.

דערפאַר אָבער האָב איך איינגעלאַדן דריי מעקסיקאַנער קאָמיקער, „עקסלעקס". איי, האָבן זיי געזונגען פריילעכע שפּאַנישע לידלעך און צו־געשפּילט אויף די גיטאַרעס. די מיידלעך זיינען אַזש רויט געוואָרן פון די פּעפּערדיקע וויצן...

בוענאָ, און אַ זינגערין האָט געזונגען שפּאַנישע ראָמאַנסן, איז געוועזן וואָס צו הערן און וואָס צו זען...

די מעשה האָט מיך געקאָסט אַ גאַנצן טויזנטער, ס'איז אָבער ווערט געווען, סי סעניאָר. יאַנקל פּייפער קאָן זיך פאַרגינען...

ווען די אַרטיסטן זיינען אַוועקגעגאַנגען, קומט צו מיר צו דער פעטער מיינער מיט אַ גאַנצע פּרעטענזיע: וואָס האָסטו געטאָן יאַנקל? ס'איז דאָך אַ חרפּה און אַ שאַנד, אויף אַ יידישער, כשרער חתונה, גויישע קאָמע־דיאַנטן מיט שמוציקע לידלעך... פע, אַ בזיון, אַ סקאַנדאַל! ס'איז דאָך אַ שול, אויבן שטייען דאָך ספר תורות, מען דאַוונט דאָך אויבן אין שול. עס איז דאָך אַ חילול השם!

אין מעקסיקאנער גן־עדן

האָב איך געלאָסן באַרואיקט מיין פעטער: ס'איז מעקסיקע פעטער, דאָ מעג מען אַלץ, דאָ פייף איך אויף אַלעמען. כ'בין רייך, כ'קאָן זיך פאַרגינען...

יאָ פעטער, ס'איז אַ שאָד, וואָס ביי יידן איז נישטאָ קיין גלאָקן אין שול. ווען ביי אונדז וואָלטן געווען גלאָקן, וואָלט איך געהייסן קלינגען אויף אַלע גלאָקן: גלין־גלאָן, גלין־גלאָן! קלינגט הויך גלעקער, גלין־גלאָן, גלין־גלאָן! העכער, העכער!

זאָל קלינגען איבער דער גאַנצער שטאָט, אַז ביי די טיניפאָצקיס, איז געווען די גרעסטע, שענסטע און רייכסטע אַריסטאָקראַטישע חתונה פון אַלע יידישע חתונות.

זאָל מען פויקן אויף די פויקן, זאָלן טרומייטערן די טראָמבאָנען, זאָל מען קלאַפּן מיט די טאַצן, זאָל מען שרייען אין די גאַסן:

יאַנקל פייפער מאַכט חתונה!

יאַנקל פייפער ווערט אַן אַריסטאָקראַט...
(מאָנאָלאָג)

— איר מיינט, אַז כ'וויל ווערן אַן אַריסטאָקראַט? נאָ סעניאָר! ס'הייבט זיך נישט אָן. ווער מיר אַריסטאָקראַט וואָס מיר אַריסטאָקראַט, ווייס איך וואָס!

אַ האַלב לעבן שוין אָפּגעלעבט און כ'בין ביז אַהער נישט געוואָרן קיין אַריסטאָקראַט, גיי מאַך זיך איצטער נאַריש און נעם שפּילן די ראָלע פון אַ ניי־געבאַקענעם אַריסטאָקראַט, אַ יחסן...

ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך אַ פּראָסטער חי־וקים, אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר. אמת, כ'בין טאַקע רייך, מיט אַלץ וואָס מ'דאַרף: אַ פאַבריק, אַ דעספּאַטשאָ, „עדיפיסיאָס", אַזוי, נו, איר ווייסט דאָך... כ'האָב ליב אַ לעב צו טאָן, אַ נאַש־בראַט, אַ צוגעלאָזטער מענטש, אַ גוטער ברודער!

וואָס בין איך שולדיק, אַז כ'בין געוואָרן אַ גביר, מוז איך נאָך ווערן אַן אַריסטאָקראַט אויך?...

נאָר זי, מיין יענטעלע, זאָל געזונט זיין, האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז איך מוז ווערן אַן אַריסטאָקראַט. און אַז מיינע שפּאַרט זיך איין, איז שלעכט! טאַקע נישט גוט, נאָ סעניאָר!

מיין יענטע האָט אַ קאָפּ, סי סעניאָר, זי האָט גיך געכאַפּט דעם שניט... זי איז שוין אַ פאַלנע אַריסטאָקראַטקע. איר וועט זי נישט דערקענען, זאָג איך אייך, נאָ סעניאָר! אַ גאַנצע יחסנטע!

שטענדיק גייט זי אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, פון בעסטן און פון שענסטן. הייגט דאָס געגנגעלע אירס? זי גייט ווי אַן אמתע פּאַווע, ווי אַ געבוירענע פּריצה, אַ יחסנטע...

נעמט נישט אַראָפּ די הענטשקעס פון די הענט, רעדט מיט אַ שטאָלצע

מינע, ווי אַ גרעפין, פאַרציט די ליפּעלעך און וויל נישט רעדן קיין יידיש וואָרט, אַן אמתע געבוירענע אַריסטאָקראַטקע...

אַנומעלט קומט זי אַהיים מיט עפּעס אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ, ווי אַ קליין קאָמפּאָט טעלערל, אָט, אָט פליט עס אַראָפּ פון שפּיץ קאָפּ... פרעגט זי מיך: כאַקאָבעלע, עס געפעלט דיר מיין נייער סאָמבּרעראָ? זאָג איך קאַלט: וואָס פאַראַ הוט? ס'איז דאָך אַ יאַרמולקע פאַר אַ קליין אינגל. האָט זי זיך צעבייזערט: יאַנקל פייפער, אַ יאַרמולקע איז דאָס? אַ הוט איז דאָס! דאָס איז די לעצטע מאָדע, אַלע אַריסטאָקראַטקעס טראָגן איצט אַזעלכע סאָמ־ברעראָס. דו ווייסט דאָך פייפערוקל, אַז כ'בין שוין אַן אַריסטאָקראַטקע, אַ יחסנטע...

מילא, נו, וואָלט איך שוין אפשר פאַרשוויגן, וואָס אַרט מיך, אַז כ'האָב אַ ווייב אַן אַריסטאָקראַטקע? איז אָבער די צרה, וואָס מיין יידענע וויל מיך אויך מאַכן פאַר אַן אַריסטאָקראַט, פאַר אַ יחסן...

איר זענט שוין אַמאָל געווען אַן אַריסטאָקראַט? ווי אַזוי ווערט מען איינס און צוויי אַן אַריסטאָקראַט, אַ מיוחס? אַ יחסן?

מיין יענטעלע זאָל לעבן, וויל מיר איינרעדן, אַז איך שטאַם פון בלויז אַריסטאָקראַטן, רבנים, פּראָפעסאָרן, יחסנים און שיינע יידן. זי לייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט צו באַווייזן מיין יחוס, מיין גרויסקייט, מיין געלערנטקייט און מיין חכמה...

ווען ס'קומען אַריין צו אונדז באַקאַנטע מעקסיקאַנער טרינקען טיי, עסן אַ „סענאַ״ אָדער נעמען אַ „קאָפּאַ״, נעמט זיך מיין יענטע באַרימען פאַר די געסט, אַז איך האָב געלערנט אין דריי אוניווערסיטעטן און קום אַרויס פון בלויז מיליאָנערן, אַריסטאָקראַטן און רעדט זעקס שפּראַכן . . .

זיץ איך און שווייג, כ'ווער בלאַס און רויט. כ'וויל עפּעס זאָגן, נאָר זי לאָזט מיך נישט קומען צום וואָרט... כ'בעט זיך ביי איר שטילערהייט: יענטעלע, לאָז אַראָפּ אַביסעלע פון אונדזער יחוס, מאַך ווייניקער מיט אַן אוניווערסיטעט... לאָז אָפּ די רבנים, זאָל זיין ווינציקער מיט אַ שפּראַך, דאָס פּנים פלאַמט דאָך מיר פאַר בושה, דערבאַרעם זיך, האַלט איין אַביסל, צעלאָז זיך נישט מיט דיין אַריסטאָקראַטיע, מיט דיינע יחסנים...

כאַפּ איך אָבער פון איר דערפאַר שפּעטער די אמתע פּאָרציע. זי וויינט און שרייט, גוואַלדעוועט אויף מיר מיט איר קוויטשיק שטימעלע: כאַקאָ־באָ, דו ווייסט ווער דו ביסט? כאַקאָבאָ, דו ווייסט וואָס דו רעדסט? דו מיינסט, אַז דו ביסט נאָך דאָרט אין דיין בלאָטיק שטעטל? יאַנקל פייפער, דו ביסט רייך, יאַנקל דו האָסט געלט, קומסט צווישן מענטשן, ביסט נישט

מער דער יאנקל פייפער פון אַמאָל, דו הערסט? פייפערוק! דו ביסט סע־ניאָר טיניפאָצקי, וואָס לעבט ווי אַ גראַף, ווי אַ מיליאָנער. פייפערוק, ווער אַ מענטש, זאָג איך דיר, לערן זיך אויס, ווער אַ שטיקל אַריסטאָקראַט!

נו, צעלאַך איך מיך פון מיין ווייבס געשרייען: כאַ, כאַ, כאַ, קוקט זי נאָר אָן די אַריסטאָקראַטקע מיינע, כי, כי, כי! יענטעלע מ'קען דיך, דיינע לאַנדסלייט קענען דיך פון דער היים. ביסט טאַקע אַ וואַזשנע אַריסטאָ־קראַטקע, כאַ, כאַ, כאַ! קוק זיך נאָר אָן יענטע, כאַ, כאַ, כאַ! אוי, רבונו של עולם, וואָס געלט קען אַלץ מאַכן... מיין יענטע אַ יחסנטע!

יאָ, איך לאַך, ס'איז מיר אָבער פינסטער און ביטער. ס'איז שוין גאָר נישט קיין געלעכטער. מיין יענטע דערגייט מיר די יאָרן, פאַרמוטשעט מיך מיט אַריסטאָקראַטישע מאַניערן, זי לערנט מיך ווי אַזוי צו ווערן אַן אַריסטאָקראַט...

זיץ איך אויף אַ באַנקעט, דערלאַנגט מען מיר אַ שטיקל געפּרעגלטע פיש, נעם איך אַ מעסער און הייב אָן צו שניידן די פיש, גיט זי מיך אַ צי ביים אַרבל: כאַקאַבאַ לייג אַוועק דאָס מעסער, פיש עסט מען אָן אַ מעסער, ס'איז נישט אַריסטאָקראַטיש... זאָג איך איר שטילערהייט: דריי מיר ניט דעם קאָפּ מיט דיין אַריסטאָקראַטיע, ס'איז נישט קיין געפילטע פיש, ס'איז האַרט ווי אַ שטיין, לאָז מיך עסן.

נעמט זי ביי מיר צו דאָס מעסער און איך עס שוין נישט קיין פיש...

גיי איך אויף אַ חתונה, מוז איך זיך אויספּוצן ווי אַ גראַף, אין אַן ענגן „סמאָקינג" מיט אַ געפּרעסטן, שטייפן קאָלנער, וואָס רייבט מיר אָפּ דעם האַלז, שטיקט מיך, אַז כ'גיי אַזש אָפּ מיט שווייס...

אָבער ווען איך מאַך אַ כוסה, טרינק אַ „קאָפּאַ" און טאַקע נאָך אַ קאָפּאַ, פייף איך אויף דער וועלט. ווען איך דערוואַרעם זיך אַביסל, כ'בין שוין רעכט אונטערן גלעזל פאַרגעס איך, אַז כ'בין אַ גביר, מיט אַ פאַ־בריק, אַ „דעספּאַטשאַ", „עדיפיסיאָס" און אַז כ'האָב אַ ווייב אַן אַריסטאָ־קראַטקע...

כ'קנעפּל אויף דאָס ענגע רעקל, מאַך מיר לויז דעם קאָלנער און לאָז זיך אַוועק מיט מיינע לאַנדסלייט אין אַ קאַזאַצקע, אַז די פּאַדלאָגע ציטערט, און אַלע פּאַטשן צו מיט די הענט: לעבעדיק! לעבעדיק! איך טאַנץ, איך פלי... נאָר מיין יענטעלע הייבט שוין אָן די אַריסטאָקראַטישע שטיק: כאַ־קאַבאַ זאָל שוין זיין גענוג, פאַרגעס נישט וואו ביסט, און ווער דו ביסט, באַסטאַנטע כאַקאַבאַ, באַסטאַנטע!

נעם איך שוין אויך רעדן אַביסל העכער: יענטעלע קאָמאַנדעווע נישט,

לאָז געמאַך דיין מענה־לשון, שטעל אַ פּוס קראַסאַוויצע מיינע, טאַנץ, ס'איז אַ חתונה, נאָ לע האַסע, ס'איז אַ מצוה, טשעפּע זיך אָפּ אַריסטאָקראַטקע מיינע, ס'איז אַ מצוה. מוזיקאַ, מוזיקאַ! אַטראַ „קאַזאַצקעלע" אַטראַ, מו־זיקאַ, לעבעדיק, לעבעדיק!

וואָס מיין אַריסטאָקראַטקע דערלאַנגט מיר שפּעטער אין דערהיים, איז גלייכער נישט צו דערציילן... סי סעניאָר.

ס'איז זייער שווער צו זיין אַן אַריסטאָקראַט!

אַמאָל האָב איך כאַטש הנאה געהאַט פון אַ גלעזל טיי. מ'האָט דער־לאַנגט צום טיש אַ פּינקלדיק, לויטער גלאָז קאָכעדיקע טיי, לימאָנע, אַ שטיקעל האַרטן צוקער מיט וואַרעניע.

היינט אָבער, טרינק איך אַריסטאָקראַטישע טיי, טיי מיט יחוס...

מיין יענטע האָט ליב צו מאַכן אַ פּייף אָקלאָק טיי, נו, קריג איך אַ פּייף נישט קיין טיי... מיין ווייב וויל וויזן די געסט איר נייעם פּאָרצע־לייענעם סערוויז... דערלאַנגט די דינסט אַ טאַץ מיט דינע שעלעכלעך טיי, „טאַסאַס", איידער מ'שטעלט אויס די שיינע „טאַסאַס", איז די טיי שוין קאַלט...

הייס איך די דינסט זאָל מיר געבן אַ גלאָז טיי. זאָגט מיין אַריסטאָ־קראַטקע, אַז ס'איז נישט שיין צו טרינקען טיי אין אַ גלאָז . . . ס'איז נישט אַריסטאָקראַטיש... און קאַלטע טיי האָט אַזאַ טעם, ווי קאַלט, איבערגע־שטאַנע טשאָלנט...

איר האָט עפּעס ליב צו טרינקען טיי אין אַ שאָל, אַ קאַלט טעפּל טיי? איך נישט, נאָ סעניאָר! אַריסטאָקראַטישע טיי!

שווער צו זיין אַן אַריסטאָקראַט !

צוויי סאַלעס האָב איך, אָבער סאַלעס! שטייט אין דער שיינער, ריי־כער סאַלע אַ פיינע ווייכע קאַנאַפּע, אַ מחיה זיך צו צעלענען אַביסל אויף אַזאַ סאָפע. לייג מיך צוקאָפּנס אַלע קליינע זיידענע קישעלעך און כאַפּ אַ געשמאַקן, זיסן דרימל.

מיטאַמאָל דערהער איך אַ קוויטשיק שטימעלע: ווי איז מיר, וואָס האָסטו געטאָן כאַקאַבאַ? די סאָפע, די נייע סאָפע! די קישעלעך, ער האָט מיר צעמאָרשט, צעקנייטשט די זיידענע קישעלעך! ווי איז מיר, זע נאָר וואָס ער האָט מיר געמאַכט פון דער סאַלע, פון דער נייער סאַלע, ווי איז מיר! פּייפערוק, האָסט שוין נישט וואו צו שלאָפן, נאָר אין דער נייער סאַלע? גוואַלד, גוואַלד, ווען וועסטו שוין ווערן אַ שטיקל אַריסטאָקראַט?

שווער צו ווערן אַן אַריסטאָקראַט!

כאַקאַבאַ, מיר פאָרן אויף וואַקאַציע, זאָגט מיר אַן מיין ווייב אַ גוטע בשורה, כ׳האָב שוין באַשטעלט אַ צימער.

דאַנק איך איר זייער פיין פאַר דער גוטער בשורה און פרעג איר שוין אַביסל איבערגעשראָקן: יענטעלע, טייבעלע מיינס, וואָס איז, ביסט מיד? פילסט זיך אפשר נישט געזונט?

צעלאַכט זי זיך און ענטפערט מיר איראָניש: פאַרוואָס זאָל איך זיין מיד? כ׳בין חלילה נישט קראַנק. מיינע שונאים זאָלן פאָרן אויף וואַקאַציע קראַנקערהייט, איך פאַר געזונטערהייט אויף וואַקאַציע...

זאָג איך איר שוין געלאַסן, יענטעניו ביסט דאָך ערשט מיט אַ חודש צוריק געווען אַ גאַנצע וואָך אויף וואַקאַציע, וואָס פאַר אַ נייער שמע קולנו איז דיר איינגעפאַלן, און וואו פאָרסטו?

ענטפערט זי מיר מיט אַ שטאָלצער מינע, אַז זי פאָרט נישט וואוהין אַלע שלעפּער פאָרן, זי פאָרט אין רייכסטן, אַריסטאָקראַטישן האָטעל. דאָרט קומען אַמעריקאַנער טוריסטן, מיליאָנערן, סינע־אַרטיסטן, ס׳קאָסט זעכ־ציק פעזעס אַ טאָג...

מילא, נו, אַז מיין יענטע זאָגט וואַקאַציע, איז טאַקע אין וואַקאַציע!

עסן גיט מען טאַקע, ווי אין אַן אמתן אַריסטאָקראַטישן האָטעל. דער „מעסערא״ דערלאַנגט מיר אַלע מאָל אַ קליין זעמעלע, אַ „באַליא״, מיט אַ זילבערן צווענגל... מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט מיר אָוועקגעלייגט אַ בריליאַנט. איך בין טויט הונגעריק און ער גיט מיר אַלע מאָל אַ פיל... האָב איך שוין רחמנות אויפן קעלנער און הייס אים דערלאַנגען אַ טעלער מיט זעמל. זאָגט מיר מיין ווייב, אַז עס איז נישט שיין צו בעטן אַזוי פיל ברויט, ס׳איז נישט אַריסטאָקראַטיש...

שווער צו זיין אַן אַריסטאָקראַט!

אַ גאַנצע טאָג פאַרמוטשעט מיך מיין יענטע מיט אירע אַריסטאָקראַטישער מאַניערן: יאַנקל פאַרקנעפּל דאָס העמד ביים האַלז, מ׳זעט דיר אַרויס דיין באַוואָקסענעם בוזעם מיט האָר, ווי ביי אַ בער... יאַנקל פאַרקאַטשע נישט די אַרבל אַזוי הויך, כאַקאַבאַ פאַרשפּילע דעם פּאַסעק... דעם פּאַסעק!

זיץ איך אַזוי איינמאָל אומעטיק, פאַרטראַכט און דערפיל אַ קלאַפּ אין דער פּלייצע: האַלאָ כאַקאַבאַ! קאַמאַ לע וואַ אַמיגאַ? כ׳דריי זיך אויס און דערזע עטלעכע באַקאַנטע פון מעקסיקע. כ׳האָב זיך זייער דערפרייט און באַלד באַשטעלט עטלעכע „קאַפּאַס״ ביר, „רעפרעסקאָס״.

מ׳זעצט זיך אין עסצימער ביי אַ טישל און מען צערעדט זיך אַביסל פון „נעגאָסיאָס״, פּאָליטיק, לעטראַס, „עדיפיסיאָס״. מ׳דערציילט זיך „טשיסטעס״, געפעפערטע יידישע וויצן, עס איז אַ מחיה, ס׳איז געוואָרן אַביסל פריילעכער. ס׳וועט זיין מיט וועמען צו מאַכן אַ היימישן פּאָקער, ס׳וועט כאָטש זיין מיט וועמען צו רעדן אַ יידיש וואָרט...

קומט אָבער באַלד אָן מיין יענטע מיט פאַרביסענע ליפּן פאַר כעס, און זאָגט מיר שטילערהייט: כאַקאַבאַ, וואָס טוסטו ? הער אויף צו רעדן יידיש . . . קע פּאַסאַ, וואָס איז מיט דיר? דו ווייסט וואו דו ביסט? ווי איז מיר! רעדט נישט אַזוי הויך קיין יידיש, פאַרשעם מיך נישט, מ׳וועט נאָך דער־הערן, אַז מיר רעדן יידיש. ס׳איז דאָך אַן אַריסטאָקראַטישער האָטעל, נאָדיר גאָר יידיש אין מיטנדערינען ! דאָ זיינען דאָך דאָ בלויז אַריסטאָ־קראַטן, ווי איז מיר! דאָ רעדט מען בלויז שפּאַניש מיט ענגליש, קומען זיי צוגיין מיט זייער יידיש, ווי איז מיר! ששש! דערבאַרמט זיך, הערט אויף צו רעדן יידיש, ס׳איז דאָך אַ חרפּה און אַ שאַנד, ווי איז מיר! ששש, שאַט, שששששש!

נו, לוינט זיך צו זיין רייך? נאַט אייך אַ סענט פאַרן גאַנצן גביריש־קייט...

מיין ווייב לערנט מיך ווי צו זיצן, ווי צו שטיין, ווי צו עסן, ווי צו רעדן און ווי צו ווערן אַן אַריסטאָקראַט...

און מיין יענטעס אַריסטאָקראַטישקייט, פּאַסט זיך אַזוי צו איר גבי־רישקייט, ווי אַ פּאַטש צו אַ גוט שבת...

ביי מיר איז דאָס קערבל, דער גרעסטער יחסן, ממתקים, קלינגערס. כ׳פייף אויף אַלע יחסנים, אַריסטאָקראַטן!

הערט יידן, אויב איר האָט געלט, גאָט האָט אייך געהאָלפן, איר האָט געמאַכט אַ פּעזע, איר זענט געוואָרן רייך. דערבאַרמט אייך, לאָזט זיך ניט מאַכן פאַר קיין אַריסטאָקראַט...

ס׳איז זייער שווער צו ווערן אַן אַריסטאָקראַט!

(נײַע סעריע)

יאַנקל פּײַפּער פֿאָרט קיין ארץ ישראל...

(מאָנאָלאָג)

— איר קענט דאָך מיך! און טאַקע נישט פֿון הײַנט, נישט פֿון נעכטן און נישט פֿון אײערנעכטן.

ווער קען דאָס נישט יאַנקל פּײַפּער? ווער קען דאָס נישט סעניאָר כאַקאַבאַ טיניפּאַצקי?

כ׳בין אַ מענטש מיט אַ ברייטער האַנט און מיט אַן אָפֿענער קעשענע. אַזוי בין איך, סי סעניאָר! ווער ס׳קומט אַרײַן צו מיר, גייט נישט אַרויס מיט ליידיקע הענט, כ׳גיב פֿאַר אַלץ און אַלעמען.

און מער פֿון אַלע קריגן ביי מיר די ציוניסטן. וואָס איז, כ׳בין נישט קיין ייד, קאָמאָ נאָ?

איז דאָך דאַכט זיך גוט, האָ? זאָג איך אייך, אַז נישט, ס׳טויג נישט, נאָ סעניאָר! ס׳איז נישטאָ קיין יושר אויף דער וועלט, נישטאָ!

הערט אומישנע אַ שיינע מעשה, ווי אַזוי מען באַהאַנדלט אַזאַ מענטש ווי איך אין ארץ ישראל, ווי אַזוי מ׳נעמט אויף מיך, יאַנקל פּײַפּער, אין אונדזער יידישער מדינה. איר מעגט דאָס הערן מיט קאָפּ, נאָ לע האָסע!

קום איך איינמאָל אַהיים פֿון פֿאַבריק, עס מיר אָפּ די פֿיינע וועטשערע, טרינק מיר אויס עטלעכע הייסע גלעזער טיי מיט וואַרעניע און אַ זאַטער אַ צופֿרידענער זעץ איך זיך אַוועק לעבן מײַן יידענע אויף דער וווייכער, זיידענער סאָפֿע און זאָג איר צערטלעך, געלאַסן: יענטעלע טײַערע, כ׳האָב זייער אַ גוטן פּלאַן, אַ גאָלדענעם פּלאַן, זאָג איך דיר, מיר פֿאָרן קיין ארץ ישראל יענטעניו!

ענטפֿערט זי מיר מיט אַן איראָניש שמייכעלע: וואָס איז כאַקאַבאַ קע־

רידאַ ביסט געוואָרן אַ ציוניסט? וואָס פּאַראַ נייער שמע־קולנו איז דיר אַריין אין קאָפּ? ארץ ישראל גאָר? מיר דאַרפן דאָך פאָרן אין אַקאַפּולקאָ, אין די שטאַטן.

זאָג איך איר גאַנץ רואיק: פּאַרשטייסט יענטעלע, איצט זיינען נישטאָ מער קיין ציוניסטן, נאָר יידן. ארץ ישראל געהערט צו אַלע יידן. מיר האָבן דאָך שוין אַן אייגענע מדינה! אַן אייגן לאַנד! נו, דאַרף מען טאַקע פאָרן כאַפּן אַ קוק, וואָס טוט זיך דאָרט אין אונדזער מדינה. דו זעסט דאָך, ווייבעלע מיינס, אַז אַ סך יידישע טוריסטן פון מעקסיקע פאָרן. נו, פאַר וואָס זאָלן מיר אויך נישט פאָרן. וואָס איז, מיר קענען זיך נישט פאַרגינען?

דו הערסט יענטע קרוין, מיר וועלן דערווייל כאַפּן אַ קוק אויף אונדזערע יידישע סאָלדאַטן, אַ געזונט זיי אין די ביינער, וואָס האָבן גאַנץ פיין אָפּגעשמיסן די אַראַבער אין דער מלחמה. מיר וועלן זעען יידישע זשאַנדאַרן, יידישע מיניסטאָרן, יידישע שטעט, קאָלאָניעס מיט יידישע פויערים.

שאַ, ווייסט וואָס יענטעניו, מיר וועלן אפשר גאָר קויפן דאָרט עטלעכע הייזער, מאַכן אַ פאַבריק, אָדער מאַכן עטלעכע געשעפטן גוטע...

נישקשה, אַ דאַנק גאָט, יאַנקל פייפער קען זיך פאַרגינען!

גיט זיך מיין יענטע ראַפּטום אַ שטעל אויף, גלאָצט אויס אויף מיר די אויגן, פאַרלייגט די הענט אויפן בוזעם און זאָגט מיר מיט אַן אויסגעצויגן הויך קול, פּאַמעלעך, איראָניש: כאַקאַבאַ טייערער, כ'דערקען דאָך דיך נישט, ווי איז מיר! דו רעדסט דאָך ווי אַן אמתער ציוניסט! יאַנקל, זאָג מיר דעם אמת, ס'איז כאָטש דאָרט דאָ וואָס צו עסן ? וואו צו פאַרברענגען, ביילעס, סינעס, יאַנקל, מ'קען דאָרט שפּילן אין פּאָקער, אָדער נישט?

זאָג איך איר געלאַסן: יאָ יענטעלע. מ'קען דאָרט מאַכן אַן ערשטקלאַסיקן פּאָקער אויף העברעאיש ... אַלץ איז דאָ דאָרט, מ'דאַרף נאָר האָבן אַמעריקאַנער דאָלאַרן.

דו ווייסט זען, טייער ווייבל מיינס, ווי מ'וועט אונדז דאָרט אויפנעמען מיט מוזיק, מיט באַנקעטן, מיט רעדעס, פונקט ווי אין מעקסיקע. מ'ווייסט, מ'ווייסט ווער יאַנקל פייפער איז. מ'ווייסט אפילו אין ארץ ישראל ...

עפּעס אַ קלייניקייט, יאַנקל פייפער פון מעקסיקע פאָרט קיין ארץ ישראל! און טאַקע מיט זיין טייערע, קלוגע, אַריסטאָקראַטישע פרוי יענטע, זאָל לעבן.

און כ'זע, אַז עס גייט, ס'גייט! מיין יידענע ווערט אַ ביסל ווייכער. יאָ, מיין יענטעלע איז שוין גרייט צו פאָרן. זי פרעגט שוין שטילער, גע־

לאַסן: נו, גרויסער אויפטוער מיינער, וואָס ווּעסטו רעדן אין ארץ ישראל? מ׳רעדט דאָך דאָרט העברעאיש, פאַרשטייסט דען העברעאיש? גרויסער קנאקער מיינער!

ענטפער איך איר מיט אַ צופרידן שמייכעלע: ערשטנס, גרויסע גע־לערנטע מיינע, רעדט מען אין ארץ ישראל אַלע שפּראַכן און טאַקע מאַ־מע־לשון, יידיש אויך. און צווייטנס, יענטעלע קרוין, וואָס איז? דיין מאַן פאַרשטייט נישט קיין לשון קודש? וואָס איז, כ׳קען נישט קיין לשון קודש? וואָס איז, כ׳קען נישט דאַוונען? איי, וועל איך זיי דאָרט געבן אַ לייג אַוועק אַ דאַוונען מיט אַ לשון קודש!

כ׳וועל זיי געבן אַ זאָג אָפּ אַן אדון עולם, אַן אשרי יושבי ביתך ווי אַ וואַסער, כ׳וועל זיי געבן אַ האַק אָפּ אַ האַלבע שמונה עשרה פון אויסנ־ווייניק... אָפּזאָגן אויף גיך אַ יעלה ויבא, כ׳וועל געבן אַ קלאַפּ אָפּ דעם שבתדיקן יקום פורקן, אַז דער רוח וועט עס נעמען, און פאַרענדיקן מיט אַ באַלעבאַטישן רבנן קדיש, וועלן זיי זען וואָס איך קען און ווער יאנקל פייפער איז...

וואָס הייסט, כ׳קען נישט קיין העברעאיש?

אין אַ וואָך אַרום, האָט זיך מיין יידענע אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, זיך געזעגנט מיט די קינדער, מיט די גוטע פריינט און מיט־גענומען עטלעכע וואַליזן מיט זאַכן, ווי מ׳פאָרט אויף אַ יאריד...

ביים אַראָפּגיין פון שיף, אין ארץ ישראל, האָט זיך מיין יענטע גענו־מען דינגען ביים אָפּצאָל־אַמט. פאַר די זאַכן וויל זי גאָרנישט צאָלן, דאָס קאָסט נישט אַזוי פיל, ווי מ׳שאַצט עס אָפּ, דאָס נעמט זי מיט פאַר אירע פריינד...

זאָג איך איר שטילערהייט: יענטעניו הער זיך אויף צו דינגען ווי אויף אַ מאַרק. זאָג וויפל די זאָך קאָסט דיך. ווּעמען גייסטו אָפּנאַרן, אַ יידישן זשאַנדאַר? נאַרעלע, אַ יידישן זשאַנדאַר קען מען נישט אָפּנאַרן... באַהאַלט גאָרנישט יענטעלע, מ׳וועט געפינען, באַהאַלט נישט...

מיין יידענע האַלט זיך אין איין וואונדערן, קלאַפּט מיר מיטן עלנבויגן אין זייט אַריין: יאנקל גיב נאָר אַ קוק אויף די יידישע „טשאַמאַדזשניקעס״. זע נאָר די יידישע „כענדאַרמעס״... די יידישע פּאָליציי, און די „כאָווע־נעס״ אין מונדירן זיינען שיין ווי גאָלד !

ביים פאָרן אין האָטעל, גיט זי מיך אַ פרעג: נו, כאַקאַבאַ, וואו איז דער אָרקעסטער? וואו איז דער קאָמיטעט וואָס דאַרף דיך אויפנעמען? וואו איז דער ברוך־הבא מיט די מוזיק? וואָס דאַרף דיך אויפנעמען? פאַרוואָס

עפּעס אַזוי קאַלט? קע פּאַסאַ כאַקאַבאַ?

דערקלער איך איר, אַז מ׳דאַרף וואַרטן אַ ביסעלע, אין האָטעל וועל איך געבן אַ קלינג אָן גלייך צום פּרעמיער־מיניסטער: חבר בן־גוריון שאַ־לאָם! יאַנקל פּייפּער פון מעקסיקע איז געקומען, ווען קענט איר מיך אויפ־נעמען? דערנאָך וועלן אַלע צייטונגען נעמען שרייבן מיט גרויסע אותיות די וויכטיקע נייס:

דער באַרימטער סוחר און פאַבריקאַנט פון מעקסיקע איז געקומען צו אונדז. מאַכט אַ וואַרע, ברוך־הבא, יאַנקל פּייפּער איז דאָ!

האָב איך געוואַרט עטלעכע טעג, מ׳זאָל מיך איינלאַדן צו אַ מיניסטער, מ׳זאָל שרייבן וועגן מיר אין די צייטונגען. אָבער אַ נעכטיקער טאָג! שאַ, שטיל, גלייך ווי יאַנקל פּייפּער וואָלט נישט געקומען קיין ארץ ישראל...

פאַרדריסט מיך שוין אַ ביסל די גאַנצע מעשה. וואו איז יושר, האַ? איך, יאַנקל פּייפּער מאַך אַזאַ ווייטע רייזע, און דאָ גאָרנישט! נאָר כ׳שוויג אפשר וועט מען זיך פאַרט דערוויסן, אַז סעניאָר טיניפּאַצקי איז געקו־מען אין ארץ ישראל.

מיר זיינען דערווייל געפאָרן צו אונדזערע לאַנדסלייט אין אַ קאָלאָניע. מ׳האָט אונדז גאָר פיין אויפגענומען, זיך געפרייט מיט אונדז. מיין יענטע האָט געטיילט מתנות און זיך גענומען באַרימען מיט איר גרויס, שיין הויז אין מעקסיקע, מיט איר טייער מעבל, טעפּיכער, שפּיגלען, לאָמפּן קאַנט־שעס, בריליאַנטן און מיט אירע דריי דינסטן...

מיין יענטע האָט געעפנט איר מויל ווי זי קען: אוי וויי איז מיר, טייע־רע מיינע. איר אַרבעט נעבעך, אַזוי שווער און ביטער. אַליין קאָכן, אַליין וואַשן און אָן דינסטן, נעבעך, וויי איז מיר!

גיב איך איר אַ צי ביים אַרבל: יענטע קרוין, צעלאָז דיך נישט אַזוי מיט דיין רייכקייט, מיט דיינע דינסטן. דו זעסט דאָך וואו דו ביסט. אין אַ יידישע קאָלאָניע ביסטו, די מענטשן אַרבעטן און זיינען צופרידן. יענטע לעבן, הער אויף האַקן אַ טשייניק מיט דיין לוקסוס, דערבאַרעם זיך, הער אויף! הער אויף יענטעניו!

כ׳גיי דערווייל אַריין צו די יונגע חברה וואָס זינגען איצט העברעאי־שע לידער. אָבער מיין יענטע גייט מיר נאָך, זי לאָזט מיך נישט אָפּ אויף קיין איין מינוט אַליין: — כאַקאַבאַ וואו גייסטו? דו הערסט דאָך, אַז די „כאַוועגעס" דאַוונען...

זאָג איך איר, ניין יענטעלע, זיי דאַוונען נישט, די בחורים מיט די מיידלעך דעקלאַמירן און זינגען העברעאישע לידער.

די יונגע חברה האָבן מיך אויפגענומען מיט אַ פריילעכן, הויכן שאַ־לאָם, שאַלאָם! מיך געבעטן זיצן און מיך געפרעגט: אתה מבין עברית? האָב איך זיי גיך געענטפערט, אַ שאלה אַ ביסל, אוודאי בין איך אַ מבין אויף העברעאיש. שלום עליכם, עליכם שלום! קאַמאַ נאַ? כ׳קען דאַווענען, אַ קאַפּיטל תהילים, סי סעניאָר! און נעם זיי טאַקע ווייזן, דעם יונגוואַרג, וואָס יאנקל פייפער קען...

כ׳גיב זיי אַ זינג אָפּ מיטן יום־טובדיקן ניגון אַ שטיקל הלל: — מקימי מעפר דל, מאשפות ירים אביון, און גיב באַלד אַ דערלאַנג דעם יום־כיפורדיקן ונתנה תוקף, און גיב אַ פאַר אַריין מיט דער פסחדיקער הגדה: — עבדים היינו לפרעה במצרים. זע איך דאָך, אַז די יונגע חברה לעקן די פינגער פון מיין העברעאיש. גיב איך זיך אַ צעלאָז מיט אַ חזניש שטיקעלע און קריך באַלד אַריין אין דער פורימדיקער מגילה:: — ויהי בימי אחשורוש. דערנאָך גיב איך זיי אַ קנאַק אָפּ אַ ראש חודש בענטשן, ווען זיי מיך האָבן צו געדענקען: — מי־מי־מי, מי שעשה נסים לאַ־בותינו וגאל אותם מעבדות לחרות — — — — — לח־הר־ות!

די חברה האָבן דערהערט דאָס וואָרט חרות, האָבן זיי אָנגעהויבן פּאַטשן בראַוואָ: כיירוט, כיירוט! (פרייהייט). טאָוו מעאָד, טאָוו! (טוב מאוד). טראַכט איך מיר, זאָל זיין כיירוט. ביי מיר איז חרות (כיירוס) און ביי זיי כיירוט... אָבער קענען קען איך, האַ? כ׳קען וואָס הייסט, יאנקל פייפער קען נישט דברן קיין העברעאיש? ווען ווערט מען וועלכער ייד קען נישט דאַווענען?

מיין יענטעלע קוועלט, שמעלצט זיך פאַר נחת, איר יאנקל איז אַ קע־נער, איר כאַקאַבאַ איז אַ מבין אויף אַלץ, אפילו אויף העברעאיש!...

מיין יענטע האָט זיך שוין אויסגעלערנט דריי העברעאישע ווערטער: שאַלאָם און טאָדאַ ראַבאַ (שלום און תודה רבה).

יעדן באַגריסט זי מיט אַ הויכן שאַלאָם, קאַמאַ לע וואַ? טאָדאַ ראַבאַ! כ׳האָב שוין אַ פולן קאָפּ מיט שאַלאָם... שאַלאָם אַהין, שאַלאָם אַהער!

אין האָטעל דרייט זיך אַרום מיין יידענע אַ בייזע, אַן אומצופרידענע. זי האָט נעבעך נישט מיט וועמען צו מאַכן אַ לייטישן פּאַקער. זי האַלט אַלץ אין איין קריטיקירן און דרייען מיט דער נאָז. קיין זאַך געפעלט איר נישט...

ווער איך אויך שוין אַ ביסל בייז און גיב אַ קלינג אַן וואו מ׳דאַרף: דאָ רעדט סעניאָר כאַקאַבאַ טיניפּאַצקי פון מעקסיקע. יאָ, יאָ, יאנקל פיי־פער, שאַלאָם!

ענטפערט מען מיר: שאַלאָם וברכה. הער איך דאָך, אַז דאָ רעדט אַ

ליטישער מענטש. ער גיט מיר אַ שאָלאָם מיט אַ ברכה צוזאַמען. פרעג איך אים צי ער רעדט יידיש, ענטפערט ער מיר: כן (קען), יאָ, פאַר וואָס נישט? מיט וועמען ווילט איר רעדן? זאָג איך אים, וואָס הייסט מיט וועמען? מיטן פרעמיער מיניסטער! כ'האָב פאַר אים עטלעכע גוטע, טייערע, גאָלדענע עצות... יאנקל פייפערס עצות און געשעפטן זיינען באַרימט אין מעקסיקע. ענטפערט ער מיר: טאַדאַ ראַבאַ אדון יעקב פייפער, מיר האָבן גענוג עצה־געבערס. מיט עצות זיינען מיר שוין באַזאָרגט. דער מיניסטער איז פאַרנומען, שאָלאָם!

די יידענע מיינע האָט גענומען שרייען, פילדערן, ווי יענטע קען: וואָס האָסטו געוואָלט פון מיינע יאָרן? זעסט גרויסער צעלייגער מיינער ווי מ'רופט דיך צום מיניסטער. זעסט דאָך די גרויסע געשעפטן וואָס דו מאַכסט, זע נאָר ווי מ'באַהאַנדלט דיך. זעסט דאָך, אַז ס'איז קאַלטע לאָקשן. יאנקל פייפער, פאַק איין די פעקלעך און השיבנו באזאד, צוריק אין מעקסיקע...

כ'בין שוין, מיט מזל, צוריק אין מעקסיקע. מיין יענטע רייסט פון מיר פאַסן, כ'האָב פון איר געבערענטע צרות: נו, שלימזל מיינער, ס'האָט דיר געלוינט צו פאָרן? נו, יאָ, מ'האָט דיך אויפגענומען אין ארץ ישראל מיט מוזיק, מיט באַנקעטן! כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, יאנקל זיץ אויף אַן אָרט, קריך נישט וואו מ'דאַרף נישט. דאָ ביסטו אַ גאַנצער קנאַקער, אָבער דאָרט? פייפערוק! גאָרנישט!

מיין יידענע רייצט זיך מיט מיר, נו, זאָגט איר אַליין, איז זי נישט גערעכט? וואו איז יושר האָ? אין ארץ ישראל אויך נישט? איז דאָך שוין עק וועלט!

ס'איז טאַקע גוט צו האָבן אַן אייגן לאַנד, מיט אייגענע מיניסטאָרן. אָבער זאָגט מיר, כ'בעט אייך, וואו איז דעמאָקראַטיע? איך האָב גערעכנט צו מאַכן גאָר גרויסע געשעפטן אין ארץ ישראל, אַזוי ווי יאנקל פייפער קען, וויל מיר די יידישע רעגירונג זאָגן אַ דעה; וואָס און ווי און ווען. וואו איז דעמאָקראַטיע, האָ?

יאנקל פייפער האָט פיינט, אַז מ'קוקט אים אַריין אין שיסל. יאנקל פייפער האָט ליב אַ פרייע האַנט... בין איך גערעכט, צי נישט?

אדרבה, זאָגט איר אַליין, אַזוי באַהאַנדלט מען יאנקל פייפער אין ארץ ישראל? אַזוי קאַלט נעמט מען מיך אויף, מיך, יאנקל פייפער פון מעקסיקע? אָן מוזיק, אָן באַנקעטן און אָן אַ ברייטן ברוך־הבא? וואו איז יושר? וואו איז יושר? פרעג איך!

ניין, נישטאָ קיין יושר, אפילו אין אַן אייגן לאַנד, נישטאָ! נישטאָ!

יאנקל פייפער כאַפּט אַ מציאה...
(מאָנאָלאָג)

— זאָגט איך וואָס איר ווילט, די מעקסיקאַנער יידן האָבן פאַרט שכל, סי סעניאָר!

אונדזערע יידן, זאָלן געזונט און שטאַרק זיין, פאַרשטייען אַן עסק, זיי כאַפּן גיך דעם שניט פון אַ גוטן איינפאַל, פון אַ פּראַקטישער זאַך, סי סעניאָר!

כ׳מיין טאַקע דעם פאַרייניקטן קאַמפּיין, וואָס מיר האָבן איינגעפירט ביי אונדז אין מעקסיקע.

אמת, דער פּלאַן, די אידייע איז טאַקע פון די שטאַטן, פון די אַמעריקאַנער יידן, אָבער נאָ לע האַסע, ס׳איז אָבער אַ טייערער, גוטער פּלאַן, סי סעניאָר!

די אַמעריקאַנער יידן זיינען פּראַקטישע מענטשן, שוין אַביסעלע צו פּראַקטיש... אָבער עסטאַ ביען. דער פּלאַן פון פאַרייניקטן קאַמפּיין איז טאַקע ווי מ׳זאָגט ביי אונדז, מואי ביען!

אפילו דער נאָמען „קאַמפּיין" איז אויך אַן אַמעריקאַנער. פריער האָט דאָס ביי אונדז געהייסן אַקציע, איצט הייסט עס קאַמפּיין, עסטאַ ביען, זאָל זיין קאַמפּיין, אַ פאַרייניקטער קאַמפּיין איינמאָל אין יאָר, אי באַסטאַ!

פריער האָט יעדע אָרגאַניזאַציע געמאַכט שבת פאַר זיך... וויפיל אָרגאַניזאַציעס, אַזוי פיל אַקציעס. אַלע וואָך אַ נייע אַקציע, אַ נייער קאַמפּיין.

איידער ס׳האָט זיך געענדיקט איין אַקציע, איז באַלד אַריינגעפאָרן אַ צווייטע אַקציע. די אַקציעס זיינען געוואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן.

די טיר האָט זיך דאָך ביי מיר נישט צוגעמאַכט, אַריין און אַרויס. דער קאָפּ האָט זיך מיר אַזש פאַרדרייט פון די אַקציעס.

וואָס דאַרפט איר בעסער, כ'האָב אפילו פאַרגעסן פאַר וועלכער אַקציע כ'האָב שוין געגעבן און פאַר וועלכער נישט...

מ'איז אפילו געקומען נאָך אַ ביישטייערונג פאַר אַזעלכע חברות, וואָס כ'האָב זייער נאָמען קיינמאָל נישט געהערט...

בוענאָ, מ'איז דאָך אַ ייד, מילא, נו, גיט מען, קאָמאָ נאָ? מ'ווערט נישט אָרימער, נאָ סעניאָר!

מיין יידענע, מיין יענטעלע זאָל לעבן, האָט מיר נאָך יעדער אַקציע געמאַכט דעם טויט, מיר דערגאַנגען די יאָרן.

נאָך יעדער ביישטייערונג, נאָך יעדער אַקציע, האָט זי מיר געמאַכט אַן אייגענע היימישע אַקציע... סי סעניאָר!

גוואַלד, גוואַלד, האָט זי געטענהט צו מיר, יאַנקל וואָס טוסטו? כאַקאָבאָ דו צעטרענצלסט דאָך דאָס ביסל געלט אונדזערס. יאַנקל וואַרף זיך נישט אַזוי מיט די הונדערטעס, פייפעריק האַלט איין אַביסל די פּעזאָס!

האָב איך מיין ווייבל געגעבן צו פאַרשטיין רואיק, געלאַסן: יענטעלע טייערע, מיר זיינען דאָך עפּעס יידן, האָסט דאָך אַ יידיש האַרץ, ווי אַזוי קען מען עפּעס אָפּזאָגן ווען מ'קומט צו מיר נאָך אַ ביישטייערונג? גאָט וועט העלפן יענטעניו. מיר האָבן, אַ דאַנק גאָט, גיבן מיר. דו ווייסט דאָך, נשמה מיינע, מ'דאַרף לעבן און לאָזן לעבן, קאָמאָ נאָ?

אָבער ערגער איז געווען, ווען מיין יידענע איז געווען דערביי. ס'איז מיר געווען פינסטער און ביטער, ווען די צוויי „גייערס" האָבן זיך מיט מיר גענומען דינגען, וויפל כ'זאָל זיי געבן אַ בשטייערונג פאַר דער אַקציע.

מיין יענטעלע איז זיך פאַמעלעך צוגעגאַנגען צו די צוויי „גייערס", אַ צי געטאָן מיטן נאָז אַרויף, פאַרדרייט די אָנגעשמירטע ליפּעלעך און אַ זאָג געטאָן אַזוי איראָניש שטעכיק:

סקאַצל קומט! בעכאָבע געסט! שוין ווידער דאָ? נו, יאָ, אַז מ'דער־מאָנט דעם מלאך קומט דער גלח... כ'האָב נאָר וואָס געפרעגט מיין מאַן צי ער האָט שוין באַצאָלט די לעטראָס פון דער אַקציע מיט אַ צוויי וואָכן צוריק.

אַקציעס מיט אַקציעס, ס'אַקציעס מיר שוין אין קאָפּ מיט אייערע אַקציעס!

וויל איך באַרואיקן מיין ווייבל, אַז די „גייערס" זיינען דאָך נישט שול־דיק, אָבער מיין יענטעלע לאָזט מיך נישט קומען צום פּסוק, זי לאָזט מיך נישט אויסרעדן אַ וואָרט...

מיין יידענע בייזערט זיך און שרייט: וואָס ווילט איר סעניאָרעס? וואָס

זענט איר צוגעשטאַנען צו מיין מאַן, ער זאָל אייך געבן וויפל איר ווילט? מ׳קען דאָך שוין נישט אויסהאַלטן פון אייערע אַקציעס. אַלע פאָר וואָכן אַ פרישע אַקציע, אַ נייער שמע קולנו! צוואַנציק אַקציעס דורכן יאָר, ווי איז מיר!

קע פּאַסאַ סעניאָרעס? רוט זיך אָפּ אַ ביסל מיט אייערע אַקציעס, לאָזט אָפּדעכן, אָפּכאַפּן דעם אָטעם. מ׳האַלט דאָך אין איין געבן, ווי איז מיר, אַזאַ אַנשיקעניש, אַקציעס!!

ווען די „גייערס" גייען אַוועק, באַרואיק איך מיין יידענע, נעם זי איין מיט ווייכע, גוטע רייד:

ס׳טייטש, יענטע קרוין, קע פּאַסאַ?

וואָס שרייסטו? וואָס ליאַרמסטו אויף פרעמדע מענטשן? ס׳איז דאָך אַ חרפּה און אַ שאַנד פאַר מענטשן, וואָס איז? איז נאָך עטלעכע הונדערט פּעזעס!

אַ דאַנק גאָט יענטעניו, האָסט גענוג, מיר קענען געבן, גיט מען! וואָס זשע, מיר וועלן זיך מיטנעמען דאָס געלט, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, אין קבר אַריין...

וואָס פעלט אונדז? די קינדער, אַ דאַנק גאָט, אויסגעגעבן. די געשעפטן גייען גוט, דאַרף מען געבן, ווייבעלע מיינס. גיב יענטעלע, גיב! אַז מ׳קען געבן, דאַרף מען געבן!

זינדיק נישט יענטעלע, פאַר פאַוואָר, זינדיק נישט!

מיין ווייבל האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט, געוואָרן אַ ביסל ווייכער.

אָבער ביי זיך אינדערשטיל האָב איך געטראַכט: גוואַלד יידן! מיין יענטעלע איז דאָך גערעכט!

גוואַלד יידן! האָט רחמנות סעניאָרעס! דערבאַרעמט זיך, לאָזט כאָטש אויסטרוקענען דעם טינט אויף די טשעקס, אויף די לעטראַס פון איין אַקציע, איידער איר קומט נעמען אַ ביישטייערונג אויף אַ צווייטער אַקציע...

אָבער ווי זאָגט מען עפּעס: גאָט שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה...

אין אַ שיינעם, העלן טאָג, זיינען צו מיר אַריינגעקומען צוויי גוטע פריינד מיינע, מיט אַ ברייטן בוענאָס דיאַס סעניאָר טיניפּאַצקי! קאָמאָ לע וואַ? מיר זיינען אייך געקומען אָנזאָגן אַ גוטע בשורה, אַ גוטע נייס.

דאַנק איך זיי זייערע פיין: גראַסיאַס, מוטשאַס גראַסיאַס אַמיגאָס. וואָס איז דאָס פאַראַ גוטע בשורה? אדרבה, לאָמיר הערן.

דערקלערן זיי מיר מיט פרייד, אַז שוין, אויס באַזונדערע אַקציעס,

אויס! איצט וועט זיין בלויז איין קאַמפּיין, אַ פאַראייניקטער קאַמפּיין פאַר אַלע אָרגאַניזאַציעס, איין מאָל אין יאָר, מער נישט...

דערפריי איך זיך טאַקע פון אַזאַ גוטער נייס און גיב אַ רוף אַריין מיין יידענע, זאָל זי אויך הערן די גוטע בשורה.

, און גיב זיי טאַקע באַלד אַ פרעג, די אַמיגאָס מיינע. מה יקר? קוואַנטאָ, למשל, וועט מיך קאָסטן אָט די פריילעכע בשורה אַרום און אַרום?

קוקן זיי זיך איבער איינער מיטן אַנדערן. איך קוק אויף מיין ווייבל און מיין ווייבל קוקט אויף זיי נייגעריק, וויפל אַ שטייגער וועט אונדז קאָסטן די גאַנצע מעשה מיטן פאַראייניקטן קאַמפּיין?

און די „גייערס", די אַמיגאָס מיינע ענטפערן מיר מיט אַ פריינדלעכן זיסן שמייכל, אַז דער קאָמיטעט פון פאַראייניקטן קאַמפּיין, האָט באַשטימט פאַר מיר אַ ביישטייערונג פון בלויז צען טויזנט פעזעס...

מיין יענטעלע איז פון דער גוטער בשורה געוואָרן בלאַס און רויט, אירע שיינע אויגן צינדן זיך אָן, שפּריצן מיטן פייער און אָט־אָט וועט זי אויס־שיסן... זי וועט באַלד עפענען איר מויל און ס'וועט באַלד ווערן לעבעדיק אין שטעטל...

נו, יאָ, מער פעלט מיר נישט, אַז מיינע פריינד זאָלן הערן וואָס פאַר אַ חתונה מיין יענטעלע וועט מיר באַלד אָפּשפּילן פאַר די צען טויזנט פעזעס...

ווי זאָגט מען עפּעס: גאָט זאָל אייך אָפּהיטן פון גוישע הענט און פון יידישע מיילער...

האָב איך שטילערהייט געבעטן מיינע אַמיגאָס, זיי זאָלן, פאַר פאַוואָר, אַזוי גוט זיין און קומען מאָרגן, וועל איך זיי געבן אַ טשעק.

ווען די „גייערס" זיינען אַוועק, האָב איך געהאַט, ווי מ'זאָגט, צו זינגען און צו זאָגן...

מיין יענטעלע האָט גענומען פילדערן און שרייען: כאַקאָבאָ, האָסט גע־הערט צי ניין? צען טויזנט פעזעס! וואָס איז דאָס פאַר אַ מעשה, כאַקאָבאָ? טויזנטער גאָר? צען טויזנט פעזעס? קע פאַסאָ, יאַנקל? וואָס זאָגסטו נישט צום טאַטן זייערן? גיט זיי צען טויזנט פעזעס! וואָדן, נישט אַנדערש ווי ווי צען טויזנט!...

כאַקאָבאָ, וואָס איז? דו גייסט זיי טאַקע געבן צען טויזנט פעזעס? וואָס איז ביי דיר אַ באַנק? יאַנקל פייפער! וואָס איז, דו שאַרסט די טויזנטער אין די גאַסן? פייפערוק!

כ'האָב מיין ווייבל גענומען באַרואיקן אַ ביסל, זי געבעטן מיט גוטן: יענטעלע טייערע, הער אויף צו שרייען, דו טאָרסט זיך אַזוי נישט אויפ־

רעגן, ס׳קען דיר נאָך שאַדן צום געזונט, קאָך זיך נישט אַזוי שטאַרק.

גלויב מיר ליב טייער ווייבעלע מיינס, אַז צען טויזנט פּעזעס איז גאָר־נישט אַזוי פיל פאַרן פאַראייניקטן קאַמפּיין. ס׳וועט זיכער אויסמאַכן אַ סך ביליקער, ווי צו טיילן שלח־מנות אַלע וואָך פאַר אַן אַנדער קאַמפּיין.

גלויב מיר יענטעניו, נשמה מיינע. אַז מיר כאַפּן אַ מציאה!

נו, נו, מיין יידענע האָט דערהערט דאָס וואָרט מציאה, האָט זי גענו־מען ווייזן וואָס זי קען. זי האָט געשפּריצט מיט פייער, געקלאַפּט אין טיש, גענומען לויפן איבערן צימער, געשריען און געשאָלטן:

יאַנקל פייפער, וואָס האָסטו געזאָגט? דו כאַפּסט אַ מציאה? הערט נאָר הערט! ער גיט צען טויזנט פּעזעס און כאַפּט נאָך אַ מציאה! דו כאַפּסט אַ ווילדע מציאה, פייפערוק!

, כ׳האָב דיך אין דער ערד מיט דיינע מציאות! קוקט אים אים נאָר אָן דעם גרויסן מציאה כאַפּער! דו פליגן־כאַפּער, הער אויף צו כאַפּן מציאות!!

ווען מיין יענטעלע איז געוואָרן מיד און אויפגעהערט שרייען, האָב איך זיך שטיל געזעצט לעבן איר ביים טיש, גענומען רעדן און איינטענהן מיט גוטן: אדרבה, מיין איינציק, ליב ווייבעלע, לאָמיר אומישנע זען ווער ס׳איז גערעכט, איך צי דו? זע, אָט מאַך איך אַ שטיקל חשבון, כ׳וועל אויסרע־כענען וויפל ס׳קאָסט מיך אַ יאָר די באַזונדערע קאַמפּיינען:

אַ קאַמפּיין פאַרן הילפס־פאַראיין, דאַרף מען העלפן, יאָ? מיין יענטעלע שאָקלט צו מיטן קאָפּ, סי!

דעם פרויען־פאַראיין דאַרף מען העלפן? סי! „אָזע" דאַרף מען העלפן? סי!

דער גרויסער יידישער שולע דאַרף מער העלפן? ס׳לערנען שוין דאָרט, קיין עין הרע, טויזנט קינדער, סי? סי!

נו, און די נייע יידישע שולע? פון דאָרט וועלן דאָך אַרויסגיין בלויז שרייבער, פּאָעטן און גרויסע געלערנטע... גרויסע יידיש קענער!

און „יבנה"? דאָס איז דאָך אונדזער לעצטע האָפענונג, די ייִנגלעך לערנען דאָרט אַ פּרשה חומש מיט רש"י, קענען מאַכן קידוש און זאָגן קדיש...

כ׳זע ס׳גייט אַ גאַנג, מיין ווייבל האַלט אין איין זאָגן סי, סי!

איצט לאָמיר נאָר באַרעכענען, יענטע קרוין, וויפל דאַרף מיך קאָסטן אַ יאָר ארץ ישראל? אונדזער ארץ ישראל? אונדזער אייגן לאַנד?

און די ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ ישראל, און די פרויען־פּיאָנערן.

נו, און מזרחי? און די רעוויזיאָניסטן?, „וויצאָ"?

און טאַקע אונדזער צענטראַל־קאָמיטעט, די געזעלשאַפט „קולטור און הילף".

דעם קולטור־קאָנגרעס, דעם וועלט־קאָנגרעס.

איצט קומט „האיאָס", „אָרט", „ייווא".

יאָ, יאָ, יענטעלע טייערע. מ'דאַרף דאָך אַלעמען העלפן, יאָ? סי, סי!

נו, חכמה מיינע, דו ביסט דאָך עפּעס אַ קלוגע פרוי, האָסט אַ קאָפּ, אַ שאַרף קעפּל. באַרעכן דו אַליין, כאַפּן מיר נישט קיין מציאה ביים פּאַראייניקטן קאַמפּיין?

פּאַרשטייסט, יענטעלע, אַ צאָן דאַרף מען אַרויסרייסן מיט איין מאָל, ס'טוט ווייניקער ווי...

דאַרף מען פון מיר רייסן פאַסן אַלע וואָך פאַר אַן אַנדער קאַמפּיין, איז דאָך שוין בעסער, אַז מ'גיט אַ ריס מיט איין מאָל און פּטור!

מיין יידענע האָט מיך מיטאַמאָל געגעבן אַ כאַפּ אַרום, מיך געגומען האַלדזן, קושן. די אויגן האָבן ביי איר געבלישטשעט פאַר פריידּ, און מיט אַ צערטלעך, ליבלעכער שטימע, ווי זי וואָלט דעקלאַמירט, מיר פּאַמעלעך געזאָגט: אָ, מיין ליבער מאַן!

כאַקאַבאַ טייערער, יאַנקעלע קערידאַ, חכם מיינער, גרויסער מאַטעמאַטיקער, געניאַלער בעל חשבון מיינער, דו ביסט דאָך טאַקע גערעכט! עס וועט דאָך אונדז טאַקע קאָסטן אַ סך ביליקער...

מיר כאַפּן דאָך טאַקע אַ מציאה ביים פּאַראייניקטן קאַמפּיין, אַן אמתע מציאה! אַ גאַנגאַ, אַ באַראַטאַ, כאַקאַבאַ, באַראַטאַ! אַן אמתע באַראַטאַ!

נו, דערפאַר מיין ליב פּייפערל, יאַנקעלע קערידאַ, וועלן מיר פאָרן אויף וואַקאַציע אין די שטאַטן, אין פלאָרידאַ...

נו, וואָס זאָגסטו כאַקאַבעלע טייערער, יאָ?

נו, וואָס קלערט איר? אוודאי האָב איך געזאָגט, יאָ יענטעניוקאַלע טייערע!

כ'האָב געכאַפּט אַ מציאה און בין געפאָרן מיט מיין יידענע אויף וואַקאַציע, סי, קאָמאָ נאָ?

יאָ, יאָ, איר מעגט אַלע גוט באַרעכענען, וועט איר אַליין זעען, אַז מיר כאַפּן, ביים פּאַראייניקטן קאַמפּיין, אַ גרויסע כשרע מציאה!!

אַן אמתע מציאה!

יענטע פאַרט אין ראָטשעסטער . . .
(מאָנאָלאָג)

— איר זענט שוין געווען אין ראָטשעסטער ? כ'מיין נישט, חלילה וחס, קראַנקערהייט. אַ, ניין !

איך האַלט, אַז פאָרן אין ראָטשעסטער דאַרף מען דווקא געזונטער־הייט, נאָך איידער מ'ווערט קראַנק . . . סי סעניאָר !

און ווער איז דאָס אַזוי זיכער ביי זיך, אַז ער איז חלילה נישט קראַנק ? און זאָגט מיר, כ'בעט אייך, וועלכער מענטש אפילו דער שטאַרקסטער, דער געזונטסטער האָט נישט עפּעס באַהאַלטן, פאַרבאָרגן ביי זיך כאָטש אַ שטי־קלע קרענק ?

איז טאַקע ראָטשעסטער דאָס בעסטע אָרט, דער אמתער גן־עדן פאַר געזונטע מענטשן, וואָס האָבן מורא, אַז זיי טראָגן זיך אַרום מיט אַ פּעקל... און אָט, אָט ווערן זיי קראַנק.

ווער האָט דאָס נישט געהערט פון דעם באַרימטן „מאַיאָ קליניק" אין ראָטשעסטער? זיי מאַכן דאָרט פון טויט לעבעדיק . . .

בין איך שוין טאַקע צוויי מאָל געווען אין ראָטשעסטער און טאַקע גע־זונטערהייט. וועט איר דאָך מיר אוודאי פרעגן, סעניאָראַ, צו וואָס דאַרפט איר ראָטשעסטער ? זאָג איך אייך, אַז צוליב איין זאַך בלויז. צוליב דעם טשעק־אַפּ!

איי, מאַכן זיי אין ראָטשעסטער אַ טשעק־אַפּ, איז דאָס שוין איינמאָל אַ טשעק־אַפּ!

איר ווייסט וואָס עס מיינט אַ טשעק־אַפּ? דאָס איז אַן ענגליש וואָרט. דאָס איז אַן עקזאַמען פון גאַנצן קערפּער, אַ דיאַגנאָז. אַזאַ מיר טשעק־אַפּ

ווי מען מאַכט אין ראָטשעסטער, קען מען נישט מאַכן אין דעם גרעסטן שפּיטאָל אין דער וועלט, סי סעניאָר!

אמת, מיר האָבן דאָ אויך גוטע, טייערע, גאָלדענע דאָקטוירים, דאָק־טוירים מיט גאָלד צוגלייך... אָבער אַ סך דאָקטורים, זאָלן זיי מיר מוחל זיין, טאַפּן אין דער פינצטער... און ביי אַ קראַנקהייט, הערט איר, איז דער עיקר דער דיאַגנאָז. האָט דער דאָקטאָר געטראָפן מיטן דיאַגנאָז, איז דער קראַנקער געראַטעוועט! און טאָמער, חלילה וחס, שטאַרבט דער קראַנ־קער, איז דער דיאַגנאָז נישט שולדיק נאָר דער קראַנקער...

און אין ראָטשעסטער מאַכט מען קיין מאָל נישט קיין טעות מיטן דיאַג־נאָז, מיטן טשעק־אַפּ, סי סעניאָר!

מיטן דיאַגנאָז אין ראָטשעסטער איז מען אַזוי זיכער, ווי מיט פיר טייז אין פּאָקער, אָדער מיט אַ ראָיעל סטרעיט פלאַש... סי סעניאָר!

איי, מאַכן זיי אַ טשעק־אַפּ!

די דאָקטוירים באַווייזן דאָך דאָרטן וואונדער, אמתע וואונדער זאָג איך אייך.

אַז אַ קראַנקער באַקלאָגט זיך, אַז ער ליידט אויף די פיס, געפינען די דאָקטוירים אויס, אַז ער ליידט גאָר אויף די הענט. און אַז איינער זאָגט, אַז ער ליידט אויפן קאָפּ, הייסט מען אים אין ראָטשעסטער אויסשניידן די „אַנכינאַס", די מאַנדלען.

איר שפּילט זיך מיט ראָטשעסטער!

מ'געפינט דאָרטן אויס אַזעלכע קראַנקהייטן, וואָס דער מענטש טראַכט גאָרנישט, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט דער מציאה...

ביי איינעם אַ קראַנקן, הערט איר, האָבן די דאָקטוירים אויסגעפונען, אַז דאָס האַרץ איז ביי אים גאָר אויף דער רעכטער זייט...

איר שפּילט זיך מיט ראָטשעסטער!

מיט די שפּיטאָלן און מיט די אָפּעראַציעס אין ראָטשעסטער, קלינגט דאָך די גאַנצע וועלט.

ס'איז דאָך פשוט אַ פאַרגעניגן צו ליגן אין אַ שפּיטאָל אין ראָטשעס־טער...

און אַז גאָט העלפט מ'קען זיך פאַרגינען, מעג מען זיך אַדורכפאָרן אין ראָטשעסטער, בלויז צוליב דעם טשעק־אַפּ אַליין.

קום איך אין ראָטשעסטער, זוך מיר אויס אַ פיינעם עלעגאַנטן האָטעל און גיי מיר באַלד אַוועק אין „מאַיאָ קליניק", און מ'נעמט מיך שיקן פון איין ספּעציאַליסט צום צווייטן. די דאָקטוירים באַטראַכטן מיך פון קאָפּ

ביז די פיס. מ'זוכט, מ'נישטערט ביז — ביז די דאָקטוירים האָבן אויסגעפונען, אַז כ'בין געזונט! און כ'קען שוין פאָרן אַהיים...

פאַרדריסט מיך שוין אַ ביסל די גאַנצע מעשה. וואָס איז דאָס?

ס'קאָסט אַפּ אַזוי פיל געלט, מען פאָרט אַזוי ווייט און נאָ דיר גאָר, כ'בין געזונט, ס'פעלט מיר גאָרנישט!

הייב איך זיך אָן אויסטענהן מיטן דאָקטאָר אויף ענגליש. זאָגט ער מיר, אַז ער פאַרשטייט נישט וואָס איך רעדט, און איידער אַזאַ ענגליש, זאָל איך גלייכער רעדן צו אים שפּאַניש... נו, ווי געפעלט אייך אַזאַ מעשה? כ'לערן זיך שוין דריי יאָר ענגליש און דער דאָקטאָר פאַרשטייט נישט וואָס איך רעד און וואָס איך וויל...

זאָג איך אים דעם דאָקטאָר, דעם ספּעציאַליסט, אַז כ'קען ביינאַכט ניט שלאָפן, עס שטעכט מיך אין אַ זייט, עס ברענט מיך אונטערן האַרץ, ס'ברעכן מיר די פיס, ס'טוט מיר ווי די פּלייצע און איך בין אַזוי אַ ביסל נישט געזונט...

ענטפערט ער מיר, אַז ס'איז מיר גאָרנישט, קאָמפּלעטאָמענטע נאַדאַ, כ'בין געזונט ווי אַ נוס.

ס'איז נערוון, דערקלערט ער מיר, דער גרויסער ספּעציאַליסט, כ'בין נערוועז.

כ'זאָל זיך נישט אויפרעגן בייטאָג, וועל איך קענען שלאָפן ביינאַכט, כ'זאָל קיינעם נישט מקנא זיין און זיך נישט אָפּעסן דאָס האַרץ ביים פאַקער, וועט מיר אַזוי שטאַרק נישט קלאַפּן דאָס האַרץ...

און צום סוף גיט ער מיר אַ זאָג מיט אַ שמייכעלע. אוי האָב איך ליב ווען דער דאָקטאָר שמייכלט! כ'קען זיי נישט אָנקוקן די דאָקטוירים וואָס שמייכלען... אַ דאָקטאָר דאַרף זיין ערנסט, פאַרטראַכט, נישט שמייכלען.

סעניאָראַ, זאָגט ער מיר, איר זאָלט ווייניקער עסן זיסע און פעטע זאַכן, ווייל כ'בין אַ ביסל צו דיק, און צו פיל שמאַלץ אַרום האַרץ איז נישט געזונט.

זע איך דאָך שוין, אַז ס'וועט מיר גאָרנישט העלפן. כאָטש גיט אים אַ קרענק, דעם דאָקטאָר, וויל ער ביי מיר ניט אויסגעפינען כאָטש עפּעס אַ קליין שטיקעלע קרענק...

ווי איז מיר! ס'קאָסט דאָך אַפּ אַזוי פיל געלט דאָס פאָרן און ער הייסט מיר נישט עסן.

זאָג איך אים: סעניאָר דאָקטאָר, כ'זע, דאָך, אַז איר פאַרשטייט אַ

קרענק... איז וואָס זשע מעג איך יאָ עסן? כ׳בין דאָך אַ לעבעדיקער מענטש סעניאָר דאָקטאָר!

אַ פערטל עוף, אַ שטיקל „פּאַיאַ פּעטשוגאַ" מעג איך עסן? עטלעכע שאָקאָלאַטקעלעך מעג איך עסן? נו, און אַ שטיקל פּאַסטעל, איי, סעניאָר דאָקטאָר, האָב איך ליב פּאַסטעל מיט שאָקאָלאַד!

נו, ווען מ׳גייט צו גאַסט מוז מען דאָך עפּעס נעמען אין מויל אַריין, סעניאָר דאָקטאָר, מ׳דאַרף דאָך עפּעס פּאַרזוכן!

ווען מ׳גייט אויף אַ שמחה, אויף אַ חתונה, אויף אַ בר־מצווה און מ׳זעט די גרויסע, געשמאַקע פּאַסטעלן, חלשט דאָך מיר דאָס האַרץ.

און ווער קען זיך דאָס אָפּזאָגן פון אַ שטיקל געפילטע קישקע, אויס־געברוינטע געפילטע קישקע? סעניאָר דאָקטאָר! איי, איז דאָס געשמאַק! קע בוענאַ, דאָקטאָר!

און עטלעכע שטיקעלעך „פּאַן־טאָסטאַדאַ" באַשמירט מיט פּוטער און מיט קעז איז שלעכט? און עטלעכע סענדוויטשעס מיט „כאַמאָן" האָבן דאָך טויזנט טעם...

זאָגט זשע מיר סעניאָר דאָקטאָר, אין דער אמתן וואָס קענען מיר די אַלע גוטע זאַכן שאַדן?

קוקט ער מיך אָן דער דאָקטאָר, גיט ווידער אַ שמייכל, פאַרשרייבט עפּעס און זאָגט מיר: סעניאָראַ, דאָ האָט איר פאַרשריבן אייער דיעטע. ער געזעגנט זיך מיט מיר און זאָגט מיר אָן כ׳זאָל אָפּהיטן די דיעטע, וועל איך זיין געזונט.

אָט האָט איר אייך אַ ראָטשעסטער!

נאָר כ׳וועל אייך אויסזאָגן אַ סוד, עס זאָל בלייבן צווישן אונדז. איר הערט סעניאָראָס? גלויבט מיר, אַז עס לוינט זיך צו פאָרן אויף אַ דריי וואָכן אין ראָטשעסטער, ס׳לוינט זיך!

איר קענט דאָך די מענער? אַז איר זענט דאָ אין דער היים קוקן זיי נישט אויף אייך... מאַכן אייך נישט קיין קאָמפּלימענטן. נאָר אַז איר פאָרט אַוועק, אַהאַ! דעמאָלט זעען זיי שוין, אַז ס׳פעלט זיי אַ באַלעבאָסטע אין שטוב און זיי הייבן אָן בענקען נאָך אייך, סי סעניאָר!

איי, האָט איר געמעגט זען ווי מיין כאַקאָבאָ האָט מיך אויפגענומען: יענטעלע טייערע, טייבעלע מיינס! וואָס מאַכסטו מיין קרוין, מיין נשמה? לאָמיך דיך נאָר אָנקוקן! זע נאָר זע, ווי שיין דו זעסט אויס! קיין עין הרע, קיין בייז אויג. ביסט דאָך געוואָרן אַ קראַסאַוויצע. אַ בת מלכה! זע

נאָר וואָס פּאָר אַ פיגור דו האָסט, זע נאָר ווי שלאַנק דו ביסט, ווי אַן אמתע ביילאַרינע...

ווייז איך דעם מאַן מיינעם, דעם דאָקטאָרס צעטל מיט דער דיעטע, מיט דער גאַנצער מעשה. זע כאַקאַבאַ, כ'בין דאָך געוואָרן דאַר ווי אַ שטע־קען. כ'האָב דאָך געהונגערט אין ראָטשעסטער. געלאָפן אַלע טאָג פון איין דאָקטאָר צום אַנדערן. כ'האָב דאָך פאַרלוירן אפשר 5 קילאָ. כ'וועל זיך מוזן פאַפּראַווען אַ ביסל, כאַקאַבאַלע טייערער.

נו, וואָס מיינט איר? כ'האָב זיך גענומען אַ ביסל צו פּיקסן, ווי מ'זאָגט אין ענגליש. וואָס זשע, כ'וועל אַרומגיין אַ הונגעריקע? נאָ סעניאָר!

כ'האָב גענומען עסן. כ'האָב זיך אַ ביסל דערכאַפּט דאָס האַרץ, און אַ דאַנק גאָט. איר זעט דאָך! סי סעניאָראַ! קוקט מיך אָן!

מיינט איר דאָך אוודאי, אַז כ'בין שוין געזונט? נאָ סעניאָר! ס'איז שוין באַלד אַוועק אַ גאַנץ יאָר און כ'פיל זיך שוין ווייטער עפּעס נישט מיט אַלעמען. כ'בין שוין, נישט פאַר אייך געדאַכט, ווידער קראַנק, און קלער טאַקע אפשר נאָר צו פאָרן אין ראָטשעסטער...

גיי איך צו פאַמעלעך צו מיין מאַן, מאַך אים גלייך דעם קראַוואַט און זאָג אים אַזוי צערטלעך, אַזוי ליבלעך, ווי יענטע קען: כאַקאַבאַלע קערי־דאַ, יאַנקל טייערער, עפּעס פיל איך זיך אַ ביסל נישט געזונט. ס'האָט מיך ווידער אָנגעהויבן צו שטעכן אין אַ זייט. ס'ברענט מיר אונטערן האַרץ, די פּלייצע, דער קאָפּ. אוי, ווי איז מיר! כאַקאַבאַ, איך שלאָף דאָך נישט גאַנצע נעכט. כ'מיין, אַז כ'וועל ווידער פאָרן אין ראָטשעסטער אויף אַ טשעק־אָפּ...

נו, נו, אַז מיינער האָט דערהערט דאָס וואָרט ראָטשעסטער, איז ער אויפגעשפּרונגען ווי אַן אָפּגעבריטער און זיך הויך צעשריגן: וואָס האָס־טו געזאָגט? שוין ווייטער ראָטשעסטער? ווי לאַנג איז דאָס, אַז דו ביסט געוועז אין ראָטשעסטער? דו פאָלגסט דען די דאָקטוירים, דו היטסט דען אָפּ די דיעטע?

קוק דיך נאָר אָן יענטע, דו וואַקסט דאָך אין דער ברייט! שלינגסט דאָך ווי אַ גאַנדז. נאָך אַ פּערטל „פּאַיאַ פּעטשוגאַ", גיט איר געפילטע קישקע גיט איר! אַ געבראָטן קאַטשקעלע. דו מאַכסט דאָך אַליין צורעכט אַ גאַנץ קעסטל שאָקאָלאַד מיט אַ האַלבן פאַסטעל... פאַרגעס נישט יענטעלע, אַז דו ביסט שוין נישט קיין יונג ווייבעלע. דו ווערסט שוין 48. האַלט איין אַ ביסל דעם אַפּעטיט, יענטע!

נו, הער איך אויס מיין מאַן גאַנץ רואיק און ענטפער אים געלאַסן:

הער נאָר דו מאַנדעלע מיינס, שלימזל מיינער, שריי נאָר נישט אַזוי הויך! וואָס האָסטו מיר עפּעס געגומען ציילן די יאָרן? יאַנקל פייפער! כ׳בין דאָך ערשט מיט דריי וואָכן צוריק געוואָרן 43, פייפעריק! וואָס זשע יונגערמאַנטשיק מיינער, כ׳בין שוין ביי דיר אַן אַלטע יידענע? ווילסט דיר אפשר אויסזוכן אַ יונגערע?

און ס׳גיט מיך טאַקע אַ קלעם ביים האַרץ און כ׳זאָג אים מיט אַ ווייגענדיק קול: ווי איז צו מיינע יונגע יאָרן. דו ווילסט מיך טרייבן יונגערהייט אין דער ערד אַריין; האָסט נישט קיין פּיצל רחמנות אויף מיר. האָסט מורא כ׳זאָל נישט צעטרענצלען עטלעכע טויזנט פּעזעס? האָסט גענוג יאַנקל פייפער! צוליב דיר זאָל איך אַרומגיין אַ קראַנקע? ווי איז מיר! אפשר טאָר איך גאָרנישט זאָגן אַז כ׳בין קראַנק? גרויסער צעלייגער מיינער!

אַז די סעניאָראַ פלאָסקעדרינאַ האָט זיך צעבראָכן אַ נאָגל, איז זי גיך געפאָרן אין ראָטשעסטער... און איך מיט מיין אמתע קרענק נעבעך, טאָרנישט פאָרן אין ראָטשעסטער.

ווי איז צו מיינע יאָר!

ווערט ער שוין אַ ביסל ווייכער, דער מאַן מיינער, און גייט צו נאָענט צו מיר און זאָגט מיר גלייך אין פּנים אַריין מיט אַ געלעכטערל, איראָניש:

קוקט זי נאָר אָן די גרויסע פּריצע מיינע! ווער לאָזט דיך נישט זיין קראַנק, איך? ס׳איז נישטאָ ווער עס זאָל לאַכן, כאַ, כאַ, כאַ! קענסט דיר זיין געזונטערהייט קראַנק, וויפל דו ווילסט, מיין טייערע. קוקט זי נאָר אָן, קראַנק פאַרביי און עסט פאַר דריי...

שלינג נישט אַזוי יענטעלע! פּאַק דיך נישט אַזוי יענטעלע!

דו מאַכסט דאָך דיך אַליין קראַנק, נערוועז. רעגסט זיך אויף ביים פּאַקער, עסט דיר אָפּ דאָס האַרץ ווען דו פאַרשפּילסט, שלאָפסט ביז צען אין דער פרי, פאַרגינסט נישט דיינע „אַמיגאָס" און ווילסט זיי אַלע איבעריאָגן. קיינער איז נישט אַזוי קלוג ווי דו, קיינער איז נישט אַזוי שיין, אַריסטאָקראַטיש ווי דו...

אַריסטאָקראַטקע מיינע!

נו, וואָס קען דיר העלפן ראָטשעסטער? ראָטשעסטער קען דיר העלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס: מ׳לויפט, מ׳לויפט אין ראָטשעסטער; מ׳גיט זיך אַ קראַץ אין פוס, לויפט מען אין ראָטשעסטער! מ׳צעברעכט זיך אַ נאָגל — ראָטשעסטער! מ׳לויפט מיט די צעשרויפטע נערוון אין דער קרענקפאַבריק אַריין, און מ׳קלאַפּט אויס יעדן אבר... אַ געלאָף אין ראָטשעס־

טער! לויף, פלי, פאָר אין ראָטשעסטער! איך זשאַלעווע דיר געלט? חלילה, אדרבה, פאָר, קענסט שוין פאָרן! נאָר ראָטשעסטער קען דיר גאָרנישט העלפן, יענטעניוקעלע!

נאָר דער סוף איז געווען, אַז מיין מאַן האָט זיך גוט אָנגעשריגן, אָנגעבייזערט, געוואָרן ברוגז, און איך האָב זיך גענומען גרייטן צו דער „וויאַזשע", צו דער רייזע.

נאָ לע האָסע! נישקשה, נישקשה, ער וועט זיך איבערבעטן, דער מאַן מיינער. איר קענט דאָך די מענער? זיי שרייען, שרייען און מיר טוען וואָס מיר ווילן!...

אין דריי טעג אַרום פאָר איך אין ראָטשעסטער!
אוי, מאַכן זיי אַ טשעק־אַפּ! אין ראָטשעסטער!
אוי, ראָטשעסטער! ראָטשעסטער!
זייט מיר געזונט. האָסטאַ לועגאָ!
אַדיאָס! אַדיאָסיטאָ!

יאַנקל פייפער ווערט אַ זעכציקער . . .

(מאָנאָלאָג)

— יאָ, כ'בין שוין אַריין אין די זעכציקער . . .

כ'בין שוין, אַ דאַנק גאָט, אַלט געוואָרן מיט מזל זעכציק יאָר.

נו, יאָ, אַז מ'לעבט, דערלעבט מען, סי סיניאָר!

ווי לאַנג איז דאָס דען ווען איך בין געקומען אין מעקסיקע אַ יונגער־מאַן, געזונט ,שטאַרק, אייזן זאָג איך אייך. סי סעניאָר, אייזן! ז

געאַרבעט שווער, געלאָפן, געהאַוועט, געוואָרן פאַרשוואַרצט, אויסגע־ריסן. געהאַנדלט און געוואַנדלט אויף דער גאַס מיט אַ „פעקל" אויף דער האַנט. געהאַנדלט אויף אַבאָנאָס, געקלאַפּט אין טירן ביז, ביז — נו, אַ דאַנק גאָט, איר זעט דאָך! נישט צו פאַרזינדיקן, האַ?

קיין עין הרע, געוואָרן רייך, כ'בין אַ פיינער באַלעבאָס, כ'האָב אַ פיינע פרוי מיט פיינע גוטע קינדער.

איר קענט דאָך מיין סעניאָראַ יענטעלע, סי, קאָמאָ נאָ! ווער קען דאָס נישט מיין יענטעלע?

און שוין, טאַקע שוין געוואָרן אַ זעכציקער ביז הונדערט און צוואַנ־ציק.

איי, איי, ווי די יאָרן לויפן דאָס אַביסל סעניאָר מיאָ!

וואָס זאָגט איר, האַ? די יערלעך שטייען נישט אויף אַן אָרט. זיי גייען, זיין לויפן די יערלעך, איי, לויפן זיי די יאָרן!

מיינט איר דאָך טאַקע, אַז כ'זע אויס ווי אַ זעכציקער? אָ, נאָ סע־ניאָר!

קוקט מיך גוט אָן, פאָר פאַוואָר, זע איך טאַקע אויס ווי אַ זעכצי־קער?

אַ, נאָ! איר וועט מיר זיכער נישט געבן מער ווי אַ יאָר פּופציק און אפשר ווייניקער...

כ׳וועל אייך אויסזאָגן אַ סוד, צווישן אונדז זאָל דאָס בלייבן; איך פיל זיך ווי אַ פערציקער... סי, סי, כ׳פיל זיך, אַ דאַנק גאָט, יונג, געזונט, שטאַרק און ענערגיש.

גלייבט מיר כ׳קען זיך נאָך פאַרמעסטן מיט אַ דרייסיק יעריקן, פּאָ־לאָבראַ קע סי!

כ׳קען נאָך דערלאַנגען אַ מתנת־יד. קוקט נאָר אָן מיינע פויסטן, פּאָר פאַוואָר!

די היינטיקע כאַוועגעס, די דרייסיק יעריקע יונגעלייטלעך מיט זייער ספּאָרט־שמאָרט. זיי האַלטן זיך דאָך קוים אויף די פיס... זיי קרעכצן און פּאַנפען אונטער אַביסל, די גרויסע ספּאָרט־העלדן...

ווען איך בין געווען אין זייערע יאָרן, האָב איך דאָך געקענט אויפ־הייבן דריי זעק מעל. סי, סי, אַמאָליקע יונגעלייט!

און טאָקע אָן ספּאָרט און אָן קלאַפּן מיט די פיס די פּילקע. אַ קליי־ניקייט, פוט־באָל!

זיי מיינען די פוט־באָל שפּילער, אַז זיי זיינען גאַנצע העלדן, שטאַר־קער ווי שמשון הגיבור... ספּאָרט, עפּעס אַ קלייניקייט ספּאָרט!

זאָלן זיי, די גרויסע העלדן, פּראָבירן גיין אַ צוואַנציק וויאָרסט וועג, פון איין שטעטל אין אַנדערן, ווי איך פלעג גיין, ווען כ׳בין געווען אין זייערע יאָרן... סי סעניאָר!

גלייבט מיר, סעניאָר מיאָ, אַז די כוחות מיינע מיטן ביסל געזונט, האָב איך נישט פון היינט, פון די היינטיקע מאכלים... פון די היינטיקע עסנס אומשטיינס געזאָגט, נאָ סעניאָר!

אָט, קוקט מיך גוט אָן, נאָ לע האָסע, כ׳האָב נישט מורא פאַר אַ מאָל אַכאָ, פאַר אָן עין הרע. כ׳ווער טאָקע אין עטלעכע וואָכן אַרום אַ זעכ־ציקער, פּערא, קיינער וועט נישט זאָגן, אַז איך סעניאָר כאַקאַבאַ טיני־פּאַצקי, אָדער ווי מיין יענטעלע רופט מיך, יאַנקל פייפער, איז שוין מיט מזל אַ זעכציקער.

אָבער דאָס איז אַלץ פון אַמאָליקן עסן, נישט פון היינט, נאָ סעניאָר! דאָס איז אַלץ פון די אַמאָליקע כוחות...

אַמאָל, אַז כ׳בין געוואָרן הונגעריק, האָב איך אַליין צערעכט געמאַכט אַ צוויי־פונטיק ראַזאָוואַנאַ ברויט מיט אַ שטיקל הערינג, קעז אָדער ציבעלע, כ׳האָב געריבן אויףביידע באַקן אַז עס איז געגאַנגען אַ רויך...

און אַז גאָט האָט געהאָלפן, עס איז געווען אַ שטיקל פליש, אַ טע־לער קרופניק מיט אַ מאַרך־ביין, האָט מען ווידער צוגעביסן עטלעכע שטיקלעך ברויט.

פאַר קע נאָ? ס'איז געווען אַ מחיה, אַ געזונט אין די ביינער. עס איז געווען פון וואָס צו האָבן כוח, סי סעניאָר!

קוקט זיי נאָר אָן די היינטיקע כאַוועגעס, די ספּאָרט־מענטשן. זיי האָבן דאָך מורא צו עסן אַ שטיקל ברויט...

זיי ווילן זיין שלאַנק, מאָגער, האַלטן זיי אין איין טרינקען קאַפּע נעגראַ, שוואַרצע קאַפּע.

נו, פון וואַנען זאָלן זיי האָבן כוח?

דער גאַנצער כוח, סעניאָר מיאָ, ליגט אין דער שיסל... אי נאַדאַ מאַס!

עסט, וועט איר האָבן כוח!

יאָ, הייסט דאָס, אַז כ'בין געוואָרן אַ זעכציקער, נאָר גלייבט מיר, אַז כ'האָב נישט איבעריק ליב צו פּראַווען די געבורטסטעג מיטן גאַנצן טאַ־ראַראַם.

ווער דאַרף די רעגאַלאָס מיט די שמאַכטעס, מיטן פּאַסטעל מיט די ליכטלעך, ווייס איך וואָס! איך מאַך זיך נישט קיין גרויסן צימעס פון די קומפּלעאַניאָס, נאָ סעניאָר.

גלייבט מיר, אַז כ'פאַרגעס אינגאַנצן ווען ס'איז מיין געבורטסטאָג.

אָבער מיין ווייבעלע זאָל געזונט זיין, האָט מיך דערמאָנט אַז כ'ווער מיט מזל אַ זעכציקער. נו, נו ,האָט זי גענומען אַרבעטן מעשים.

טאָג און נאַכט האָט זי מיך געגומען טאַטשן און מוטשען:

כאַקאָבאָ טייערער, דו ווייסט, עס פעלט שוין נישט קיין סך צו דיינע קומפּלעאַניאָס, פאַרגעסט כאַקאָבאָ קערידאָ, דו יאָרסט זיך כאַקאָביטאָ, דו ווערסט שוין מיט מזל אַלט זעכציק יאָר ביז הונדערט מיט צוואַנציק.

דאָס זיינען נישט קיין פּראָסטע קומפּלעאַניאָס. מ'דאַרף דיר מאַכן אַ באַנקעט און טאַקע אַ גרויסן באַנקעט...

און ווער מיינסטו וועט דיר מאַכן דעם באַנקעט? דער קאָמיטעט דיי־נער, סי כאַקאָבאָ, דער קאָמיטעט פון דיין אָרגאַניזאַציע.

נאָ לע האַסע, דו האָסט דיר פאַרדינט ביי דיין אָרגאַניזאַציע, זיי זאָלן דיר אָפּגעבן כבוד און דיר מאַכן אַ באַנקעט צו דיינע קומפּלעאַניאָס.

זאָל די גאַנצע שטאָט וויסן, אַז סעניאָר כאַקאָבאָ מיניפּאַצקי איז אַלט געוואָרן זעכציק יאָר!

סי כאַקאַבאַ קערידאַ, דער קאַמיטעט מעג דיר אָפּגעבן כבוד, טאַקע — שלאָג איך איר איבער אין מיטן רעדן: שטיי, שטיי, יענטע קרוין, וואַרט אַביסל. פאַרוואָס זאָל מען מיר עפּעס מאַכן אַזאַ גרויסן באַנקעט ? ווער דאַרף אַזוי פיל כבוד ?

סי, טייערע מיינע, עס זיינען דאָ מענטשן וואָס האָבן ליב כבוד, זיי רייסן פּאָסן מ׳זאָל זיי געבן גרויסע באַנקעטן...

זיי קלאַפּן דיר אין פּלייצע, מאַכן דיר קאָמפּלימענטן און וואַרטן דו זאָלסט זיי דערלאַנגען די אמתע פּאַרציע כבוד...

דו ווייסט יענטעניו, נשמה מיינע, אַז איך יאָג זיך נישט נאָך קיין כבוד און פאַלשע קאָמפּלימענטן, נאָ מע אימפּאָרטאָ געבעטענעם כבוד...

דאָ האָט שוין מיין וויב גענומען רעדן אַביסל העכער:

כאַקאַבאַ דו ווייסט וואָס דו רעדסט ? כאַקאַבאַ דו ווייסט ווער דו ביסט? דו ביסט אין אַ קאָמיטעט. די גאַנצע שטאָט ווייסט ווער סעניאָר מיניפּאַצקי איז !

יאַנקל פּייפער דו ווערסט אַ זעכציקער ! פּייפּערוק, איינמאָל אין לעבן ווערט מען אַ זעכציקער !

ענטפער איך מיין ווייבל געלאַסן: און אַז אַ זעכציקער איז וואָס ? גיי שוין גיי, יענטעלע טייערע, ווער איז דאָס היינט נישט קיין זעכציקער?

צווישן מיינע אַלע פריינט און באַקאַנטע זיינען שוין דאָ זעכציקער און פופציקער...

אַ גרויסע מציאה זאָג איך דיר, אַ פופציקער, אַ זעכציקער ! קע פּאַסאָ ? ווער איז דאָס היינט נישט קיין פופציקער אָדער אַ זעכציקער ?

צו וואָס דאַרף מען מאַכן גרויסע באַנקעטן און מאַלעסטירן מענטשן צו קומען אויפן באַנקעט, דיר אָפּגעבן כבוד און דיר קויפן רעגאַלאָס אויף דיינע קומפּלעאַניאָס ?

פּאָר קע, יענטעלע טייערע, פּאָר קע ? פאַרוואָס ?

גלייב מער יענטע קרוין אַז מען וואָלט דיר גלייכער געדאַרפט מאַכן אַ גרויסן באַנקעט צו דיינע קומפּלעאַניאָס.

דו ביסט, קיין עין הרע, אָנגעפּיקעוועט מיט יערעלעך ווי אַ מילגרוים. נאָר גאָרנישט, מ׳זעט עס אויף דיין פּנים נישט אָן...

איי, איי, דער סאַלאָן דע בעיעסאַ באַווייזט טאַקע וואונדער ! סי, מי־לאַגראָס !

האָט זיך שוין מיין יענטעלע נישט געקענט איינהאַלטן און מיר איבער

געשלאָגן מיט אַ געשריי: פייפערוק, קאַיאַטע לאַ באַקאַ! יאַנקל פייפער פאַרמאַך דאָס מויל, דו הערסט צי נײן?

דו נעמסט מיר שוין ציילן די יאָרן מיינע?

האָב איך מיין ווייב באַרואיקט: יענטעלע טייערע, וואָס שרייסטו? וואָס רעדסטו? איך צייל דיר די יאָרן? דו זאָלסט מיר זיין געזונט און לאַנג לעבן, נשמה מיינע, זיס וויבעלע מיינס.

איך פרעג דיך נאָר, פאַרוואָס מאַכן נישט די פרויען קיין באַנקעטן צו זייערע פופציק אָדער זעכציק יאָריקע קומפּלעאַניאָס?...

אדרבא פאַרקע נאָ, סעניאָראַ, פאַרוואָס נישט?

נישטאָ, יענטעס קרוין, וואָס מורא צו האָבן פאַר די יאָרן. מיינע שונאים זאָלן נישט עלטער ווערן, מיינע גוטע פריינד זאָלן זיך עלטערן און עלטערן...

וואָס איך האָב נאָכדעם געכאַפּט פון מיין ווייב. איז גלייכער נישט צו דערציילן...

יאָ, דער קאָמיטעט האָט געשיקט איינלאַדונגען אויפן באַנקעט פון באַוואוסטן כלל־טוער און גרויסן בעל צדקה, סעניאָר יעקב טיניפּאָצקי.

מיין יענטעלע האָט פאַרמוטשעט דעם קאָמיטעט מיט אירע פאָדערונגען:

מ׳זאָל נעמען פאַרן באַנקעט אַ גרויסן זאַל, מ׳זאָל איינלאַדן אַלע פּרעזידענטן פון אַלע אָרגאַניזאַציעס, און אויפן באַנקעט מוזן זיין דריי הונדערט מענטשן. אויב נישט וועט איר מאַן נישט קומען אויפן באַנקעט...

סי סעניאָר, מיין יענטעלע קען, זי האָט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס. איי, האָט זי ליב כבוד, זי גייט נעבעך אויס נאָך אַביסל כבוד.

זי האָט אַליין טעלעפאָנירט און איינגעלאַדן אירע פריינט און געזאָגט יעדן איינעם, אַז ער וועט זיצן דער דריטער פון איר מאַן, פון בעל יובל אַליין...

וואָס איז דאָ וואָס צו רעדן? מיינע האָט אויסגעפּירט.

יאָ, ס׳איז געווען אַ באַנקעט, דער באַנקעט ליגט מיר נאָך גוט אין די ביינער...

כ׳בין געזעסן אויבנאָן ענג צוזאַמענגעדריקט. פון איין זייט מיין יענטעלע, פון דער צווייטער זייט דער טאָסטמייסטער, וואָס האָט יעדעס מאָל ביים אויפשטעלן זיך, מיר געגעבן אַ זעץ מיטן עלנבויגן גלייך אין זייט אַריין...

כ׳בין געווען הונגעריק ווי א וואלף. כ׳בין א מענטש וואס האט פיינט צו קוקן אין א ליידיקן טעלער... כ׳האב ליב צו עסן, סי סעניאר!

האב איך גענומען עטלעכע שטיקלעך ברויט. האט מיר מיין ווייב גע־געבן א שלעפ ביים ארבל: כאקאבא, קע פאסא? שלעפ נישט אזוי פיל ברויט, ס׳איז נישט שיין!

האב איך גענומען פון פאלומעסיק צוויי פערטעלעך פאיא פעטשוגא, האט מיר מיין הייב שטיל געזאגט: יאנקל לייג צוריק איין פערטל עוף...

כאקאבא כאפ נישט אזוי, גלייך דו וואלסט שוין דריי טעג נישט גע־געסן.

יאנקל, פאר פאוואר, שלינג נישט אזוי גיך ווי א גאנז...

דער ערן־גאסט טאר אזוי פיל נישט עסן...

כ׳האב גענומען א כוסה מיט גוטע פריינט. לחיים, סאלוד, סאלוד, און טאקע עטלעכע קאפאס, און מיין ווייב לאזט מיך נישט עסן...

ס׳האט זיך מיר אנגעהויבן מישן אין קאפ און כ׳האב די באגריסער מיטן זינגען ווייניק פארשטאנען.

איין רעדנער האט מיט פאטאס אויסגערופן: ווייסט איר, חשובע פריינט, וועמען מיר גיבן היינט אפ כבוד? דאס איז דער גרעסטער געלערנטער מענטש פון יידישן ישוב.

דער עטישער מענטש וואס האט פיינט כבוד, דער באשיידענער מענטש, דער גרויסער עניוו וואס אנטלויפט פון כבוד...

דאס האב איך שוין גארנישט פארשטאנען, וועמען דער רעדנער מיינט, נא סעניאר! מיינט ער טאקע מיך, דעם זעכציקער?

ווען מ׳האט געגעבן מיין יענטעלען אווארט צו באגריסן, האט זי זיך פאמעלעך אויפגעשטעלט, געווען אביסל נערוועז, איבערגעשראקן, און מיט טרערן אין די אויגן פאמעלעך געזאגט:

ס׳איז היינט א באנקעט פאר מיין טייערן ליבן מאן כאקאבא. גלייבט מיר טייערע פריינד, אז ער האט דעם באנקעט כשר פארדינט; ער איז דאך אן אינטעליגענטער מענטש, ער קען דאך אפשר זעקס גראמאטיקעס...

ער איז דאך דער בעסטער מאן. פאר אים איז נאר דא איין גאט און איין ווייב...

מער האט מיין ווייב נישט געקענט רעדן. זי האט זיך שטיל צעוויינט און אוועקגעזעצט.

געשאנקען האט מען מיר שיינע רעגאלאס: א זילבערנעם חנוכה־לאמפ, א זילבערנע טאץ מיט אויפשריפטן פון גאנצן קאמיטעט.

און עפּעס אַ פּאַפּירענע מגילה מיט אויפשריפטן פון אַלע אַנטיילנע־מער אויפן באַנקעט.

נאָך האַלבע נאַכט, ווען דער יאַריד האָט זיך געענדיקט, זיינען די געסט אַוועק נישט דערעסענע און נישט צופרידענע און צווישן זיך גע־רעדט:

פאַר 25 פּעזעס וואָלט מען געמעגט געבן אַ בעסערע וועטשערע...

הערט מיין קאָנסעכאַ אַמיגאָס, אויב איר זענט מיט מזל געוואָרן אַ זעכציקער און איר יאָגט זיך נישט נאָך קיין כבוד, אַנטלויפט פון באַנ־קעטן!

וואָס ווינען נעבעך שולדיק אייערע פריינט און באַקאַנטע, אַז איר זענט אַלט געוואָרן זעכציק יאָר? צו וואָס זיי מאַלעסטירן?

זאָגט מיר, פאַר פאַוואָר, פאַרוואָס דאַרפן זיי זיך נעבעך אָפּמוטשען אַן אָוונט; הערן גרילצנדיקע רעדעס און באַצאָלן 25 פּעזעס פאַר דעם באַנקעט און אויך 25 פּעזעס פאַר אַ „רעגאַלאָ" און נאָך אַלעמען אַהיימ־גיין הונגעריקע, מידע און נישט אויסגעשלאָפענע...

גאָט האָט אייך געהאָלפן, איר זענט געוואָרן אַ זעכציקער. פרייט זיך אינדערהיים מיט אייער ווייב און קינדער, מיט אייער משפחה, און פאַר־דרייט נישט דעם קאָפּ קיין פרעמדע מענטשן...

סעניאָרעס, אַנטלויפט פון באַנקעטן, אי נאַדאַ מאַס!

יאַנקל פּייפּער איז געוואָרן אַ יידישיסט . . .

(מאָנאָלאָג)

— נייך, ס׳טויג נישט, ס׳טויג שוין גאָרנישט!

נישטאָ, הערט איר, קיין שלום־בית ביי מיר, אין מיין אייגענער שטוב, אין מיין אייגענער היים, נאָ סעניאָר!

מיינט איר, אַז מיר קריגן זיך חלילה צוליב פּוסטע זאַכן, צוליב נאַרישקייטן:

אַ נייע קאָטשע, אַ קאַדילאַק, אָדער צוליב נייע מאָדערנע מעבל, אַ נייע טעלעוויזיע. דאָס, יענץ, שמאַכטעס מיט צאַצקעס.

ווייסיך וואָס! ס׳הייבט זיך נישט אָן, נאָ סעניאָר! קויפט, קויפט וואָס איר ווילט, קויפט אפילו וואָס איר דאַרפט נישט, אבי קויפט . . .

מיינע קינדער און טאַקע מיין טייער יענטעלע זאָלן געזונט זיין, ווייסן אַז כ׳האָב אַן אָפענע האַנט.

יאַנקל פייפער זשאַלעוועט נישט די פעזע, נאָ סעניאָר!

נאָט אייך וויפיל איר ווילט. קויפט, לויפט, שפּילט, פליט און פטור אַן עסק!

כ׳וועל זיך אין קבר אַריין, איבער הונדערט און צוואָנציק יאָר, גאָרנישט מיטנעמען . . .

איר ווילט פטרן די עטלעכע פעזעס. איר ווילט צעטרענצלען ס׳געלט וואָס איך האָב אָנגעזאַמלט? טוט וואָס איר ווילט. לעבט אַ גוטן טאָג, איר וועט שפּעטער באַדויערן . . . סי סעניאָר!

יאָ, כ׳האָב זיך נישט וואָס צו באַקלאָגן. כ׳האָב, אַ דאַנק גאָט נחת פון מיינע קינדער און אייניקלעך זאָלן געזונט און שטאַרק זיין.

מיינט איר דאָך טאַקע אַז שוין, נישטאָ מער וואָס צו זאָרגן נאַדאַ נאַדאַ? נאָ סעניאָר!

ס'איז דאָ ס'איז דאָ וואָס צו זאָרגן, ס'איז דאָ! ס'פעלט נישט קיין זאָרג מיט עגמת נפש.

כ'בין נישט צופרידן ווי אַזוי מיינע טייערע אייניקלעך ווערן דער־צויגן. ניין! שוין גאָרנישט צופרידן, נאָ סעניאָר!

צום ערשט האָב איך זיך געקריגט, געאַמפּערט מיט מיין זון און מיטן טייערן גאַנאַיידעם מיינעם, מ'זאָל אַריינגעבן די אייניקלעך מיינע אין אַ יידישע שול...

האָט די טאָכטער מיינע כאַספּינאַ און די שנור מיינע די פּרינצעסין רעינאַ, דוקא געוואָלט, אַז די אייניקלעך מיינע זאָלן לערנען אין דער אַמעריקאַנער אָדער ענגלישער שול.

וואָס איז די גדולה מיט דער גוישער שול?

ענגליש! ענגליש!

זיי ווילן אַז די קינדער זאָלן קענען ענגליש. עפּעס ליידן דאָ, נישט פאַר אייך געדאַכט, אַ סך יידישע עלטערן אויף דער ענגלישער קרענק... הימל און ערד און ענגליש!

און די ווייב מיינע, מיין טייער יענטעלע, האָלט דווקא מיט די קינ־דער. וואָס דען, מיט מיר וועט זי האַלטן? נאָ סעניאָר!

מיין יענטעלע איז אויך שטאַרק פאַרליבט אין ענגליש. זי וויל אירע אייניקלעך זאָלן רעדן אַ פּערפעקטן ענגליש, יעס סער!

ס'איז אַריסטאָקראַטיש!

איר מעגט טאַקע הערן, ווי מיין יענטעלע טיניפאַצקי לייגט אַוועק אַן ענגליש...

ס'איז נעבעך גאָטס רחמנות אויף שעקספּירס לשון... סי סעניאָר!

טענה איך מיט די קינדער מיינע: וואָס האָט איר זיך אַזוי פאַרליבט אינמיטנדרינען אין ענגליש?

וואָס ציטערט איר, וואָס האָט איר אַזוי מורא, אַז די קינדער אייערע וועלן חלילה נישט קענען קיין ענגליש?

אין די יידישע שולן לערנט מען דאָך אויך ענגליש!

און וואָס וועט טאַקע זיין מיט דער יידישער דערציאונג פון מיינע אייניקלעך, האַ?

איר ווילט זיי טאַקע מאַכן פאַר האַלבע גויים?

נישט ביי מיר, נישט ביי יאַנקלען!

כל זמן איך לעב וועלן מיינע אייניקלעך קריגן אַ יידישע דערציאונג, און נישט אויפוואַקסן קיין גראָבע יונגען וואָס קענען רעדן ענגליש...

ווער זשע מיינט איר האָט אויסגעפירט? איך, דער זיידע!

מיינע אייניקלעך, זאָלן געזונט זיין, לערנען טאַקע אין אַ יידישע שול, צווישן יידישע קינדער און קריגן אַ יידישע דערציאונג, סי סעניאָר! אַלץ דער זיידע!

מיינט איר דאָך טאַקע, אַז שוין, אַז אַלץ איז וואויל און פיין. טאָדאָ עסטאָ ביען?

זאָג איך אייך, אַז ניין, נאָ סעניאָר!

ס'טויג נישט. שלעכט, זייער שלעכט!

זעט איר, די אייניקלעך מיינע זיינען דווקא שטאַרק צופרידן פון דער יידישער שול.

האָבן ליב די לערער, לייענען גאַנץ גוט יידיש, זינגען יידישע לי־דער, האָבן שטאַרק ליב די יידישע געשיכטע.

איז דאָך טאַקע גוט. ווי זאָגט מען: אַ כשרער טאָפּ מיט אַ כשרן לעפל... יידישע קינדער אין אַ יידישער שול.

האָט זיך אָבער פאַר מיר אָנגעהויבן נייע קריגערייען מיט אַ נייער צרה, סי סעניאָר!

די עלטערן ווילן דאָך נישט רעדן מיט זייערע קינדער קיין יידיש וואָרט...

כאַטש האַק און בראַק, ניין און ניין! זיי רעדן נישט מיט די קינ־דער זייערע קיין יידיש וואָרט, בשום אופן נישט. נאָ סעניאָר!

ס'איז דאָך טאַקע פשוט אַ געלעכטער, זאָג איך אייך. יאָ אַ געלעכ־טער, אַ ביטער, טרויעריק געלעכטער, סי סעניאָר!

הערט אומישנע: מ'שיקט די קינדער אין אַ יידישער שול און אַליין וויל מען מיט די קינדער קיין יידיש וואָרט נישט רעדן...

נו, אדרבא, אדרבא, האָט איר שוין געהערט אַמאָל אַזאָ בייז וואונ־דער? מ'לערנט יידיש און מ'וויל נישט רעדן...

די היגע אַמעריקאַנער עלטערן רעדן מיט זייערע קינדערביי זיך אינ־דערהיים ענגליש.

די פראַנצויזישע עלטערן רעדן ביי זיך אין שטוב מיט די קינדער פראַנצויזיש.

און יענטע טיניפּאַצקיס און יאַנקל פּייפּערס זין און טעכטער ווילן

מיט זייערע קינדער קיין יידיש וואָרט נישט רעדן, אפילו ביי זיך אין שטוב נישט... נאָ סעניאָר!

ווי זאָגט מען אויף שפּאַניש: קע טשיסטאָסאָ! קע ריסאָ, וואָס פאַר אַ געלעכטער!

ס'איז דאָך, הערט איר, פשוט אַ רחמנות אויף די קינדער.

זיי לייענען און שרייבן יידיש און רעדן נעבעך אַ שלעכטן, צעקאַ־לעטשעטן יידיש...

ס'איז דאָך טאַקע אויף ביידע אַ רחמנות נעבעך: אויף די יידישע קינ־דער און אויפן יידישן לשון... ווי איז מיר!

די קינדער הערן דאָך נישט רעדן אין שטוב קיין יידיש וואָרט. מיט וועמען זאָלן זיי רעדן יידיש? די גויישע דינסט קען נישט קיין יידיש און די עלטערן ווילן נישט רעדן מיט זיי קיין יידיש וואָרט...

טענה איך צו דעם זון מיינעם און צו מיין טייערן איידעם:

גלזנים, רעדט צו די קינדער אַ יידיש וואָרט! שפּאַניש קענען זיי דאָך שוין בעסער פון אייך...

ענטפערט מיר דער זון מיינער מיט כעס:

פּאַפּאַ דו ביסט געוואָרן אַ יידישיסט! סי, סי, פּאַפּאַ, אַ יידישיסט!

ס'איז גענוג, אַז איך שיק די קינדער אין אַ יידישער שול. מוז איך נאָך רעדן מיט די קינדער יידיש אויך? נאָ פּאַפּאַ!

און דער געניידעם מיינער העלפט אים נאָך צו:

סי שווער לעבן, סי. איר איר זענט געוואָרן אַ יידישיסט! סי שווער, אַ יידישיסט!

און מיין אַריסטאָקראַטקע, מיין יענטעלע צעקאָכט זיך אויך און נעמט הויך שרייען:

יאַנקל פייפער, קע פּאַסאָ? וואָס מוטשעסטו די קינדער מיט דיין יידיש רעדן?

די אייניקלעך אונדזערע גייען אין דער יידישער שול, ווילסטו זיי זאָלן רעדן יידיש אין שטוב אויך? באַסטאַנטע פייפערוק, באַסטאַנטע!

די קינדער זיינען דאָך גערעכט. דו ביסט אַ יידישיסט!

הער אויף מיט דיין יידיש, פייפערוק!

צעלאַך איך זיך הויך: כאַ, כאַ, כאַ! וואָס מיר יידישיסט, ווער מיר יידישיסט, ווען מיר יידישיסט? איך, אַ יידישיסט? כאַ, כאַ, כאַ! אַ יידי־שיסט גאָר?

וואָס איז דאָס אַ יידישיסט?

כ'בין אַ ייד רעדט איך יידיש, מאַמע־לשון?
וואָס דען זאָל איך רעדן טערקיש, טאַטעריש! מיט אַ גוי דאַרף מען רעדן גויש, מיט אַ ייד דאַרף מען רעדן יידיש...
מאַמע־לשון, יענטעלע מיינע, יידיש, גרויסע אַריסטאָקראַטקע מיינע, יידיש!
אוי, טייערע יענטעלע מיינע. דו ווייסט דען וואָס פאַר אַ טייער, שיין, האַרציק לשון יידיש איז?
דו ווילסט דאָך קיין יידיש וואָרט נישט רעדן יענטעלע, אָבער שעלטן, שלעטסטו דווקא אויף יידיש...
וואָס פאַר אַ טייערע, בריליאַנטענע, שיינע ברכות פאַרמאָגט יידיש?
און מיט וואָס פאַר אַ טייערע, גאָלדענע קללות מען קען שעלטן אויף יידיש...
איי, איי, מיט וואָס פאַרא קללות מען קען שעלטן אויף יידיש!!!
אדרבא, דו ביסט דאָך עפּעס אַ גרויסע שפּאַניש קענערין, זאָג מיר פאַר פאַוואָר, ווי אַזוי זאָגט מען אויף שפּאַניש, פאַרדריי דיר דיין קאָפּ...
אָדער, זיי מיין כפּרה, גיי צעברעך די פּיס, פאַרכאַפּט זאָלסטו ווערן...
אָדער, ווי זאָגט מען אויף שפּאַניש:
כ'האָב דיך אין דערערד...
אָדער, אַ רוח אין זיין טאַטנס טאַטן אַריין!
און טאַקע אַזעלכע טייערע ברכות און ווינטשעוואַניעס אויף יידיש:
אַ געזונט אויף דיין קאָפּ, איר זאָלט האָבן נחת, בעט זיך אויס אַ גוט יאָר, מיר זאָלן גיין אויף שמחות. אָדער, איר זאָלט געפינען אַ כשרע מציאה...
אדרבא, טייער ווייבעלע מיינס. דו דערהרגעסט געגוג דאָס ביסל שפּאַניש וואָס דו רעדסט. ס'איז נעבעך אַ רחמנות אויף סערוואַנטעס לשון...
נו, ווייז וואָס דו קענסט, זעץ מיר איבער אויף שפּאַניש די קללות וואָס דו שעלסט אַזוי גוט אויף יידיש...
מיין יענטעלע האָט זיך מיטאַמאָל הויך צעשריגן:
כאַקאַבאַ טשיפלאַדאָר, קאַיאַטע לאַ באָקאַ! יאַנקל פּייפער קום אַהיים! וואַמאָנאָס!
וואָס פאַר אַ פּאַרציע כ'האָב שפּעטער געכאַפּט פון מיין ווייב, איז גלייכער נישט צודערציילן...
יאָ, אָל? גייט אויס צום זיידנס קאָפּ!

קום איך צו די קינדער מיינע, הייבט באַלד אָן די טאָכטער אָדער די שנור צו רופן די אייניקלעך::

סערכיאַ וועז אַקאַ, אַקי עסטאַ טו אַבועלאַ!

מיגעל טאַמאַ טוס ליבראָס יידיש, יאַ יעגאַ טו אַבועלאַ!

בעט איך די טאָכטער אָדער די שנור:

דערבאַרעמט זיך, רעדט צו די קינדער יידיש און רוף מיך נישט אַבועלאַ.

אַבועלאַ אַהין, אַבועלאַ אַהער! עס אַבועלאַט מיר שוין אין קאָפּ...

כ'בין אַ זיידע, אַ זיידע בין איך ניט קיין אַבועלאַ!

דערפרייען זיך מיט מיר די אייניקלעך, דער זיידע, דער זיידע איז געקומען.

לאַשטשעט זיך צו מיר איין אייניקל און בעט מיך אין אַ פאַרגרייזטן יידיש:

זיידע דערצייל מיר עפּעס פון משה רבנו, פון מצרים.

ווייל דאָס צווייטע אייניקל איך זאָל גלייכער דערציילן פון שמשון הגבור, פון דוד המלך.

זיי ווייזן מיר דאָס נייע ביכל און אַז זיי קענען שוין לייענען לשון קודש, העברעאיש הייסט דאָס ביי זיי. נו מילא, זאָל זיין העברעאיש, אבי זיי קענען שוין אויך לייענען און פאַרשטייען אַביסעלע לשון קודש...

טייערע, האַרציקע אייניקלעך מיינע! גאָלדענע יידישע קינדערלעך!

זאָגט מיר, פאַר פאַוואָר, וואָס זיינען זיי נעבעך שולדיק, אַז זיי רעדן שלעכט יידיש!

מ'רעדט דאָך נישט צו די קינדער אין שטוב קיין יידיש וואָרט...

נו, פון וואַנען זאָלן זיי קענען רעדן יידיש?

נאָ סעניאָר, די קינדער זיינען גאָרנישט שולדיק, ניין!

און אַז איך, דער זיידע, בעט זיך רחמים ביי די קינדער מיינע: רעדט מיט די אייניקלעך מיינע יידיש, יידיש!

נו, נו, האָבן זיי מיר געגעבן עפּעס אַ נייעם נאָמען — יידישיסט!

נו, יאָ, איך יאַנקל פּייפער בין מיטאַמאָל געוואָרן אַ יידישיסט!

סעניאָר מיאָ, כ'האָב אָפּגעלעבט אַ גאַנץ לעבן, גערעדט יידיש. גע־דאַוונט אויף לשון קודש. כ'קען אַ פרשה חומש מיט רש"י. בין איך ראַפּ־טום ביי די קינדער מיינע געוואָרן אַ יידישיסט!

פרעגט מיך בחרם, וואָס עס מיינט אַזוינס אַ יידישיסט?

כ'בין אַ ייד רעדט איך יידיש!

זאָגט מיר, פאַר פאַוואָר, צו אַ ייד דאַרף איך רעדן יידיש, אָדער נישט?

נו, האָבן די קינדער מיינע, זאָלן געזונט זיין, און טאַקע אויך מיין אַריסטאָקראַטקע, מיין יענטעלע, מיר געגעבן עפּעס אַ מאָדנעם, נייעם נאָמען: יידישיסט!

יאַנקל פּייפער איז געוואָרן אַ יידישיסט!

יאַנקל פּייפּער איז אַריין אין דער קהילה...
(מאָנאָלאָג)

— יאָ, כ'בין אַריין אין דער קהילה!

כ'בין געוואָרן אַ מיטגליד אין דער קהילה „נדחי ישראל".

און ס'איז טאַקע גוט צו האָבן אַ קהילה, אַ פאַראייניקטע קהילה, ניט קיין לינקע קהילה און נישט קיין רעכטע קהילה. אַן אמתע אומפּאַרטיי־אישע קהילה, נישט מילכיק און נישט פליישיק, פּאַרעווע, אַ פּאַרעווע קהילה...

ווי שטייט אין פּרק: כל ישראל יש להם חלק. אַלע האָבן אַ גלייכן חלק אין דער קהילה. גלייכע רעכט און אַ גלייכע דעה... סי סעניאָר!

וואָס אַרט דאָס מיך, אַז אין דער קהילה זיצן פאַרטרעטער פון אַלע אָרגאַניזאַציעס?

ווי שטייט אין דער הגדה; כלנו חכמים, כלנו נבונים. מ'רעדט און מ'רעדט און מ'האָט זיך פאַרט צו עפּעס דערעדט...

זאָגן אייך דעם אמת, בין איך טאַקע צופרידן פון דער קהילה, קאָ־מאָ נאָ?

פאַרוואָס טאַקע נישט?

איר פאַרשטייט, די יאָרן לויפן, סי סעניאָר, מ'ווערט עלטער... פילט מען זיך טאַקע אַ ביסל היימישער און זיכערער, אַז ס'איז דאָ אַ קהילה אין שטאָט, וואָס באַזאָרגט יידן מיט צדקה מיט דערציאונג, מיט אַ ביסל קולטור, נו, כ'מיין — מיט די אַט אַלע זיבן זאַכן... און טאַקע מיט אַ ביסל יידישקייט אויך, סי סעניאָר.

איר פאַרשטייט? אַ מענטש לעבט נישט אייביק... איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר... באַזאָרגט דאָך אַלץ די קהילה...

וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר? וואָס איז, איר דערקענט מיך נישט? יאַנקל פּייפּער זאָל אַזוי רעדן?

סי סעניאָר, כ'בין דער אייגענער סעניאָר כאַקאַבאַ טיניפּאַצקי, וואָס האָט אַמאָל געברענט אַ וועלט, געהוליעט, געפלויגן, געיאָגט, געמאַכט געלט און געפּטרט געלט, אויפגעריסן אַלע די אויגן.

כ'האָב געוואָלט ווייזן ווער יאַנקל פּייפּער איז, וואָס קען פּייפן אויף דער גאַנצער וועלט...

אָבער שוין, שוין! אָפּגעהוליעט, אָפּגעפּייפט און אָפּגעטאַנצט? נישטאָ שוין די אַמאָליקע כוחות, נישטאָ, נאָ סעניאָר!

פון די קינדער מיינע האָב איך, אַ דאַנק גאָט, אַ ביסל נחת, איבער־הויפּט פון מיינע אייניקלעך, זאָלן געזונט און שטאַרק זיין. זיי רעדן מיטן זיידן יידיש און קענען טאַקע, זיי קענען אפילו דאַווענען אויך...

טייערע אייניקלעך. סי סעניאָר.

די קינדער מיינע טוען דאָך אַ טובה דעם טאַטן זייערן, אַז זיי רעדן מיט מיר אַ יידיש וואָרט... די גרויסע אַריסטאָקראַטן מיינע!

קיין שבת, קיין יום טוב, גאָרנישט!

אפשר וועט דער זון מיינער, סאַלוואַדאָר, קענען זאָגן קדיש נאָכן טאַטן זיינעם. מ'וועט אים אפשר נישט דאַרפן אונטערהעלפן מיטן ביסל עברי... ווער ווייסט?

נו, פאַר וועמען האָב איך געיאָגט, געהאָרעוועט, איינגעריסן אַ וועלט סי סעניאָר, פאַר וועמען?

די קינדער מיינע וועלן מיר נישט שטעלן קיין גאָלדענע מצבה...

עס זאָל בלייבן אַ סוד צווישן אונדז, ווען כ'האָב נישט קיין מורא פאַר מיין ווייב, פאַר מיין יענטעלע און פאַר די קינדער מיינע, וואָלט איך די עטלעכע מיליאָן וואָס כ'האָב נאָך, צעטיילט נאָך ביים לעבן... סי סעניאָר!

אַ העלפט פאַר ארץ ישראל און טאַקע אַ ביסל פאַר דער קהילה אויך, פאַרקע נאָ? פאַרוואָס טאַקע נישט?

וואָס איז? קע פאַסאָ? מיין טאַטע האָט מיר אַ סך מיליאָנען איבער־געלאָזט?...

גלייבט מיר, אַז כ'האָב נישט קיין חרטה, וואָס כ'בין אַריין אין דער קהילה.

ניין, אדרבא, כ'בין צופרידן, שטאַרק צופרידן, וואָס מיר האָבן, אַ דאַנק גאָט, אַ גוטע און אַ גרויסע קהילה אין מעקסיקע.

ס׳איז דאָך פּשוט אַ מחיה, אַ פאַרגעניגן זאָג איך אייך, אַ גליק, אַן אמתדיקער גליק, סי סעניאָר!

מיט איין מאָל פּטור געוואָרן פון די אַלערליי אַקציעס מיט די קאַמ־פּיינען.

אויס, אַ סוף, אַן עק!

ס׳איז דאָך פּשוט נישט געווען אויסצוהאַלטן פון די משולחים און גלאַט אַנשיקעניש ...

די טיר האָט זיך דאָך נישט צו געמאַכט, דער אַריין, דער אַרויס. דער טינט אויפן טשעק האָט זיך נאָך נישט אויסגעטרוקנט, אַהאַ, אַ פרישער קאַמפּיין, מ׳דאַרף שוין שרייבן פרישע טשעקן...

און איצט האָב איך אַ קהילה, כ׳גיב איין מאָל אין יאָר אַ ביישטייע־רונג פאַר דער קהילה און פּטור אַן עסק!

מיינט איר דאָך אוודאי אַז שוין, אַלץ איז גוט, נאָ סעניאָר!

דאָ הייבט זיך ערשט אָן דאָס רעכטע און גערעכטע.

ווי אַזוי זאָגט מען דאָס אָן מיין ווייבל, מיין טייער יענטעלע, די גוטע נייעס, די פריילעכע בשורה, אַז כ׳גיי ווערן אַ מיטגליד אין דער קהילה, אדרבא, ווי אַזוי?

אַזוי איז זי דווקא נישט קיין שלעכטע, נאָר ווען זי הערט, אַז כ׳דאַרף געבן אַ פרישע ביישטייערונג פאַר אַ נייעם קאַמפּיין, ווערט זי נעבעך אויס מענטש... הייבט אָן קאָמאַנדעווען און שרייען.

מיט מיין יענטעלען דאַרף מען נאָר גיין מיט גוטן, מיט גוטן קען מען ביי איר אַלץ אויספירן.

אָבער נישט מיט בייזן, נאָ סעניאָר! מיט בייזן וועט איר ביי איר גאָרנישט פועלן.

נישט ביי מיין אַריסטאָקראַטקע, נישט ביי מיין יענטע!

האָב איך אָפּגעטשאַטעוועט, אָפּגעוואַרט ווען מיין ווייב איז אין אַ גוטן הומאָר, רואיק, צופרידן און גיב איר אַ זאָג:

יענטעלע קרוין, כ׳גיי ווערן אַ מיטגליד אין דער נייער קהילה.

און זי גיט מיך גיך־גיך אַ פרעג:

וואָס גייסטו ווערן כאַקאַבאַ קערידאַ?

זאָג איך שוין אַ ביסעלע העכער:

כ׳גיי ווערן אַ מעמבער, אַ מעמבער אין דער קהילה.

שטעלט זי אָן אויף מיר אירע גרויסע, בייזע אויגן און רעדט שוין העכער:

שוין ווידער אַ מעמבער? כאַקאַבאַ, דו ביסט דאָך שוין אַ מעמבער אין צען אָרגאַניזאַציעס.

שוין ווייטער אַ מעמבער, כאַקאַבאַ? הער זיך אויף צו מעמבערן, ס'מעמבערט מיר שוין אין קאָפּ פון דיינע מעמבערס...

וואָס איז דאָס פאַר אַ נייער שמע־קולנו? אַ קהילה גאָר? יאַנקל, צו וואָס דאַרפסטו אַ קהילה?

מער פעלט דיר שוין גאָרנישט, נאָר אַ קהילה? האָסט ווייניק אָרגאַניזאַציעס?

כ'האָב איר דערקלערט, אַז די קהילה האָט אָפּגעשאַפט אַלע קאַמפּיינען מיט אַלע שלוחים. מער וועט מען אונדז שוין נישט דרייען דעם קאָפּ אַלע טאָג מיט נייעביישטייערונגען.

זעסטו מיין טייער ווייבעלע, כ'וועל געבן דער קהילה אַ ביישטייערונג עטלעכע טויזנט פּעזעס מיט איין מאָל און פּטור ווערן פון אַלע קאַמפּיינען אַ גאַנץ יאָר...

ווען מיין יענטעלע האָט דערהערט, אַז איך דאַרף געבן דער קהילה אַ ביישטייערונג, נו, נו, פרעגט שוין בעסער נישט...

זי האָט אָנגעהויבן שרייען און זיך בייזערן:

כאַקאַבאַ, וואַרף דיך נישט מיט קיין טויזנטער!

פּייפּערוק, דו ביסט שוין נישט קיין יונגערמאַנטשיק! האַלט איין די פּעזע זאָג איך דיר.

יאַנקל פּייפער, צו וואָס דאַרפסטו אַ קהילה אויף דער עלטער?

אַז מיין יענטעלע האָט אָפּגעשריגן, אָפּגעקריגט זיך מיט מיר, האָב איך איר גענומען דערקלערן, געבן צו פאַרשטיין אַז זי שרייט אומזיסט און אומנישט.

כ'גיב גיך אַ נעם אַרויס דעם שיינעם דיפּלאָם פון דער קהילה און ווייז איר:

דו זעסט יענטעניו, דאָס איז דער דיפּלאָם, אַז כ'בין אַ מיטגליד אין דער קהילה...

האָט זי גיך אַ כאַפּ געטאָן דעם פאַפּירענעם דיפּלאָם, געדרייט אים אַהין־אַהער און מיך בייז געפרעגט:

יאַנקל, וואָס איז דאָס פאַר אַ שיר המעלות, פאַר דעם פאַפּירענעם שיר המעלות האָסטו געגעבן טויזנטער?

האָב איך איר דערקלערט, אַז דאָס איז אַ סימן, אַז איך האָב שוין ביישטייערט דער קהילה, פאַר אַ גאַנץ יאָר...

קיינער וועט דאָך שוין מער נישט קומען אונדז דרייען אַ קאָפּ מיט קאַמפּיינען. דאָס איז דאָך אַ גליק, יענטעניו, אַן אמתדיק גליק.

כ׳האָב איר געגומען מאַכן אַ חשבון, אַז די קהילה וועט קאָסטן אַ סך ביליקער...

ביי מיין ווייב האָבן זיך די אויגן צעשטראַלט פון פריד און מיך אַ פריילעכע געפרעגט:

כאַקאַבאַ טייערער, טאַקע? דו מיינסט דאָס אויף אַן אמת?

זיכער, אוודאי יענטעלע טייערע, די קהילה מיטן דיפּלאָם וועלן אונדז ראַטעווען.

אַ קהילה האָט אַ גרויסן כוח, אַ קהילה קאָן אַלץ אויספירן.

דו שפּילסט זיך מיט אַ קהילה! אַ קהילה קען אַלץ מאַכן!

און כ׳גיב איר צופּאַרשטיין, אַז אין פּרק שטייט: אל תפרוש מין הצי־בור, אַ ייד טאָר זיך נישט אָפּשיידן פון יידן, אַז אַ ייד דאַרף געהערן צו דער קהילה.

קוקט זי מיך אָן מיין ווייבל און זאָגט מיר שוין מיט ליבשאַפט:

יאַנקל, עפּעס ביסטו פרום געוואָרן אויף דער עלטער, עפּעס רעדסטו צו מיר מיט פּסוקים.

ענטפער איך איר אַ צופרידענער מיט אַ שמייכל:

אוי, יענטעלע, יענטעלע, וואָס מיינסטו, כ׳האָב נישט געלערנט? אוי, יענטע קרוין, כ׳געדענק נאָך גאַנץ גוט די פּעטש פון רבין אין חדר?

ווען כ׳געדענק נאָך אַזוי פיל פּסוקים פון פּרק, וויפל מיליאָנען איך האָב, וואָלט אוודאי נישט שלעכט געווען... פּסוקים זענען אַמאָל בעסער ווי מיליאָנען...

מיין ווייב האָט דעם דיפּלאָם איינגערעמט אין אַ גאָלדן רעמל און אים אויפגעהאָנגען אין דער „דעספּאַטשאַ״.

זאָלן אַלע וויסן און זען, אַז הער יעקב טיניפּאַצקי איז אַ מיטגליד אין דער קהילה.

אויס קאַמפּיינען, אויסביישטייערונגען!

ס׳איז אָבער, הערט איר, נישט באַשערט צו לעבן רואיק, נאַ סעניאָר!

אַזוי גיך קען מען פון די משולחים נישט פּטור ווערן...

שטיי איך אַזוי איין מאָל אין מיין „דיספּאַטשאַ״ און רעדט מיט אַ סוחר. קומען אַריין צוויי שיינע, הדרת־פּנימדיקע יידן, איינער מיט אַ שיי־נע באַלעבאַטישע, גרויסע באָרד, און איינער מיט אַ קליין רבניש בערדל...

זיי גייען גלייך צו מיין יענטעלען און רעדן עפּעס צו איר שטילערהייט.

אברהם ווייסבוים

מיטאַמאָל דערהער איך מיין ווייבס הויך שטימעלע מיין אַריסטאָקראַ־טיש ווייב האָט זיך צעלאָזט מיט איר מענה־לשון:

סקאָצלקימט, איר זענט שוין ווידער דאָ? מ'האָט געבענקט נאָך אייך!

שוין, שוין ווידער געקומען? סעניאָרעס, פאַר פאַוואָר, גייט אייך גע־זונטערהייט, כ'וועל אייך גאָרנישט געבן!

איר זעט? מיין מאַן האָט אַ קהילה! דאָ הענגט אַ דיפּלאָם, גייט צו דער קהילה, מיין מאַן האָט שוין באַצאָלט פאַר אַ גאַנץ יאָר.

מאָלעסטירט מיך נישט סעניאָרעס, מער גיב איך נישט אַ סענט, נאַדאַ מאַס!

זע איך דאָך, אַז ס'האַלט שלעכט. די צוויי שיינע יידן שטייען נע־בעך בלאַסע, איבערגעשראָקענע און גייען נישט אַוועק.

רוף איך זיי אַוועק אין אַ זייט און הייב זיך אָן שטילערהייט צו דינ־גען מיט זיי, אַהין־אַהער, איך האָב זיי געגעבן הונדערט פּעזעס און די יידן זיינען בשלום אַוועק.

נו, נו, פרעגט שוין גלייכער נישט! מיין ווייב האָט מיר אָפּגעשפּילט די אמתע חתונה... געגומען שרייען און זיך בייזערן:

פּייפּערוק, האָסט שוין ווידער געגעבן געלט? ווידער קאַמפּיינען, שוין ווידער שלעפּערס? צו וואָס דאַרף איך דיין קהילה. צו וואָס? וואָס האָב איך פון דיין קהילה?

זי האָט גיך אַראָפּגעכאַפּט דעם קהילה־דיפּלאָם, אַוועקגעלייגט אים אויפן טיש מיט אַ געבייזער:

נאַ דיר דיין דיפּלאָם, טראָג אים צוריק צו דיין קהילה. קהילות האָט זיך דיר פאַרגלוסט? נו, וואָס האָסטו פון דיין קהילה?

מ'קומט ווידער מאָלעסטירן, ווידער דרייען אַ קאָפּ מיט ביישטייערונגען פאַר דער גאַנצער וועלט.

נאַדאַ מאַס, כאַקאַבאַ, לאָז אָפּ די קהילה, כ'בין דיר מוחל דיין קהילה! לאָז אָפּ די קהילה!

כ'האָב קוים־קוים מיין יענטעלען באַרואיקט, איר דערקלערט, אַז כ'האָב איצט געכאַפּט אַ מציאה:

דו האָסט געזען, יענטע קרוין, די צוויי שיינע יידן מיט די בערד, גלייב מיר אַז יעדער איינער איז ווערט אַ הונדערטער, נו, האָב איך זייביידע געגעבן איין הונדערטער, פּופציק פּעזעס פאַר אַ ייד מיט אַ באָרד און פאַר אַ ישיבה... פאַרשטייסט יענטעניו, פאַר אַ ישיבה... פאַרשטייסט יענ־טעלע, מ'לערנט דאָרט תורה, תורה לערנט מען!

אין מעקסיקאַנער גן־עדן

מער, זאָג איך דיר צו, גיב איך נישט קיין סענט, כ׳האָב אַ קהילה, גייט צו דער קהילה!

מיין ווייב האָט זיך באַרואיקט, זי האָט פּאַמעלעך צוריק אויפגעהאָנגען דעם קהילה־דיפּלאָם.

יאָ, כ׳בין ווייטער געבליבן אין דער קהילה!

III

אלערליי

ווידיע און טעלעוויזיע . . .

האָבן מיר שוין, מיט מזל, טעלעוויזיע!

יאָ, מיר האָבן שוין אויך ביי אונדז אין מעקסיקע, די גרויסע, וואָזשנע דערפינדונג — טעלעוויזיע!

אַ גרויס גליק האָט אונדז געטראָפן!

עפּעס אַ קלייניקייט, טעלעוויזיע!

ביז אַהער האָט מען נאָר געקענט הערן אויף דער ראַדיאָ, וואָס איינעם האָט זיך נאָר געגלוסט: פון די לעצטע נייעס פון דער „קאַלטער" מלחמה, ביז בעטהאָווענס אַ סימפאָניע. פון אַנאַנסן וועגן ביליקע ניילאָן זאָקן, אונ־טער־וועש, וואַשמאַשינען ביז אַ חזיניש שטיקעלע . . .

פון אַן אַריע פון אַ באַרימטע אָפּערע זינגערין, ביז אַ הייזעריקע, שריי־ענדיקע רעדע פון אַ בייזן רעדנער. פון אַ קלאַפּעדיקן, שרייעדיקן דזשאַס־אָרקעסטער, וואָס פאַרהודזשעט די אויערן און פאַרטומלט דעם קאָפּ, ביז אַ נאַרישע, צעצויגענע דעקלאַמאַציע מיט ציבעלע־טרערן . . .

ס'איז אָבער געווען אַ האַלבע צרה . . .

מ'האָט געקענט בלויז הערן אָבער נישט זען . . .

מיר האָבן געקענט פאַנטאַזירן, מיר האָבן זיך געקענט פאַרשטעלן, מיר האָבן געהאַט די ווידיע, אַז די אָפּערע זינגערין, וואָס מיר הערן איצט אויף דער ראַדיאָ, איז אויך אַ באַרימטע שיינהייט: אַ שלאַנקע, איידעלע בלאָנדיקע מיט ליכטיקע, בלויע אויגן.

אָדער אַ יונגע שיינע ברונעטקע מיט פלאָם־פייערדיקע, גרויסע ברי־ליאַנטענע אויגן.

האָט אָבער איצט מיטאַמאָל די טעלעוויזיע דערהרגעט אונדזער וויזיע...

אויס פאַנטאַזיעס, אויס פאַרשטעלונג און אויס וויזיע !!!

איצט, הערט מען און מ'זעט טאַקע אין דער אמתן, ווער עס זינגט די אַריע פון מאַרגאַריטאַ פון דער אָפּערע „פאַוסט".

איי, איי, אָט דאָס איז טאַקע די שיינע יונגע מאַרגאַריטאַ? ווי איז מיר !

אַ פעט־לייביקע, קיילעכדיקע מאַדאַם מיט אַ נישקשהדיקן גוידער און מיט אַ פּנים, ווי איז מיר, פון אַן אָפּגעפּאַרענע קראַסאַוויצע . . .

נו, צו וואָס דאַרף מען טעלעוויזיע ?

די טעלעוויזיע האָט אין גאַנצן געפּטרט אונדזער פאַנטאַזיע, אונדזער פאַרשטעלן זיך, אונדזער וויזיע !

אויף דער ראַדיאָ האָט מען געקענט הערן אַ רעדנער, וואָס האָט גערעדט אַזוי שיין, אַזוי זיס, מיט שיינע געטאַקטע פראַזן. אַזוי איידל וועגן מענטש־לעכקייט, הומאַניזם, וועגן עטיק און עסטעטיק.

מ'האָט דעם עסטעטישן רעדנער בלויז געהערט אָבער נישט געזען. מ'האָט זיך פאַרגעשטעלט אין דער פאַנטאַזיע, אַז דאָס רעדט אַוואַדע אַ הויך־געוויקסיקער, שיינער, עסטעטישער מענטש, אַן אימפּאָזאַנטע פיגור, אַ פערזענלעכקייט . . .

האָט די טעלעוויזיע אונדז געפּטרט די אילוזיע, דערהרגעט די וויזיע !

פון דעם קליילעכיק, עלעקטרישן אויג אין טעלעוויזיע־קעסטל, רעדט גאָר אַ קליינער, דיקער מענטש, ווי אַ קיילעכיק פעסל ביר . . . מיט אַ גראָבן צוואָקסענעם בויך און מיט אַ פּנים פון אַ וואַלד־גזלן...

דאָס געפיל פאַר שיינקייט און עסטעטיק איז מיטאַמאָל פאַרלוירן געגאַנגען.

נו, וואָלט נישט גלייכער געווען, ווען מ'הערט דעם גרויסן עסטעט בלויז רעדן, און אים בעסער אין גאַנצן נישט אָנקוקן ?

די טעלעוויזיע האָט דערהרגעט די גאַנצע עסטעטישע רעדע . . .

אַמאָל, אויף דער ראַדיאָ, האָט אַ דאָקטאָר געגעבן מעדיצינישע עצות וועגן געזונט, וועגן דער דיעטע וואָס אַ מענטש דאַרף עסן, כדי ער זאָל זיין געזונט און שטאַרק, ווי זיך קערפּערלעך אַנטוויקלען, ווי אַזוי צו היטן די פיגור, ווי צו היטן די היגיענע פון קאָפּ, די האָר זאָלן חלילה נישט אַרויס־פאַלן . . .

די פֿאַנטאַזיע האָט געאַרבעט מעשים: אָט דאָ רעדט זיכער אַ מענטש, וואָס איז געזונט און שטאַרק ווי אַ הערקולעס און שיין ווי אַן אַפּאָלאָ...

איצט, אויף דער טעלעוויזיע, ווי איז מיר, זעט מען גאָר עפּעס אַ פּאַרזעניש, אַ קליין, דאַר, איינגעשרומפּן מענטשעלע, הויט און ביינער מיט אַ גרויסן באַלעבאַטישן פּליך איבערן גאַנצן קאָפּ... אַזאַ אומגליק!

אָט דאָס איז דער מעדיצינישער עצה־געבער?

וואָלטן דען די מעדיצינישע עצות נישט געברענגט בעסערע רעזולטאַטן, ווען מ׳קוקט גלייכער נישט אָן דעם מעדיצינישן עצה־געבער?

איז דען געווען ווייניק, אַז מ׳האָט געהערט אויף דער ראַדיאָ די לאַנג־ווייליקע, נודנע מעדיצינישע עצות, דאַרף מען נאָך איצטער אויך אָנקוקן אויף דער טעלעוויזיע דעם וואַזשנעם עצה־געבער?...

רבונו של עולם! וואָס פֿאַר אַן אָנשיקעניש מ׳וויזט איצט אויף דער טייערער, גרויסער דערפֿינדונג — טעלעוויזיע!

אָבער די הויפּט אַטראַקציע, אַלע נאַכט אויף דער טעלעוויזיע, איז די באַרימטע „לוטשאַ־ליברע", פֿייערער גערעאַנגל, וואָלקעס, (רעסטלינג). נישט חלילה קיין „באָקס־קאַמף", וואו ס׳איז דאָ געזעצן. רעגולאַציעס ווי אַזוי צו דערלאַנגען דעם קעגנער אין די ציין אַריין מיט ווייכע הענטשקעס... אַזוי אַז דער קעגנער זאָל אַוועקפֿאַלן אויף דער פּאָדלאָגע אַ פּריטשמעלע־טער, אַ פֿאַרשפּילטער.

„לוטשאַ־ליברע" איז אַ פֿרייער, רוימישער געשלעג, וואו ביידע קעגנער האָבן אַ פֿרייע האַנט צו דערלאַנגען איינער דעם אַנדערן וואו עס לאָזט זיך... און אָן הענטשקעס...

מ׳קען דעם קעגנער אָפּבייסן די נאָז, אויסהאַקן אַן אויג, אָפּרייסן אַן אויער און אָן אויסגעבעטע הענטשקעס...

מען מעג דעם קעגנער אָנכאַפּן ביי אַ פּוס, אים אויסדרייען, צעקוועטשן, אָדער אַריינכאַפּן דעם קאָפּ צווישן די עלנבויגנס, אַז דער קעגנער זאָל רעווען ווי אַן אָקס פֿאַר ווייטיק...

אָדער אויפֿהייבן דעם קעגנער מיט ביידע הענט אין דער הויך, ווי אַ שייטל האָלץ און אים אַרומדרייען עטלעכע מאָל אין דער לופֿטן, ווי מע שלאָגט כפּרות... און מיטאַמאָל אים אַ וואָרף טאָן גלייך צום עולם וואָס זיצט אַרום דער אַרענע, אַז דער געוואָרפֿענער קעגנער זאָל ברעכן האַלדז און נאַקן...

אין „לוטשאַ ליברע" מעג מען דערלאַנגען דעם קעגנער קלעפּ מיט אָנגעביילטע פֿויסטן אין סאַמע בויך אַריין. מען מעג געבן דעם צווייטן

פעטש, קולאַקעס, בוכצעס און סטוסאַקעס, וויפל ס'לאָזט זיך... ביז דער קעגנער ליגט אַ צעמזיקטער, אַ צעשלאָגענער, אַ האַלב טויטער אויסגעצויגן מיט די פּלייצעס צו דער פּאַדלאָגע און דער קעגנער קוועטש פון אים אַרויס דאָס לעצטע ביסל חיות — און דער געראַנגל איז געוואונען!

אָט דאָס איז דערווייל די גרעסטע אַטראַקציע אויף דער טעלעוויזיע...

די צוקוקערס שטייען אויף די גאַסן ביי די גרויסע פענצטער פון די געשעפטן, וואו מ'ווייזט אַלע נאַכט די טעלעוויזיע פּראָגראַמען, און זיי שעפּן נחת פון דער גרויסער, קולטורעלער דערגרייכונג, פון דעם ווילדן ספּאָרט „לוטשאַ־ליברע" אויף דער טעלעוויזיע.

פאַר די קינדער, פאַרן קליינוואַרג איז די טעלעוויזיע ממש אַ גן־עדן, אַ ברכה פון גאָט.

עפּעס אַ קלייניקייט, טעלעוויזיע!

ס'איז די קינדער שווער, זייער שווער אָפּצורייסן פון טעלעוויזיע־קאַסטן. זיי האָבן הנאה, שעפּן נחת, קוועלן אָן פון די נאַרישוואַטע קאָמיקערס מיט די ביליקע לידלעך און פוילע וויצן.

זיי קוקן מיט גרויס שפּאַנונג ווי מ'יאָגט זיך אויף די פלינקע פערד און מען שיסט פון צוויי פּיסטאָלעטן מיטאַמאָל...

נו, און די „לוטשאַ־ליברע", דער פרייער געראַנגל, איז פאַר זיי די גרעסטע שמחה. זיי פרייען זיך, שפּרינגען אונטער פאַר גרויס גדולה, ווען זיי זעען ווי איינער רייבט דעם צווייטן אַ „מאָרדע", ווי איינער דערלאַנגט דעם צווייטן קלעפּ ווי האָגל...

אָ, יאָ נישטאָ וואָס צו רעדן, אַ טייערע, בריליאַנטענע דערציאונג פאַר די קינדער...

אַמאָל, נישט היינט געדאַכט, איידער ס'האָט זיך באַוויזן די וואַזשנע, גרויסע מציאה — טעלעוויזיע, האָבן די קינדער געמאַכט די לעקציעס, זייער שול־אַרבעט לעבן די ראַדיאָס... געהערט די ראַדיאָ און געשריבן. געקוקט אין לערן־בוך און דערווייל געהערט די ראַדיאָ...

איצט זיצן די קינדער לעבן טעלעוויזיע־קעסטל און קוקן און הערן, הערן און קוקן... איז טאַקע גרויסע צרות מיט די לעקציעס, מיט דער שול־אַרבעט.

זיי וואָלטן נישט מיד געוואָרן צו זיצן אַ גאַנצע נאַכט לעבן דעם קיי־לעכיק, ליכטיקן אויג פון טעלעוויזיע־קעסטל.

ווער מיר עסן, וואָס מיר שלאָפן, די לעקציעס וועט מען מאַכן שפּעטער, „מאַניאַנאַ"... מאָרגן! מאָרגן!

אַ סך עלטערן מוזן נעבעך פירן אַ קאַמף מיט זייערע קינדער צוליב די טעלעוויזיע אַנשיקעניש, מ׳קען די קינדער קוים אָפרייסן פון טשיקאַוון טעלעוויזיע־אויג צו מאַכן זייערע לעקציעס, מען מוז אויסלעשן די טעלע־וויזיע און שיקן די קינדער שלאָפן נעבעך וויינענדיקע...

אַז מ׳איז אַמאָל געקומען צוגאַסט צו אַ גוטן פריינד, האָט מען אייך איינגעלאַדן אין סאַלע אַריין; מ׳איז געזעסן רואיק, געמיטלעך, געשמועסט אַ ביסל; מ׳האָט אייך מיט עפּעס מכבד געווען, געטרונקען אַ הייס גלעזל טיי און עפּעס צוגעביסן. דערנאָך האָט מען אַ ביסל גערעדט. דערנאָך האָט מען עפּעס געלייענט, דיסקוטירט אָדער געזונגען.

איצט, אַז איר קומט צו אַ גוטן פריינד צוגאַסט און ער האָט שוין מיט מזל אַ טעלעוויזיע־קאַסטן, זענט איר שוין נעבעך אַ פאַרפאַלענער מענטש...

מ׳קומט אַריין אין אַ פינסטערער סאַלע, ווי תשעה באָב ביינאַכט... די קינדער זיצן אויסגעזעצט אויפן טעפּיך אַרום דער טעלעוויזיע. די עלטערן און די געסט זיצן ערנסטע אויף שטולן קעגנאיבער דעם באַלויכ־טענעם קעסטל, און מ׳רעדט שטיל, ווי ביי אַן אָבל, רחמנא לצלן... מ׳זאָל חלילה נישט פאַרהערן אָדער פאַרזען דעם וואָזשנעם טעלעוויזיע פּראָגראַם.

דאָס טעלעוויזיע־קעסטל זעט אויס ווי אַן אַריינגעזעצט קיילעכיק גלעזערן אויג, און ווען דאָס אויג ניט זיך אַ צינד אָן, פליען גיך, גיך טונקעלע פּאַסן, ביז דאָס טעלעוויזיע אויג פאַרדעקט זיך מיט אַ ווייסע בעלמע, ווי ביי אַ בלינדן... און ס׳הייבן זיך אָן באַווייזן די מענטשלעך מיטן גאַנצן טע־לעוויזיע פּראָגראַם.

איר מוזט זיצן העפלעך קוקן און שווייגן, איר זאָלט חלילה וחס נישט שטערן, כאָטש דער גאַנצער טעלעוויזיע פּראָגראַם אינטערעסירט אייך, ווי דער פאַראיאָריקער שניי...

אַזוי מוזט איר זיצן און שווייגן ווי אַ פיש. אָבער נאָכן זיצן און קוקן צוויי שעה, און זיך נודיען מיטן נאַרישן טעלעוויזיע־פּראָגראַם, זענט איר שטילערהייט מוחל אייער פריינד דעם גרויסן כבוד און גאַסט־פריינדלעכקייט, און אַן איבעריקער געזעגנט איר זיך אין דער שטיל און שאַרט זיך פּאַמעלעך אַרויס פון דער טונקעלער סאַלע...

געפּטרט נעבעך אומזיסט און אומנישט אַ גאַנצן אָוונט.

יאָ, מען מוז איצט זיין זייער פאָרזיכטיק ווען מ׳לאַדט אייך איין אין אָוונט צו אַ גוטן פריינד...

דערבאַרעמט זיך, האָט אויף זיך אַליין רחמנות און פרעגט אייער פריינד, אויב ס׳איז אַן אָוונט אָן טעלעוויזיע, אָדער אַן אָוונט מיט טעלעוויזיע?

און אויב חלילה מיט טעלעוויזיע, ראַטעוועט זיך באַצייטנס און זיצט גלייכער אין דערהיים... שרייבט בריוו, לייענט אַ בוך, קריגט זיך מיטן ווייב... אָדער כאַפּט זיך פרי אין בעט אַריין.

ס'וועט פאַר אייך זיין אַ סך געזונטער אַן אייער פריינדס טעלעוויזיע. אַן עבירה צו פטרן אומזיסט אַן אָוונט...

ביז איצט, האָבן אונדז די ראַדיאָ־פּראָגראַמען פאַרקלאַפּט, פאַרשריגן, פאַרגלישעט און פאַרטויבט די אויערן; אָבער מיר האָבן כאָטש געקענט נוצן אונדזער פאָרשטעלונגס־קראַפט, אונדזער פאַנטאַזיע, אונדזער וויזיע און אילוזיע וועגן די שיינע זינגערינס, וועגן עלעגאַנטע רעדנער, רעפּע־רענטן, גרויסע עסטעטיקער און גרויסע פּערזענלעכקייטן און עצה־געבער...

איצט, האָט אונדז די טעלעוויזיע אין גאַנצן געפּטרט אונדזער פאַנטאַזיע, צעשטערט נעבעך אונדזער אילוזיע.

די טעלעוויזיע האָט דערהרגעט אונדזער וויזיע !!!

רעפעראַטן מיט דיסקוסיעס

ביי אונדז האַלט מען רעפעראַטן מיט דיסקוסיעס, מיט פראַגעס צום רעפערענט און מיט אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע...

האַלט מען אַמאָל אַ רעפעראַט אָן דיסקוסיעס און אָן פראַגעס גייט דער עולם אַוועק אומצופרידן...

ביי אונדז האָבן די רעפעראַטן אַ קנאַפּן ווערט, די הויפּטזאַך פון דעם גאַנצן רעפעראַט זיינען די דיסקוסיעס. דער גאַנצער אינטערעס צו אַ רע־פעראַט, איז נאָר צו די פראַגן־שטעלער, דער עיקר זיינען די דיסקוסיעס נאָכן רעפעראַט...

אַ רעפעראַט אָן דיסקוסיעס, איז פונקט ווי אַ זופּ אָן זאַלץ, ווי פיש אָן פעפער, ווי דאָס פאַמיליע־לעבן אָן מחלוקות און ווי אַ געבילדעטע מיידל אָן חן... און אָן נדן...

די גאַנצע הנאה, די ראַזשינקע, שטעקט נאָר אין די פראַגעס מיט די דיסקוסיעס...

די דיסקוסיעס זיינען פונקט ווי דער לעצטער אַקט אין אַן אַנגעצוי־גענער שווערער טעאַטער־דראַמע, אַלע וואַרטן מיט שפּאַנונג אויפן לעצטן אַקט... און אַ סך קומען טאַקע בלויז הערן די דיסקוסיע, ווי צום לעצטן אַקט פון אַן אויסטערלישן ספּעקטאַקל...

און ווען ס׳קומט צו די פראַגעס מיט די דיסקוסיעס, ווערן די פראַגעס פאַרדרייט און די דיסקוסיעס זיינען קאַפּויער... איינער רעדט פון בוידעם, דער צווייטער פון קלאָץ, אויפן הימל איז אַ יאַריד... ווייס ווערט שוואַרץ, קרום ווערט גלייך, אויס לאָגיק און גראָדן שכל, אויס שאַרפע מוחות אין גמרא־קעפּ... ביי די דיסקוסיעס פאַרקריכן אַלע אין בויבעריק און שטעלן אַזעלכע אויסטערלישע קלאָץ־קשיות, אַז דעם רעפערענט הויבן אָן ציטערן די פיס און שווינדלען פאַר די אויגן...

האַלט אַ באַוואוסטער היסטאָריקער אַ רעפעראַט, וועגן דער אַנטוויקלונג פון די יידישע יום־טובים, נעמען עטלעכע צוהערער אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע.

איינער קען בשום אופן נישט פאַרשטיין, פאַר וואָס דער רעפערענט האָט נישט באַלויכטן די פראַגע פון קלאַסן־קאַמף אין די יידישע יום־טובים...

דער צווייטער דיסקוטירט היציק מיטן רעפערענט און וויל אים דוקא אויפווייזן, אַז דער רעפערענט אַלס היסטאָריקער, געהערט זיכער צו די בורזשואַזנע קלאַסן, והא ראיה: ער רעדט וועגן אַזאַ רעאַקציאָנערע זאַך ווי די יידישע יום־טובים...

— משה רבינו — רופט ער אויס מיט פּאַטאָס — איז זיכער געווען אַ רעאַקציאָנער, ווייל ער האָט געהייסן די יידן עסן מצות מיט קניידלעך אום פסח...

און גאַנצע אַכט טעג נישט עסן קיין שטיקל פריש ברויט, נישט קיין „טאָרטיאַס" און נישט קיין פּאַסטעל...

איינער דערקלערט אין דער דיסקוסיע, אַז ער פאַרשטייט נישט, ווי אַזאַ געלערנטער מאַן ווי דער רעפערענט איז, זאָל זיך גאָר פאַרנעמען מיט אַלטע שמות... און גריבלען זיך אין אַלטע היסטאָרישע פּאַפּירלעך... פאַרוואָס נעמט ער זיך גלייכער נישט צו אַ נוצלעכער אינדוסטריע, וואו מ'קען מאַכן עטלעכע פּעזעס... ווייסיך וואָס, היסטאָריע, שמאָריע!

דאָס הייסט ביי אונדז אַ רעפעראַט מיט דיסקוסיעס... קומט אַ באַוואוסטער שרייבער פון די שטאָטן האַלטן אַ רעפעראַט וועגן „יידישן געדאַנק", שטעלט זיך אַוועק אַ הויכער יוונגערמאַן, רוקט אריין די הענט אין די הויזן קעשענעס, פאַררייסט דעם קאָפּ אינדערהייך און פרעגט מיט כעס — פאַר וואָס האָט דער רעפערענט נישט באַהאַנדלט אין זיין רעפעראַט די ברענענדיקע פראַגע, פאַר וואָס די יידישע אַרבעטער פּראָלעטאַריזירן זיך ניט אין די גרויסע פאַבריקן ביי דער שווערער אינדוסטריע, אַנשטאָט צו האַנדלען מיט אַלטוואַרג און אַנייען הויזן קנעפּלעך... אין די שטאָטן.

אַן אויסגעפּאַשעטער, דיקלעכער ייד, וועלכער האָט געכאַפּט אַ געשמאַקן דרימל אין דער גאַנצער צייט פון רעפעראַט, שטעלט אַ דרינגלעכע פראַגע דעם רעפערענט:

— פאַרוואָס וואַקסט נישט קיין האָר אויף אַ פליך...

און צי ס'איז שוין דאָ אַ מיטל צו האָבן אַ גוטן זיכרון און גוטע געדאַנקען...

— צי איז טאַקע אמת, אַז מ'קען שוין שיקן ראַקעטן צו דער לבנה...

דאָס הייסט אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע פון „יידישן געדאַנק"...

קומט אַ רעוויזיאָניסטישער רעדנער און האַלט אַ רעפעראַט וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע אין ארץ ישראל.

פרעגט אים אַ קעגנער: וואו זענט איר געווען ווען איך האָב געהאַקט שטיינער אין ארץ ישראל...

אַ צווייטער וויל אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע און נעמט האַלטן אַ גאַנצן רעפעראַט...

שטעלט אים דער פאָרזיצער אָפּ און דערמאָנט אים, אַז ער איז נישט דער רעפערענט... און נעמט אים צו דאָס וואָרט.

נו, נו, ווערט לעבעדיק אין זאַל...

אַ פועלי־ציוניסט רופט אויס הויך: איר זענט רעאַקציאָנערן און קעגנער פון אַרבעטער קלאַס!

ענטפערט אים גיך דער פאָרזיצער: איר זענט טאַקע אַ גרויסער סאָציאַליסט, נאָר איר מעגט אַ ביסל בעסער באַהאַנדלען די אַרבעטער ביי אייך אין פאַבריק...

ווערט אין זאַל אַ גרויסער טומל מיט הויכע אויסרופן:

— נעמט אים צו דאָס וואָרט!

— לאָזט אים רעדן, פרייהייט פון וואָרט!

— וואַרפט אים אַרויס!

— ציוניסטישער בורזשוי!

דער פאָרזיצער קלאַפּט שטאַרקער מיטן האַמער אויפן טיש און דערקלערט שוין אַ ביסל הייזעריק, אַז די דיסקוסיע איז געענדיקט און גיט דאָס לעצטע וואָרט דעם רעפערענט...

דאָס הייסט אַ ציוניסטישע דיסקוסיע...

פאָרט אַדורך אַ ראַבינער פון די שטאַטן, איז מען אים ביי אונדז מכבד צו האַלטן אַ רעפעראַט איבער דער טעמע „היסטאָרישע וועקסלען".

דער ראַבינער קומט אַרויף אויף דער בינע אַן אויסגעגלייכטער, אַ הויכער מיט אַ קאָפּל אויפן שפּיץ קאָפּ ווי אַן איבערגעקערט קליין, פלאַך, קאָמפּאָט־טעלערל... אַן אויסגעפוצטער, אַן עלעגאַנטער, אין אַן אויסגעפרעסטן אַנצוג לויטן לעצטן שניט מיט אַ טיכעלע אין דער אויבער־קע־

שענע... מיט צוגעראַזירטע שמאָלע וואָנסעלעך, ווי דער האָליוואודער קינאָ־אַקטיאָר קלאַרק גייבל.

דער ראַבינער שטעלט זיך אַוועק אויף דער בינע, ציט זיך אויס אין דער גאַנצער לענג, צעשפּרייט די שיינע, עלעגאַנטע הענט און פּונקט ווי אַן ערשטער טענאָר אין דער גראַנד־אָפּערע, זשעסטיקולירט ער מיט די הענט. מאָדעלירט זיין שטימע מיט דער גאַנצער קונסט פון רעטאָריק... און הויבט אָן דעקלאַמירן זיין „היסטערישן" רעפעראַט...

— די היסטאָריע באַצאָלט אירע וועקסלען!

נעלסאָן, דער ענגלישער אַדמיראַל, האָט צעקלאַפּט די שפּאַנישע „אַר־מאַדאַ"... און פון די קלעצער פון די אונטערגעגאַנגענע שיפן, האָבן די ענגלישע יידן אויפגעבויט דעם באַלקן פון דער „דיוקס־פּלייס" שול אין לאָנדאָן.

די היסטאָריע באַצאָלט אירע וועקסלען!

אין אייער „זאַקאַלאָ", וואו די אינקוויזיציע האָט אַמאָל געברענט די יידן... האָבן אָבער יידן געהאַנדלט מיט אונטערוועש, שקאַרפּעטקעס און ראַזיר — מעסערלעך...

די היסטאָריע באַצאָלט אירע וועקסלען!!

נאָכן רעפעראַט, שטעלט מען דעם רעפערענט דריי פראַגעס:

— צי ס'איז אמת, אַז אויפן שטערן מאַרס זיינען דאָ מענטשן און אויב יאָ, צי זיינען אויפן מאַרס אויך דאָ רעפאָרם־ראַבינער.

— צי דזשיין מענספילד, די בלאָנדע קינאָ־אַקטריסע פון האָליוואוד, גייט זיך טאַקע גטן מיטן פערטן מאַן...

און צי דאַרפן יידישע מיידלעך פראַוון אַ בר־מצוה, ווען זיי ווערן אַלט דרייצן יאָר...

דאָס הייסט ביי אונדז אַ היסטאָרישער רעפעראַט...

פאַראַן ביי אונדז אויך קאָלעקטיווע רעפעראַטן פון פינף אָדער זיבן רעפערענטן...

אין אַזאַ מין מאַסן־רעפעראַט, איז שוין נישטאָ, נישט קיין פראַגעס און נישט קיין דיסקוסיעס.

דער גאַנצער זאַל נעמט אָנטייל אין קאָלעקטיוון רעפעראַט...

דער קאָלעקטיווער רעפערענט, זאָגט זיין רעפעראַט בלויז פאַר זיינע חברים קאָלעקטיוויסטן, וועלכע זיצן מיט אים אויף דער בינע און זיינען נעבעך געצוואונגען אויסצוהערן זיין חלק פון קאָלעקטיוון רעפעראַט...

אין מעקסיקאַנער גן־עדן

דער עולם אין זאַל כאַפּט דערווייל אַ שמועס, מ׳דיסקוטירט צווישן זיך אויף אַ קאָלעקטיוון אופן...

נאָך אַזאַ קאָלעקטיוון רעפעראַט, גייט דער עולם אַהיים ווי אַ פּריטש־מעליעטער מיט אַ מישעניש אין קאָפּ, ווי נאָך אַ טומלדיקן יאַריד...

ביי אונדז האַלט מען קאָלעקטיווע רעפעראַטן, רעפעראַטן מיט דיסקו־סיעס, מיט פראַגעס צום רעפערענט און מיט אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע...

ס'איז גרינג צו זיין אַ ייד . . .

יאָ, ס'איז היינט גרינג צו זיין אַ ייד, זייער גרינג, אָבער נאָך ווי גרינג!

ביי מיליאָנען יידן האַלט זיך זייער יידישקייט, ווי אויף אַ האָר, ווי אויף אַ זיידענעם פאָדעם. דער פאָדעם בינדט זיי נאָך, האַלט זיי צוגע־קניפּט צו יידן . . .

זייער יידישקייט איז גרינגער ווי אַ פעדער, אָט־אָט פליט עס אַוועק. דאָס גרינג־פעדערדיק יידישקייט, און ס'בלייבט נישט מער ווי אַ דאַרער, אויסקעטרוקנטער, ביאַלאַגישער ייד . . .

אַמאָל, אַמאָל איז טאַקע געווען שווער צו זיין אַ ייד, זייער שווער, אָבער נאָך ווי שווער!

יאָ, אַ ייד צו זיין איז געווען אַ גאַנץ שווער שטיקל אַרבעט . . .

עפּעס אַ קלייניקייט צו זיין אַ ייד, אַ גאַנצער ייד. אַ ייד אַ גאַנץ יאָר, אַ גאַנצן טאָג, יעדע שעה און יעדע מינוט . . .

אַ ייד איז געווען אויסגעווייקט אין יידישקייט, אַרומגענומען מיט די תרי"ג מצוות, ווי אַ פאַס מיט רייפן . . .

אַמאָל האָט אַ יידיש ייִנגל פאַרן שלאָפן לייגן געלייענט קריאת שמע (קרישמע), און אָנגעטאָן אַ יאַרמעלקע ער זאָל חלילה נישט שלאָפן אין בלויזן קאָפּ.

היינט לייגט ער זיך שלאָפן און הערט פריער אַ שפּאַניש לידל אויף דער ראַדיאָ . . .

ס'איז גרינג צו זיין אַ ייד!

אַמאָל האָט אַ יידיש ייִנגל ביים אויפשטיין אינדערפרי געזאָגט מודה אני, געדאַוונט, געגעסן, געבענטשט און אַוועק אין חדר.

היינט כאַפּט ער גיך אָפּ דעם אָנבייסן, קוקט דערווייל דורך די בילדער פון די ביליקע זשורנאַלן און לויפט אין שולע.

אַמאָל האָט אַ ייִנגל באַדאַרפט קענען די פּרשה חומש מיט רש״י פון דער וואָך, אָדער אַ בלאַט גמרא מיט תוספות, ווייל דער טאַטע, דער זיידע אָדער אַ פעטער וועט אים פאַרהערן שבת נאָכן עסן.

היינט פאַרלאָזן זיך די עלטערן אויף די לערער, דער טאַטע האָט נעבעך נישט קיין צייט, נישט קיין געדולד צו פאַרהערן זיין קינד. ער גיט בלויז אַ פרעג האַלב אויף שפּאַניש: „כאָסע, האָסט שוין געמאַכט די טאַרעאַ פון קאָלעכיאָ ?״

און דאָס ייִנגל ענטפערט: סי פּאַפּאַ, סי.

אָט אַזוי פאַרהערט היינט אַ טאַטע זיין קינד...

ס'איז גרינג צו זיין אַ ייִד!

אַמאָל, ווען אַ ייִנגל איז געוואָרן בר־מצוה און אָנגעהויבן צו לייגן תפילין, האָט ער זיך שוין געפילט ווי אַ גאַנצער ייִד ער האָט זיין ייִדישקייט גענומען ערנסט, ער האָט געהאַט אַן עול פון ייִדישקייט.

פון דער בר־מצוה האָט זיך אָנגעהויבן זיין ייִדישקייט.

היינט, ווען אַ ייִנגל ווערט בר־מצוה, ענדיקט זיך זיין ייִדישקייט...

דער לערער לערנט אים עטלעכע חדשים, שטעלט אים אָן ווי אַ וועק־זייגער. ער קנאַקט אָפּ די ברכות מיט דער הפטורה, זאָגט אָפּ מיט שרעק די דרשה. נעמט צו אַלע „רעגאַלאָס״, די מתנות, וואָס יעדער גאַסט ברענגט אויפן בר־מצוה באַנקעט, ווי אויף אַ חתונה... און „אַדיאָס״ מיט דאַוונען און מיט תפילין לייגן, פּטור, איבערגעקומען און אויס ייִדישקייט!

ס'איז גרינג צו זיין אַ ייִד!

אַמאָל, ווען אַ חתן איז געשטאַנען אונטער דער חופּה, איז ער געווען ערנסט, פאַרטראַכט און אַליין אָפּגעזאָגט דעם הרי את, (אָן אַ העלפער)...

היינט שמייכלט דער חתן אונטער דער חופּה צו דער כלה, קוקט אויף די בלומען וואָס זענען אויסגעשטעלט אויפן וועג צו דער חופּה, און באַ־טראַכטן די עלטערן, די מחותנים מיט אַ מינע, גלייך ווי ער וואָלט זיי געטאָן די גרעסטע טובה, וואָס ער גייט חתונה האָבן...

דער שמש העלפט דעם חתן מקדש זיין די כלה, זיי זענען ביידע מקדש די כלה...

דער שמש זאָגט אים אונטער: הרי את, דער חתן זאָגט אים נאָך הרי את, דער שמש זאָגט מקודשת לי, האָט דער חתן נישט דערהערט דעם לי, זאָגט אים דער שמש: זאָג לי, לי. זאָגט אים נאָך דער חתן: מקודשת זאָגט לי, לי...

דערפאַר אָבער, נעמט דער חתן אַ פעטן נדן, אַ רייכע וואוינונג מיט

טייער, שיין מעבל, און טאַנצט מיט דער כלה ווי אַן אמתער טענצער, ניט בלויז אַ מצוה־טענצל. די חתונה־געסט פּאַטשן בראַוואָ: זעט, זעט ווי ער טאַנצט! איי, טאַנצט ער! ער קען דער חתן, ער קען, ער קען טאַנצן...

ס'איז גרינג צו זיין אַ ייד!

אַמאָל האָט מען דערקענט אַ ייד, אַז ער איז אַ ייד...

אַמאָל האָט מען דערקענט אַ ייד, אַז ער איז אַ ייד...

אַ ייד האָט געהאַט אַ באָרד, אַ לאַנגע, צעקעמטע, ברייטע באָרד, אַ קורצע באָרד, אַ צוגעשוירן בערדל. לאַנגע געקרייזלטע פּאות, קורצע פּאות, צוגעשוירענע, קליינע פּאַהלעך.

די גויים האָבן שוין געוואוסט, ווי אַ ייד זעט אויס...

היינט גייען יידן אָן בערד און אָן פּאות, און פון ווייטנס ווייסט מען טאַקע נישט, ווער ס'איז אַ ייד און ווער ס'איז אַ גוי...

מ'קען היינט זען אַ רב, אַ ראַביי, אַ פּרעזידענט אָדער אַ גבאי פון אַ שול, מיט אַ גלאַט ראַזירט פּנים, להבדיל, ווי אַ קאַטוילישער גלח... אָדער ווי אַן אַקטיאָר.

און פון רעדן קען מען אויך נישט וויסן אָדער דערקענען ווער ס'איז אַ ייד אָדער אַ גוי. אַ סך יידן רעדן אַמאָל שפּאַניש אָדער ענגליש בעסער ווי אַ גוי...

ס'איז גרינג צו זיין אַ ייד!

אַמאָל האָט אַ ייד נישט פאַרפעלט צו דאַוונען דריי מאָל אין טאָג: שחרית, מנחה און מעריב. וואָס הייסט אַ ייד וועט גיין עסן אום געדאַוונט?

פּראָבירט אומישנע היינט פרעגן אייער פריינד, צי ער האָט שוין געדאַוונט מנחה־מעריב? ער וועט דאָס זיכער אָננעמען פאַר אַ גוטן וויץ...

אַמאָל האָט אַ ייד געהערט צו אַ חברה תהילים, אָדער אָפּגעזאָגט אַלע טאָג עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים, אָדער אין דער פרי נאָכן דאַוונען געזאָגט מעמדות; פאַרנאַכט זיך אַריינגעכאַפּט אין שול אויף אַ ברכו, אַ קדושה. זיך געוואַשן צום עסן געזאָגט שאו ידיכם, געמאַכט המוציא, און טאַקע געבענטשט נאָכן עסן.

היינט קומען יידן אויף אַ שמחה, אויף אַ בר־מצוה, אויף אַ חתונה, שוין געוואַשענע און געבענטשטע...

מ'עסט גיך אָפּ דעם קאָמפּאָט און מ'נעמט טאַנצן אָדער די „תהילים־לעך", די פּעשלעך קאָרטן און מען מאַכט אַ יום־טובדיקן פּאַקער...

ווער וואַשט זיך? ווער מיר מאַכן המוציא? וואָס מיר בענטשן, ווען מיר בענטשן?

אין מעקסיקאַנער גן־עדן

ס'איז גרינג צו זיין אַ ייד!

אַמאָל האָט אַ ייד כלל־טוער, אַ ראש הקהל, אַ פּרעזידענט פון אַ שול, אַ גבאי זיך אָפּגעהיטן, מורא געהאַט בפרהסיא, עפנטלעך צו טאָן אַן עבירהלע...

היינט קען אַ פּרעזידענט אָדער אַ גבאי פון אַ שול, פון אַ פרומער שול, נישט חלילה פון אַ רעפאָרם־טעמפּל, קומען שבת אין שול אַריין דאַוו־נען, קריגן אַ פיינע עליה און נאָכן דאַווענען אַריינכאַפּן זיך אין געשעפט אָדער פאַבריק, זען ווי ס'האַלט מיטן לייזעכץ, מיטן שבתדיקן פדיון...

ס'איז גרינג צו זיין אַ ייד!

אַמאָל האָבן די יידישע פרויען מיט די ברייטע, געפרעסטע פאַרטוכער זיך באַרימט מיט זייערע געראָטענע חלות לכבוד שבת. מיט די באַטעמטע, געפילטע פיש, אָדער מיטן געראָטענעם, געשמאַקן טשאָלנט, מיטן שבתדיקן מחיהדיקן קוגל.

היינט באַרימען זיך יידישע פרויען, ווער ס'קען בעסער שפּילן אין פּאָקער אָדער קאַנאַסטאַ, און ווער ס'איז אַ וויסטע קאַליקע...

ווער ס'קען בעסער פירן אַ קאַטשע און ווער ס'קען בעסער רויכערן אַ ציגאַרעטל...

און געפילטע פיש קאָכט מען זונטיק, און אַמאָל מאַכט מען אַ טשאָלנט לכבוד זונטיק...

אַמאָל האָבן די יידישע, צניעותדיקע פרויען מיט די ווייסע, שיינע פּערל אויפן האַלדז און צו ליכט בענטשן מיט ווייסע זיידענע טיכלעך אויפן קאָפּ, טאַקע געהאַט דעם זיבעטן חן...

געדאַווענט אין אַ קרבן־מינחה־סידור, און געלייענט מיט אַ זיס־פאַרחלומען ניגון די צאינה־וראינה.

היינט לייענען יידישע פרויען די מאָדע־זשורנאַלן און די אַנאָנסן פון די גרויסע מציאות.

די זילבערנע לייכטער שטייען אויסגעפּוצטע, לײדיקע, טרויעריקע אָן די שבת־ליכט.

שבת גייט מען אין „סאַלאָן דע בעיעסאַ" (שיינהייטס־סאַלאָן), זיך מאַכן שיין לכבוד זונטיק...

און ראש־השנה און יום־כפור שטייען זיי אין שול ווי אויסגעפּוצטע, שטומע ליאַלקעס...

ס'איז גרינג צו זיין אַ יידישע פרוי!

אַמאָל האָבן די עלטערן אויסגעקליבן פאַר זייער טאָכטער אַ חתן און געמאַכט אַ „זעעכץ" צי זיי געפעלן זיך...

היינט קלייבט אויס די טאָכטער אַן איידעם פאַר אירע עלטערן... און מאַכט אַ „זעעכץ" מיט איר חתן פאַר אירע עלטערן, צי ער געפעלט זיי, צי ער איז ווערט דעם רייכן נדן...

אַמאָל האָט אַ כלה שטאַרק געוויינט פאַר דער חופה, זי האָט נעבעך ווייניק געקענט איר באַשערטן, און ווער ווייסט וואָס פאַר אַ מזל זי וועט ביי אים האָבן נאָך דער חתונה...

היינט טאַנצט, שפּרינגט און זינגט די כלה מיט איר חתן נאָך פאַר דער חתונה. די כלה ווייסט שוין גוט מיט וואָס פאַר אַ „מציאה" זי גייט צו דער חופה...

ס'איז גרינג צו זיין אַ יידיש מיידל!

אַמאָל פלעגן יידן יעדן חודש מחדש זיין די לבנה און זאָגן אַ תפילה לכבוד דער נייער לבנה.

נו, זייט מוחל, פרעג אַ ייד ווען ס'איז דער מולד און צי ער האָט שוין מחדש געווען די לבנה, וועט ער אייך אָנקוקן ווי אַ נעבעכטיקן, אָדער ווי אויף איינעם וואָס איז געקומען פון יענער זייט סמבטיון...

אַמאָל, אַז אַן אַנטיסעמיט האָט געוואָלט באַליידיקן אַ ייד, אים געבן אַ שטאָך, האָט ער אים געזאָגט: איר יידן האָט נישט קיין פאָטערלאַנד, איר זענט וואַנדערער, ציגיינער...

האָט דער פרומער ייד זיך געטרייסט מיט משיחן, אַז משיח וועט קומען, וועלן מיר צוריק האָבן אונדזער לאַנד, ארץ־ישראל.

אָבער דער וועלטלעכער ייד האָט זיך נישט געפילט באַקוועם, און זיך געפילט אַ ביסל פאַרשעמט פון דעם אַנטיסעמיטישן שטאָך...

אַז אַ מעקסיקאַנער האָט געזען אַ שטיקל סחורה אָן אַ מאַרקע, האָט ער דאָס גערופן, „מאַרקאַ כודיאַ" (יידישע מאַרקע)...

אָדער ער האָט געגעבן אַ ייד אַ שטאָך: לאָס כודיאָס נאָ טיענען פּאַטריאַ (די יידן האָבן נישט קיין פאָטערלאַנד).

היינט קען אַ ייד ענטפערן דרייסט און שטאָלץ: סי סעניאָר, טענעמאָס פּאַטריאַ, על עסטאַדאָ דע איסראַעל, (יאָ, מיין הער מיר האָבן אַ פאָטער־לאַנד, מדינת־ישראל).

ס'איז גרינג צו זיין אַ ייד!

אַמאָל, אַמאָל איז די יידישע היים געווען באַשיינט און באַקריינט מיט דער עטיש־יידישער מידה פון צדקה.

עפּעס אַ קלייניקייט: רחמנים בני רחמנים!

אין יעדן יידישן הויז האָט מען געטיילט צדקה אָרעמעלייט:

אַ קאָפּיקע, אַ גראָשן, אַ שטיקל ברויט, אַ שטיקל צוקער, אַן אורח אויף שבת.

פּורים פאַר דער סעודה, איז יעדע יידישע היים געווען אָפן פאַר די אָרעמע און נויטליידנדע. אויפן געדעקטן טיש זענען געלעגן קופּקעלעך געלט, קופּערנע און זילבערנע מטבעות, און מ׳האָט מיט אַ ברייטער האַנט געטיילט צדקה.

און מ׳האָט זיך טאַקע טאָג־טעגלעך געטראָפן פּנים־לפּנים מיטן אָרע־מאַן. מ׳האָט אַליין געזען די נויט און דחקות, האָט מען טאַקע מקיים געווען די מצוה פון צדקה מיטן גאַנצן האַרץ, מיטן יידישן רחמנות.

היינט זעט מען אַליין נישט די באַהאַלטענע אָרעמקייט מיט די נויט־ליידנדע...

פרעגט טאַקע אַ יונגער בחור זיין טאַטן אַ קלאָץ־קשיא:

טאַטע, פאַר וועמען איז דער יידישער הילפס־פאַראיין, פאַר יידישע אָרעמעלייט?

דאָ זענען אויך פאַראַן אָרעמע יידן?...

יאָ, אין מעקסיקע זענען אויך דאָ אָרעמע, קראַנקע יידן. נאָר די יידי־שע מידה פון צדקה איז מאָדערניזירט געוואָרן...

מ׳איז אַ מיטגליד אין יידישן הילפס־פאַראיין, מ׳צאָלט חודש־געלט, איז מען שוין יוצא מיט דער מצווה פון צדקה — און פּטור אַן עסק!

ס׳איז היינט גרינג צו זיין אַ בעל־צדקה!

אַמאָל האָט מען געזאָגט: צדקה תציל ממות, צדקה ראַטעוועט פון טויט.

היינט זאָגן אַ סך יידן: צדקה תציל מיידישקייט...

אַנשטאָט יידישקייט קען מען אויך יוצא זיין מיט אַ ביישטייערונג פון עטלעכע פּעזעס, עטלעכע הונדערט פּעזעס, אָדער עטלעכע טויזנט...

אַ גרינגע, ביליקע יידישקייט!

ס׳איז היינט פּשוט אַ מחיה צו זיין אַ ייד:

אַז אַן אַ באָרד און פּאות איז מען אויך אַ ייד...

אַז מ׳דאַוונט נישט און מ׳דערכאַפּט זיך דאָס האַרץ מיט אַ חזיר־שניצל, אָדער מיט אַ שטיקל „כאַמאַן", איז מען אויך אַ ייד...

אַז מען מאַכט הייליקע בר־מצוה מיט כשרע חתונות אין טריפהנע רעסטאָראַנען, איז מען אויך אַ ייד...

אַז מ׳האַלט נישט פון דער יידישער ליטעראַטור. פון דער יידישער

א ב ר ה ם   ו ו י י ס ב ו י ם

קולטור און מ׳רעדט נישט קיין יידיש און נישט קיין העברעיש, איז מען אויך אַ ייד.
נישט קיין פרומע יידישקייט און נישט קיין וועלטלעכע יידישקייט...
גאָרנישט! גאָרנישט!
ס׳איז הייַנט גרינג צו זיין אַ ייד!

יהי אור!...

גאַנצע ניין טעג, כ'מיין גאַנצע ניין נעכט, איז ביי אונדז געווען פינס־טער, חושך מצרים...

איבערהויפט אין די קאָלאָניעס, איז געווען ווי אין פסוק שטייט: וימש חושך, אַ געדיכטע פינסטערניש, שטאָק־פינסטער...

שייך צו זאָגן פינסטער, אין גאַנצן פינסטער, איז אויך נישט געווען. אויף אַלע ראָגן האָבן געברענט גרויסע יאָר־צייט לאָמפּן, אַ זכר לחורבן...

נאָר אין די הייזער איז געווען שטאָק־פינסטער. מ'האָט געגעסן וועט־טשערע ביי ליכטלעך, געלייענט ביי ליכטלעך און געמאַכט אַ געשמאַקן פּאָקער ביי ליכטלעך...

און דער עולם איז געווען זייער שטאַרק אומצופרידן: ס'טייטש, ווי נעמט מען עפּעס אין מיטנדרינען און מ'לעשט אויס די עלעקטרישע ליכט?

איר ווילט שטרייקן? מהיכא תיתא, געזונטערהייט! שטרייקט וויפיל איר ווילט, אָבער ליכט גיט, גיט אונדז עלעקטרישע ליכט!

וואָס זיינען מיר שולדיק, אַז די עלעקטריציסטן ווילן שטרייקן?

מיר זיינען שוין געוואוינט געוואָרן צו לעבן אין ראָסקאָש און רחבות. עפּעס אַ קלייניקייט, עס דאַרף ביי אונדז זיין ליכטיק ווי ביי טאָג...

אין עס־צימער אַ זשיראַנדעל פון זעקס עלעקטרישע לאָמפּן, אין קיך עלעקטרישע לאָמפּן, אין באָד־צימער אַן עלעקטרישער אויוון צו וואַרעמען ראָס וואסער. היינט אַן עלעקטרישער אייז־קאַסטן... אין שלאָף צימער אַ גרויסער עלעקטרישער לאָמפּ מיט אַ רויטן אָדער בלויען אַבאַזשור (לויטן געשמאַק)...

יאָ, און אַן עלעקטרישן אויוון אין קיך צו קאָכן אַ רויטן באָרשטש, וועלכע מאָדערנע פרוי דאַרף דען נישט קיין עלעקטרישע קיך?...

און דאָ מיטאָמאָל אויס עלעקטריע, אויס ליכט, אויס עלעקטרישע אייז־

קאסטן, אויס עלעקטרישע קיך.

אַזוי, זיינען שוין די זינדיקע מענטשן, זיי געוואוינען זיך גיך צו גוטע זאַכן, און עס איז זייער שווער זיי אָפּצוגעוויינען פון די אַלע מאָדערנע באַקוועמלעכקייטן, פון דער טעכנישער מאַשין ציוויליזאַציע...

ווי לאַנג איז למשל, אַז מיר זיינען געזעסן אין קליינעם שטעטל ביי די קליינע פאַררויכערטע נאַפט־לעמפּלעך...

ווער געדענקט דאָס נישט, ווי אין שטוב האָט מען אָנגעצונדן דעם גרויסן בליך־לאָמפּ בלויז אויף שבת, אויף יום־טוב, אויף אַ שמחה אָדער ווען עס זיינען געקומען געסט...

אין בית המדרש איז מען געזעסן און געלערנט ביי נאַפט־לאָמפּן און ביי די זייטיקע טישן, האָט מען געלערנט בלויז ביי חלבנע ליכט... און מ'האָט געלערנט, איי, האָט מען געלערנט ביי די גראָשענע ליכטלעך!...

ביי נאַכט האָט מען געמוזט גיין מיט אַ לאַמטערל כדי מ'זאָל נישט אַריינקריכן אין אַ טיפער, געדיכטער בלאָטע...

און דאָ זיינען מיר מיטאַמאָל געוואָרן אויסגעאיידלטע אַריסטאָקראַטן, גרויס־שטאָטישע מענטשן...

ליכט, עלעקטרישע ליכט!

ליכטיק זאָל ווערן!

בייזערט זיך אַ ייד: — מיין ווייבל איז שוין אָפּגעוואוינט פון דער קיך מיט די שוואַרצע קוילן מיט דער סאַזשע, זי האָט זיך צוגעוואוינט צו קאָכן לאָקשן מיט יויך אויף אַן עלעקטרישן אויוון. זי האָט, נעבעך, איידעלע הענטלעך, אַ רחמנות נעבעך!

נו, ווי אַזוי קען מען לעבן אָן אַן עלעקטרישן אייז־קאַסטן, האַ?

ווי אַזוי קען מען לעבן אָן אייז?

אַט — טענהט אַ ייד אַ פאַבריקאַנט — בין איך געוואוינט צו קומען אַלע טאָג אין מיין פאַבריק הערן ווי די מאַשינען רוישן, אַרבעטן... און דאָ נאָ דיר גאָר, אויס מאַשינען, אויס רוישן, אויס טומל, שטיל, טויט אַרום און אַרום...

און נישט ווייל מיינע אַרבעטער שטרייקן, ניין, נאָר ווייל די עלעקטריע־אַרבעטער שטרייקן! איר ווילט שטרייקן, שטרייקט אייך וויפיל איר ווילט, אָבער מיינע מאַשינען, מיינע אַרבעטער, זיי קענען דאָך אויך נישט אַרבעטן, וואָס בין איך שולדיק? וואָס זיינען מיינע אַרבעטער שולדיק...

אַ סך מענטשן זיינען אַרומגעגאַנגען בייז פאַרכמורעט: אויס טעאַטער, אויס סינע...

אין אַלע געשעפטן, קאַפעען, רעסטאָראַנען האָבן טרויעריק אַרויסגע־פינקלט די חלבנע ליכטלעך פונקט ווי ביי אַן אָבל...

ביי אַלע פענסטער האָבן געברענט חנוכה ליכטלעך...

כ'ווייס נישט ווי איר, נאָר איך בין געווען אַ ביסעלע צופרידן פון עלעקטריע־שטרייק...

למאי זאָל איך לייקענען, כ'האָב באמת געהאַט הנאה פונם עלעקטריע שטרייק...

ראשית, האָבן טאַקע די עלעקטריע אַרבעטער אַ סך געוואונען פון שטרייק... און והשנית, האָט דאָס אונדז אויך נישט געשאַדט קיין סך...

פאַרקערט, דער עלעקטריע־שטרייק האָט געהאַט אַ סך מעלות...

אַלע צייטונגען זיינען אַרויס בלויז אין פיר זייטן און נישט ווי אַלע טאָג אין זעכצן זייטן... די חשובע לייענער האָבן זיך דערוויַיל אָפּגערוט אַ ביסעלע זייערע געדאַנקען...

און דער עיקר, מיר זיינען געוואָרן צוריק אַביסל ראָמאַנטיש...

די פינסטערניש האָט אונדז דערמאָנט אינעם אַמאָל..., אינעם פינס־טערן קליינעם שטעטל.

אין דער פינסטער, אין אַ שיינער אויסגעשטערנטער זומער־נאַכט, איז טאַקע ראָמאַנטישער צו שפּאַצירן מיט אייער כלה, מיט אייער פריינדין, אָדער אפילו מיט אייער אייגן וויַיב...

פאַר אַ סך מענטשן איז דער עלעקטריע־שטרייק געווען פשוט אַ שטיקל גליק...

זיי האָבן זיך געלייגט פרי שלאָפן...

אַ סך האָבן זיך טאַקע געלייגט שלאָפן גלייך מיט די הינער...

גיי זיץ און מאַך דיר קאָלע די אויגן ביי אַ ליכטל.

אַ סך פרויען האָבן זיך אויפגעהערט צו קריגן מיט זייערע מענער, גיי קריג זיך און שעלט זיך אין דער פינסטער...

פאַר אַ סך התן־כלה, פאַרליבטע, אפילו פאַר די פלאַטאָניש־פאַרליבטע איז די פינסטערניש געווען אַ שטיקל טרייסט...

אַט וויל מען זיך אַרומנעמען, זיך קושן, האַלזן און דאָ ברענען אַזוי פיל עלעקטרישע לאָמפּן... ביי די טונקעלע חלבנע ליכט איז אַ סך באַק־וועמער און בעסער...

גלויבט מיר, אַז אפילו אַ פּאָקער איז אויך בעסער צו שפּילן ביי ליכט־לעך, ווען ס'איז אַביסל פינסטערלעך, מ'קען אייך נישט אַריינקוקן אין אייערע קאָרטן...

אַ סך מענטשן זיינען אַרומגעגאַנגען אומצופרידענע. מרה־שחורהדיק, עפּעס זיינען די געשעפטן געווען שלאַבעריק, די וועלט גייט שוין אונ־טער...

אין אַלע אָרגאַניזאַציעס, קלובן איז געווען שטיל, טרויעריק, ווי ס'וואָלט עפּעס אַלע געטראָפן אַ גרויס אומגליק...

גיי מאַך פאַרזאַמלונגען, דיסקוסיעס, גיי שפּאַר זיך, קריג זיך מיט יענעם אין דער פינסטער...

יאָ, ס'ווייזט אויס, אַז די מענטשן קענען נישט מער לעבן אָן ליכט, אָן עלעקטריע...

דאָס ערשטע וואָרט, ווען גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, איז געווען: — יהי אור! ס'זאָל ווערן ליכטיק!

און די זון שיינט ביזן היינטיקן טאָג...

דאָס ערשטע געקינצלטע ליכט האָבן די מענטשן שווער אַרויסגעקראָגן, דורך קלאַפּן אַ שטיין אָן אַ שטיין...

דאָס ערשטע וואָס די אור־מענטשן האָבן געוואָלט אַרויסנאַרן פון דער נאַטור, איז געווען דאָס פייער...

זייער שווער האָבן מענטשן־קינדער געאַרבעט אין אַלע דורות פאַרן ביסעלע ליכט... ביז, ביז עדיסאָן האָט דערפינדן דאָס עלעקטרישע לעמפּל...

ווען די ערשטע אור־מענטשן האָבן דערזען דעם ערשטן פונק ליכט, האָבן זיי זיך זיכער שטאַרק דערפרייט... און מיר האָבן זיך דערפרייט מיטן עלעקטרישן ליכט שבת אינדערפרי, ווען די עלעקטריע אַרבעטער האָבן געזאָגט: יהי אור — עס זאָל ווערן צוריק ליכטיק אין מעקסיקע...

דער מענטש קען שוין אָן ליכט נישט לעבן...

דער מענטש וויל שוין מער נישט לעבן אין פינסטערניש... ער וויל וואָס מער קולטור!

די מענטשהייט מוז האָבן ליכט, וואָס מער ליכט...

יהי אור!

אַ רעפּעראַט מיט טעמעס . . .

מיר האָבן שוין דאָ געהאַט די זכיה צו הערן אַלערליי רעפערענטן מיט פאַרשיידענע רעפעראַטן:

רעפעראַטן וועגן יאַפּאַניע און אינדיע, רעפעראַטן מיט ציפערן, רעפע־ראַטן וועגן דער מלכה שבא, רעפעראַטן: פאַרוואָס עסן די ענגלענדער פּו־דינג און די יידן עסן קוגל, רעפעראַטן וועגן שמחה פלאַכטע, רעפעראַטן: צי יידן זיינען אַ פאָלק און צי יידיש איז טאַקע יידיש . . . און רעפעראַטן וועגן רעגן־וואַסער . . .

איצט האָבן מיר שוין אויך געהאַט די זכיה צו הערן אַ רעפעראַט פון בלויז—טעמעס . . .

אַ חשובער גאַסט האָט אונדז מכבד געווען מיט אַן אינטערעסאַנטן רעפעראַט פון בלויז אַנגעהויבענע טעמעס . . .

דער רעפעראַט איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט טעמעס, ווי אַ מילגרוים מיט קערלעך.

יעדער געדאַנק פון חשובן רעפערענט, איז געווען אַ באַזונדערע טע־מע. ס'האָט ממש געשפּרודלט מיט טעמעס, ס'איז געווען אַן איבערפלוס, אַ פאַרפלייצונג פון שיינע געדאַנקען מיט—טעמעס . . .

יעדער נייער אַרויסגעזאָגטער געדאַנק איז געווען—אַ טעמע פאַר זיך . . .

דער עולם איז געזעסן שטיל, געשלונגען די שיינע געדאַנקען און באַ־וואונדערט דעם חשובן לעקטאָר, ווי אַזוי ער וואַרפט אָן אין איין רעפע־ראַט אַזאַ שלל מיט טעמעס . . .

די טעמעס זיינען געפלויגן, ווי די בילדער אויפן לייוונט אין אַ קינאָ . . .

אַ סך צוהערער האָט אזש געשווינדלט אין קאָפּ פון אַזאַ גוואַלדיקער עשירות, פון אַזאַ אוצר מיט טעמעס . . .

עטלעכע היגע רעפּערענטן האָבן פּשוט מקנא געווען דעם גאַסט־רעפּע־רענט מיט זיינע רייכע, אָריגינעלע, אויסדערווײילטע טעמעס.

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָבן זיך די טעמעס געפּלאָנטערט אין קאָפּ און נישט געוואָלט אָפּטרעטן, ביז וואַנען די אַלע טעמעס וועלן קריגן אַ תיקון, אַרויפנעמען אויף זיך פליייש און בלוט, כדי פון די אַלע טעמעס זאָלן ווערן—רעפּעראַטן.

די הקדמה צום רעפּעראַט איז געווען—אַ טעמע פאַר זיך . . .

— אויב איר ווילט וויסן ווי אַזוי יידן האָבן געלעבט מיט פופציק יאָר צוריק—האָט דער חשובער רעפּערענט אָנגעהויבן זיין רעפּעראַט אין אַ גיכן, אימפּעטיקן טאָן—לייענט מענדעלען.

— די יידן האָבן אַלע געלעבט אין דער זעלבער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער סביבה, קידוש געמאַכט איבער ראָזשינקע־וויין און געגעסן טשאָלענט . . .

כ'וואָלט וועגן דעם געקענט רעדן און רעדן, נאָר ס'איז אַ טעמע פאַר זיך . . .

דער אחד־העמיזם האָט געוואָלט איינמאַרינירן די גייסטיקע יידישקייט אין ארץ־ישראל, שאַפן דאָרט אַ גייסטיקן צענטער, אַזאַ מין גרויסע מקווה מיט אַ סך רערן, וועלכע זאָלן זיך ציען אונטער דער ערד אין אַלע לענ־דער וואו יידן וואוינען.

איך האָב נישט ליב קיין מקוה, כ'האָב גלייכער ליב אַ מאָדערנע וואַנע.

כ'קען וועגן דעם ענין מקוה לאַנג נישטריידן, ווייל דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך . . .

איצט חשובע צוהערער, וועלן מיר באַטראַכטן די שפּראַכן־פראַגע:

אָט האָט איר מיין אָריגינעלע דעפיניציע וועגן שפּראַכן: דער ייד וואָס רעדט נישט קיין יידיש, איז נישט קיין ייד . . . דער וואָס קען נישט כאָטש אביסל העברעאיש, איז אַן עם־הארץ, דער וואָס רעדט בלויז העברעאיש, איז אַ בטלן. דער ייד וואָס רעדט בלויז רוסיש, בלויז ענגליש און בלויז שפּאַניש, איז אַ כאַם . . .

כ'וויל אייך לאַנג נישט אויפהאַלטן וועגן די כאַמעס, וואָס שעמען זיך און ווילן נישט רעדן קיין יידיש, דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך . . .

הגם כ'וויל נישט פאַרנעמען צו פיל צייט מיטן ענין שפּראַכן, ווייל עס דאַרפן נאָך זיין דיסקוסיעס, מוז איך אָבער אַרויסזאָגן מיין מיינונג, אַז מיר האָבן נישט קיין מזל מיט אונדזער יידישע שפּראַך און קולטור.

ווען די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור און קולטור, וואָלט געשאַפן גע־

וואָרן מיט אַ פופציק יאָר צוריק איידער ס׳זיינען אויפגעקומען דער ציוניזם און דער „בונד״, וואָלט די יידישע קולטור געהאַט אַן אַנדער פּנים.

זי וואָלט אויף זיך נישט געהאַט קיין פּאַרטיי־שטעמפּל...

נאָר וועגן פּאַרטיי־שטעמפּל וויל איך איצט נישט ריידן, דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך.

אַז מ׳רעדט שוין יאָ וועגן דער יידישער שפּראַך, וויל איך בלויז מאַכן אַ קורצע באַמערקונג:

לויט מיין מיינונג איז די יידישע שפּראַך אַ המשך פון העברעאיש, און ציט זיך נאָך פון אברהם אָבינוס צייטן און אפשר טאַקע נאָך פון אדם הראשון אָן...

נאָר דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך...

אַ גאַליציאַנער דאָקטאָר האָט מיך אַמאָל געפרעגט: פאַרוואָס איז עפּעס די יידישע שפּראַך גראַד געבוירן געוואָרן אין דייטשלאַנד?

האָב איך אים געענטפערט: אַז דאָס איז אַ צופאַל, פּונקט ווי ס׳איז אַ צופאַל זיין געבוירן ווערן. ווען זיין טאַטע וואָלט אָפּגעלאָזט דעם שידוך, וואָלט ער אויך געבוירן געוואָרן נאָר מיט אַן אַנדערער נאָז...

נאָר דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך...

איצט וועגן קאָסמאָפּאָליטיזם, נאַציאָנאַליזם, אינטערנאַציאָנאַליזם, אינדיווידואַליזם און קאָלעקטיוויזם.

כ׳האָב נישט קיין מורא צו זאָגן, אַז די אַמאָליקע יידישע סאָציאַליסטן, האָבן געהאַט אַ נאַאיווע פאָרשטעלונג, וועגן קאָסמאָפּאָליטיזם און נאַציאָנאַליזם...

איך, למשל, בין נישט קיין ציוניסט, פונדעסטוועגן וועל איך ארץ־ישראל נישט אַוועקגעבן די ציוניסטן, אַ, ניין!

ביי מיר זיינען טייער אַלע לענדער וואו מ׳רעדט יידיש און מ׳קויפט אַ יידיש בוך. נאָר דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך...

די קאָסמאָפּאָליטן האָבן דאָך אַ נאַאיווע פאָרשטעלונג וועגן דער מענטשהייט.

ס׳קען דאָך נישט מעגלעך זיין אַזאַ זאַך ווי איין סאָרט מענטש, און מען דאַרף דאָס אויך נישט, פאַרקערט: דאָס פאַרשידנאַרטיקייט פון דער מענטשהייט, איז דאָך פּשוט אַ ברכה.

שטעלט אייך פאָר אַ סימפאָנישן אָרקעסטער פון צוויי טויזנט פויקן. וואָס פאַר אַ טעם אַזאַ קאַצן־מוזיק וואָלט געהאַט, ס׳וואָלט דאָך פאַרטויבט די אויערן...

מ׳דאַרף האָבן אַ סימפּאָנישן אָרקעסטער פון פאַרשידענע אינסטרו־מענטן און פון בלויז קינסטלער, נישט פון קיין פאַרטאַטשעס . . .

אָט דאָס מיינט טאַקע דער אתה בחרתנו: יעדעס פאָלק דאַרף זיין אויסדערוויילט און אויך זיין גוטע קינסטלער, קענען שפּילן אינעם אַל־וועלטלעכן סימפאָנישן־אָרקעסטער און נישט בלויז אויף דער קעסל־ פּויק . . .

כ׳וויל לאַנג נישט ריידן וועגן די צווי טויזנט פּויקן, ווייל דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך . . .

די יידישע סאָציאַליסטן מאַכן אַ טעות, ווען זיי מיינען, אַז זיי האָבן גענומען ביי די גויים נייע אידייען.

די אידייען האָבן די גויים גענומען אין דער אמתן ביי אונדז, יידן. די יידישע סאָציאַליסטן האָבן אָפּגענומען אונדזערע אידייען ביי די גויים . . .

אונדזער ישעיה הנביאס סאָציאַליסטישע אידייען זיינען נאָך ביזן היינ־טיקן טאָג נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן . . .

די גרעסטע גייסטער פון דער מענטשהייט און אַלע יידישיסטן שטרעבן נאָך אַלץ צו ישעיה הנביאס—באחרית הימים . . .

וועגן באחרית הימים קען מען נאָך רעדן און רעדן, נאָר דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך . . .

דער אינדיווידיום דאַרף טאַקע זיין פריי אין דער געזעלשאַפט, אָבער איך בין נישט קיין אינדיווידואַליסט.

דער דייטשער, אַנאַרכיסטישער דענקער, מאַקס שטירנער, האָט פאַר־הייליקט דעם יחיד, דעם איינציקן.

און דער היציק, צעשרויפטער פילאָסאָף ניטשע, האָט דאָס קליינע, אָנ־געפרעסענע מענטשעלע, אַרויפגעשרויפט ביז צום העכסטן — „איבער־מענטש" . . .

און דער רוסישער, אַנאַרכיסטישער דענקער קראָפּאָטקין, איז דווקא ניט געווען קיין אינדיווידואַליסט . . .

וועגן אינדיווידואַליזם וואָלט מען געקענט ריידן עטלעכע שעה, ווייל יעדער אינדיווויד האָט אַן אייגענע אינדיווידואַליסטישע מיינונג וועגן אינ־דיווידואַליזם, נאָר דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך . . .

אין מענטשלעכן געדאַנק, אין גייסט, אין דער קונסט מוז הערשן פריי־הייט, אַנאַרכיע, כדי דער געדאַנק זאָל זיין שעפעריש . . . און אין אַ רע־פּעראַט מעג הערשן אַנאַרכיע פון—טעמעס . . .

וועגן אַנאַרכיע וואָלט מען נאָך געקענט אַ סך רעדן: וועגן דער אַנאַר־כיע אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן, וועגן דער אַנאַרכיע פון יידישן

בוך, וועגן דער אַנאַרכיע אין דער יידישער שפּראַך און וועגן דער אַנאַר־כיע אין קאַמפּיינען...

נאָר דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך.

קיין שום פּאַרטיי קען נישט זאָגן, אַז זי האָט אַ מאָנאָפּאָל אויפן אמת.

און קיין שום רעפּערענט קען נישט זאָגן, אַז ער האָט שוין אויסגע־שעפּט אַלע טעמעס...

נאָר דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך...

איר זענט אַ מבין אויף מוזיק?

— איר זענט אַ מבין אויף מוזיק?

אַ שאלה אַביסל! וועלכער ייד איז דאָס נישט קיין מבין אויף מוזיק? וועלכער ייד איז דאָס נישט קיין מבין אויף אַ גוטן חזן? אויף אַ חזניש שטיקעלע געזונגען מיט משוררים?

אַ ייד וועט לויפן צען מייל צופוס און אָוועקגעבן די לעצטע פּאָר גראָשען, אבי צו הערן אַ גוטן חזן מיט משוררים.

אַ חזן וואָס איז נישט קיין „דראַנג" מיט אַ גוטער „כלי", וואָס קאָן זינגען און זאָגן מיט אַ קאָלאָרטאַן, אויף אַ דינעם, זיסן פאַלצעט און צו־נעמט דאָס האַרץ מיט זיין אמת יידישן קרעכץ, איז ביי יידן מער ווערט, ווי דער גרעסטער אָפּערע־זינגער...

אין כאָר־שול שטייען יידן און זיינען זיך מחיה, לעקן די פינגער פון די משוררים:

— איר הערט אַ „סאָלאָ פון סאָפּראַן? איי, איז דאָס אַ סאָפּראַנטשיקל! ווי זיס דאָס ייִנגעלע זינגט!

און דער אַלט? און דער באַס? איר הערט די טענער פון באַס? איר הערט אַ באַגלייטונג?

— היינט דער טענאָר? אַ טענאָר איז דאָס? אַ גאָלד! אַ גאָלדענע שטימע. איר הערט ווי דער לירישער טענאָר זינגט? ווייך ווי זייד!

יעדער ייד האַלט זיך אַליין פאַר אַ שטיקל חזן, אַ בעל־תפילה, פאַר אַ שטיקל מנגן...

אַ ייד אַז ער כאַפּט זיך צו אַמאָל צום „ברעטל", צום עמוד, וועלן אים קיין צען גבאים מיט צוואַנציק שמשים נישט קאָנען אָוועקרייסן...

וועלכער ייד האָט דאָס נישט ליב קיין מוזיק?

יידישע שניידערס, עמך — שער און אייזן, ווען זיי סטריגעווען מיט דער נאָדל אָדער שטעפּן אויף דער מאַשין, זינגען זיי זיך אונטער אַ חזניש שטיקעלע...

יידישע נייטאַרנס, פלעגן ביי דער אַרבעט אויסזינגען זייערע מיידלשע חלומות, מיט האַרציקע יידישע פאָלקס־לידער.

אַמאָל האָבן יידן געמוזט זינגען „מה־יפית" פאַר די פוילישע פריצים, היינט זינגען יידן רעוואָלוציאָנערע און חלוצישע לידער...

וועלכער ייד זינגט נישט קיין זמירות שבת ביים עסן? אַ ייד האָט ליב אַריינצוקוקן יענעם אין סידור, אויפמישן אַ פרעמד מחזור, אָדער גאָר זיך הויך צעזינגען איבער דער גאַנצער שול אינמיטן דאַוונען...

און וועלכער ייד האָט דאָס נישט ליב אונטערצוהעלפן דעם חזן?

די חסידים רירן זיך נישט פון דאַנען ביז אַהער אָן אַ זמרל, אָן אַ ניגון.

ביים רבינס טיש עסן חסידים מיט געזאַנג. ווען זיי כאַפּן אַ טענצל, אַ חסידיש רקידהלע, זינגען זיי מיט אַזאַ ברען, מיט אַזוי פיל התלהבות, אַז זיי פאַרגעסן אַוש אין די טעגלעכע דאגות, אין גלות השכינה...

אַזוי ווי חסידים זינגען, קאָנען נאָר זינגען באַגייסטערטע רעוואָלוציאָנערן...

יעדער חסיד ברענגט פון זיין רבין, צוזאַמען מיטן רבינס ברכות, אויך אַ נייעם ניגון...

אַ ייד ברומט זיך שטענדיק צו שטילערהייט, עפּעס אַ ניגונדל, אַ מאַ־טיוו, ווען ער טוט אַ שווערע אַרבעט, ווען ער איז פאַרזאָרגט, פאַרדאגהט און קלערט עפּעס וועגן אַ שווערן ענין.

יידן זיינען אַ מוזיקאַליש פאָלק!

די לוויים אין בית המקדש האָבן געהאַט דעם גרעסטן כאָר און אָר־קעסטער מיט פאַרשיידענע אינסטרומענטן.

און ווער ווייסט דאָס נישט, אַז דוד המלך איז געווען אַ גרויסער מו־זיקער? ווער האָט דאָס נישט געהערט פון דוד המלכס פידעלע?

פון דוד המלכס פידל, ביז מישאַ עלמאַן, יאַשע חפץ און יהודה מנוחין, ציט זיך איין גרויסע, יידישע סטרונע...

שניידעריי איז אַ יידיש־נאַציאָנאַלע מלאכה... און די פידל איז אַ יידיש־נאַציאָנאַלער אינסטרומענט...

אַ חתונה אָן קלעזמאָרים, האָט אַזאַ טעם, פונקט ווי פלייש אָן זאַלץ,

ווי אַ בעל עגלה אָן אַ בייטש, ווי אַ יידישע אָרגאַניזאַציע אָן מחלוקות און ווי אַ היגע, יידישע מיידל אָן נדן...

ווען ס'שפּילט אַ באַרימטער פידלער, אַ גרויסער קינסטלער, איז דער קאָנצערט־זאַל געפּאַקט מיט יידן...

אַ באַרימטער פּיאַניסט האָט שוין נישט אַזאַ מזל, ווי אַ פידלער... יידן זיינען פאַרליבט אינעם פידעלע...

די פידל וויינט עפּעס, קרעכצט, ציט ביי דער נשמה, צעברעכט דאָס האַרץ מיט די ציטערדיקע סטרונעס, און דער ייד פילט מיט, מיטן טייערן ליבן פידעלע...

נו, וואָס הערט זיך מיט אַן אָרקעסטער? אַ גאַנצער אָרקעסטער מיט אַלע כלים און אינסטרומענטן, האָט שוין נישט אַזאַ מזל, אַזאַ גוטע מערכה, ווי דאָס פידעלע.

אַמאָל, ווען יידן האָבן דערהערט אַ מיליטערישן אָרקעסטער אויסקלאַפּן אַ לעבעדיקן, סאָלדאַטסקן מאַרש, איז געוואָרן אַ געלאָף איבערן שטעטל און אַלע האָבן זיך אַרומגעשטעלט לעבן אָרקעסטער און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געהערט שפּילן מיט די מעשענע טראָמייטן, מיטן קלאַפּן פון דער גרויסער פּויק מיט די מעשענע טאַצן.

און אַז אינעם אָרקעסטער איז געווען אַ יידישער קאַפּעלמייסטער, האָט דאָס גאַנצע שטעטל אים געהאַלטן פאַר אַ גאַנצן גענעראַל... און אים אָפּגעגעבן אַ סך כבוד. עפּעס אַ קלייניקייט, אַ יידישער קאַפּעלמייסטער!

אָבער אַ סימפאָנישער אָרקעסטער, האָט שוין גאָר קיין מזל נישט ביי אונדזערע יידן אין מעקסיקע...

דערציילט מיר אַ באַקאַנטער ייד מיט גרויס באַגייסטערונג, אַז ער האָט געזען אַ יונגן, יידישן בחור דיריזשירן דעם גרויסן סימפאָנישן אָר־קעסטער::

— איר פאַרשטייט צי ניין? אַ יידישער קאַפּעלמייסטער האָט מיטן שטעקעלע געפירט דעם גאַנצן אָרקעסטער! אַ מעקסיקאַנער, יידישער בחור זאָל אַליין קאָמאַנדעווען מיט אַלע קלעזמאָרים! איי, איי! די מעקסיקאַנער יידן דאַרפן שטאָלצירן מיטן יונגן אבעל אייזענבערג, ער איז אַ גוטער קאַפּעלמייסטער און אַ גוטער קלעזמער...

דערקלער איך דעם ייד, אַז אייזענבערג איז נישט קיין קלעזמער, נאָר אַ מוזיקער, און אַז ער איז נישט קיין קאַפּעלמייסטער, נאָר אַ דיריגענט פון אַ סימפאָנישן אָרקעסטער.

שטייט שוין צו מיר צו דער ייד, כ׳זאָל אים דערקלערן וואָס עס מיינט סימפאָניע . . .

— אַ סימפאָניע איז אַ סימפאָניע, זאָג איך דעם ייד, וואָס איז דאָ נישטאָ צו פאַרשטיין? אַ סימפאָניע איז אַזאַ מין מוזיקאַלישע פּאָעמע. אַ גאַנצער באַרג מיט מענטשלעכע געפילן, עמאָציעס, סענטימענטן פון קאָמ־פּאָזיטאָרס האַרץ און נשמה. זיי ווערן אַריינגעגאָסן אין קלאַנגען, פאַרבן, טענער, אַקאָרדן, אין איין גרויסער שיינער האַרמאָניע פון אַלע אינסטרו־מענטן.

ס׳איז דאָ אַ סימפאָניע פון פאַרבן, ווען די זון גייט אונטער, אַ סימ־פאָניע פון פאַרשיידענע קאָלירן בלומען, און ס׳איז אויך דאָ גאַנצע סימ־פאָניעס פון פאַרשיידענע, יידישע קללות . . .

— עט, ווייסיך וואָס — האָט דער ייד אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט — סימפאָניע אַהין, סימפאָניע אַהער, איך האָב ליב אַ פידל! כ׳בין נישט קיין גרויסער מבין אויף סימפאָניעס . . .

און איינער אַ באַקאַנטער, געבילדעטער ייד, באַקלאָגט זיך פאַר מיר, אַז ער איז אַ גאַנצער קנאַפּער מבין אויף מוזיק, נאָר ס׳איז פאַראַן סימ־פאָניעס, ווען ער קאָן זיך געשמאַק אויסשלאָפן אויפן ווייכן בענקל אין „בעיאַס אַרטעס״ . . . נאָר אויף דער לעצטער סימפאָניע, האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט כאַפּן קיין דרימל . . .

אַבעל אייזענבערג האָט צו שטאַרק דיריזשירט, אַ צו הויכע, שטאַרקע סימפאָניע . . .

יידן זיינען זייער אַ מוזיקאַליש פאָלק! . . .

אַ מעקסיקאַנער מוזיק־קריטיקער פרעגט מיך אַלע מאָל דיזעלבע האַר־בע שאלה, די אייגענע שווערע קשיא, וואָס איז זייער שווער צו געבן אויף איר אַ גרינגן תירוץ . . .

ער ווייסט, אַז יידן זיינען אַ מוזיקאַליש פאָלק, פאַר וואָסזשע זעט מען אַזוי ווייניק יידן אויף אַ סימפאָנישן קאָנצערט, אָדער אויף אַן אָפּערע?

זאָג איך אים, אַז יידן האָבן ליב צו הערן אַ באַרימטן פידל־קינסטלער, אַ גוטן חזן און אַן ערשטקלאַסיקן אָפּערע זינגער, און אַז יידן האָבן אויך ליב אַ — — — — — . . .

יאָ, אַמאָל זיינען יידישע אַרבעטער, אינטעליגענטן און פאָלקס מענטשן געגאַנגען אין אַ יידישן טעאַטער, אָדער הערן אַ סימפאָנישן קאָנצערט, אַן אָפּערע און געזונגען יידישע פאָלקס־לידער.

די מעקסיקאַנער יידן, זיינען אויך מיט יאָרן צוריק געגאַנגען אין יידישן

טעאַטער אין מעקסיקע ... און געזונגען יידישע פאָלקס־לידער.

היינט, האָבן אַ סך יידן, (שוין גאָר, גאָר אַ סך), אויפגעהערט צו גיין, (אין יידישן טעאַטער), און אָנגעהויבן צו פאָרן — אויף דאַטשעס ...

זיי האָבן אויפגעהערט צו זינגען, און אָנגעהויבן צו שפּילן — אין פּאָקער ...

אַ סך היגע יידן האָבן אויפגעהערט צו זיין מבינים אויף אָפּערעס און קאָנצערטן, זיינען זיי דערפאַר געוואָרן גרויסע עקספּערטן אויף נייע שיינע קאַטשעס, גאָר וואָזשנע מבינים אויף גרויסאַרטיקע שמחות, רייכע באַנקעטן, גרויסע חתונה־מאָלצייטן, מיט אַריסטאָקראַטישע לוקסוס הולאַנקעס ... און לוסטיקע, פריילעכע קומפּלעאַניאָס, מיט „רעגאַלאָס", פּאַסטעלן מיט קאָקטיילס ...

דאָס מוזיקאַלישע פאָלק האָט זיך צעטאַנצט אונטער די גרילצנדיקע טענער פון אַ דזשאַס־אָרקעסטער ...

יאָ, יידן האָבן זייער ליב מוזיק, יידן זיינען אַ מוזיקאַליש פאָלק!

דער צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס פאַרטיידיקט און היט אָפּ דעם יידישן כבוד אין מעקסיקע, וויל אויך ראַטעווען און פאַרטיידיקן דעם יידיש־מוזיקאַלישן פּרעסטיזש ...

דער צענטראַל־קאָמיטעט איז מכבד דעם יידישן עולם, מיט אַ יידישן דיריגענט און מיט אַ סימפאָנישן אָרקעסטער ...

זאָלן די מעקסיקאַנער זען, אַז נישט נאָר קאָנען די יידן פירן אַ פאַבריק, פירן אַ געשעפט, פירן אַ קאַטשע, פירן צו דער חופּה, פירן אין באָד אַריין ... נאָר אַ מעקסיקאַנער יידישער בחור, קאָן אויך פירן אַ סימפאָנישן אָרקעסטער ...

אַז מ'גייט און מ'הערט, קריגט מען ליב — אפילו מוזיק!

און אַז מ'האָט ליב און מ'פילט, ווערט מען אַ מבין — אפילו אויף אַ סימפאָניע!

איר האָט הנאה פון מוזיק?

יאָ?

זענט איר אַ מבין!

דיווירקונג פון שיפּאָן־זאַקן . . .

(אַ וויסנשאַפטלעכער רעפּעראַט)

אַרום האַלב עלף ביי נאַכט, האָט זיך דער פאָרזיצער באַוויזן אויף דער טונקל־באַלויכטענער בינע, באַלד נאָך אים דער רעפערענט. זיי זעצן זיך ביים טישל וואָס איז באַדעקט מיט אַ גרין טישטוך. אויפן טישל, אַ גרויסע גראַפין מיט וואַסער, אַ גלאָז, אַ גלעקל מיט אַ קיילעכטיק הילצערן הענטל און ליידיקע בלעטלעך פּאַפּיר. דער פאָרזיצער מאַכט זיך גלייך די ברילן, פאַרפעסטיקט זיי מיט ביידע הענט אַרום די אויערן. שטעלט פאָר דעם רע־פערענט מיט אַ ציטערדיק, איבערגעשראָקן קול.

דער רעפערענט גיט עטלעכע שוואַכע, נערוועזע הוסטן, רוקט הינטער זיך אַוועק די שטול און הייבט אָן מיט ניט קיין גאַנץ זיכער קול:

חשובע דאַמען און הערן. פון דעם גרויסן עולם קיין עין־הרע, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אויף אונדזער היינטיקן רעפעראַט, קען מען זען, אַז די טעמע איז זייער אַ וויכטיקע און באַלערנדע. די טעמע פון היינטיקן רע־פעראַט איז געווידמעט, דעם אויפקום און עקזיסטענץ פון דער גאַנצער יידישער קאָלאָניע . . .

איך האָף, חשובע דאַמען און מיטליערקע הערן, סעניאָריטאַס און ספּאָרטסלייט, אַז איר וועט זיך האַלטן רואיק, כדי מיר זאָלן קענען אָנגיין מיט אונדזער וויסנשאַפטלעכן רעפעראַט און אַרויסברענגען די היסטאָריש־סאָציאַלע טעזיסן, איבער דער ווירקונג פון שיפּאָן־זאַקן . . . און אויב איר ווילט דוקא רעדן, כאַפּן אַ שמועס, איז מיטן גרעסטן כבוד! נאָר דערבאַ־רעמט זיך, מאַכט עס שטילער.

איר קענט זיך שושקען, וויפל איר ווילט, נאָר מאַכט עס אַ ביסעלע מער מענטשלעכער. שושקעט יענעם אַריין גלייך אין אויער אַריין, אַז איר זאָלט דערביי חלילה נישט אויפוועקן אייער שכן . . . און אויב ס׳נאָגט אייך אונ־

טערן לעפעלע און איר ווילט עפעס איבערכאַפּן, געבן אַ קיי: אַ שטיקל כשרן וואורשט, אַ זייערע אוגערקע, אַ שטיקל הערינג און פאַרטרינקען אַ הייסער גלאָז טיי מיט לימענע, עסט אייך געזונטערהייט, זאָל אייך וואויל באַקומען.

ווי די וויסנשאַפט אַליין באַווייזט אונדז איז נאָך קיינער נישט געשטאָרבן פון ניט הערן קיין רעפּערעאַט און פון הונגער יאָ... נאָר מאַכט עס מיט רחמנות: קלאַפּט ניט מיט די גלעזער און פּאַטשט ניט הויך מיט די ליפּן... און אויב איר ווילט אַרומוואַנדערן פון איין אָרט אויפן צווייטן, רייסט נישט מיט די שטולן, רוקט זיי פּאַמעלעך. וואָס זענען נעבעך שולדיק די אומ־שולדיקע בענקלעך...

אַלזאָ, מיר גייען גלייך איבער צו דער טעמע. חשובע חברים, פּאַרדאָן! כ'מיין סעניאָראַס און סעניאָרעס. לויט אַ גענויער וויסנשאַפטלעכער סטאַ־טיסטיק, איז אין אָנהויב פון דער יידישער אימיגראַציע מיט יאָרן צוריק, דער גאַנצער האַנדל פון שיפּאָן־זאָקן געלעגן אין די הענט פון די ניט פּאַר־מעגלעכע פּעדלער.

געקומען אַן אימיגראַנט, אַריין אין אַ „דעספּאַטשאָ", געמאַכט זיך אַ „פּעקל" ווי אַ כאָמוט אַרום האַלדז; די בעסערע זאָקן אַרויסגעלייגט אויפן אָרעם פון דער לינקער האַנט און זיך אַרויסגעלאָזט שפּאַצירן איבער די געפּאַקטע גאַסן כאַפּן אַ „מאַרטשאַנטע". נאָר פון די פּראָסטע זאָקן האָט קיין שום פּעדלער נישט געמאַכט קיין לעבן...

לויט אונדזער וויסנשאַפטלעכן שטודיום און סטאַטיסטיק, איז דער גאַנצער פאַרדינסט, דאָס גאַנצע ביסל שמאַלץ, געלעגן בלויז אין אַ קליין קעסטעלע, אין אַ לאַנג שמאָל שאַכטל פון טאָוול, וואָס איז געהאַנגען מיט אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט, ביים פּעדלער אויף אַ קנעפּל פון זיין אָפּ־געריבענעם, פאַרשטויבטן ראָק אין סאַמע פּאַרנט... אין דעם קעסטעלע איז געווען די גאַנצע פּרנסה — די שיפּאָן־זאָקן...

די שיפּן־זאָקן זענען געווען דער באַראָמעטער פון דעם וואויל־זיין פון דער גאַנצער יידישער קאָלאָניע. האָבן די פּעדלער און די „פּויסטערס" גע־לייזט פּאַר שיפּאָן־זאָקן, האָבן אויך געלייזט די יידישע רעסטאָראַנען, האָט מען געשיקט אַהיים ביסל געלט, באַצאָלט שכר־לימוד אין דער יידישער שול, און טאָמער, חס־ושלום, איז דאָס לייזעכץ פון שיפּאָן־זאָקן געוואָרן קנאַפּער אַ ביסל, האָט דאָס באַלד געווירקט אויפן עקאָנאָמישן לעבן פון דער גאַנצער קאָלאָניע...

אַז איינער האָט געהאַט אַ גרויסן „פּויסטער" מיט שיפּאָן־זאָקן, האָט ער געקענט טוען דעם בעסטן שידוך. ניט איין שידוך איז אָפּגעלאָזט גע־

וואָרן, חשובע צוהערער — נאָר צוליב דעם וואָס די שיפּאָן־זאָקן זענען געפאַלן אין פּרייז... אַ קריגערײַ צווישן מאַן און ווײַב, שלעכטע בריוו אַהיים אַלץ האָט זיך געווענדט — ווי אַזוי ס'זענען געשטאַנען די שיפּאָן־זאָקן. די שיפּאָן־זאָקן זענען ביסלעכווײַז אַרײַנגעדרונגען אין יעדער שטוב אין יעדער פאַמיליע. מיידלעך, יונגע פרויען און אַלטע ווײַבער, אַלע זענען געגאַנגען אין שיפּאָן־זאָקן.

אַן אָרעמע דינסט האָט זיך געשעמט צו גיין אויפן מאַרק אָן שיפּאָן־זאָקן. קורצע קליידער און שיפּאָן־זאָקן... וואָס קורצער עס זענען געוואָרן די פרויען קליידער, אַלץ מער האָט מען געלייזט פאַר שיפּאָן־זאָקן...

ווען מ'איז געפאָרן אין טראַמוויי אָדער אין אַ „קאַמיאָן", געווען אויף אַ פאַרזאַמלונג אָדער אויף אַ „באַילע", דאָס ערשטע האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן — שיפּאָן־זאָקן. אומעטום אַן אויסשטעלונג פון פרויען פיס אין אָנגעצויגענע, דורכזיכטיקע, דינע שיפּאָן־זאָקן...

— חשובער אוידיטאָריום. דער רעפעראַט ווערט אינטערעסאַנט, אונדזער פאַרזיצער האָט זיך עפּעס פאַרטראַכט, אפשר פאַרוואָס ער האָט נישט אויסגענוצט די גאָלדענע געלעגנהייט און זיך נישט געמאַכט אַ פאַבריקל פון שיפּאָן־זאָקן.

בעט איך אײַך פאַרזוינלעך: רעדט אַ ביסל שטילער, און אויב ס'איז מעגלעך רויכערט נישט אין פאַפּיראָס נאָכן צווייטן... ווײַל לויט דער וויסנשאַפט, עסט דער רויך אויס די אויגן בײַ די מענער און מאַכט קאַליע די צאַרטע הויט פון פּנים בײַ די סעניאָריטאַס, און דאָס קאָן אַמאָל שאַדן צו אַ שידוך...

ס'איז אויך וויסנשאַפטלעך באַוויזן געוואָרן, אַז צופיל רויך בײַ אַ רעפעראַט, פאַרשטעלט פאַרן רעפערענט די חשובע צוהערער און ער מיינט, דער רעפערענט, אַז ער שטייט עפּעס אויף אַ הויכן באַרג און דאָס חשובע פּובליקום געפינט זיך אין אַ טיפן טאָל... (דאָ הויבט דער רעפערענט אויף אַ ביסל העכער זײַן שטימע און רעדט מיט אַ דעקלאַמאַטאָרישן טאָן).

— ניט איין פאַמיליע־טראַגעדיע איז פאָרגעקומען צוליב די שיפּאָן־זאָקן! אַ פרוי איז געוואָרן ברוגז מיטן מאַן, אַ כלה האָט אָוועקגעוואָרפן איר חתן, אַלץ צוליב די שיפּאָן־זאָקן... אויב איר ווילט די זאַך גרינדלעך אויספאָרשן, פרעגט נישט קיין בחורים אפילו נישט קיין אַלטע בחורים, נאָר פאַרהייראַטע מענער אָדער לכל הפחות פאַרליבטע מענער, זיי וועלן אײַך קענען איבערגעבן די אמתע טראַגעדיע פון די שיפּאָן־זאָקן...

נאָר לויט אַ נאַטור געזעץ, דויערט קיין זאַך נישט אייביק און דער אויפשטייג פון די שיפּאָן־זאָקן האָט אָנגעהויבן גיין צוריק באַרג אַראָפּ.

וואָס לענגער עס זענען געוואָרן די פרויען קליידער, סעניאָראַס און סעניאָריטאַס! אַלץ ערגער און קורצער איז געוואָרן פאַר די שיפּאָן־זאָקן. מיט דער נייער מאָדע פון לאַנגע פרויען קליידער, דאַרף מען שוין נישט קויפן אַלע מאָנטיק און פרייטיק קיין נייע דינע שיפּאָן־זאָקן.

לויט אַ וויסנשאַפטלעכער סטאַטיסטיק קען היינט אַ פרוי, איבערהויפּט אַ פאַרהייראַטע פרוי, טראָגן אַ פּאָר שיפּאָן־זאָקן גאַנצע זעקס וואָכן, כאָטש די זאָקן פאַרמאָגן אַ טוץ לעכלעך... די לאַנגע קליידער האָבן מיט אַמאָל באַגראָבן די שיפּאָן־זאָקן... אויס שיפּאָן־זאָקן!

מיט דער ירידה פון די שיפּאָן־זאָקן, האָט זיך אָנגעהויבן ביי אונדז דער קריזיס. דעם קריזיס האָט מען געקענט באַלד באַמערקן אין אַלע היגע יידישע אָרגאַניזאַציעס, שולן, רעסטאָראַנען און קלובן. און לויט דעם זעלבן נאַטור געזעץ, ווילן מענטשן דוקא לעבן און עסן, און לויט אַ ניי באַגרינ־דעטער טעאָריע, זיינען יידן אויך מענטשן, אמת ניט קיין „אַריער" נאָר מענ־טשן זיינען זיי און דאַרפן אויך עסן. האָט זיך באַלד דער עולם געגעבן אַ וואָרף אויף שטאָל־וואַרג.

אָבער ס'איז ניט דאָס, מיינע דאַמען און הערן! עפּעס אַ צו האַרטער מאַטעריאַל דאָס שטאָלוואַרג.. .

איז געבליבן איין האָפענונג פאַר אונדז — אונטערוועש!

פאַבריקלעך פון אונטערוועש, זומערדיקע וואָלענע סוועטערס, ווינטער־דיקע באַד־קאָסטיומען... און איבערהעמדער... נאָר איך קען אייך, ליבע צוהערער, ניט געבן קיין זיכערע גאַראַנטיע, אַז אויך אונטערוועש זאָל ניט אַרויס פון דער מאָדע און איר זאָלט נישט דאַרפן פאַרקויפן אייערע מאַ־שינען אויף אַלט־אייזן...

אַלע קענען דאָך אָבער לויטן וויסנשאַפטלעכן מאַטעריאַליזם, ניט האַנד־לען מיט אַלט אייזן...

ס'איז דאָ אַ גרויס געפאַר, חשובער אוידיטאָריום, אַז ס'זאָל אַריין אין דער מאָדע — נודיזם, נאַקעטקייט, די מוטער חוהס קליידער... די נייע מאָדע פון נודיזם פאַרשפּרייט זיך מיט אַ גוואַלדיקער שנעלקייט.

זי האָט זיך שוין אַריבערגעכאַפּט דעם אַטלאַנטיק און שפּאַרט שוין אַזש אָן אין די שטאַטן. גאַנץ פּשוט: אויס קליידער! אויס אונטערוועש מיט איבער־העמדער! אויס סוועטערס! אויס באַד־קאָסטיומען מיט שיפּאָן־זאָקן!

איין זאַך וועט דאַמאָלסט בלייבן פאַר אונדז — נעמען אַקערן די ערד...

ווייל לויט ווי די וויסנשאַפטסלייט דערקלערן, וועט די ערד אַזוי גיך ניט אַרויס פון דער מאָדע... די ערד וועט נאָך זיכער עקזיסטירן אַ צוויי מיליאָן יאָר...

דער רעפּעראַט איז געענדיקט.

אַ דאַנק! אַ דאַנק!

מ׳ציטערט פאַרן יום הדין!

עס ציטערט!

אַלץ און אַלע ציטערן!

אַלע האָבן מורא, אַלע ציטערן פאַרן יום הדין...

אפילו אַ פיש אין וואַסער ציטערט פאַרן טאָג פון משפט!

יאָ, יאָ, מיר האָבן דאָס יאָר געכאַפּט דעם אמתן ציטער...

די גאַנצע שטאָט האָט געציטערט.

די ערד אונטער אונדז האָט זיך מיטאַמאָל צעציטערט, צעכוואַליעט.

די הייזער האָבן זיך צעשאָקלט, צעוויגט.

די טירן און פענצטער האָבן זיך צעסקריפּעט. אַלץ אין שטוב האָט זיך געהוידעט, פונקט ווי אויף אַ שיף אויפן שטורמישן ים...

איי, האָבן מיר געכאַפּט אַ צימער!

מענטשן זיינען, טויט־דערשראָקענע, געלאָפן אינמיטן דער נאַכט צו די שאָקלדיקע, סקריפּנדיקע טירן אויף דער גאַס אַרויס.

אַ שרעק, אַ פחד האָט מיטאַמאָל באַהערשט דעם שטאַרקן מענטש, דעם כל־ולך, דעם גאַנצן קנאַקער.

דעם העלד וואָס פליט אונטערן הימל מיט מעכטיקע עראָפּלאַנען, וואָס שיסט מיט ריזיקע, שטאָלענע טאַנקען — מיט אַטאָמישע באָמבעס...

דער מענטש וואָס איז ביי זיך אַזוי גדולדיק, אַזוי גרויס, אַזוי שטאָלץ, דער מענטש וואָס האָט שוין פאַרלוירן די בושה און די מורא פאַר גאָט.

האָט זיך נעבעך אויף טויט דערשראָקן. ס׳האָט אים מיטאַמאָל אָרומ־געכאַפּט אַ ציטער און אַ שרעק פאַר דער געטלעכער נאַטור, פאַר אַן ערד־ציטערניש...

דער שטאַרקער, העלדישער מענטש, האָט זיך אין גאַנצן פאַרלוירן ווי

אַן אומבאַהאָלפן קינד — ווען די ערד האָט זיך אַ ביסל צעשפּילט און צעוויגט הין און צוריק, הין און צוריק...

דער קלוגער, בעל־גאווהדיקער מענטש, וואָס מאַכט שוין ראַקעטן צו פליען צו דער לבנה, קען נאָך אפילו נישט די טיפע סודות פון דער ערד.

ער ציטערט און האָט נאָך מורא פאַר דער ערד אויף וועלכער ער איז געבוירן געוואָרן, געלעבט און גייט צוריק צו דער מאַמע־ערד און ווערט צוריק ערד...

איי, ציטערט נעבעך דער זינדיקער מענטש פאַר אַן ערד־ציטערניש...

יאָ, יאָ, ס'איז געווען דער אמתער ציטער: מיט איינגעפאַלענער הייזער און מיט 53 טויטע, צווישן זיי 19 יידן.

איי, האָבן מיר אַלע געכאַפּט אַ ציטער נאָך מיט אַ דריי חדשים פריער פאַרן גרויסן יום־הדין...

יידן, אפילו נישט קיין שטאַרק פרומע, האָבן נאָך אַלץ מורא און היטן אָפּ דריי זאַכן: מזכיר נשמות, קדיש און הערן שופר־בלאָזן, מ'ציטערט פאַרן שופר־בלאָזן...

דער הויפּט יידישקייט־סעזאָן, זיינען נאָך אַלץ די ימים נוראים, די פאַרכטיקע טעג: ראש השנה און יום־כיפור.

אמת, ראש השנה איז נישט קיין „פיעסטאַ" וואו מ'קען כאַפּן אַ טענצל מיט אַ דזשאַס־אָרקעסטער אין אַ גויישן רעסטאָראַן...

דערפאַר אָבער עסט מען ראש השנה אַ סך גוטע מאכלים — און מע דאַוונט אויך אַ ביסעלע מער...

ראש השנה עסט מען געדרייטע, קיילעכדיקע חלות ווי פייגל. אַ המוציא מיט האָניק און מען מאַכט אַ שהחינו איבער אַ זיסן עפּל אָדער ווייַנטרויבן.

ראש השנה איז נאָך אַלץ דער מוראדיקער יום הדין, ווען עס ציטערט אפילו אַ פיש אין וואַסער...

פאַר ראש השנה האָט מען נאָך אַלץ מורא, ווי פאַר דער לעצטער גרויסער ערד־ציטערניש...

יידן נעמען ציטערן פאַרן ביסל זינד, פאַר די חטאים, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן דורכן גאַנצן קיילעכדיקן יאָר.

און וועלכער ייד האָט דאָס נישט עפּעס אַ פעקעלע חטאים אויף זיינע פלייצעס?...

מ'איז דאָך אומשטיינס געזאָגט, נישט מער ווי אַ בשר ודם, אַ זינדיקער מענטש מיט אַ גרויסן יצר הרע, וואָס שטייט תמיד הינטער דיר און טאַטשעט און שטופּט דיך מיט גוואַלד צו טאָן עפּעס אַ געשמאַק עבירהלע...

האָבן טאַקע יידן מורא פאַרן יום הדין, פאַרן טאָג פון משפּט, פאַר אַ שלעכט קוויטל אויפן נייעם יאָר. מ׳קויפט אַ „שטאָט״ אין שול, אַ בילעט צו דאַוונען אין אַ שול צווישן יידן.

פאַראַן ספּעציעלע סעזאָן־יידישקייט. פאַראַן אויך ראש השנהדיקע יידן...

די ראש השנהדיקע יידן זעט מען נישט אָן אין שול אַ גאַנץ יאָר, אַ חוץ אויף אַ חתונה אָדער אויף אַ בר־מצוה, אָדער אויף אַ יאָרצייט צו זאָגן קדיש...

נאָר ווען אין דרויסן נעמט בלאָזן אַ האַרבסטיק ווינטל, און די געלע פאַרטריקנטע בלעטער נעמען פאַלן פון אַלע ביימער. דעמאָלט דערמאָנען זיך די ראש השנהדיקע יידן, אַז מ׳דאַרף באַצייטנס זיך באַזאָרגן מיט בי־לעטן אין שול אויף ראש השנה.

עפּעס האָבן די ראש השנהדיקע יידן, מער מורא פאַרן יום הדין, ווי די אמתע פרומע, גאָטס־פאַרכטיקע יידן פון אַ גאַנץ יאָר.

די ראש השנה־יידישקייט ווערט מיטאַמאָל אַ טייערע מציאה, אַ גוט באַצאָלטע יידישקייט...

ראש השנה באַווייזן זיך טאַקע אין די געפּאַקטע שולן, אין די מנינים עפּעס מאָדנע פרעמדע פּנימער...

זיי גייען אויסגעפּוצט אין נייע אָנצוגער, ווי צו אַ טעאַטער־פאָר־שטעלונג...

די ראש־השנהדיקע יידן שטייען און האָרכן זיך צו ווי דער חזן דאַוונט. זיי גייען אַריין און אַרויס, עפּעס ווי אומרואיקע מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין געדולד, זיי וואַרטן אויף עפּעס, זיי וואַרטן — אויפן שופר־בלאָזן...

אפילו די יידישע מיידלעך ווייסן שוין אויך פון ראש השנה יידישקייט, אַ סך מער ווי פון אַנדערע יידישע ימים טובים...

אַלע ווייסן שוין, אַז אויף ראש השנה, אויפן יידישן „אַניאָ נועוואָ״, דאַרף מען זיך אויספּוצן אין עסיק און אין האָניק, אין אַ ניי קלייד, אין אַ ניי היטעלע פון דער לעצטער מאָדע.

מ׳דאַרף ווייזן פאַר לייטן, אַז מ׳האָט אַ גוטן געשמאַק, גייט מען טאַקע אין שול אַריין ווי אויף אַ קאָנצערט...

זיי קומען אין שול אַריין נישט דאַוונען, ניין, דאָס גאַנצע גיין אין שול אַריין, איז נאָר — צו הערן שופר־בלאָזן...

צו הערן שופר־בלאָזן איז ביי די ראש־השנהדיקע יידן און יידענעס אַזאַ גרויסע מצווה, פּונקט ווי עסן געפילטע פיש אויף אַ יידישע שמחה.

פאַרן אין אַקאַפּולקאַ אָדער אין קוערנאַוואַקאַ אויף דאַטשע, אָדער מאַכן אַ פּאַקער ווען מ׳קומט ערגעץ צו גאַסט...

די ראש השנהדיקע מאַמעס היטן אָפּ זייערע טעכטערלעך, זיי זאָלן חלליה־וחס נישט פאַרשפּעטיקן, דאָס שופר־בלאָזן...

— גיי נישט אַוועק — בעט זיך אַ מאַמע ביי איר זעכצן יאָריקער אויס־געפּוצטער טאָכטער, מ'וועט דאָך באַלד בלאָזן שופר.

— גיכער אַ ביסל, גיכער קינדער — יאָגט אַ מאַמע אירע קינדער. ווי איז מיר, ס'איז שוין שפּעט. לאָמיר גיכער נעמען די קאָטשע און פאָרן אין שול אַריין... מ'קען נאָך חלילה פאַרשפּעטיקן שופר־בלאָזן...

ס'איז אַ סברה, אַז הערן שופר־בלאָזן איז אַ סגולה פאַר דערוואַקסענע מיידלעך...

אַז אַ מיידל הערט ראש השנה שופר־בלאָזן, וועט זי, אים ירצה השם, זיכער דאָס יאָר אַ כלה ווערן. איידער זי וועט ווערן אַלט אַכצן יאָר...

ביי אַ סך מעקסיקאַנער יידישע מיידלעך איז אַ מנהג, אַז אויב אַ מיידל ווערט אַ כלה נאָך אַכצן יאָר, הייסט זי שוין אַן אַלטע מויד, וואָס האָט שוין לאַנג געמעגט הערן שופר בלאָזן...

אַ סך ראש השנהדיקע יידן קומען גיך צולויפן אין שול אַריין, ווען מ'דאַרף גיין שופר בלאָזן.

ביי זיי איז פּונקט אויסגערעכנט די צייט פון שופר־בלאָזן, און נאָכן אָפּזאָגן דעם ונתנה תוקף, שאַרן זיי זיך אַרויס פון שול שטילערהייט...

ווען די רעדעלעך יידן, וואָס כאַפּן אַ געשמאַקן שמועס אין דרויסן, דער־הערן דעם אויסגעצויגענעם למ־נצ־ח לבני קורח מזמור — — —

ווערט מיטאַמאָל אַ געלאַף אין שול אַריין, ס'ווערט אַן ענגשאַפט, אַ שטופּעניש, אַ געדראַנג פּונקט ווי אין אַ קאַמיאָן אָדער טראַמוויי...

אַלע ווילן הערן שופר־בלאָזן, אַלע האָבן מורא פאַרן בייזן שטן, דעם מקטרג.

אַלע ווייסן, אַז היינט, איז דער יום־הדין, ווען דער בית־דין של מעלה, זעצט זיך אַוועק משפּטן יעדן ייד באַזונדער פאַר זיינע זינד, פאַר זיינע שלעכטע מעשים.

קומט באַלד צעפּליען דער שוואַרצער, שלעכטער שטן און שטעלט זיך אַוועק באַשולדיקן און פאַרמסרן ווי אַן אמתער פּראָקוראָר:

— גאָט, אַלמעכטיקער גאָט, זע וואָס דיינע מעקסיקאַנער יידן האָבן אָפּגעטאָן דורכן יאָר:

אַ ייד האָט אָנגעבאָרגט געלט אויף פּראָצענט, צום סוף האָט ער נאָך אפילו דעם קרן נישט באַצאָלט...

אברהם ווייסבוים

אַ יידישער סוחר האָט אַזוי לאַנג געשפּילט אין פּאָקער, ביז ער האָט נעבעך פאַרפּויקערט זיין גאַנץ געשעפט...

אַ יידיש ווייבל דערגייט נעבעך איר מאַן די טעג און יאָרן, זי וויל ער זאָל איר איבערבייטן די קאַטשע אויף אַ נייעם קאַדילאַק פון 1957.

דער שטן־המקטרג רעדט און געוואַלדעוועט, ביילט די פויסטן אויף די זינדיקע, שלעכטע יידן.

האָבן טאַקע די היגע יידן געכאַפּט אַ ציטער פון דער גרויסער ערד־ציטערניש, און ציטערן נעבעך איצט נאָכאַמאָל פאַרן ראש השנהדיקן יום הדין...

אפילו די היגע יידישע שרייבער האָבן אויך אַ ביסל מורא פאַר היינטיקן יום הדין...

די יידישע שרייבער האָבן אויך דאָס יאָר, אַ חוץ דער ערד־ציטערניש, טאַקע אויך געכאַפּט אַ ציטער מיט זייערע שרייבערשע פעדערס...

זייערע ליטעראַרישע פעדערס האָבן נעבעך געציטערט און געסקריפּעט אויפן ווייסן פּאַפּיר.

זיי האָבן מיט ציטערדיקע אַרטיקלען זיך דערלאַנגט איינער דעם אַנדערן אין דער זיבעטער ריפּ אַריין...

זיך מכבד געווען מיט די שענסטע, ליטעראַרישע טיטלען און עפּיטעטן, וואָס מ׳קען פאַר זיי אַמאָל קריגן — נישט קיין גרויסן דאַנק...

זיינען דאָך יידישע שרייבער — אויך יידן... וועלן זיי זיכער בעטן אויפן יום הדין סליחה ומחילה פאַר זייערע זינד, און זיך נאָך פאַר יום כיפּור איבערבעטן...

יידן האָבן מורא פאַרן יום הדין, ווען דער אַלטער יידישער גאָט, ברוך הוא, גייט משפּטן זיין פאָלק ישראל, פאַר זייערע קליינע, נישטיקע עבירהלעך...

און די גאַנצע וועלט, די יושרדיקע, דעמאָקראַטישע וועלט דאַרף זיך אויך גרייטן צום גרויסן, צום גאָר גרויסן יום הדין...

צום טאָג, ווען מ׳וועט משפּטן די גרויסע פאַרברעכנס און עבירות וואָס די וועלט באַגייט קעגן אונדזער פאַרפּייניקט יידיש פאָלק.

מ׳וועט דאַרפן משפּטן די רוסישע, קאָמוניסטישע וועלט־באַפרייער... וואָס האָבן דערשאָסן די יידישע שרייבער און קולטור־טוער אין פרייען קאָמוניסטישן גן־עדן...

און האַלטן נאָך איצט אויפגעהויבן די שאַרפע האַק צו פאַרטיליקן אין גאַנצן, דאָס יידישע לשון און קולטור.

מ׳וועט דאַרפן רופן צום וועלטלעכן יום־הדין, און משפטן די מצרישע און אַראַבישע פאַרברעכער און מערדער, וואָס הרגענען ביי די ישראל־גרענעצן, אומשולדיקע פרויען און קינדער...

יאָ, ס׳וועט קומען דער טאָג, ווען דאָס געוויסן פון דער וועלט, פון דער פרייער מענטשהייט, וועט בלאָזן אַ תקיעה גדולה און רופן די שולדיקע צום משפט...

די שולדיקע וועלן ציטערן פאַרן גרויסן, גרויסן יום הדין!

קאַקטיילס, בלויז קאַקטיילס . . .

מיר לעבן היינט אין אַן איבערגעדרייטער, פאַרדרייטער און צעדריי־טער וועלט.

אַ מישעניש, אַ צעמישעניש און אַ פאַרמישעניש איז נעבעך געקומען אויף אונדזער שיין וועלטעלע . . .

אַמאָל, אַמאָל איז דאָס לעבן אונדזערס געווען סטאַביל, אָרדנונג אין געזעלשאַפט, האַרמאָניע אין דער קונסט, מוזיק, מאַלעריי, ליטעראַטור — אַ שעפערישע גאַנצקייט.

און היינט ?

קאַקטייל, בלויז קאַקטיילס . . .

אייגנטלעך, איז קאַקטייל אַן ענגליש וואָרט.

קאָק איז אַ האָן, און טייל איז אַן עק.

ס׳מיינט, אַן עק, אַ וויידל פון אַ האָן.

אַ וויידל פון אַ האָן איז אַ געמיש פון גרויסע און קליינע קאָלירטע פעדערן, און אַ קאַקטייל איז אַ מישעניש פון עטלעכע פלעשער בראַנפן ווייַן, קאָניאַק, וויסקי און ליקער.

און איין גאָט ווייסט פון וואָס נאָך . . .

אפילו דער קאַקטייל־מישער, צעמישט זיך אַמאָל ביים מישן די פלעשער משקה . . . פון איין פלאַש מער, פון אַ פלאַש ווייניקער.

פון וואָס מער פלעשער אַ מישעניש איז אַלץ אַ בעסערער קאַקטייל . . .

אַזוי זאָגט מען !

איך אַליין האָב דעם מישמאַש־קאַקטייל נישט ליב.

פרעגט, אַדרבה, אַ מענטש וואָס האָט ליב אַ ביסל משקה, אַ גוטן טרונק בראַנפן, וועט ער אייך באַלד זאָגן, אַז ער וויל גלייכער אַ בלויזן קאָניאַק, אַ וויסקי אָדער אַ גלעזל גוטן ווייַן, נישט קיין קאַקטייל־מישעניש . . .

אַמאָל, אַז מ'איז געקומען אויף אַ שמחה, האָט מען מכבד געווען מיט אַ שטאַרק, לויטער גלעזל בראָנפן, וואָס האָט דערוואַרעמט דאָס בלוט און געשטאַרקט דעם אַפּעטיט.

מ'האָט דערפילט, אַז מ'לעבט!

אינמיטן עסן האָט מען פאַרזוכט אַ גוט ביסל וויין און פאַרענדיקט מיט אַ געשמאַק גלעזעלע ליקער.

ס'איז געווען געזונט פאַרן בויך און פריילעך אויפן האַרץ...

און היינט איז הימל און ערד — און קאַקטייל!!

און אַז ס'גיסט טאַקע אַריין עטלעכע גלעזלעך קאַקטייל, הייבט זיך אַן פון דעם מישעניש, צי מישן אַ ביסל אין קאָפּ...

פרעגט, זייט מוחל, אַן אמתן טרינקער, דעם וואָס האָט ליב אַ שנעפּסל און קען גוט די מלאכה פון טרינקען, אַן אמתן שנאַפּס־קאַפּיטאַן.

וועט ער אייך אויסזאָגן דעם סוד פון טרינקען און טאַקע נישט איין שנעפּסל, נאָר עטלעכע גלעזעלעך, מאַכן די אמתע כוסה און נישט ווערן שיכור...

— מ'טאָר נישט מישן!

אָט דאָס איז דער גאַנצער סוד פון טרינקען.

טרינקט איר בראָנפן, טרינקט נישט באַלד קיין ביר, טרינקט איר וויסקי, טרינקט נישט באַלד קיין וויין.

דערבאַרעמט זיך אויף אייער קאָפּ, אויף אייערע פיס...

טרינקט און מישט נישט!

אַז מ'האָט איינעם געוואָלט אַמאָל אָפּטאָן אַ שפּיצל, ער זאָל ווערן שיכור, בגילופנדיק, האָט מען אין זיין גלאָז ביר אַריינגעגאָסן אַ ביסל שטאַרקן בראָנפן און ער איז געווען — פאַרטיק...

ער האָט באַלד געקריגן אַ לויזע צונג, און ס'איז געוואָרן לעבעדיק...

היט זיך און מישט נישט. טרינקט וויפל איר ווילט, וויפל איר קענט, נאָר טרינקט גלייך פון איין סאָרט משקה, וועט איר אַהיימגיין גלייך...

מילא, נו, וואָלט נאָך געווען, ווי מ'זאָגט, אַ האַלבע צרה מיטן קאַק־טייל־מישעניש, ווען דאָס צעמישעניש וואָלט בלויז געבליבן ביים גלעזל...

האָט זיך אָבער דאָס מישעניש־משוגעת, דער קאַקטייל, אַריינגעכאַפּט אין אונדזער גאַנץ לעבן...

דער קאַקטייליזם באַהערשט דאָך אונדז אומעטום.

יאָ, יאָ, לאַכט נישט, נישטאָ וואָס צו לאַכן, נישטאָ פון וועמען צו לאַכן, סיידן פון זיך אַליין...,

קאָקטייל אַהין, קאָקטייל אַהער!

מ׳לאַדט שוין נישט איין אויף אַ גלעזל געשמאַקע, הייסע טיי מיט וואַ־רעניש, מיט היימישן איינגעמאַכטס.

ניין, מ׳לאַדט היינט איין בלויז אויף אַ קאָקטייל.

צי איר קענט יאָ טרינקען, צי נישט, דאָס איז אַ קלייניקייט. אבי איר זענט איינגעלאַדן אויף אַ קאָקטייל...

איר דרייט זיך טאַקע אַרום ווי אויף אַ פרעמדער חתונה, אָבער איר זענט דאָ אויף אַ קאָקטייל...

ס׳איז אַריסטאָקראַטיש!

דער קאָקטייליזם האָט אויף אונדז נעבעך געמאַכט אַן אמתע אינוואַזיע.

אדרבה, כאַפּט אומישנע אַ קוק אויף אַ מאָדערנעם יונגנמאַן (אַלטע אויך), קוקט נאָר אָן אָט דעם „דענדי", דעם אויסגעפּוצטן פּאַצעט, דעם שטאָלצן פּאַנאַפּאָרן. זעט נאָר זיין הילוך, זיין מאָדערנע קליידונג און צי־מישעניש:

די הויזן גרין, געשטרייפט, אַ קאָלירט העמד מיט אַ קראַוואַט פון קאָ־לירטע שטרייפן, געלע שיך מיט בלויע שקאַרפּעטקעס און מיט אַ ווייס רעקל...

אָט האָט איר אַ קליידער־צעמישעניש.

אַ גייענדיקער קאָקטייל!

קום איך אַריין צו אַ באַקאַנטן מיינעם, אין אַ שיין אויסגעפּוצטער סאַלע.

זע איך ווי צוויי ווענט זיינען עפּעס אויסגעמאָלט מיט אַ העלראָזע קאָליר, און די אַנדערע ווענט זיינען געמאָלט מיט אַ טונקל־גרינער פאַרב.

און ביי דער וואַנט שטייט אַ לאַנגע סאָפע, אויסגעבעט מיט אַ גאָלדיקן בראָקאָט, און די צוויי ברייטע פאָטער־שטולן, זיינען עפּעס געבעט מיט באַזונדערע קאָלירן. איין שטול מיט געלע פאַסן, און די אַנדערע שטול מיט רויטע בלומען.

פרעג איך די באַלעבאָסטע, צי מ׳האָט נאָך ניט פאַרענדיקט מאָלן די סאַלע, און פאַרוואָס איז דאָס מעבל פאַרטוישט...

צעלאַכט זי זיך, די עלעגאַנטע באַלעבאָסטע:

וואָס רעדט איר? איר זענט דאָך גאַרנישט קיין מאָדערנער מענטש. דאָס איז דאָך די לעצטע מאָדע.

די ווענט דאַרפן זיין מיט צוויי קאָלירן. דאָס מעבל אין סאַלע אויך פון עטלעכע קאָלירן.

ס'איז מאָדערנע און אַריסטאָקראַטיש...

זע איך טאַקע: אין אַ זייט שטייט אַ קליין בופעטל מיט עטלעכע בענקלעך, ווי אַ קאַנטינע...

אויפן בופעט שטייען אויסגעשטעלט אַלערליי פלעשער מיט שמאָלע, הויכע גלעזלעך.

פאַרשטיי איך שוין, פאַרוואָס די ווענט און דאָס מעבל דאַרפן זיין מיט אַ קאָליר־צעמישעניש.

ביי דער קאַנטינע מישט מען דאָך קאָקטיילס, דאַרף אַלץ זיין צעמישט...

קאָקטייל־ווענט מיט קאָקטייל־מעבל!

קום איך אויף אַ בילדער אויסשטעלונג. זע איך דאָרט פּרעכטיקע קונסט־בילדער, וואָס זעטיקן דאָס אויג מיט אַן עסטעטישן גענוס פון דעם קינסטלערס געמאָלענע נאַטור־בילדער.

מ'זעט אַ בילד פון אַ וואונדערלעכן זון־אונטערגאַנג אויפן אַ פּלאַמיקן האָריזאָנט פון אויסגעשפּרייטע, רואיקע ים־כוואַליעס.

גיי איך אַריין אין זאַל פון מאָדערנע קונסט, דערזע איך עפּעס מאָדנע בילדער, וואָס דערשרעקן און באַליידיקן דעם עסטעטישן גענוס פון מענטש...

אַ בילד מיט געלע קוואַדראַטן מיט צעקרומטע פּאַסן פון אַלערליי קאָלירן. אַ בילד פון צעדרייטע מענטשלעכע פיגורן מיט צעקרומטע אויגן, הענט ווי צעבראָכענע צווייגן, אויערן ווי פליגל פון שוואַרצע קראָען.

ס'איז פּשוט אַ מורא, אַז אַ מעוברתדיקע פרוי זאָל קוקן אויף די בילדער...

פרעג איך מיין פריינד, וואָס איז דאָס פאַר אַ מאַזשגעריי?

ענטפערט ער מיר שטיל: ששש, שווייגט, רעדט נישט הויך. דאָס זיינען מאָדערנע קונסט־בילדער, ס'איז זיי שווער צופאַרשטיין. דער מאלער אַליין פאַרשטייט אויך נישט...

ניין, ס'איז נישט קיין קונסט און נישט קיין מאַלעריי...

ס'איז פּשוט אַ מישעניש, אַ צעמישעניש און אַ צעשמירעניש פון פאַרבן.

ס'איז קאָקטייל־מאָלעריי!

עס זיינען אויך דאָ קאָקטייל־רעדנער...

פאַראַן אַ רעדנער, אַ לעקטאָר וואָס איז אַ ביסל געכאַפּט אין דער מעשה.

ס'הייסט, ער האָט געכאַפּט אַ ביסעלע פון דעם און אַ ביסל פון יענעם, אַלץ צו ביסלעך...

אַז דער „געלערנטער" האַלט אַ פילאָסאָפישן רעפעראַט, הייבט ער אָן פון די סכאָלאַסטיקער אין מיטלאַלטער און שפּרינגט אַריבער צו דער וויזיע פון ישעיה הנביא.

ער רייכערט אונטער אַ ביסל פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און פאַרענדיקט מיט דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע פון אַן אַלטן סוחר...

די צוהערער הייבן די פּלייצעס, עפּעס איז נישט אין אָרדנונג ביים רעדנער אין אויבערשטיבל... ער פאַרבייט די יוצרות.

אָבער ניין, ס'איז גאָרנישט!

ער איז נישט מער ווי אַ קאָקטייל־רעדנער!

כ'האָב אַמאָל געהערט אַ גרויסן דזשאַז־אָרקעסטער, ווי ער הייבט אָן שפּילן אַ באַקאַנטן, קלאַסישן מאָטיוו פון אַ באַרימטער סימפאָניע.

מיטאַמאָל איז דער אָרקעסטער פאַרקראָכן קיין בויבעריק...

די טראָמייטן האָבן זיך צעשריגן אויף די העכסטע טענער. די סאַקסעפאָנען האָבן געברומט, די קלאַרנעטן צעבלאָזן און די פּויק מיט די טאַצן האָבן גענומען קלאַפּן און טראַסקען און באַראַבאַנעווען גיך־גיך.

ס'איז געוואָרן אַ בראַזגעריי, אַ קוויטשעריי אויף די העכסטע טענער, ווי דאָס פאַלן די ווענט פון יריחו...

פון דער שיינער מעלאָדיע איז געוואָרן אַ צעמישעניש, אַ צעדרייעניש און אַ פאַרדרייעניש...

אָט האָט איר קאָקטייל־מוזיק!

עס זיינען פאַראַן פּאָעטן, שרייבער מיט טאַלאַנט.

אַזאַ גאָט־געבענטשטער דיכטער איז בלויז באַרימט מיט זיינע לידער און פּאָעמעס.

אָדער אַ טאַלאַנטירטער פּראָזע־שרייבער, אַ באַרימטער נאָוועליסט.

יעדער איינער טראָגט בלויז איין קרוין. די קרוין פון פּאָעזיע אָדער די קרוין פון פּראָזע.

עס זיינען אָבער אויך דאָ טאַלאַנטירטע דיכטער און שרייבער, וואָס האָבן כוח צו טראָגן עטלעכע קרוינען...

פּאָעזיע, נאָוועלע, וויסנשאַפט און פילאָסאָפיע.

אין מעקסיקאנער גן־עדן

מילא, נו, פאַרוואָס נישט ?
אַז מ׳קען — קען מען !
זיינען דאָך אָבער שרייבער אויך נישט מער ווי מענטשן . . .
נו, פאַרגינט מען נישט אַזאַ „אַלצאינאיינעם” דיכטער אָדער שרייבער,
צו טראָגן עטלעכע קרוינען מיטאַמאָל . . .
אָבער נישטאָ זיי וואָס מקנא צו זיין, ס׳איז גאַנץ מאָדערנע . . .
זיי זיינען טאַלאַנטירטע קאָקטייל־שרייבער !
יאָ, מיר האָבן היינט אַ קאָקטייל־ציוויליזאַציע, אַ קאָקטייל־קולטור . . .
בלויז קאָקטיילס !

מאַלע וואָס מ׳רעדט!...

אין די קרייזן פון דער יידישער דערציונג רעדט מען נאָך אַלץ מיט גרויס באַגייסטערונג פון דעם שיינעם יום־טוב, וואָס די גרויסע יידישע שול האָט איינגעאָרדנט לכבוד דער דערעפענונג פון נייעם אודיטאָריום ביי דער שול.

איז דאָס טאַקע באמת אַ רחבותדיקער בנין, אַ גרויסער פיינער טעאַ־טער־זאַל.

וואָס זאָג איך — אַ זאַל?

ניין! טאַקע אַן אמתדיק טעאַטער! מיט אַ גרויסער בינע און הערט נאָר הערט: טאַקע מיט שיינע, מאָדערנע, געבעטע שטולן, וואָס ס׳איז פשוט אַ מחיה אויף זיי צו זיצן...

איי, ווען די פרעזידענטן פון די אָרגאַניזאַציעס האָבן אַזעלכע ווייך־געבעטע שטולן, וואָלטן זיי זיכער געבליבן זיצן אויף די באַקוועמע בענק־לעך און קיין מאָל נישט רעזיגנירט...

האָט דער פרעזידענט פון בוי־קאָמיטעט, דער באַקאַנטער, ענערגישער שול־טוער, סאָל ווישניאַק, און זיין ברודער דער באַוואוסטער געזעלשאַפט־לעכער טוער, סעם ווישניאַק, דערקלערט, אַז אינעם נייעם טעאַטער זיינען דאָ 800 זיץ־פּלעצער און מ׳קען נאָך צושטעלן אַ 200 שטולן.

יאָ, דאָס שענסטע איז טאַקע די דערקלערונג, אַז דאָס גרויסע נייע טעאַטער ביי דער יידישער שול וועלן קענען באַנוצן אַלע יידישע אָרגאַ־ניזאַציעס צו קענען דאָרט איינאָרדענען קאָנצערטן און שפּילן יידיש טעאַ־טער...

און דאָס נייע טעאַטער רופט זיך טאַקע אויפן נאָמען פון דעם לאַנג־יאָריקן, געטרייען שול־טוער סעם ראָזען ע״ה.

און אַזוי ווי איך גלייב אין השארת־הנפש, בין איך זיכער, אַז די נשמה פון שמעון ראָזען ע"ה, וועט ביים באַזוכן דעם פּרעכטיקן טעאַטער־זאַל, האָבן אַ גייסטיקע הנאה און וועט בענטשן די שול־טוער פאַר זייער וואונ־דערלעכן אויפטו.

איז טאַקע די פייערונג ביים עפענען דאָס טעאַטער געווען אַן אמתע שמחה, מיט געזאַנג און טענץ פון די תלמידים, וואָס דער שול־דירעקטאָר ד"ר ב. שולגאַסער האָט געהאָלפן איינאָרדענען.

ווייזט אויס, אַז אַ חוץ אַ שול־דירעקטאָר, איז אויך ד"ר שולגאַסער אַ גוטער בעל־מנגן...

יאָ, און די יידישע שול האָט שוין אויך אַ בלאָז־אָרקעסטער מיט מע־שענע טראָמייטערס און מיט פּויקן... און דווקא אַ קליין סימפּאַטיש בלאָנד בחורל, האָט געהאַלטן דעם גרויסן, שווערן מעשענעם טראָמייט, דעם באַס אויף די קני... און נעבעך געבלאָזן מיט גאַנצן כוח — טרו־טאַ־טאַ, טרו־טאַ־טאַ!

איי, בלאָזן זיי די תלמידים! ווען זיי האָבן אַזאַ חשק צום לערנען, ווי צום בלאָזן, וואָלטן זיי זיכער געווען די בעסטע בלאָזער, כ'מיין, די בעסטע תלמידים...

רעדט מען טאַקע אויך, אַז מצווה גוררת מצווה... דער ענערגישער, טעמפּעראַמענטפולער שול־טוער, ר' אריה לייב פּערעל, וואָס זאָרגט אויף גלות השכינה... בויט אויפן שול־הויף, אַ ביבליאָטעק־געביידע מיט לייען־צימערן פאַר די שול־תלמידים.

זאָל זיי זיך דאָרט אַריינכאַפּן לייענען אַ יידיש בוך, אַ זשורנאַל און אַ יידישע צייטונג.

וועלן זיי אפשר אַ חוץ קענען לייענען יידיש, אויך נעמען רעדן צווישן זיך יידיש...

נאָר מאַלע וואָס מ'רעדט!

אין די יידישע קולטור־קרייזן (רעליגיעזע אויך) רעדט מען מיט גרויס פאַרדראָס, וועגן די נאַריש־אומגעלומפּערטע און עם־האַרצישע אויסדרוקן וועגן יידישקייט און וועגן דער יידישער קולטור.

יאָ, יאָ, דאָס האָט מען טאַקע געהערט רעדן, דיסקוטירן און גלאַט פּלאַפּלען ביים „רונדן טיש", וואָס דער יידישער ספּאָרט־צענטער האָט איינ־געאָרדנט אויף דער טעמע: „וואוהין גייט די יידישע יוגנט"?

כ'מיין, וואוהין שטופּט די יידישע יוגנט?...

האָט מען ביים רונדן־פּירקאַנטיקן טיש געהערט רעדן אַזעלכע שפּיציק־

שטעכיקע ווערטער, אַז זיי מעגן פאַלן אויף אַלע וויסטע און פוסטע פעל־דער...

עטלעכע יוגנטלעכע (נישט אַלע, חלילה) פון דער אַסימילאַטאַריש־שמענדריק־יוגנט, האָבן נעבעך געערדט וועגן יידישן פאָלק, וועגן דער יידיש־העברעאישער קולטור, רייד וואָס מע קען דאָס אפילו ניט הערן רעדן ביי דער כינעזישער אָדער טערקישער יוגנט...

אוי, האָט מען געדברט, אוי, האָט מען געערדט — על העצים ועל האבנים, פאַר פייער און פאַר וואַסער...

אַזאַ מעשה גאָר!

האָט זיך איין שמענדריק אַרויסגעערדט, אַז ווען די „וויעכאָס" וועלן אויסשטאַרבן, וועלן זיי, די "כאַוועגעס", ווערן די פירער פון ישוב...

„סי סעניאָר, נאָסאָטראָס! מיר!"

ווי איז מיר! וואוהין וועלן זיי, די אַסימילאַטאָרישע שמענדריקעס, פירן דעם יידישן ישוב?

אדרבה, זייט אַ חכם און זאָגט וואוהין...

אַז די גרויסע צעלייגערס און גאַנצע קנאַקערס, קענען נאָר פטרן דאָס פאַרמעגן, וואָס זייער אויסגעהאָרעוועטע טאַטעס, האָבן דורך שווערער פּראַ־צע און אַרבעט פאַר זיי אָנגעגרייט...

אי נאַדאַ מאַס! מער גאָרנישט!

אַ צווייטער שמענדריק־אינטעליגענט וויל נעבעך זיך דווקא איינרעדן (די גויים אויך...)), אַז ער איז שוין אַן אמתער, הונדערט פּראָצענטיקער מעקסיקאַנער, אי נאַדאַ מאַס...

ער האָט געלאָסן דערקלערט זיין שמענדריק־פילאָסאָפיע:

— דער, וואָס וויל זיין אַ ייד, דאַרף פאָרן אין מדינת ישראל... דאָ אין מעקסיקע איז ער אַ מעקסיקאַנער און נישט מער...

קע בוענאַ כאַוועז! אַ וואוילער בחור! ס'מזל אויפן טאַטן און אַ גדולה אויף דער באָבען...

יאָ, טייערער שפּיל־פויגל, דאַרף מען דאָך אָבער אויך פרעגן טאַקע די אמתע מעקסיקאַנער, צי זיי האַלטן אים פאַר אַן עכטן מעקסיקאַנער...

אפשר האַלטן אים גאָר די מעקסיקאַנער בלויז פאַר אַן אמתן „כודיאָ", וואָס קען און מעג און דאַרף אויך אָפּהיטן זיין שפּראַך און טראַדיציעס, און טאַקע אויך זיין אַ גוטער, געטרייע מעקסיקאַנער בירגער... פונקט ווי די פראַנצויזישע אָדער איטאַליענישע מעקסיקאַנער בירגער.

סי, סי, סעניאָר אַסימילאַציע־שמענדריק!

אין מעקסיקאַנער גן־עדן

שוטה בן פיקהאַלץ וואוהין שטופסטו זיך, וואוהין קריכסטו?

רעדט מען טאַקע אויך, אַז אויפן רונדן־פירקאַנטיקן־טיש אין ספּאָרט־צענטער, האָט מען נישט געזען קיין איין דירעקטאָר פון אַלע פיר יידישע שולעס, וואָס האָבן דאָך געהאָלפן דערציען די יידישע יוגנט...

ס'וואָלט באמת געווען אינטערעסאַנט צו הערן, וואָס זיי האָבן צו זאָגן ביים רונדן־טיש, וואו זיי וואָלטן געהערט אַזעלכע וואונדערלעכע חכמות און רייד, וואָס אַפילו אַ כעלעמער יוגנט וואָלט נישט געוואַגט הויך צו רעדן...

נאָר מאַלע וואָס מ'רעדט!

אין די קרייזן פון די יידישע לערערס און דערציערס, רעדט מען מיט גרויס צופרידנקייט וועגן דער שמחה, וואָס דער יידישער לערער־סעמי־נאַר האָט איינגעאָרדנט פאַר די אַכט לערערינס (נישט קיין לערער...), וואָס האָבן דאָס יאָר געענדיקט דעם לערער־סעמינאַר.

נו, מילא, פאַרוואָס נישט, ס'איז טאַקע אַ גרויסע שמחה פאַרן ישוב, וואו ס'איז דאָ אַ גרויסער דוחק אין לערערס...

האָבן טאַקע די אַכט געלערנטע, סימפּאַטישע מיידלעך אויסגעצייכנט געענדיקט דעם סעמי־נאַר (האַלבער נאַר)... אָבער זיי זיינען, די טייערע מיידלעך, טאַקע אמתע חכמות (צום לערנען דאַרף מען אויך חכמה...) און געטרייע יידישע טעכטער.

זיי האָבן זיך דאָך נישט געיאָגט נאָך גרויסע, גוט־באַצאָלטע קאַריע־רעס, נאָר זיי האָבן פאַרבונדן זייער צוקונפט מיט לערעריי, מיט דער יידיש־העברעאישע קולטור.

יאָ, זיי זיינען דאָך די אמתע אידעאַליסטינס, וואָס ווילן דינען זייער פאָלק, און נישט בלויז פטרן זייער לעבן אין „סאַלאָן דע בעיעסאַ", קוקן שטענדיק אויף דער טאַליע, שפּילן קאַנאַסטאַ און וואַרטן אויף אַ רייכן בחור, אַ „סאַלוואַדאָר טיניפאַצקי"...

נו, דאַרף טאַקע קומען אַ געזונט אויף זייערע שיינע, מיידלשע קעפּ!

רעדט מען טאַקע אויך און טאַקע גאַנץ הויך, אַז די ציוניסטישע פע־דעראַציע וועט געבן אַ גאָלדענעם מעדאַל, דעם דירעקטאָר פון לערער סע־מינאַר, דעם „אוטשאַני יעוורעי", חבר טוביה מייזעל, פאַרן העלפן איינ־אָרדענען די גאָר פיינע שמחה פון לערער־סעמינאַר.

ס'איז באמת געווען אַ גרויסאַרטיקע לערער־שמחה, כ'מיין, אַ גרויס־אַרטיקע שמחה לכבוד צען יאָר מדינת ישראל.

אַזאַ עכט ציוניסטישן יום־טוב, מיט אַזאַ אויסגעצייכנטער ציוניסטישע

פראָפּאַגאַנדע פאַר מדינת ישראל — וואָלט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע נישט געקענט איינאָרדענען...

און טאַקע זיכער נישט בעסער, ווי דאָס האָט איינגעאָרדנט דער בונדיסט, טוביה מייזעל, מיט די לערערינס פון דער תרבות־שולע...

חבר טוביה מייזעל האָט דעם ציוניסטישן מעדאַל כשר פאַרדינט...

רעדט מען טאַקע שטילערהייט, אַז די אַכט סעמינאַריסטינס, די נייע יידישע לערערינס פאַר די יידישע שולעס, האָבן אויף זייער גראַדואַציע־שמחה גערעדט און געלייענט מער העברעאיש ווי יידיש...

נאָר מאַלע וואָס מ׳רעדט!

צווישן די ליבהאָבער פון יידישן לשון, פון דער יידישער קולטור און טאַקע אויך צווישן די פרומע שול־יידן, רעדט מען איצט מיט אומצופרידנהייט וועגן דער שפּאַנישער דרשה, וואָס דער חשובער געלערנטער רב, ד״ר יעקב אביגדור, האָט געהאַלטן שבת אויף אַ בר־מצוה־שמחה, אין דער שול יוקאַטאַן, אונטן.

דער חשובער און געלערנטער רב איז גוט באַקאַנט מיט זיינע לעקציעס וועגן חכמת ישראל.

ער רעדט דאָך טאַקע אַזאַ פּליסיקן, אַ שפּרודלדיק־מחיהדיקן יידיש.

ס׳איז דאָך פּשוט אַ גייסטיקער פאַרגעניגן צו הערן זיינע רעפעראַטן אויף אַ שיינעם פאָלקסטימלעכן יידיש.

און מיטאַמאָל — ווי איז מיר, נעבעך! — נעמט דער חשובער רב און האַלט גאָר אַ רעדע אויף שפּאַניש אין אַ שול, שבת טאַקע, צו באַגריסן אַ בר־מצוה בחור!

היכא תמצא?...

ווי געשיקט זיך דאָס, ווי קען דאָס טאַקע זיין?

רעדט זיך פאַר מיר אויס דאָס האַרץ אַ פּרוי, וואָס איז טאַקע געווען שבת אין שול אויף דער בר־מצוה:

— וואָס זאָגט איר עפּעס אויף אונדזער רב, זאָל געזונט זיין? — הערט איר, כ׳וואָלט זיך קיין מאָל נישט געגלייבט, אַז אונדזער געלערנטער רב זאָל אין אַ פרומער, אָרטאָדאָקסישער שול האַלטן אַ דרשה פון אַ פּאַפּיר אויף אַן ענגלישן־שפּאַניש, אויף אַ בר־מצוה־שמחה שבת אינדערפרי...

און טאַקע פאַר אַ גרויסן עולם, קיין עין הרע, וואָס פאַרשטייען אַלע יידיש...

גלייבט מיר, ס׳האָט געהאַט אַזאַ טעם, דעם רבס שפּאַנישע רעדע,

פונקט ווי אַ ראַביי האַלט אַ „סערמאָן" אויף ענגליש אין אַ רעפאָרם־טעמפל . . .

רעדט מען טאַקע גאַנץ הויך און מען וואונדערט זיך שטאַרק, ווי קומט דאָס טאַקע, פאַר וואָס און פאַר ווען ?

זאָל אויך אונדזער געלערנטער רב, דער מורה־דרך, אויך אויסשטרעקן אַ האַנט דער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע, וואָס רייסט דאָ גאַנצע פאַסן פון אונדזער פאָלקס־לשון און קולטור ?

רעדט מען אויך שטילערהייט, אַז די בונדישע ראַטמענער אין דער קהילה, וועלן אויפהייבן די פראַגע אויף אַ קהילה־זיצונג, מיט אַ פּראָטעסט:

היתכן, ווי אַזוי קען אַ רב נעמען און מחלל זיין, פאַרשוועכן אונדזער טייער ,הייליק מאַמע־לשון, אין אַ שול, שבת, פאַר אַ גרויסן עולם, ווען אַלע פאַרשטייען און רעדן יידיש ? . . .

נאָר מאַלע וואָס מע רעדט !

IV

אין דער מלאָכים-שטאָט
(לאָס אַנדזשעלעס)

(רייזע-איינדרוקן)

מיט דער באַן קיין לאָס אַנדזשעלעס
(יאַנואַר 1948)

ווען מ׳לעבט אָפּ 22 יאָר, כמעט אַ דריטל פון אַ מענטשלעך לעבן, אין איין לאַנד, נאָך דערצו אין איין שטאָט, איז אַ ביסל שווער זיך מיט־אַמאָל אויפהייבן און אַוועקפאָרן אין אויסלאַנד...

ווען מ׳וווינט אָפּ אין אַ שטאָט 22 יאָר, ווערט מען פאַרבונדן, פאַר־קניפּט מיט טויזנטער פעדעם צו דער שטאָט, צו דער שיינער שטאָט מעק־סיקע צו די פּאַרקן, גערטנער, קאַפעען, רעסטאָראַנען: צו דעם ריטם און גאַסן־גערויש פון שטאָט, צו דעם לעבנס שטייגער, מנהגים פון די איינ־וואוינער, פון דער גרויסער מעטראָפּאָליע פון 3 מיליאָן מענטשן — מעק־סיקע ד. פּ.

איז טאַקע דאָס פאָרן פאַרבונדן, אַ חוץ מיט רייזע־פיבער, אויך מיט אַ שטילער שרעק און נייגעריקער דערוואַרטונג פאַר דעם „אויסלאַנד", פאַרן אומאַקבאַנטן, וואָס דערוואַרט דעם רייזנדן מענטש...

און ווען מ׳לאָזט איבער אין פּוילן אַ ברודער, אַ קליין צען יאָריקן יינגל און מ׳זעט אים נישט מער ווי צוויי צענדליק יאָר... און כ׳פאָר טאַקע איצט מיט אים זיך באַגעגענען. נו, שטאַרקן זיך די עמאָציעס, פאַר־שאַרפן זיך די געפילן פון טאָג צו טאָג, פון שעה צו שעה...

דארף טאַקע די באַן אָפּגיין 12 אַזייגער, אָבער דער צוג שטייט און שטייט, וואַרט אויף עפּעס. אויף וואָס וואַרט ער דער צוג?

איך ווער אַלץ מער אומגעדולדיק. די באַן האָט שוין געזאָלט אָפּגיין מיט אַ שעה פריער און דאָ רירט זיך נישט דער צוג פון אָרט.

כ׳קוק אַרויס פון פענסטער, מיינע ליבע פריינד שטייען נאָך אַלץ לעבן וואַגאָן, פאָכען מיט די הענט, ווייזן מיר דורכן פענסטער וויציקע אויפשריפטן, זיי זיינען אויך אומגעדולדיק, שפּאַצירן הין און צוריק און — דער צוג רירט זיך מיט מזל...

אַדיאָס מעקסיקע, אַדיאָס!

אין ווייך אויסגעבעטן פּולמאַן־וואַגאָן זיצט זיך עפּעס אַזוי באַקוועם, ווי אין אַ פיינע סאַלע. נאָר אָט באַווייזט זיך אַ דיקע פרוי פון אַ 100 קילאָ, און זי געפינט איר פּלאַץ פּונקט קעגן איבער מיר — מיין מזל!

ס׳ווערט מיר אַ ביסל שווער אויפן האַרץ, כ׳באַטראַכט מיין באַלייבע, קיילעכדיקע שכנה מיט טיפן באַדויערן: אָט דאָס געוויכטיג, וועט דאַרפן ביינאַכט זיך אַרויפדראַפּען אויף איר געלעגער איבער מיין אונטערשט בעט... ס׳איז פּשוט אַ צער בעלי חיים! און אפשר קען זיך חלילה ביינאַכט טרעפן אַן אומגליק און איר הענגענדיק אויבערשט בעט, זאָל זיך געבן אַ לאָז אַראָפּ אויף מיר... בין איך אַ פּאַרטיקער... אַ צעקוועטשטער, ווי אויף אַ יידישן מאַסן־מיטינג...

די געדאַנקען פליען אַ סך שנעלער ווי די באַן, וואָס שטעלט זיך אַלע האַלבע שעה אָפּ — כאַפּן דעם אָטעם: איבערגעלאָזט אין דער היים אַ ווייך, וואַרעם בעט, ביכער, פריינד, באַקאַנטע און אַוועקגעלאָזט זיך אין אַ ווייטן, אומבאַקאַנטן וועג, אין אַן ענגן, אויסגעפּוצטן שלאָף־וואַגאָן!

די רעדער גליטשן זיך אויף די אייזערנע רעלסן, קלאַפּן צו מיט אַ ריטמישן — טאַ־טאַ טאַם, טאַ־טאַ־טאַם. דער וואַגאָן באַוועגט זיך פּאַמעלעך אויף ביידע זייטן, פאַרוויגט, באַרויקט, פאַרשלעפערט און ס׳ווילט זיך כאַפּן אַ לייכטן דרימל, כ׳פאַר דאָך אין אַ פּולמאַן!

אַזייגער אַכט אין אָוונט ווערט מיטאַמאָל דער גאַנצער וואַגאָן פאַרוואַנדלט אין אַ לאַנג, שמאָל שלאָף־צימער. די שמאָלע געלעגערט ווערן פאַרוקט, פאַרקייטלט, פאַרהעקלט מיט טונקעלע פאַרהענגלעך, יעדער פאַרוקט זיך אין זיין פאַרהאַנגען קעסטל, אין זיין קאַנורע...

פון אַן אויבערשט בעט באַווייזט זיך אַ קאָפּ מיט אַ פּאָר אַראָפּהענגענדיקע פיס, רעדט עפּעס שטיל צום באַדינער. די פאַרהענגלעך פאַרוקן

זיך גיך צוריק און שאַ, שטיל, פונקט ווי מ׳וואָלט געפירט אַ וואָגאָן קראַנקע מענטשן . . .

שפּעט ביינאַכט דערפיל איך אַ שטאַרקן טרייסל, די באַן בלייבט שטיין לעבן אַ באַלויכטענער סטאַציע. כ׳קוק אַרויס דורכן פענסטער, עטלעכע פאַרשלאָפענע, מידע מענטשן לויפן הין און צוריק און דער צוג נעמט ווי־דער לויפן אַ סך שנעלער ווי בייטאָג, שלינגט די קילאָמעטער, דרייט זיך, שלענגט זיך און וואַרפט זיך, ווי אַ בייזע, צעלאָזטע, ווילדע חיה . . .

דורכן פענסטער זעען זיך די פינקלדיקע שטערן אין דורכזיכטיק, קלאָרן הימל. נאַקעטע פעלדער און לאַנגע בערג־קייטן.

כ׳דערפיל זיך עפּעס אַזוי איינזאַם, פאַרלאָזן אויפן שמאָלן געלעגער, און דאָס ריטמישע קלאַפּן פון די רעדער פאַרוויגט ווידער אין אַן אומ־רואיקן שלאָף.

אינדערפרי אויפן דריטן טאָג, ווערט אין כואַרעז ליידיק דער וואָגאָן. די מענטשן ווערן מיט אַ קאַלטן „אַדיאָס" פאַרשוואונדן, אויסגערונען איינ־ציקווייז מיט זייערע פּעקלעך.

ביים גרענעץ אויף דער אַנדערער זייט בריק, דערפילט מען באַלד, אַז מ׳איז אין אַן אַנדער לאַנד, אַנדערע מענטשן און עפּעס אַן אַנדערע לופט . . .

— על פּאַסאָ, די שטאַטן ! די שטאַטן !

די מלאכים־שטאָט

(לאָס אַנדזשעלעס)

לאַנגע, גאַסן, ווי דאָס יידישע גלות, ברייטע, רחבותדיקע, גרויסע בולוואַרן, ווי עוג מלך הבשן, באַוואַקסן מיט הויכע פּאַלמען און בוימער, ציען זיך אויף צענדליקער קילאָמעטער, איבער דער לענג און איבער דער ברייט פון דער גיגאַנטישער, צעשפּרייטער שטאָט.

אַ מאָדנע אויסטערלישע שטאָט! ניין, נישט קיין שטאָט, נאָר אַ גרויס, ריזיק, צעשפּרייט דאָרף מיט איינשטאָקיקע, הילצערנע הייזער. רבונו של עולם! וואו נעמט מען אַזוי פיל האָלץ?

אין צענטער (דאַון טאַון), זעט מען גרויסע, געמויערטע געביידעס פון 15 שטאָק, מאָדערנע, גרויסע געשעפטן און אין 15 מינוט אַרום זענט איר שוין אין אַ דאָרף מיט אַלט־מאָדישע הילצערנע הייזער פון די אַמאָליקע לאָס אַנדזשעלער איינוואוינער...

דאָ טאָר מען חלילה נישט זאָגן — לאָס אַנדזשעלעס, פאַר וואָס ברענסטו נישט? אַלע פיר זייטן שטאָט וואָלטן חלילה געברענט, געפלאַקערט מיט די אויסגעטרוקנטע, הילצערנע הייזער, מיט די הילצערנע וועראַנדעס, ווי אַ געפלאָכטענע, אָנגעצונדענע הבדלה... שטייען טאַקע די הילצערנע הייזער אָפּגערוקט איינס פון אַנדערן מיט אַ 10 מעטער, אַרומבאַוואַקסן מיט פּאַלמעס, ביימער און גראָז. נישקשה, ס'איז דאָ גענוג פּלאַץ...

לאָס אַנדזשעלעס, די שטאָט פון מלאָכים, גלחים, קלויסטערס און, להבדיל, סינאַגאָגן, שולן, רעפאָרם־טעמפּלען און צענטערס צעשפּרייטע אויף ארבע פינות, איבער דער צעשפּרייטער מלאכים־שטאָט.

אין „באָילהייטס" דער יידישסטער טייל פון אַלע יידישע שטאָט־טיילן, ציען זיך צענדליקער גאַסן פון בלויז יידן. ס'טומלט און ווימלט מיט יידיש

לעבן. מ׳הערט רעדן יידיש מיט אַ צעבראָכענעם ענגליש. יידישע כשרע רעסטאָראַנען, קאַפעען, בעקערייען. יידישע קראָמען מיט יידישע אויפשריפטן. יאַטקעס מיט שילדן פון בשר כשר... יידישע בוך־האַנדלונגען מיט טלתים, תפילין און מזוזות, תלמוד־תורות און יידישע נאָכמיטאָג־שולן פון אַלע ריכטונגען און פּאַרטייען... אַלץ איז פריי, אָפן, נישט געשטערט.

כ׳האָב זיך דערפילט עפּעס אַזוי גוט, אַזוי צופרידן, ווי כ׳וואָלט געקומען צופאָרן אין אַן עכט יידישער שטאָט אַריין...

אָבער יידן וואַנדערן — וואַנדערן איבער פון איין טייל שטאָט צום אַנדערן, פּונקט ווי ביי אונדז אין מעקסיקע...

וואוינען שוין יידן אין „וועסט עדעמס״, אין די רייכע קוואַרטאַלן פון „פּער־פּעקס״, „ווילשייר״, „בעווערלי־הילס״ — אַלץ נענטער צו דער שיינער, אויסגעפּוצטער האָליוואוד. שאַפן זיך נייע צענטערס, נייע שולן און די כוחות ווערן צעטיילט, צעשפּליטערט אין דער גרויסער צעשפּרייטער שטאָט...

וואוינען אין אַלע טיילן פון שטאָט אַ סך יידישע אינטעלעקטואַלן, שרייבער, קולטור־טוערס. גייט אַרויס אַ וועכנטלעכע, יידישע צייטונג, „די קאַליפאָרניער יידישע שטימע״, מיט איין זייט יידיש און 5 זייטן ענגליש...

די נישט געזעענע באַהאַלטענע האַנט פון דער „אַסימילאַציע״ האַמעוועט, שטערט און לאָזט נישט די גייסטיקע, יידישע כוחות שאַפן אַ פּאָזיטיווע פעסטונג פאַר דער יידישער קולטור.

די אַסימילאַציע עסט און פרעסט גאַנצע שטיקער פון דער היגער יידישער יוגנט, וואָס ווילן זיך אויסלעבן אין דער יידישער קולטור.

זיינען טאַקע די היגע יידישע קולטור־טוערס פּשוט מקנא דעם מעקסיקאַנער יידישן ישוב, מיט זיינע דריי גאַנצע טאָג־שולן, מיט די יידישע צייטונגען, וואָכנבלעטער און זשורנאַלן...

* * *

נישט קיין נאַרישע מענטשן זיינען געווען די ערשטע איינוואוינער פון לאָס אַנדזשעלעס, וואָס זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן זייער שטאָט, דעם שיינקלינגנדיקן נאָמען — „די מלאָכים״...

ס׳איז באמת אַ גרויסער, צעוואַקסענער גן־עדן, נאָר אָן מלאָכים...

עפּעס אָטעמט זיך דאָ אַזוי לייכט, אַזוי גוט און אַזוי פריש־מחיהדיק, זיס, מילד. מ׳פילט זיך דאָ אַזוי גרינג, פריי, אַז ס׳ווילט זיך נאָר גיין, שפּאַצירן, לויפן איבער די גרויסע, ברייטע בולוואַרן, אַלעען מיט דער

שמעקנדיקער, פרישער לופט פון די בערג, וועלדער, אָפּגעשניטן גראָז. פון די זיס־פאַרשיכורנדע ריחות פון רייפע, צייטיקע פאָמעראַנצן־בוימער. מ׳אָטעמט אין זיך אַריין די געזאַלצענע, שאַרפע ריחות פון וואונדערלעך־שיינעם ים־ברעג, וואָס דערפרישט, דאָס פנים מיט אַ פריש, קיל ווינטל, און שטאַרקט, מונטערט אויף דעם מענטשלעכן גוף...

פאַרנאַכט ווערן די אַרומיקע בערג מיט די הילצערנע, ווייס־געפאַרבטע הייזער, באַדעקט מיט גינ־גאָלדענע קאָלירן פון דער אונטערגייענדיקער זון, און שטייענדיק ביים זאַמדיקן ים־ברעג, דערזעט מען אַ וואונדערלעך־שיין בילד, אַ פּרעכטיקע פּאַנאָראַמע, אַ סימפאָניע פון קאָלירן און פאַרבן...

אָט ווערן די ווייסע וואָלקנדלעך, ווי סטאַדעס ווייסע שעפּסן, באַפאַרבט מיט העל־רויט, פייערדיק־רויט און פאַמעלעך ווערן זיי ראָזיק. די קאָלירן מיניען זיך, בייטן זיך. דער ווייטער ים־האָריזאָנט גיסט זיך צוזאַמען מיט דער רויט־פלאַמענדיקער זון. די וואָלקנס זעען איצט אויס, ווי מירמיל־שטיינערדיקע טרעפּ, העל־ראָזע שטיגן, וואָס ציען זיך צום ווייט־ווייטן ים...

דער ים איז איצט בלוי־גרין און די ווייס־באַשוימטע כוואַליעס שלאָגן זיך אָן אין זאַמדיקן ברעג, ווערן צעקלאַפּט, צעקרישלט. אָבער באַלד שווימט אָן אַ פרישע ריי כוואַליעס און מיט אַ ריטמישן דזו־ז־זום, ווערן זיי ביים ים־ברעג צעשפּריצט אין וואַסער־שטויב.

דאָס מענטשלעכע אויג זעטיקט זיך מיטן הערליכן נאַטור־בילד, פון דער ים־פּאַנאָראַמע. דאָס האַרץ זינגט מיט עקזאַלטירטער באַגייסטערונג, מיטן ריטמישן געזאַנג פון די בלוי־גרינע כוואַליעס, דאָס אייביקע לויב־ליד צו גאָט, צו דער נאַטור!

* * *

ביינאַכט, ווען די לאַנגע בולוואַרן, ברייטע גאַסן ווערן העל באַלויכטן מיט טויזנטער שורות לאַמטערן, זעט איר ערשט מער, ווי שיין די מלאכים־שטאָט איז אפילו ביינאַכט.

די באַלויכטנדיקע גאַסן זעען אויס פון ווייטנס ווי בלישטשענדיקע, באַלויכטנדיקע הוידעלקעס (הושטאווקעס)... די קאַטשעס פאָרן באַרג אַראָפּ און באַלד ווידער באַרג אַרויף, גאַס־אַראָפּ, אַ גאַס־אַרויף... די לאַמ־טערן בלענדן די אויגן. זעען טאָקע אויס די באַרגיקע גאַסן, ווי קאַרוסע־לעס מיט בלישטשענדיקע לאָמפּן און לעמפּלעך...

פון די בערג אַרום האָליוואוד פינקלען אַרויס פון ווייטנס הונדערטער באַלויכטנדיקע פענסטער, ווי סיגנאַלן צו דער גאַנצער שטאָט, אַז דאָרט

אויף די בערג זיינען אויך דאָ הייזער מיט ווייכע בעטן, אַז אויף די משו־פעדיקע שאַטנדיקע בערג, וואוינען מענטשן, וואָס ווילן געניסן, אַריינציען אין זיך די גאַנצע מענטשלעכע פרייד און געַנוס...

אַזאַ פּרעכטיקע שטאָט, אַזאַ טייערער קלימאַט, מיט אַזעלכע קאַלטע אויסגערעכנטע מענטשן, שוין גאָר נישט קיין מלאכים..

די מענער אין קאַמיאָן, אין טראַמווייַ, אויף די גאַסן, קוקן עפּעס אויף די פרויען פון אַ זייט, מיט אַ באַהאַלטענער מורא... און דאָס שיינע גע־שלעכט, די „קראַסאַוויצעס" קוקן, דאַכט זיך, אינגאַנצן נישט אויף די שטאַרקע, פאַרהאַרוועטע מענער...

די מיידלעך מיט די יונגע פרויען זעען אויס ווי אַנגעבלאָזענע איג־דיקעס, שטאָלצע מיט פאַריסענע נעזער, קאַלט, צוריקגעהאַלטענע ווי מיט אַ שטילן האַס צו דעם גאַנצן מענער מין...

און די מיידלעך און ווייבלעך, וואָס שפּאַצירן אַרום אין געפּרעסטע הויזן, אין סלאַקס, זיינען געגליכן, להבדיל, צו די חנוכה־ליכטלעך... מען דאַרף אויף זיי בלויז קוקן און מער נישט... ווייל עס שמעקט מיט צען דאָלאַר שטראָף און — אַן עבירה 50 פּעזאָס פאַרן רעדן מיט אַ פרעמדער מיידל...

די פרויען גייען אַרום מיט אַ מינע אויפן אָנגעשמירטן פּנים ווי זיי וואָלטן געטאָן אַ גוואַלדיקע טובה די מענער, וואָס זיי זיינען געבוירן גע־וואָרן פרויען... אַ קלייניקייט, פרויען!

שפּעט ביינאַכט זעען אויס די גאַסן פון די רעזידענץ־קוואַרטאַלן, ווי לאַנגע, גרויסע גאַראַזשן. לעבן ביידע זייטן טראָטואַר, שטייען אויסגעשטעלט טויזנטער אויטאָס אַ גאַנצע נאַכט אין דרויסן, און קיינער טשעפּעט זיי נישט אַ האָר אפילו...

וואו זיינען ערגעץ די אינטערנאַציאָנאַלע גנבים? זיי פאַרנאַכלעסיקן דאָ אַ ברייט פּרנסה־פעלד...

נישט ווייט פון וואָקזאַל, הייבט זיך אָן דער מעקסיקאַנער קוואַרטאַל, דער אַמאָליקער, אַלטער לאָס אַנדזשעלעס. אַלטע, הילצערנע הייזער מיט גאַסן וואָס טראָגן נאָך די אַמאָליקע שפּאַנישע נעמען און אויפשריפטן, אַן עכטע מעקסיקאַנער „פּלאַזאַ"...

אין דער מיט פון אַ שמאָל אַרעם געסל, איז דאָ אַ ספּעציפיש־מעקסי־קאַנער „מערקאַדאָ". אַ מאַרק מיט "פּועסטאָס", מיט אַלערליי עכט מעק־סיקאַנער קוריאָזיטעטן; קליינע פינסטערע קאַפעען מיט מעקסיקאַנער מאכ־לים: ענטשילאַדאָס, טאַמאַלעס און טאַקאָס.

אין מיטן מארק שטייט אַן אַלטער, קליינער פּאַנטאָן. אַן אַלטער מעקסיקאַנער מיט אַ גרויסן שטרויענעם „סאָמבררעראָ", זיצט און שפּילט אויף אַן אַלטמאָדישער האַרפע, זינגט זיך צו מעקסיקאַנער „קאַנסיאָנעס". און נעמט צו די „ניקלס", וואָס מ'לייגט אים אַריין אין אַ גרויסן, הילצערנעם, געפּאַרבטן טעלער...

אַ שטיק עקזאָטישע מעקסיקע!

די מעקסיקאַנער זיינען שטאַרק צופרידן, די אויגן לייכטן אויף ביי זיי, ווען מ'רעדט צו זיין שפּאַניש... זיי היטן אָפּ זייער שפּראַך, זייערע מנהגים מיט ליבשאַפט, פּיעטעט און עקשנות...

אין קאַמיאָן, אין טראַמוויי רעדן זיי צווישן זיך נאָר שפּאַניש... זיי שעמען זיך גאָרנישט מיט זייער לשון און קולטור.

אַ סך יידן אין לאָס אַנדזשעלעס וואָלטן זיך געמעגט אָפּלערנען פון די שטאָלצע מעקסיקאַנער, ווי אַזוי מ'דאַרף פּלעגן, אָפּהיטן, אויפהאַלטן דאָס אייגענע לשון און קולטור...

קינאָס מיט סטאַרס

זיין כמעט יעדן טאָג אין האָליוואוד און נישט כאַפּן אַ קוק אין די קינאָסטודיעס, איז אַ צו שטאַרקער נסיון פאַר אַ זשורנאַליסט, פאַר אַ שרייבער...

פאָרן מיר אַרום פון איין סטודיאָ צו דער אַנדערער. מיר קומען אַריין אין דער ריזיק־גרויסער מעטראָ גאָלדווין־מייער סטודיאָ. כ'וויז מיינע דאָקומענטן אַז כ'בין אַ זשורנאַליסט, און וויל זען ווי אַזוי „מ'שיסט" די „פּיקטשעס".

מ'נעמט אונדז אויף זייער פיין, אָבער מ'דאַרף אויך האָבן אַ רעקאָמענדאַציע פון אַ „ביג שאָט", פון אַ גרויסן קנאַקער... צו קענען זען די סודות פון די „פּיקטשעס" און די הייליקע פּנימער פון די סטאַרס... וואָס מיליאָנען מענטשן קוקן אויף זיי מיט זשעדנע אויגן אין די קינאָס...

מילא, נו, וואַרט איך דערווייל אויך אַ „ביג שאָט", אויף אַ מיוחס, אויף אַ קרוב־לפּיקטשעס. מ'טאָרנישט זיין צופיל נייגעריק און וועלן זען וואָס עס טוט זיך אונטער דער פאָרהאַנג פון האָליוואוד...

דערפאַר אָבער, איז יעדער נייגעריק צו זען און באַטראַכטן די פיס, די הענט און די אייגנהענטיקע אונטערשריפטן פון די באַרימטע סטאַרס און סטאַרוכאָס...

ביים אַריינגאַנג פון אַ גרויסער, שיינער, האָליוואוד קינאָ, ליגן אויף דער ערד גרויסע, צעמענטענע קוואַדראַטן מיט אַריינגעפּרעסטע פוסטריט,

הענט און קני פון די באַרימטע האָליוואודער סטאַרס.

אויף איין קוואַדראַט, זעט מען איינגעפּרעסט אַ פּאָדעשווע מיטן אָפּ־צאַס, צוויי גרויסע הענט מיט צעשפּרייטע פינגער, ווי ביי אַ כהן ביים דו־כענען... פון באַרימטן סטאַר קלאַרק געבל, מיט אַן איינגעקריצטן אונ־טערשריפט: פאַר מיין פריינט ס. ד. (אַ באַרימטער האָליוואוד מענעדזשער און אייגנטימער פון דער קינאָ).

די באַרימטע סטאַרין מירנאַ לאָו האָט אַוועקגעשטעלט איר קליין פיסל אויפן ווייכן צעמענט און מען זעט איינגעפּרעסט אַ קליין זוילעכל, מיט שמאָלע הענט, לאַנגע רינע פינגער און מיט אַן אונטערשריפט: צו מיין פריינט ס. ד. וואָס האָט מיר געגעבן מיין ערשטן „דזשאָב״...

אַ קליינע זויל מיט אַ קליינטשיק אָפּצאַסל, קליינע הענטלעך און טאַקע מיט איין איינגעפּרעסטן פוס איבער דער קני... מיט אַן אונטערשריפט, „מיי לעג״, בעטי גרעיבל...

אַ גרויסע, ברייטע פּאָדעשווע, וואָס יעדער איינער שטעלט דאָרט אַריין זיין שוך... פון סטאַר וואָלאַס בעערי, פון טשאַרלס לאָוטאָן, פון דער באַ־רימטער סטאַרין גרעי גאַרסאָן, פון אומדערשראָקענעם קינאָ־העלד, האָמ־פערי באָגאַרד.

אַ סך איינגעפּרעסטע פיס און הענט אין קאַלטן, פאַרגליווערט צע־מענט, פון די גרעסטע, באַרימטע האָליוואודער סטאַרס.

נייגעריקע מענטשן שטייען און קוקן אויף די זוילן, הענט און אונטער־שריפטן פון זייערע באַליבטע, אויסגעחלומטע סטאַרס...

אָבער נישט ווייט פון האָליוואוד, פאַר איך באַוואונדערן אַנדערע „סטאַרס״... נישט די סטאַרס פון פלייש און בלוט, וואָס ווערן אויפגע־בלאָזן דורך די פּיפיקע אַנאָנסן און פּראָפּאַגאַנדע אַגענטן...

נאָר די סטאַרס (שטערן), וואָס פינקלען און בלישטשען אינעם בלויען הימל...

די הימלישע סטאַרס דאַרפן נישט קיין פּראָפּאַגאַנדע, נישט קיין איינ־געפּרעסטע פיס און הענט און קאַלטן צעמענט. די סטאַרס אין הימל קען יעדעס מענטשלעך אויג זען, באַטראַכטן, באַוואונדערן ווי לאַנג מען וויל און ווען מען וויל...

דער וועג צו דער גריפיט אָבסערוואַטאָריע, וואו מען קען קוקן אויף די אמתע, אייביקע „סטאַרס״ פירט דורך געפאַלסטערטע, געדרייטע באַרג־וועגן אַרויף, אַרויף וואָס אַמאָל העכער און העכער צום סאַמע שפּיץ־באַרג.

אונטן געפינט זיך דער גרויסער באַוואַלדטער גריפּיט־פּאַרק, און אויבן שלענגלען זיך די שמאָלע וועגן באַרג אַרויף, ביז צו דער באַרימטער אָבּסערוואַטאָריע.

די קילע באַרג־לופט און דער לייכטער, דורכזיכטיקער נעפּל נעמט אַרום דעם מענטש, ווי מיט אַ קאַלטן, דינעם שאַל... די ברוסט אָטעמט אין די שמעקנדיקע, מחיהדיקע פרישע ריחות פון די באַוואַקסענע, טונקעלע בערג־לופט.

אויפן הויכן באַרג לעבן דער אָבסערוואַטאָריע, אַנטפּלעקט זיך מיטאַמאָל, אַ הערלעך־פאַנטאַסטיש בילד.

די גאַנצע שטאָט מיט אירע הייזער, טורעמס, גאַסן, בולוואַרן און פּאַרקן, ליגן אויסגעלייגט ווי אויף אַ פּלאַסטישער מאַפּע. די גרויסע געביידעס, די הילצערנע הייזער, די לויפנדיקע קאַמיאָנען און קאַטשעס, זעען אויס ווי קליינע, מיניאַטור־שפּילעכלעך, אַ קעגן די הויכע ריזיקע בערג־קייטן...

די גרויסע, מאָדערנע אָבסערוואַטאָריע, איז אויסגעשטאַט מיט די לעצטע טעכנישע דערפינדונגען. קוקנדיק דורכן גרויסן טעלעסקאָפּ און זעענדיק דעם אויסגעשטעלטן פּלאַנעטן־סיסטעם, וואָס באַוועגט זיך לויט די אייביקע נאַטור־געזעצן, דערפילט זיך מיטאַמאָל דער מענטש אין אַ מאָדנער, געדריקטער שטימונג: מ'פילט זיך עפּעס אַזוי קליין, אַזוי נישטיק, אַזוי דערשלאָגן און אַזוי ווערטלאָז... אַזוי נישטיק!

און ס'ווילט זיך אויסשרייען פון הויכן, הויכן באַרג, אַראָפּ אונטן אין טאָל אַריין:

— וואָס לויפט איר אַזוי? וואָס האָוועט איר אַזוי? וואָס יאָגט איר זיך אַזוי נאָך מיראַזשן? וואָס האַלט איר זיך אַזוי גרויס? איר זענט נישט מער, ווי אַ קליין, קליין שטויבעלע אין דעם גרויסן, אומענדלעכן אוניווערס!!!

האָליוואָוד־באָול

אין דער שענסטער געגנט פון האָליוואָוד, נישט ווייט פון די שיינע פּאַרקן און פּאַלאַצן פון די קינאָ־סטאַרס, אין „בעל עיר", באַווייזט זיך ביים אַרויפגאַנג פון אַ באַוואַקסענעם, גרינעם באַרג, אַ גרויסער האַלב קייַלעכדיקער, אויסגעפּאַרעמטער אַמפיטעאַטער האָליוואָוד באָול.

משופּעדיק, אין אַ האַלבן קרייז ציען זיך באַרג אַרויף הונדערטער בענק, שטולן, לאָזשעס, פאַר די טויזנטער צוהערער אויף די זומערדיקע

קאָנצערטן פון סימפאָנישן אָרקעסטער, אויף דער פרייער לופט, אונטערן אויסגעשטערנטן בלויען הימל.

קעגנאיבער דער אָפענער אודיטאָריע, שטייט די גרויסע עסטראַדע, די בינע פאַרן אָרקעסטער. אַרומגענומען אין אַ האַלבן קרייז פון דעם קיי־לעכדיקן, ווייסן קופּאָל אין אַלט גריכישן סטיל.

די קאָלירטע בלומען און די באַוואַקסענע גרינע בערג, פאַרשפּרייטן זיסע, שמעקנדיקע פאַרפום־ריחות, די לופט איז פריש און קיל...

די בענק שטייען איצט ליידיק, פאַרלאָזט, פאַריתומט, אַרום איז שטיל און רואיק.

כ׳זעץ זיך אויף אַ ליידיקער באַנק קעגנאיבער דער עסטראַדע, כ׳פאַר־מאַך די אויגן און ס׳שטעלט זיך מיר פאָר, אַז אַרום מיר זיצן הונדערטער מענטשן, אַן איינגעהאַלטענע שטילקייט, דער אָרקעסטער שפּילט איצט בעטהאָווענס זעקסטע סימפאָניע (די פּאַסטאָראַל).

ס׳הערט זיך דאָס לויב־געזאַנג צו דער נאַטור נאָכן שטורעם און רעגן... אַלץ איז פריש, גרין, אַלץ בליט און וואַקסט. די פייגל זינגען, אַ לויטערער, קלאָרער הימל...

די לעצטע אַקאָרדן פון דער סימפאָניע, גיסן זיך צוזאַמען מיטן מענטש, מיט דער נאַטור, מיט גאָט, מיטן גאַנצן באַשאַף, מיט די אַרומיקע האָלי־וואודער בערג פון האָליוואוד־באָול, אין אַ גרויס האַרמאָניש געזאַנג צו דער שיינער, וואונדערלעכער שטאָט — לאָס אַנדזשעלעס!

כ׳פאָר מיטן אויטאָבוס

(פעברואַר 1949)

אויב איר ווילט זען ווי שיין מעקסיקע איז, אויב איר ווילט הנאה האָבן פון דער פּרעכטיקער נאַטור, פון וואונדער־שיינע לאַנדשאַפטן, פּייסאַזשן, מאַיעסטעטישע אור־אַלטע בערג און טאָלן, וואָס פאַרכאַפּן דאָס מענטש־לעכע אויג מיט זייער גראַנדיעזקייט און דערהויבנקייט, זאָלט איר פאָרן מיטן אויטאָבוס, מיטן „קאַמיאָן" פון דער שטאָט מעקסיקע ביזן גרענעץ־שטעטל נועוואָ־לאַרעדאָ.

אויב איר ווילט זען ווי גוט, ווי שיין און ווי באַקוועם עס זעט אויס אַ פיין שטיקל איינגעאָרדנטע, באַקוועמע ציוויליזאַציע אין די שטאַטן, זאָלט איר פאָרן פון לאַרעדאָ (טעקסאַס) ביז לאָס אַנדזשעלעס מיטן אוי־טאָבוס, מיטן „באַס", ווי ס׳הייסט אין די שטאַטן.

פאָרן מיטן באַן איז טאַקע אויך נישט שלעכט, אָבער ווי אַזוי קען אַ מענטש זיצן אויפן ווייכן פולמאַן־בענקל אין וואַגאָן, דריי טעג אויף איין אָרט און בלויז קענען זיך באַוועגן אין ענגן, שמאָלן וואַגאָן, פונקט ווי אין אַ פּרייוויליקער תפיסה... זיך צוהערן דריי טעג און דריי נעכט צום מאָ־נאָטאָנעם קלאַפּן פון די רעדער אויף די אייזערנע גלאַנציקע רעלסן: טאַ־טאַ־טאַ! טאַ־טאַ־טאַ!

די פענצטער אינעם פולמאַן־וואַגאָן זיינען פאַרמאַכט, פאַרהאַקט עס זאָל חלילה נישט אַריין קיין שטויבעלע און טאַקע אויך נישט קיין פרישׂ ביסל לופט... אַז מ׳וויל כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט מוז מען אַרויסגיין אין דרויסן אויף דער פּלאַטפאָרמע פון וואַגאָן, זיך צוהערן דערוויל צום קלאַ־פּען, טראַסקען און רוישן פון די וואַגאָנען...

איר זאָלט אויך נישט פליען מיטן עראָפּלאַן גיך, גיך, הענדום־פּענדום.

ס'איז טאַקע אמת, מיטן אַוויאָן קענט איר זיין אין 8 שעה אין לאָס אַנדזשעלעס. דאָס הייסט, איר קענט עסן 7 אַזייגער אינדערפרי אָנבייסן אין מעקסיקע, און מיטאָג קענט איר עסן אַזייגער דריי, שוין אין לאָס אַנדזשעלעס . . .

גוט און פיין, אָבער וואָס האָט איר אומשטיינס געזאָגט פאַר אַ פּאָר־געניגן פון אייער רייזע, פון אייער פליען? וואָס קענט איר זען אין 8 שעה אין עראָפּלאַן ? אַז דאָס האַרץ ציטערט און פלאַטערט, און אַלע חושים זיינען פאַרנומען בלויז מיט איין זאַך: דער עראָפּלאַן זאָל זיך חלילה נישט פאַרגלוסטן אַראָפּצופליען אַ ביסעלע פריער איידער איר קומט אָן אויפן אָרט . . .

וואָס איז, איר האָט נישט קיין צייט ? די געשעפטן ברענען, איר מוזט לויפן, איר מוזט פליען ?

ווייסיך וואָס ! ס'ברענט נישט ! נישטאָ וואָס צו יאָגן זיך ! אַ מיליאָן מער, אַ מיליאָן וויניקער; נעמט זיך בעסער צייט און באַטראַכט רואיק, געלאַסן גאָטס שיין וועלטל . . .

איז טאַקע פאָרן מיטן „קאַמיאָן" פשוט אַ פאַרגעניגן, אַ מחיה, אַן אידעאַלע רייזע: אָפן, פריי, פרישע לופט וויפל איר ווילט.

יעדע שעה אָדער צוויי שטעלט זיך דער קאַמיאָן אָפּ געלאַסן, פּאַמעלעך, נישט געיאָגט, אויף אַ 20 מינוט אָדער אויף אַ האַלבע שעה לעבן אַ רעסטאָראַן, לעבן אַ האָטעל מיט וואַשצימערן, מיט אַ קאַפע. איר קענט זיך אַ ביסל אונטערלענען, דערכאַפּן דאָס האַרץ מיט אַ הייס טעפל קאַווע, אַ סענדוויטש אָדער אַ קאַלט פלעשל לימאָנאַד.

דערנאָך זעצט מען זיך צוריק געמיטלעך אויף די ערטער און דער אויטאָבוס פאָרט ווייטער.

זיצן די פּאַסאַזשירן אין באַקוועמען קאַמיאָן יעדער אויף זיין באַשטימטן פּלאַץ, פרעמדע, אָנגעבלאָזענע, מיט אַ מיסטרוי, איינער צום אַנדערן. מיט אַ מינע ווי דער גאַנצער קאַמיאָן וואָלט געפאָרן בלויז פאַר אים אַליין, די איבעריקע פּאַסאַזשירן זיינען צופעליקע געסט . . .

ביסלעכווייז אָבער צערינט די קאַלטקייט, די פרעמדקייט. די פּאַסאַזשירן באַקוקן, באַטראַכטן איינער דעם אַנדערן, מ'וואַרפט אַריין אַ וואָרט וועגן וועטער, וואוהין פאָרט מען ? און אַזוי שאַפט זיך אַ לייכטע באַקאַנטשאַפט . . .

דער קאַמיאָן גליטשט זיך לייכט אויפן אַספאַלטירטן שאָסיי, שלינגט די קילאָמעטערס גיך, גיך. פון ביידע זייטן וועג ציען זיך נאַקעטע, אָפּגעשניטענע פעלדער מיט עטלעכע צעוואָרפענעביימער, עטלעכע קי צופּן

רואיק דאָס מאָגערע גראָז, קוקן זיך אפילו נישט אום אויפן לויפנדן קאַמיאָן. ס׳באַווייזן זיך האַרטביים וועג עטלעכע שיטערע דערפלעך מיט די ליימענע, אָרעמע שטיבלעך, „כאַקאַלן" מיט די נאַקעטע ווענט צום וועג אַרויס.

עטלעכע באָרוועסע, אָרעמע קינדער שטייען פאַרגאַפט ביי די גרויע ווענט און קוקן נאָך דעם קאַמיאָן.

צווי אָנגעלאָדענע אייזעלעך שטייען לעבן אַ צעבראָכענעם הילצערנעם פּאַרקאַן און גריזשען די וואָרצלען פון אַן אָפּגעהאַקט בוימל.

אַ, ווי טרויעריק, אָפּגעלאָזן זעען אויס די פויערישע דערפלעך! ווי אָרעם און אָפּגעשטאַנען לעבן דאָ די מעקסיקאַנער האַרעפּאַשניקעס!

אין מוח דערוועקט זיך אַ געדאַנק, פאַרוואָס? פאַרוואָס, אַזאַ עלנטקייט, פאַרוואָס אַזאַ אָרעמקייט?

אַ, די גרויסע, שיינע רייכע מעקסיקע, וואָס טראָגט אין איר אינגעווייד אַזוי פיל אוצרות, אַזאַ קאָלאָסאַל רייכטום, זאָלן אירע קינדער, אירע פאַרהאָרעוועטע פויערים לעבן אין אַזאַ אָרעמקייט, דחקות, פינצטערניש און אָפּגעלאָזנקייט?

דער קילער פרימאָרגן איז אַ שיינער מיט אַן אויסגעשפּרייטן בלויען הימל און נאָך אַ דריי שעה פאָרן אויפן גלייכן שאָסיי, דערנענטערן מיר זיך ביסלעכווייז צו די בערג.

פון דער ווייטנס זעען זיך שוין אַרויס די טונקעלע סילועטן פון די הויכע, ריזיקע, גרויע בערג, וואָס זייערע ריזיקע קעפּ זיינען באַדעקט מיט וואָלקנס נאָך פון ששת ימי בראשית.

דער קאַמיאָן הייבט אָן גיין פּאַמעלעכער, לאַנגזאַם, באַרעכנט, ער דראַפּעט זיך אַרויף פּאַוואָליע אויף די שמאָלע, אויסגעהאַקטע וועגן פון די משופּעדיקע, בייכיקע בערג־קייטן מיט די אויסגעהאַקטע קרומע, זיג־זאַגישע ליניעס, ווי אַ פלינקע, דרייסטע קאַץ...

עפּעס אַ באַהאַלטענע אומרואיקייט כאַפּט פּלוצים אַרום אַלע פּאַסאַזשירן. אַלע וואַרפן זייערע בליקן אויף די שמאָלע ראַנדן וואו דער קאַמיאָן באַוועגט זיך אויפן אויסגעמאָסטענעם שמאָלן וועג וואו ס׳קענען זיך באַוועגן בלויז צווי אויטאָבוסן, נישט מער... די וועגן זיינען אַן אמתדיק מייסטער־ווערק פון דער אינזשיניערן־קונסט.

אַלעמענס אויגן זיינען אָנגעשפּיצט צו די געדרייטע שמאָלע פּאַסן באַרג, ווי אַ בלוי־אַספּאַלטירטע לענטע באַוויזט זיך אויפן אַנדערן העכערן באַרג קעגנאיבער וואו אונדזער קאַמיאָן וועט באַלד אַרויף.

ווי שיין, ווי הערלעך, ווי מוראדיק שיין זעען אויס די גרויסע מאַסע צוזאַמענגעפּלאָכטענע קעפּ פון די ריזיקע בערג. טייל באַוואַקסענע מיט קליינע, געדיכטע ביימעלעך און טייל, ווי גרוי־פּעלזיקער שטאָל.

די זון גיסט אויף די בערג און טאָלן גאַנצע שטראָמען ליכט. פון אַ גרופּע צוזאַמענגעוואַקסענע נאַקעטע, גרויע בערג, שלאָגט צוריק אַפּ אַ גוואַלדיקע ליכטיקייט. ס׳גלאַנצט און שימערירט אין די אויגן, פּונקט ווי צווישן די גרויע בערג וואָלטן זיך אָנגעצונדן טויזנטער רעפלעקטאָרן און געשיקט זייער בלענדיקע ליכטיקייט צוריק צום הימל.

אַ, וואָס פאַר אַ שיין, פאַנטאַסטיש, פּרעכטיק בילד!

דער קאַמיאָן דרייט זיך אויף דעם געשלענגלטן וועג מיט די באַרג־זיג־זאַגן. דרייט זיך, קירעוועט זיך אַהין און אַהער אויף די קרומע אויס־געבויגענע וועגן, באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ.

אָט איז ער אויף די באַרג־ראַנדן רעכטס און אָט לינקס. ס׳דאַכט זיך, אַז דער קאַמיאָן איז אַריין אין אַ פאַרכישופטן קרייז און האָט אינגאַנצן פאַרלוירן דעם וועג, און ער זוכט נעבעך אַ וועג ווי זיך אַרויסצודרייען, ווי אַרויסצוקריכן פון די פאַרכישופטע באַרג־וועגן. ער האָט פאַרבלאָנדזשעט אין לאַבערינט פון די בערג־קייטן . . .

די פרישע, קילע באַרג־לופט פאַרשיכורט, פּילט אָן די לונגען מיט די געזונטע, שמעקנדיקע, ריינע באַרג־לופט. די פּאַסאַזשירן זיצן שטילע פאַר־טראַכטע, באַגייסטערטע פון דעם שיינעם פּראַכטפולן נאַטור־ספּעקטאַקל . . .

אויפן הימל באַווייזן זיך עטלעכע, שווערע, בלייערנע כמאַרעס און די בערג ווערן מיטאַמאָל איינגעהילט מיט אַ פייכטן נעפּל, וואָס קומט פון מעק־סיקאַנער גאָלף. דער קאַמיאָן הויבט אָן גיין פּאַמעלעכער, פאָרזיכטיקער. עפנט זיך אַ וועג דורכן געדיכטן טומאַן אין די בערג.

בלויז אַ האַלבע שעה און דער נעפּל ווערט ביסלעכוויז צערונען און מיר זיינען ווייטער דאָ אונטער דעם בלויען הימל מיט אַ בלענדיקער זון.

פאַרנאַכט האָט זיך די רויט־פלאַמיקע זון צעפלאַקערט אויף די בערג. אונטן טיף אין די טיפע פאַרהוילענע טאָלן ווערט בלוילעך, טונקל, ווי אַ דינער דורכזיכטיקער שלייער, און אויף די בערג־שפּיצן אַ פלאַם־פייער־דיקער ים. וואָס פאַר אַ פּראַכטפולע סימפאַניע פון פאַרבן און קאָלירן:

אונטן פיאָלעט, אויבן אַ לויטערער בלויער הימל און רויטע פייערדיקע פּאַסן אויף די בערג־שפּיצן אין מערב־זייט.

אין האַרץ ווילט זיך מיטזינגען דאָס גרויסע, הערלעכע נאַטור־געזאַנג פון פאַרגייענדיקן, שטאַרבנדיקן טאָג. ס׳ווילט זיך באַהעפטן, צוזאַמענוואַקסן

מיט דער גאַנצער וואונדערלעכער נאַטור, זיך מצרף זיין, דערנענטערן, ווערן איינס מיט גאָטס וועלט, מיט דער אייביקייט...
אין די בערג איז מיטאַמאָל טונקל געוואָרן, ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט.

ביינאַכט אין אויטאָבוס

ביינאַכט ווערן די שטולן אַ ביסל אויסגעבויגן און מ'קען דעם קאָפּ באַקוועם אָנלענען אויף דעם מיט ווייס־איבערגעצויגענעם אָנלען פון שטול.

אין קאַמיאָן איז פינצטער, דורכן פענצטער זעט מען דעם טיף בלויען הימל אָנגעפּיקעוועט מיט פינקלדיקע שטערן. די לופט איז ריין דורכזיכטיק און די שטערן בלישטשען עפּעס אַזוי נאָענט, צאַפּלען און גליען אַזוי ליכטיק.

ביינאַכט אויף די בערג מיט אַן אויסגעשטערנטן הימל... אפילו די אַמאָליקע ראָמאַנטיקער וואָלטן אויך איצט געוואָרן ראָמאַנטיש געשטימט. כאָטש דער „וואָגן" (קאַמיאָן) פאַרט נישט מיט קיין ראָמאַנטיש־אויסגעפּוצטע פערד, נאָר מיט שוין גאָרנישט קיין ראָמאַנטישן מאָטאָר מיט שמעקנדיקן גאַזאָלין...

שוין גאָרנישט ראָמאַנטיש!

די אויגן זיינען מיד און ס'וועלט זיך שוין כאַפּן אַ דרימל. נאָר היבטער מיר זיצן צוויי שפּאַניער און האַלטן אין איין רעדן, אָבער רעדן! רבונו של עולם, ווי קענען מענטשן אַזוי פיל און אַזוי גיך רעדן? זיי מאַלן ווי אַ מיל אַ ביסל אונטער דער נאָז, אָפּגעהאַקט, שנעל. מ'הערט בלויז מאָלן האַלבע ווערטער גיך, גיך ווי אַ מאַשין־ביקס וואָלט געשאָסן: טיררר, טירררר! טיראַ־טיער־ר־ראַ!

איינער רויכערט נאָך צו די צרות אַ גראָבן ציגאַר, און לאָזט אַרויס אַ שמעקנדיקן רויך, וואָס פאַרדרייט דעם קאָפּ מיטן מוח...

אַ פּאַסאַזשיר האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און אויסגערופן: סילענסיאָ, פּאָר פאַוואָר! האָבן די צוויי שפּאַניער שוין גערעדט אַ ביסל שיטערער מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער, ווי אַ פּאַפּוגיי און ביסלעכוויז געבליבן שטיל...

דער קאַמיאָן הוידעט זיך לייכט, פאַרוויגט די פּאַסאַזשירן, פונקט ווי אַ מאַמע פאַרוויגט אַ קאַפּריזנע קינד און אַלע זיינען ביסלעכוויז איינגעשלאָפן דעם שלאָף פון די גערעכטע... אָבער דעם שלאָף פון מידע מענטשן, וואָס חלומען פון אַ היימיש, ווייך בעט...

לעבן מיר איז דווקא געזעסן אַ דאַמע, טאַקע אַ פיינע דאַמע. אַ סך בעסער ווי ס'וואָלט געזעסן אַ הונדערט קילאָדיקער מאַן און פאַרנומען אַ העלפט פון מיין שטול און מיך צוגעשטופּט צום פענסטער... אָבער ווען מ'זיצט לעבן אַ פרעמדער דאַמע, אין קאַמיאָן איז פּיצטער, מ'האָט ביי זיך אין קעשענע עטלעכע דאָלאַר און אַנדערע קליינקייטן. ווער ווייסט, אפשר קען די פיינע דאַמע מיט אירע איידעלע פינגער אויסליידיקן מיר אויף אַ פיינעם אופן די קעשענעס...

און דאָ ווילט זיך אַזוי שלאָפן, די אויגן קלעפּן זיך און אַ זיסע מידקייט פילט אָן דעם גאַנצן גוף... שלאָפן, שלאָפן!

כ'מאַך אויף די אויגן, נאָר די אויגן־דעקלעך פאַרמאַכן זיך אַליין, שליסן זיך צו. דער קאַמיאָן פאַרוויגט, שלאָפן, שלעפעריק, און כ'בין איינגעשלאָפן...

אַזייגער צוויי ביינאַכט איז מיט אַמאָל ליכטיק געוואָרן, און דער קאַמיאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ באַלויכטענעם רעסטאָראַן. די מידע, פאַרשלאָפענע אויגן קענען זיך נישט עפענען. דאָס ליכט שניידט די פאַרזשמורעטע, האַלב־פאַרמאַכטע אויגן...

די פאַסאַזשירן גייען אַראָפּ טרינקען אַ קאַפע, כאַפּן אַ ביים. קען איך טאַקע נישט פאַרשטיין וואָס די מענטשן זיינען אַזוי אויסגעהונגערט, אַז אַלע צוויי שעה מוזן זיי עפּעס איבערכאַפּן אפילו אין מיטן דער נאַכט...

עפּעס קריגן די מענטשן אַן איבערגעוויינלעכן אַפּעטיט אויפן וועג.

ס'פאַרט מיט אונדז אויך מיט אַן אַמעריקאַנער פרוי, אַ טוריסטין. שלינגט זי ווי אַ גאַנז, זי קען זיך גאַרנישט אָנזעטיקן. אָ! ווי ביליק! ווערי טשיפּ! רופט זי אויס באַגייסטערט און שלינגט די סענדוויטשעס ווי הייסע לאַקשן.

פאַר איין דאָלאַר קריגט זי זיבן פּעזעס, נו, שלינגט זי. אַזאַ פרעסערין!

* * *

פאַרטאָג, נאָך צען שעה פאָרן אין די בערג, שטעלט זיך אָפּ דער קאַמיאָן לעבן אַ קאַפע.

אין מזרח זייט איז שוין אַ גרויסער פּאַס הימל ליכטיק פון דער אויפגייענדיקער זון. די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט פייכקייט פון די אַרומיקע בערג.

אַ פרישער, קילער פרימאָרגן באַגריסט דאָס שטעטל מיט די קליינע גרויע הייזער, מיטן „אַלאַמעדאַ" מיט די לאַנגע אייזערנע, ליידיקע בענק

אַרום גאָרטן און מיט דער קיילעכדיקער עסטראַדע אין צענטער. די גאַס־לאַמטערן זיינען נאָכנישט פאַרלאָשן, זעט דאָס שטעטל אויס פאַרחלומט, וויל זיך נישט צעשיידן מיט דער נאַכט...

די פּאַסאַזשירן זעען אויס פויל, אַפּאַטיש, האַלב־פאַרשלאָפענע, צע־קנייטשטע לאָזן זיי זיך אין די וואַש־צימערן און טאַקע באַלד אין קאַפע און מ׳עסט ווייטער...

דער וועג ווערט שוין אַ ביסל גלייכער. מ׳זעט נאָך קליינע בערגלעך, לאַנגע, בייכיקע ווי אויסגעצויגענע כוואַליעס. טייל צעאַקערטע און באַ־וואַקסענע.

אין די גרעסערע שטעט, ווי מאַנטע, וויקטאָריאַ און ווייעס, שטעלט זיך אָפּ דער קאַמיאָן אויף אַ האַלבער שעה. ס׳בייטן זיך די שאָפערן און די אָפּגעריסענע „מאַרטשאַנטעס״ לייגן פאַר זייער סחורה די פּאַסאַזשירן: ציגאַרן, זיסוואַרג, פרוכט און געשליפענע שטיינדלעך.

פון מאַנטעריי ביז דער גרענעץ גייט שוין דער וועג אַ גלייכער ווי אויף אַ טיש.

פוןביידע זייטן שאָסיי ציען זיך גרויסע, ליידיקע שטחים ערד וואָס איז גוט פאַר ביוול פּלאַנטאַציעס.

בלויז נאָך איינמאָל שטעלט זיך אָפּ דער קאַמיאָן לעבן אַ קאַפע און עלף אינדערפרי שטייען מיר שוין ביי דער גרענעץ פון די שטאַטן.

איבער דער בריק

זעען טאַקע אויס ביידע גרענעץ־שטעטלעך, נועוואָ־לאַרעדאָ — מעק־סיקע און לאַרעדאָ — שטאַטן, ווי איין גרויסע שטאָט, וואָס דער שמאָלער טייך „ריאָ בראַוואָ״ צעטיילט זיי אין צווייען...

אָט זענט איר אין מעקסיקע, איר גייט נאָר אַריבער די בריק און איר זענט שוין אין די שטאַטן. איר שטייט און איין לאַנד און זעט וואָס ס׳טוט זיך אין צווייטן לאַנד...

גייען טאַקע די איינוואוינער פון ביידע זייטן הין און צוריק קויפן אין אַלץ וואָס זיי דאַרפן, פאָרן הין און צוריק אין די קאַטשעס, אין אויטאָ־בוסן. און ביינאַכט איז יעדער צוריק אין זיין אייגן לאַנד...

אַ מאָדנע, פריינטלעכע גרענעץ!

ווער געדענקט דאָס נישט, וואָס עס האָט געמיינט אַ גרענעץ אין איי־ראָפּע?

דאָס וואָרט גרענעץ אַליין האָט שוין אַרויסגערופן אַ באַהאַלטענע מורא. עפּעס אַ קליינינקייט אַ גרענעץ! שטיבלעך מיט קרומע, ווייסע און שוואַרצע פּאַסן. גרענעץ־וועכטערס רייטן הין און צוריק און זיינען גרייט צו שיסן יעדן וואָס דערנענטערט זיך צו דער גרענעץ.

די גרענעץ אין לאַרעדאָ זעט פּשוט אויס ווי אַן אידיליע פון אַ גרענעץ... אַ דעמאָקראַטישע גרענעץ...

ביידע פעלקער, סיי די מעקסיקאַנער און סיי די אַמעריקאַנער, באַגעגענען זיך אַזוי העפלעך, אַזוי פריינטלעך צו די דורכגייער איבער דער גרענעץ־בריק. דוכט זיך טאַקע, אַז ביידע לאַרעדאָס מיט דער בריק אין מיטן, זעען אויס ווי איין לאַנגע גאַס . . .

און אָט זיינען מיר שוין אין אַן אַנדער לאַנד, אין די שטאַטן.

די מענטשן זיינען כמעט די זעלבע ווי אויף דער מעקסיקאַנער זייט. אויף די גאַסן, אין די קראָמען זעט מען שפּאַנישע אויפשריפטן. אין די קאַפעען, אין די רעסטאָראַנען הערט מען רעדן שפּאַניש. אַמאָל הערט מען רעדן ענגליש אויך . . .

אין די שטאַטן מעגט איר זיך שוין געזעגענען מיט דער קאַפע מיט מילך. נישטאָ אַזאַ זאַך ווי קאַפע מיט מילך, ביין! נישטאָ מער קיין „קאַפע קאָן לעטשע" . . .

איר קריגט שוואַרצע קאַפע מיט אַ ביסעלע סמעטענע (קרים), און טאַקע אין אַ שאָל, אין אַ טעפּעלע נישט אין קיין גלאָז.

און די אַמעריקאַנער סענדוויטשעס? איי, מאַכן זיי גוטע, געשמאַקע סענדוויטשעס, זיי האָבן טויזנט טעם. עפּעס ווערן זיי געמאַכט אַזוי גיך, שנעל, איינס און צוויי און איר עסט שוין. ווי די בינען אַזוי האָוען און לויפן אַרום די קעלנערקעס אַרום די עסערס. ריין, ציכטיק, איינפאַך און קאַלטע נשמות. רעדן ווייניק, בלויז געציילטע ווערטער און אַלץ — וועגן דער אכילה. אַלץ איז פיקס און פּאַרטיק, אַזוי ווי איר זעצט זיך נאָר רייטן ביים בופעט אָדער ביי אַ טישל. שנעל סערווירט און מער גאָרנישט. אָן צערעמאָניעס, אָן קאָמפּלימענטן. בלויז עסן, באַצאָלן דעם „טשעק" ביי דער קאַסע און גיין ווייטער . . .

עפּעס איז אין די שטאַטן דער ריטם פון לעבן, פון אַרבעטן און פון עסן אינגאַנצן אַן אַנדערער, ווי ביי אונדז אין מעקסיקע . . .

די טעכנישע ציוויליזאַציע שיינט און בלאַנקט אויף טריט און שריט, מאַשינען און באַקוועמלעכקייט . . .

און די דאָלאַרס? אוי, די דאָלאַרס פליען, גליטשן זיך, ווערן צערונען

אונטער די פינגער. אָט האָט איר גענומען אַ רעשט פון אַ דאָלאַר און — שוין נישטאָ. דער אַפּעטיט וואַקסט און דער יקרות ברענט...

עפּעס פּילט מען זיך אין דער פרעמד אַזוי פריי, אַזוי זאָרגלאָז. אַוועקגעוואָרפן אַלע דאגות, איבערגעלאָזט אויף דער זייט גרענעץ אַלע דיסקוסיעס וועגן מענטש און וועלט... די פּאַרדרייטע, האַרבע, קאָמפּליצירטע פראַגעס און פּראָבלעמען: צי מ'דאַרף שרייבן „אידיש" אָדער „יידיש"...

אַז וואַקאַציע, זאָל זיין וואַקאַציע!

אויסגערוט זיך, אויסגעגלייכט זיך אַ ביסל די ביינער אין אַ לאַרעדאָ האָטעל, דאַרף מען גיין אַ ביסל באַקוקן די שטאָט.

דער באַקאַנטער, היגער אַקטיאָר מאָריס בראון האָט מיר געבעטן אַ טובה. כ'זאָל איבערגעבן אַ גרוס און אַ האַרציקן דאַנק דעם באַקאַנטן כלל-טוער פון לאַרעדאָ, מיסטער לואיס פראַנקלין, פאַר זיין וואַרעמקייט און הילף וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן די אַקטיאָרן פון מעקסיקע, ווען זיי זיינען געפאָרן שפּילן יידיש טעאַטער אין טעקסאַס.

האָב איך דעם פריינט פראַנקלין געטראָפן אין זיין געשעפט, אַ הויכן, ברייט-פּלייציקן ליטווישן ייד מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל אויפן פּנים, זיין שותף אויך אַ ליטוואַק. וואוילע, האַרציקע יידן.

איז טאַקע מיסטער פראַנקלין געווען זייער צופרידן פון גרוס און זיך שטאַרק געוואונדערט, פאַרוואָס מען שפּילט נישט מער קיין יידיש טעאַטער אין מעקסיקע: — אַזעלכע גוטע, ברייטהאַרציקע יידן אין מעקסיקע, גיבן געלט אויף אַלץ, נאָר אויסהאַלטן אַ יידיש טעאַטער קענען זיי נישט... אַן עוולה, אַן עוולה!

בין איך אויך געווען צופרידן צו טרעפן זיך מיט די גוטע, פיינע אַמעריקאַנער יידן און דערוויל איבערלופטערן דאָס יידישע לשון. שוין גאַנצע צוויי טעג נישט געהאַט קיין יידיש וואָרט אין מויל...

און דער גאָט וואָס שיקט צו דעם אָרעמאַן זיין ברויט, דעם שיכור זיין וויין, האָט מיר אויך צוגעשיקט צוויי טייערע יידישע מיידלעך צו כאַפּן אַ שמועס אויף יידיש...

שטיי איך אַזוי און וואַרט אין דער ריי אַריינצוגיין אין גרויסן, באַקוועמען „באַס" וואָס פאָרט קיין סאַן אַנטאָניאָ, דערזע איך צוויי באַקאַנטע, סימפּאַטישע, יידישע מיידלעך פון מעקסיקע. לאה בראָנשטיין און גאָלדע גיטלער.

זיי פאָרן אין זעלבן „באַס", פאָרן אוודאי אויף וואַקאַציע אין די שטאַטן: האָט מען טאַקע געהערט אין דעם גרויסן „באַס", וואָס גליטשט זיך אַזוי

גלאַטיק אויפן געפלאַסטערטן שאָסיי אין די שטאָטן, רעדן אַ יידיש וואָרט...
האָט טאַקע דער אַמעריקאַנער אויטאָבוס געקראָגן אַ תיקון! הערנדיק רעדן
דריי יידישע מענטשן אויף אונדזער טייער, ליב מאַמע לשון — יידיש!

* * *

די גרויסע, הויכע און באַקוועמע „גרעי האָונט" אויטאָבוסן מיט אַן
אויסגעמאָלטן לויפנדיק הונט פוןביידע זייטן, לויפן זיך אַזוי רואיק, אַזוי
זיכער און אַנגענעם איבער אַלע וועגן, שאָסייען און טראַקטן איבער די
שטאָטן. ס'טרייסלט נישט, ס'שאָקלט נישט אַרויס די נשמה. אַלע פּעק־
לעך, וואַליזקעס ווערן אַריינגערוקט אין גרויסן בויך פון „באָס" און די
פּאַסאַזשירן דאַרפן זיך מטריח זיין אַרויפגיין דריי טרעפּלעך צו זייערע
ערטער אין באָס.

דער מאָטאָר געפינט זיך פון הינטן און דער שאָפער זיצט זיך רואיק
פון פאָרנט ביים רעדל, ווי אַ טעלעגראַפיסט...

איידער דער „באָס" רירט זיך, באַקוקט דער שאָפער זיינע פּאַסאַזשירן
און האָלט אַ גאַנצע רעדע אַ „ספּיטש". דערקלערט וואו מ'פאָרט און וויפל
מינוט מ'וועט שטיין אין יעדער שטאָט. ווען ס'בייטן זיך די שאָפערן,
געזעגנט ער זיך אַזוי העפלעך, אַזוי לאַקריץ־זיס, מיט די שענסטע ווער־
טער וואָס מ'האָט אַמאָל געהערט פון אַ שאָפער...

אויב דער שאָפער פון אונדזער „באָס" איז טאַקע אַזוי גוט און העפ־
לעך צו זיין אייגן ווייב, דאַרף ער זיכער זיין דער אידעאַלסטער מאַן אין
דער וועלט...

זייער טשיקאַווע און מאָדנע זענען אויס די פאָרשטעטלעך פון די גרויסע
אַמעריקאַנער שטעט.

אויף לאַנגע קילאָמעטערס ציען זיך די פאָרשטעטלעך, באַלויכטענע מיט
טויזנטער עלעקטרישע לעמפּלעך. עפּעס ווי ס'וואָלט איצט געווען אַ יום־
טוב, אָדער אַן אויפנאַם פאַר וויכטיקע געסט.

פון ביידע זייטן וועג זיינען אויסגעשטעלט הונדערטער קליינע בונגאַ־
לאָס מיט באַלויכטענע אויפשריפטן: „מאָטעל". דאָס הייסט, אַ מאָטאָר־האָ־
טעל. איר קענט וואוינען אין בונגאַלאָ און האָבן אַ פּלאַץ פאַר אייער קאַטשע.

ס'איז אויך דאָ ספּעציעלע פּלעצער פאַר די הונדערטער „טריילערס",
אַ קליין שטיבל אויף צוויי רעדער צוגעטשעפּעט צום אויטאָ. טויזנטער
אַזעלכע „טריילערס" זעט מען אין אַלע פאָרשטעט. אין די „טריילערס"
עסן און שלאָפן די וואַקאַציע פאָרערס...

עפּעס מאַכט עס דעם איינדרוק, ווי טויזנטער און טויזנטער מענטשן

וואַלטן זיך אַרויסגעלאָזט וואַנדערן מיט זייערע שטיבלעך אויף צוויי רע־דער, איבער אַלע וועגן פון דער גרויסער רחבותדיקער אַמעריקע.

עפּעס דאַכט זיך, אַז ס'ליגט אין גייסט פון די אַמעריקאַנער דער וואַנ־דער־לוסט, פון די אַמאָליקע אַמעריקאַנער פּיאָנערן און וואַנדערער אין די גרויסע, פאַרמאַכטע בוידן אין דער ווייטער וועסט...

אין על פּאַסאָ וואוינען אַ פינף הונדערט יידישע פאַמיליעס, איז דאָרט דאָ אַ שול און אַ רעפאָרם־טעמפּל.

אויף דער גאַס אָרעגאָן דער רעפאָרם־טעמפּל „מאַנט סיני". און באַלד אויף דער צווייטער גאַס מעסאַ עוועניו די שול, בית הכנסת „בני ציון". ביידע שיינע געביידעס פון רויטע ציגל מיט צענטערס פאַר דער יוגנט, מיט אַ זונטיק־שול פאַר די קינדער.

זיינען די יידן „ביזי" פאַרנומען מיט פרנסה. נאָר אַז איר פרעגט אפילו אויף ענגליש, וואו איז די סינאַגאָג, איז מען אייך באַלד גרייט צו ווייזן און אפילו אייך צופירן צו דער שול. דער רעליגיעזער סענטימענט איז שטאַרק פאַרוואָרצלט ביי די אַמעריקאַנער יידן.

ווייזט מיר דער ראַביי ד"ר ראָטה דעם גרויסן זאַל פון שול מיט ליי־דיקע, פיין אויסגעשטעלטע בענק, מיט אַ קליינער בינע און אָרון קודש. ס'איז נישטאָ היינט קיין מנין צו מנחה, אָבער אַז איינער האָט יאָרצייט ווערט באַלד געשאַפן אַ מנין. קדיש היט מען שטאַרק אָפּ...

שטייט די שול ליידיק, איינזאַם, פאַרלאָזן און וואַרט אויף די שבת־דיקע דאַוונער און דער רב זיצט אין אויפנאַם־צימער אַרומגערינגלט מיט שאַפעס ביכער פאַרטרויערט, פאַראיינזאַמט און וואַרט אויף שבת, אויף אַ בר־מצווה אָדער אויף אַ יאָרצייט...

אין גאָרטן לעבן „רעזשיס" האָטעל וואו כ'דאַרף די נאַכט איבערנעכ־טיקן, שטייט אַ גרויסער קריסטמעס־בוים (יאַלקע), באַהאַנגען מיט קאָ־לירטע לעמפּעלעך, מיט בילדער, אַ פאַרהאַנגענער שפּילקאַסטן האַלט אין איין שפּיל רעליגיעזע מוזיק, און כאָטש אין גאַס איז קאַלט, שטייט מען אַרום דעם בוים צו הערן די מוזיק. לעבן גאָרטן שטייט אַ מאַן און אַ פרוי אין אוניפאָרם פון דער „סאַלווייישאַן אַרמיי" און וואַרטן מ'זאָל אַריינ־לייגן אַ נדבה אין די הילצערנע טעלערס.

* * *

ס'איז ערב קריסטלעכער יום־טוב, יעזוס געבורטס־טאָג.

האָב איך טאַקע פּריטיק נאָך האַלבער נאַכט, די „קריסטמעס" נאַכט, דערזען די אמתע קריסטלעכע ליבע...

נישט ווייט פון פעניקס (אַריזאָנאַ), האָט זיך דער „באָס" אָפּגעשטעלט אין אַ שטעטל. דער שאָפער האָט זייער פיין באַגריסט די פּאַסאַזשירן, און זיי געוואונטשן אַ „מערי קריסטמעס", אַ פריילעכן יום־טוב, און מ'האָט דאָ 20 מינוט צייט צו עסן און טרינקען.

זיינען די פּאַסאַזשירן גיך אַריין אין קאַפע. אין די גאַסן זיינען געווען אויסגעהאַנגען קליינע עלעקטרישע לעמפלעך. נישט ווייט פון „באָס" האָט אַ גרויסער באַלויכטענער צלם אַראָפּגעשיינט פון אַ קליינער קירכע.

ווען כ'בין אַרויס פון קאַפע, האָב איך דערזען אַ שרעקלעך בילד. פינף מענטשן, 2 פרויען, 2 מענער און אַ קליין מיידעלע זיינען געשטאַנען לעבן דער טיר פון „באָס", צונויפגעדרוקט ווי דערשראָקענע שעפּסן, מיט די פּעקלעך אין די הענט, געציטערט פון קעלט און געוואַרט...

כ'האָב אין אָנהייב געמיינט, אַז דאָס זיינען בעטלערס, נאָר כ'האָב דערזען, אַז דאָס זיינען נעגערס. ווען אַלע פּאַסאַזשירן האָבן זיך אויסגעזעצט אין „באָס" האָט דער שאָפער אַריינגעפירט די פינף „קאָלירטע" מענטשן, פאַרשעמטע ווי אַרעסטאַנטן און זיי אַוועקגעזעצט אויף די לעצטע הינ־טערשטע פּלעצער...

קעגנאיבער האָט געברענט אַ גרויסער עלעקטרישער צלם, יעזוס איז געבוירן געוואָרן. שלום און מענטשן־ליבע אויף דער ערד... און אין דעם לאַנד פון די „פרייע" און „בראַווע", אין דער פרייער אַמעריקע האָט מען פאַרשעמט, פאַרשפּיגן און דערנידעריקט פינף מענטשן־קינדער...

אין דער קאַלטער לופט אונטער דעם בלויען, אויסגעשטערנטן אַרי־זאָנער הימל, ציטערן, וויברירן נאָך פון ווייט און פון נאָענט די קלאַנגען פון די רעליגיעזע הימנען צום „דערלייזער" פון אַלע מענטשן...

יאָ, האָב איך טאַקע געזען אין דער קאַלטער, הייליקער „קריסטמעס" נאַכט, ווי גרויס עס איז די קריסטלעכע ליבע...

ווידער אין דער מלאָכים־שטאָט

שבת אינדערפרי, ווען כ'האָב צום צווייטן מאָל דערזען לאָס אַנדזשעלעס, איז די גרויסע, שיינע, צעשפּרייטע שטאָט געלעגן אַ רויִקע, אַן אויסגע־צוואָגענע, אַן אַרומגעוואַשענע ביים פּאַסיפישן ים־ברעג און צופוסנס פון די האָליוואודער בערג.

איז טאַקע היינט, לכבוד דעם הייליקן „קריסטמעס", אויך אין דער שטאָט ווייניקער טומל. די איינוואוינער וואַרטן געדולדיק אויפן „קריסטמעס־די־

נער״ און אַ סך זיינען זיך צעפּאָרן אין די אַרומיקע שיינע שטעטלעך אויף שבת און זונטיק, אין פּאַלם־ספּרינג, אויפן וואונדער־שיינעם אינזעל סאַנטאַ קאַטאַלינאַ.

שטייען זיך די הילצערנע הייזער רואיק, באַזאַכט, אָפּגערוקט איינס פון אַנדערן, באַוואַכט פון די הויכע שלאַנקע פּאַלמעס און צעוואַקסענע בוימער.

ווען מ׳זאָל אַ שטייגער צוזאַמענרוקן די קליינע, הילצערנע הייזער, וואָלט די שטאָט געוואָרן אַ העלפט פון איר גרויס... און ווען מ׳זאָל אַרויפציען אויף יעדן הויז נאָך איין שטאָק, וואָלט אוודאי די שטאָט נאָך קלענער געוואָרן.

איז אָבער דאָ גענוג גרויסע, רחבותדיקע שטחים ערד אַרום דער מלאָכים־שטאָט. האָט מען זיך טאַקע צעשפּרייט, ווי ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן...

אין דער מלאָכים־שטאָט האָבן זיך די מלאָכים. כ׳מיין די מענטשן, ליב פון ווייטנס...

אויף די לאַנגע, ברייטע בולוואַרן און עוועניוס מיט די אָנגעצייכנטע ווייסע פּאַסן, דריי אויף איין זייט גאַס און דריי אויף דער אַנדערער זייט, וואו די אויטאָס זאָלן לויפן, איז היינט נישט קיין גרויסער געלאַף, קיין יאָגעריי פון די אויטאָס. יעדן טאָג לויפן שנעל די אויטאָס, ווי מ׳וואָלט זיי געטריבן מיט בייטשן...

אָן אַן אייגענער אויטאָ ווערט מען דאָך דאָ פאַרפאַלן; דער „באָס״ מיטן טראַמוויי גייען זיך דאָ זייער פּאַמעלעך, זיי האָבן צייט, זיי יאָגן זיך נישט. דאַרף מען טאַקע אַמאָל וואַרטן אויף אַ „באָס״ אַ 20 מינוט אָדער אַ האַלבע שעה.

לאָס אַנדזשעלעס איז נישט ניו־יאָרק...

גייט זיך דער „באָס״ צו פּאַמעלעך ביזן סאַמע טראָטואַר און לאָזט אַרויס די פּאַסאַזשירן, און נעמט פאַרזיכטיק אַריין די פרישע מענטשן וואָס וואַרטן. דער שאָפער היט די פּאַסאַזשירן ווי דאָס אויג אין קאָפּ...

דאָ ביי אונדז אין מעקסיקע האָבן די שאָפערן אַ בעסערן סיסטעם... איידער איר שטעלט נאָך אַראָפּ דעם צווייטן פוס פון טרעפּ, גיט ער שוין אַ ריס פאַרויס דעם „קאַמיאָן״, און איר ווערט פשוט אַרויסגעוואָרפן פון לויפנדיקן קאַמיאָן...

נו, און אַ טעלעפאָן? ווער קען זיך דאָס באַגיין אין לאָס אַנדזשעלעס אָן אַ טעלעפאָן? איר מוזט טעלעפאָנירן צו אייער פריינט, צו אייער אייגן

וויִיב, צי זיינען איצט דאָ אין דער היים, אַז נישט קענט איר פאַרלירן אַ 2 שעה פאָרן הין און צוריק אומזיסט און אַמאָל מער...

האָבן זיך די יידן אין דער מלאָכים־שטאָט, קיין עין הרע, אויך צע־שפרייט אין אַלע שטאָט־טיילן.

לעבן דעם לאַנגן, ברייטן ים־ברעג, ביים „ביטש" סאַנטאַ מאָניקאַ, איז אויך דאָ אַ פיינער יידישער ישוב מיט כשרע רעסטאָראַנען, מיט שולן צום דאַווענען. די שול „משכן־תפילה" שטייט טאַקע נישט ווייט פון ברעג ים. אַז איר קוקט אַרויס פון שול זעט איר ווי די גרויזאַלצענע, ים־כוואַ־ליעס שלאָגן זיך אָן אין זאַמדיקן ברעג און ווערן צעשאָטן אין וואַסער־שטויב און ווי די ים־פייגל פליען הין און צוריק ביים ברעג, צו זוכן אַ ברעקעלע שפייז.

ס'איז אַ פרעכטיק, שיין בילד פאַרן מענטשלעכן אויג, און מ'קען דער־ווייל פאַרגעסן וואו מ'האַלט אין מיטן דאַווענען...

ציען טאַקע אַ סך יידן פרנסה פון די קליינע אויסגעציערטע שטיבע־לעך, באַהאַנגען און באַפאַרבט מיט פאַרשידענע קאָלירן אין „אָשן־פאַרק".

דאָס איז אַ ריזיקע בריק וואָס איז געבויט אַ שטיק אין ים אַריין, מיט פאַרשידענע שפּילערייען: שיסן מיט אַ ביקס אין בלעכענע פיגורן, וואַרפן פילקעס אין גומענע ליאַלקעס, אַריינקוקן אין שפּאַקטיפן, שפּיל־קעסטלעך, מאַכן קונצן...

שבת און זונטיק איז דאָרט אַ געדרענג, אַ שטופעריי, אַ טומל טויב צו ווערן. יידן רופן אויס זייערע גרויסע וואונדער און אויסטערלישע קונצן, און פאַר 5 סענט קענט איר געווינען אַ גרויסע פרעמיע...

איז טאַקע אַ מחיה צו זען, ווי יידן אין די שטאָטן זיינען נישט אי־בערקלייבעריש, שעמען זיך נישט מיט קיין אַרבעט, זוכן צו פאַרדינען אַ שטיקל ברויט.

אין קאָמפּאַקטן, גרויסן יידישן צענטער „בויל הייטס" האָבן יידן כשרע רעסטאָראַנען. אין די צענטראַלע גאַסן „דאַון־טאַון", אין אַלע שטאָט־טיילן האָבן, יידן קאַפעען און רעסטאָראַנען. האָרעווען אַליין און האָבן פרנסה.

שטייען יידן אין זייערע רעסטאָראַנען אין ווייסע פאַרטוכער מיט פאַר־קאַטשערטע אַרבל און שניידן סענדוויטשעס, גיסן אָן גיך טעפּלעך קאַפע און דערלאַנגען פלינק, שנעל, ס'ברענט אונטער די הענט...

יידן „מאַכן" אויך אַ לעבן פון פרוכט־געשעפטן. אין סאַמע צענטראַלן מאַרק אויף בראָדוויי, שטייען יידן און פאַרקויפן קאַרטאָפלעס מיט גרינ־צייג...

און פון האַרץ רייסט זיך טאַקע אַרויס אַ שטילע ברכה: אַז געבענטשט זאָלן ווערן זייערע הענט!

אַ ליטעראַרישער צענטער

לאָס אַנדזשעלעס וואַקסט פון יאָר צו יאָר, פון טאָג צו טאָג.

עפּעס האָט אין זיך די מלאכים־שטאָט אַזאַ מין חן, אַזאַ רייץ און כוח, וואָס ציט צו זיך מענטשן פון אַלע טיילן פון דער גרויסער אַמעריקע.

דער מילדער קלימאַט, דער בלויער הימל, די קאַליפאָרניער זון, דער פּאַציפישער ים־ברעג.

ס'קומען מענטשן האַלב קראַנקע, האַרץ־קראַנקע און נשמה־קראַנקע... וואָס זיינען זיכער ,אַז דאָ אונטער דער מילדער, וואַרעמער קאַליפאָרניער זון, וועלן זיי זיך פאַרלענגערן די יאָרן... לעבן אַ ביסעלע לענגער.

ציען טאַקע אַהער אויך פאַרשידענע שלעק, פאַרשלעפּטע קרענק, נישט אַנערקענטע טאַלאַנטן. מענטשן מיט פאַרלוירענע, נישט דערגרייכטע אַמ־ביציעס. קומען אויך אַנטוישטע קינסטלער, שרייבער, אַקטיאָרן, „קראַסאַ־וויצעס" וואָס זיינען אַמאָל שיין געווען... האָליוואָוד ציט, פאַרכישופט, שאַפט אילוזיעס...

ס'קומען אויך פאַרמעגלעכע מענטשן, וואָס ווילן זיך אָפּלעבן די רעשט יאָרן רואיק, אָן טומל. קויפט מען זיך אַן אַפּאַרטאַמענט־הויז, איז מען שוין פאַרזאָרגט מיט פּרנסה, און מ'פאַרגינט זיך שוין אַ ביסעלע „פלע־זשער", פאַרגעניגן...

ווערט לאָס אַנדזשעלעס ביסלעכווייז אויך אַ יידישער צענטער, אַ יידי־שער קולטור־צענטער נאָך ניו־יאָרק...

איז טאַקע דער יידישער, אומפּאַרטייאישער „קולטור־קלוב", וואו דער באַרימטער דיכטער ה. רויזענבלאַט איז פּרעזידענט, אַן אמתער קולטור־צענטער, וואו ס'לעבט דאָס יידישע וואָרט. איז אין קולטור־קלוב דאָ אַ גרויסער זאַל מיט אַ בינע, אַ ביבליאָטעק און אַ גאָרטן.

קומען יידישע שרייבער, רעפערענטן אין לאָס אַנדזשעלעס, זיינען פאַר זיי אָפן די טירן פון קלוב צו האַלטן לעקציעס און פאַרלעזונגען, און מ'לאָזט זיי נישט אַרויס מיט ליידיקע הענט...

האָט טאַקע דער קולטור־קלוב זייער אַ גוטן, פיינעם מינהג: נאָכן רע־פעראַט אָדער ליטעראַרישן אָוונט, דערלאַנגט מען אויף אויסגעשטעלטע טישן קאַווע מיט קוכן, און מ'איז מכבד דעם גאַנצן עולם...

וואָלט דאָס אפשר געווען אַן אויסגעצייכנטער פּלאַן פאַר אונדזער היגן יידישן קולטור־צענטער, אויך איינצופירן רעפּעראַטן, פאַרלעזונגען מיט קאַווע און קוכן נאָכן רעפעראַט. וואָלט אפשר דער זאַל אין קולטור־צענ־טער אַזוי נישט געפּוסטעוועט, נישט געשטאַנען ליידיק... אָבער צום ערשטן דאַרפן מיר האָבן די רעפעראַטן מיט די פאַרלעזונגען. „פאַסטעל" מיט קאַפע האָבן מיר שוין...

אין קלוב שפּילט אויך אַ ליבהאָבער קרייז אונטער דער רעזשי פון באַקאַנטן אַקטיאָר טענענהאָלץ. זיינען אין דער מלאָכים־שטאָט דאָ עטלע־כע זייער פיינע יידישע ליבהאָבער־קרייזן ביי אַ סך אָרגאַניזאַציעס.

אין „בוילהייטס" ווערט כמעט יעדע וואָך געשפּילט יידיש טעאַטער מיט אַ לייכטן רעפּערטואַר, און סיידי שיינגאָלד מיט סעם אָורבאַך שפּי־לן יידיש טעאַטער אין צענטער שטאָט. איצט וויל מען אויך ברענגען אַ געקליבענע טרופּע אַקטיאָרן פון ניו־יאָרק און עס זאָל זיין אַ שטענדיק יידיש טעאַטער אין לאָס־אַנדזשעלעס.

נאָר מיט איין זאַך (די וויכטיקסטע), זיינען די יידישע קולטור־טוער אין דער מלאָכים־שטאָט מקנא די מעקסיקאַנער יידן — מיטן שול־וועזן! מיט די יידישע טאָג־שולן!

ס'איז אַ ווייטיק אין האַרץ צו הערן און טאַקע צו זען, ווי ס'האַלט מיט דער יידישער דערציאונג אין לאָס־אַנדזשעלעס...

טאַלאַנטירטע שרייבער, פּאָעטן, קולטור־טוער האָט די מלאָכים־שטאָט גענוג, איבער גענוג...

איז טאַקע אויף מיין מזל אויסגעפאַלן, צו טרעפן אין לאָס אַנדזשע־לעס דעם באַרימטן דיכטער חיים גראַדע.

בין איך געוואָרן איינגעלאַדן אין הויז פון באַליבטן דיכטער ה. רוי־זענבלאַט אויף אַן אינטימען ליטעראַרישן אָוונט. זיינען דאָרט געווען פאַר־זאַמלט שרייבער, לערער, קולטור־טוער. און ווען חיים גראַדע האָט געענו־מען לייענען זיינע מייסטערהאַפטע, מיט צער אָנגעלאָדענע פּאָעמעס פון חורבן פוילן און ליטע, זיינען אַלע אַריין אין אַ שטימונג פון גייסטיקער דערהויבנקייט, אָנגעזאַפּט מיט טיפן טרויער, אַרומגעכאַפּט מיט עמאָציעס און נשמה איבערלעבונגען פון אונדזער גרויסן בראָך און אומגליק, וואָס דער גרויסער קינסטלער חיים גראַדע האָט אַזוי דיכטעריש, מיט אַזאַ נשמה־ציטער איבערגעגעבן.

די באַקאַנטע דיכטערין אסתר שומיאַטשער ,די אלמנה פון פּרץ הירש־ביין ע"ה, האָט מיט אַ טיפן טרויער געהאַלטן אָנגעלעגט איר שוואַרץ־פאַר־

הילטן קאָפּ אויףביידע הענט, שטילערהייט געזיפצט און מיט פאַרשטיק־טע טרערן זיך צוגעהערט צום וואונדערבאַרן פאַרלעזן פונעם טאַלאַנטפולן דיכטער חיים גראַדע.

יאָ, דאָס איז געווען אַן אומפאַרגעסלעכער, גייסטיקער אָוונט.

ווערט טאַקע לאָס אַנדזשעלעס אַ יידישער קולטור־צענטער. אָבער קיין יידישע טעגלעכע צייטונג, אפילו קיין לייטיש וואָכנבלאַט, האָט נאָך אַלץ נישט די מלאָכים־שטאָט . . .

די מעקסיקאַנער אײַנוואוינער אין לאָס אַנדזשעלעס זיינען אפשר ווייניקער ווי די יידן, אָבער זיי זיינען שטאָלץ מיט זייער שפּראַך און קולטור. זיי רעדן שפּאַניש צווישן זיך, אין דער היים, אויף די גאַסן, אין די קראָמען. און האָבן טאַקע גאָר אַ שיינע, טעגלעכע, שפּאַנישע צייטונג „לאַ אָפּיניאָן״ אין 8 גרויסע זייטן.

אָבער ביי יידן געפינען זיך נאָך אַ סך שמענדריק־אַסימילאַטאָרן וואָס ליידן נעבעך אויף אַ מינדערווערט־קאָמפּלעקס, און שעמען זיך צו רעדן אַ יידיש וואָרט . . .

דאַרפן זיך טאַקע די יידן אין לאָס אַנדזשעלעס אַ ביסל שעמען פאַר זייערע מעקסיקאַנער שכנים, וואָס וואוינען טאַקע אין נאָענטער שכנות מיט יידן אין „בויל הייטס״.

די יידן אין די שטאָטן זיינען שטאַרק פאַרוואָרצלט, אַריינגעוואַקסן אין עקאָנאָמישן און אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד.

דער יידישער אימיגראַנט, ווען ער ווערט נאָר אַ בירגער, הערט אויף צו זיין אַן אויסלענדער, אַ פרעמדער. ער הערט שוין נישט מער דאָס באַקאַנטע וואָרט „עקסטראַנכעראָ״, פרעמדער . . . ווי אין מעקסיקע . . .

פילט ער זיך טאַקע, ווי אין אַן אמתע, נייע היים, וואו ער קען אפילו קריגן אַן אַמט ביי דער רעגירונג . . .

* * *

האָבן די יידן אין דער מלאָכים־שטאָט גענומען בויען און שאַפן מיט אַ זיכערער האַנט, אויף אַ זיכער באָדן. האָבן זיי טאַקע געשאַפן וואונדערבאַרע יידישע אינסטיטוציעס, וואָס איז אַ שטאָלץ פאַרן גאַנצן ישוב.

אַ חוץ גרויסע, אימפּאָזאַנטע, שיין־געבויטע שולן און הילצערנע שולעכלעך צום דאַוונען, האָבן זיי אויפגעבויט אַ גרויס יידיש שפּיטאָל, אַ שפּיטאָל פאַר אומהיילבאַרע קראַנקע, און טאַקע אַ גאָר אַ גרויסן און שיינעם מושב־זקנים, און אַ פּרעכטיקן, וואונדערבאַרן סאַנאַטאָריום פאַר טו־

בערקולאָז קראַנקע, (שווינדזוכטיקע), וואָס איז באַרימט איבער גאַנץ אַמע־ריקע.

האָב איך אין אַ שבת אין דער פרי באַזוכט דעם מושב־זקנים אויף בוילגאַס, לעבן דעם יידישן געגנט „בוילהייטס".

האָב איך טאַקע דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן געזען אַזאַ מערק־ווירדיקע, אינטערעסאַנטע אינסטיטוציע.

פון דער גאַס גייט מען אַריין אין אַ קליינעם גאָרטן און מ'דערזעט אַ גרויסע, דריי שטאָקיקע געביידע מיט אַ סך קלענערע בנינים.

אין דער גרויסער געביידע ציען זיך לאַנגע קאָרידאָרן מיט צימערן פון ביידע זייטן, ווי אין אַ האָטעל מיט „עלעווייטערס". אויף יעדן שטאָק אַ באַקוועמער אָפּרו־זאַל, ווייכע בענק, ביכער. דאָרט קענען די איינוואוי־נער, וואָס דערנענטערן זיך שוין צו דעם לעצטן אַקט פון לעבן, זיך צו־נויף רעדן און זיך פאַרווײַלן.

דאָרט, אין אַ וועלט פון שאָטנס, וואו די פאָרהאַנג פון לעבן האַלט זיך שוין ביים אַרונטערלאָזן, הערשט אַן אויסערגעוויינטלעכע שטילקייט, רו־איקייט. אַלץ בלאַנקט, ריין, ציכטיק און מ'הערט בלויז ווי עס שאַרן זיך שטיל אויף דער פּאָדלאָגע, ווייכע, לויזע פּאַנטאָפל מיט קליינע, געמאָס־טענע טריט...

אין בין השמשות פון מענטשלעכן לעבן, פילן זיך די איינוואוינער אין מושב־זקנים באַקוועם, פאַרזאָרגט און אָפּגעהיטן.

זיי קענען זיך נישט באַקלאָגן מיט דער האַרציק, רירנדער תפילה: — אל תשליכנו לעת זיקנה...

מ'האָט מיך באַקאַנט מיט אַ פּאָרל אין די הויכע אַכציקער... האָט מיר דער מאַן דערקלערט, אַז ער האָט זיין גאַנץ ביסל אָפּגעשפּאָרט געלט אָוועקגעגעבן דעם מושב־זקנים, און ער לעבט זיך דאָ מיט זיין אַלטיטש־קער רואיק אויס די לעצטע פּאָר יאָר. ער וויל נישט אָנקומען צו זיינע קינדער. ער גייט בלויז צו זיי אַלס גאַסט, ווען זיי מאַכן אַ שמחה...

האָב איך אַן אַלטינקער פרוי ווי אַ ווייסע טויב, מיט קליינע איינגע־שרומפּענע באַקן מיט אַ געקנייטשטן שטערן אָנגעפּיקעוועט מיט קאַרבן און פאַרצויגענע ליפּן, געוואונטשן זי זאָל דערלעבן ביז 120 יאָר. איז זי אויף מיר בייז געוואָרן, געשאָקלט מיטן קליינעם ווייסן קעפּל, באַוואויגן מיטן דאַרן הענטל הין און צוריק, ווי זי וואָלט געוואָלט פון זיך עפּעס אַוועקיאָגן: — מוחל! מוחל! אַ דאַנק, אַ דאַנק! לעבט איר ביז הונדערט און צוואַנציק! איך האָב, אַ דאַנק גאָט גענוג, שוין גענוג! איך בין שוין

גרייט אָפּצוגעבן דעם רבונו של עולם מיין נשמה. זי איז קיין עין הרע, אַריבער אַ „מאה" (אַ הונדערטער...) די זקנה.

אין אַ שבת אין דער פרי איז דאָס געווען. בין איך טאַקע אַריין אין שול, וואָס געפינט זיך אונטן רעכטס, איך האָב דאָרט געטראָפן קיין עין הרע, אַ 100 יידן דאַוונען. דאָרט קומען אויך דאַוונען די יידן וואָס וואוינען אין שכנות לעבן מושב זקנים. ס'האָבן אויך געדאַוונט אָפּגעזונדערט אַ 20 פרויען. אין מיטן שול שטייט אַ שיינער באַלעמער, און די איינוואוינער פון מושב־זקנים האָבן געשמאַק געדאַוונט.

ביים אַריינגאַנג לינקס איז דאָ אַ גרויסער עסצימער מיט באַזונדערע טישלעך און מיט אַ פליישיקער קיך, און אַ באַזונדערע מילכיקע קיך, מיט אויפזעער און באַדינער. לעבן עסצימער געפינט זיך אַ גרויסער זאַל מיט אַ בינע צו שפּילן טעאַטער, קינאָ און אַנדערע פאַרווייליונגען.

האָט מיר דער אויפזעער דערקלערט אַז דער מושב־זקנים איז שוין צו קליין פאַר אַלע אַפּליקאַנטן, וואָס זוכן אַ מקום־מנוחה אויף די עלטערע יאָרן, און מ'גייט שוין בויען נאָך אַ נייע געביידע.

האָט אויף מיר דער מושב־זקנים געמאַכט אַ גרויסן רושם, אַ טיפן איינדרוק, מיטן גרויסן פאַרנעם, וואָס יידן בויען און שאַפן אין לאָס אַנדזשעלעס.

אין סאַנאַטאָריום „בית התקוה"

איז אָבער דאָ אין דער מלאָכים־שטאָט נאָך אַן אינסטיטוציע פון נאָך אַ גרעסערן פאַרנעם; גאָר אַ וויכטיקע און באַרימטע אינסטיטוציע, וואָס איז נאָך ווייניק באַקאַנט אויסער די גרענעצן פון די שטאַטן און קאַנאַדע.

דאָס איז דער גרויסער פּרעכטיקער סאַנאַטאָריום פאַר טובערקולאָז קראַנקע, (שווינדזוכטיקע).

דאָס איז אַ ריזיקע אינסטיטוציע מיט אַ גרויסן פאַרנעם פון נאַציאָנאַל־יידישן פּרעסטיזש אין די שטאַטן, און מיט וואָס די יידן אין לאָס אַנדזשעלעס מעגן שטאָלץ זיין.

דער סאַנאַטאָריום געפינט זיך 18 מייל הינטער דער שטאָט, אין דואַרטע, צופוסנס פון באַוואַקסענע בערג און אַ וואונדער־שיינע לאַנדשאַפט.

דער סאַנאַטאָריום פאַרנעמט 80 אַקער לאַנד. ס'איז אַ גרויסער פּאַרק באַדעקט מיט גראָז און בלומען. עס קומט צו אַ שטיק געזונט, ווען מ'אָטעמט אַריין אין לונגען די ריינע, קילע, מחיהדיק, פרישע לופט פון די אַרומיקע בערג, פּאַלמעס און בוימער.

ביים אַריינגאַנג אין דער צענטראַלער געביידע, איז דאָ אַן אויפשריפט „בית התקוה" און אויף ענגליש „האוז אָף האופ" (דאָס הויז פון האָפענונג).

איז דער סאַנאַטאָריום באַזאָרגט מיט די מאָדערנסטע איינריכטונגען פאַר די לונגען־קראַנקע.

ביים אַריינגאַנג אויף עטלעכע טרעפּ באַוויזט זיך דער גרויסער אויי־דיטאָריום מיט אַ ברייטער, גרויסער בינע פאַר טעאַטער, קינאָ, פאַרזאַמ־לונגען און רעפעראַטן.

ס'איז אויך דאָ אַ זאַל צו לערנען און אַ ביבליאָטעק פון מער ווי צען טויזנט ביכער אין עטלעכע שפּראַכן (יידיש און העברעאיש אויך), פאַר די פּאַציענטן פון דעם „הויז פון האָפנונג".

איז דער דאָזיקער גראַנדיעזער סאַנאַטאָריום, וואָס ברענגט היילונג און האָפנונג פאַר טויזנטער ליידנדע פון דער שרעקלעכער ווייסער פּעסט, (שווינדזוכט), געשאַפן געוואָרן פון „עמך", פון די האָרעפּאַשנע פאָלקס־מאַסן, פון די ביישטייערונגען צו 5 דאָלאַר... שוין מער ווי מיט דרייסיק יאָר צוריק.

טויזנטער קראַנקע, אָן אונטערשייד פון ראַסע און רעליגיע, ווערן גע־ראַטעוועט, געהיילט, גענעזן און דערהאַלט.

אין דעם סאַנאַטאָריום זיינען שוין אַריינגעלייגט געוואָרן אַ סך מיליאָ־נען דאָלאַרס.

און איינער פון די ערשטע איניציאַטאָרן, וואָס האָט געהאָלפן שאַפן דעם סאַנאַטאָריום, און העלפט נאָך עד־היום, איז דער וואונדערלעכער, טייע־רער, האַרציקער ייד און מענטש, מענטש און ייד, אַדוואָקאַט חיים שאַ־פּירא, דער מחותן פון אונדזער באַקאַנטן, היגן שול־טוער פסח גערשענזאָן.

ווער קען דאָס נישט אין לאָס אַנדזשעלעס חיים שאַפּיראָ? ווער האָט דען נישט געהערט דעם נאָמען חיים שאַפּיראָ?

ר' חיים שאַפּיראָ איז אַן אינסטיטוציע אין דער מלאָכים־שטאָט!

אין דעם דאָזיקן האַרציקן, ליבן מענטש, איז איינגעזאַפּט געוואָרן דאָס בעסטע און שענסטע פון דער אַמאָליקער רוסיש־יידישער אינטעליגענץ.

איז דאָס טאַקע אַ וואונדער: אַן אַדוואָקאַט, אַ מענטש, וואָס איז שטענ־דיק אַרומגערינגלט אין זיין אַדוואָקאַטן־ביוראָ מיט גרויסע שאַפעס, טרו־קענע געזעץ־ביכער, קאָדעקסן און פּאַראַגראַפן, זאָל פאַרמאָגן אַזאַ איידעלע נשמה, אַזאַ גוט, ווייך האַרץ, וואָס פילט מיט די אונטערדריקטע, מיט די ליידנדע אומגליקלעכע מענטשן, און איז תמיד גרייט צו פאַרטיידיקן אין

גערישט די וואָס פילן זיך געקריוודעט, די וואָס ווערן אומזיסט און אומ־נישט פאַרפאָלגט.

ער מאָנט און פאָדערט יושר, גערעכטיקייט פאַר אַלע מענטשן...

האָב איך טאַקע געהאַט די גליקלעכע געלעגנהייט זיך נענטער צו באַ־קענען מיט דער באַרימטער פּערזענלעכקייט — חיים שאַפּירא, סיי אין זיין אַדוואָקאַטן־ביוראָ, און סיי אין זיין הויז, וואו כ'בין געווען איינגעלאַדן.

אין אַ פּריוואַטן צונאַכטס איז דאָס געווען. פריינט שאַפּירא האָט מיר געוויזן זיין יידישע ביבליאָטעק, ער איז ממש פאַרליבט אין דער יידישער ליטעראַטור און אין מאַמע לשון... מיט אַמאָל פירט ער מיך אַרויס אויף דער הינטערשטער וועראַנדע מיט שויבן־טירן, וואו ס'איז דערלעבן פאַר־פלאַנצט אַ גערטל מיט בלומען. ער לעשט אויס דאָס ליכט און זאָגט מיר מיט אַ ווייכער, שטילער שטימע, און מיט פייכטע, פאַרחלומטע אויגן: — זעט פריינד ווייסבוים, זעט וואָס פאַר אַ פּראַכטפולע פּאַנאָראַמע! זעט ווי שיין!

יאָ, כ'האָב דערזען אויף דער טונקעלער וועראַנדע פון דעם באַרג, וואו דאָס הויז שטייט, אַן אויסערגעוויינלעך פאַנטאַסטיש בילד:

פון אויבן אַן אויסגעשטערנטער בלויער הימל. פון אונטן, לאַנגע, העל־באַלויכטנדיקע בולוואַרן מיט לויפעדיקע אויטאָס, וואָס פינקלען מיט זייע־רע פאָדערשטע לאַמטערן, ווי טויזנטער גלי־ווערם, און אויף רעכטס באַ־וויזן זיך די ווייסע, פאַרחלומטע הייזער, וואָס דראַפּען זיך אויף די האַ־ליוואָודער בערג, מיט די האַלב טונקעלע, געדרייטע גאַסן און געסלעך, וואָס לאָקן און פאַרכישופן אַזוי די מענטשלעכע פאַנטאַזיע. פון אַ וועלט וואָס איז פול מיט מיסטעריע, פון אַ וועלט מיט אויסטערלישע מענטשן, וואָס באָדן זיך אין גליק, וואוילטאָג און פאַרגעניגן...

פאַר מיר איז איצט געשטאַנען אַן אַדוואָקאַט — אַ פּאָעט! אַ מענטש מיט אַ ליריש־פּאָעטישער נשמה, וואָס האָט ליב די נאַטור, גאָטס שיינע וועלט, אַ שיינעם זון־אונטערגאַנג וואָס באַצויבערט דאָס מענטשלעכע אויג, און פאַרשאַפט פרייד און גענוס דאָס מענטשלעכע האַרץ. אַ מענטש, וואָס האָט ליב מענטשן! אַלע מענטשן — גאָטס גליקלעכע און אומגליקלעכע באַשעפענישן...

* * *

האָב איך טאַקע געהאַט דאָס גליק צו ווערן איינגעלאַדן עטלעכע טעג שפּעטער, פון פריינד חיים שאַפּירא, אויף דעם סאַנאַטאָריום „קאָנוועגשאָן" צום צוזאַמענפאָר פון אַריבער טויזנט דעלעגאַטן און געסט אין לאָס אַנדזשעלעס.

אין אַ שיינעם קילן פרימאָרגן איז דאָס געווען. די חשובע, איידעלע פרוי באַסקע שאַפּיראָ האָט מיט געניטקייט און פּאַרזיכטיק געפירט דעם אויטאָ און איר מאַן ר׳ חיים איז געזעסן לעבן איר פּאַרטראַכט, פאַרטיפט אין מחשבות. ער דאַרף האַלטן די הויפּט רעדע אויפן „קאַנווענשאַן״.

איך און דער באַקאַנטער שרייבער ל. פּאַרעס זיינען געזעסן אין אויטאָ הינטער זיי אין האָבן אויך געשוויגן. כ׳האָב מיט גרויס נייגער באַטראַכט דעם שיינעם וועג, באַוואַקסן פוןביידע זייטן מיט פּאַלמעס און בוימער. אַ סך קליינע, ווייסע הייזער האָבן זיך ווי באַהאַלטן צווישן די שמאָלע אַלייען, איינגעטונקען אין גרינס און אין בלומען.

איז דאָס טאַקע געווען אַן אויסערגעוויינלעכע איבערלעבעניש, וואָס קריצט זיך איין אין זכרון אויפן גאַנצן לעבן...

ס׳האָבן זיך געצויגן שורות מיט אויטאָס פון דעלעגאַטן, געסט פון אַלע שטאַטן; אַ סך דעלעגאַטן פון אַרבעטער פּאַראייניגן (יוניאָנס), פון רעלי־גיעזע און וואוילטעטיקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינעןביישטייערער פון סאַ־נאַטאָריום.

דער גרויסער זאַל איז געווען געפּאַקט. ביי גרויסע, לאַנגע טישן האָט זיך דער עולם אויף גיך דערכאַפּט דאָס האַרץ, מיט די ספּעציעלע מאַכלים אין פּאַפּירענע טעלער און געטרונקען שוואַרצע קאַפע פון פּאַפּירענע טעפּ־לעך. יעדער איינער האָט זיך גענומען עסן וויפל ער האָט געוואָלט און טאַקע געגעסן אויף ביידע באַקן: גיך, גיך, אויפן אַמעריקאַנער שטייגער...

און ווען מ׳האָט אַרויפגערופן אויף דער בינע חיים שאַפּיראָ, צו האַלטן די דערעפענונגס־רעדע פון דער „קאַנווענשאַן״, איז מיט אַמאָל אין זאַל שטיל געוואָרן.

איז דאָס טאַקע געווען אַ רעדע אין ענגליש מיט גרויס פּאַטאָס, נאָר אָנגעזאַפּט מיט יידישער האַרציקייט, מיט יידישן רחמנות. דער רעדנער האָט ציטירט די פלאַמיקע ווערטער פון אונדזערע גרויסע נביאים, דער־מאָנט די יידיש־עטישע פּרינציפּן פון מענטשלעכער חשיבות, פון מיט־לייד, פון הילף צו קראַנקע, ליידנדע מענטשן.

שאַפּיראָס ווערטער האָבן געצונדן, געוועקט הערצער, אפשר אַ סך קאַלטע, פאַרפרוירענע הערצער, צו מעשים, צו העלפן: דער סאַנאַטאָריום דאַרף שאַפן נאָך זיבן מיליאָן דאָלאַר (50 מיליאָן פּעזעס...) פאַר נאָך 700 בעטן און אַ גרויסן מעדיקאַל־צענטער ביים סאַנאַטאָריום.

און ווען דער חשובער, באַגייסטערטער רעדנער איז איבערגעגאַנגען צו יידיש, נו, נו, איז געוואָרן אַ גרויסע פרייד און אַ סך הענט האָבן

ווארעם אפלאדירט... אין א סך יידישע הערצער וואס גארן צו הערן א יידיש ווארט, האט זיך אנגעצונדן די ליבע, ווי צו אן אלטער, טייערער מאמען — צו מאמע לשון...

האט טאקע פריינט שאפירא אויך געהאלטן א רעדע אין מאמע־לשון, מיט פיינע ניואנסן און אראטארישע איינפאלן, אין א שיינעם, פאלקסטימ־לעכן יידיש, האט די יידישע רעדע מער געוועקט און זיך דערשלאגן צו דער טיפקייט פון יידישע הערצער, ווי אין דעם צירלעך־מאנירלעכן ענג־ליש...

יידיש לשון וועקט יידישע הערצער...

לעבן מיר און לעבן דער פרוי שאפירא איז געזעסן דער באקאנטער שרייבער ל. פארעם, האט ער מיר באגייסטערט, שטיל געזאגט, אויף זיין ווייכן, פוילישן יידיש: ווייסבוים, איר זענט א מבין (מאיוון) וואוס דא טיט זעך? פריינט שאפירא האט דאך גערירט, באגייסטערט און דערווארעמט דעם גאנצן עולם! מ׳דארף דאך קענען דערווארעמען אט די קאלטע, אויס־גערעכנטע אמעריקאנער, יידישע דעלעגאטן! וואוס דא טיט זעך? וואוס דא טיט זעך?! ער האט אלע דעווארעמט!

יא, די יידן אין לאס אנדזשעלעס האבן ליב און רעספעקטירן זייער חיים שאפירא.

ווען מ׳דארף מאכן א קאמפיין פאר א הילפס־אינסטיטוציע, פאר א וויכטיקן צוועק, קומט דער טריבון, דער פאלקס־רעדנער חיים שאפירא און באגייסטערט, וועקט, מאנט, רופט און אפעלירט צו העלפן וואו מ׳דארף.

אמאל, אמאל אין דער אלטער היים זיינען די פרומע, הייליקע יידן ארומגעגאנגען און מעורר געווען, געוועקט און אויפגעמונטערט די יידן צו תורה, צו רחמנות, צו יידישקייט: — שטייט אויף יידן צו עבודת הבורא!

און די מלאכים־שטאט האט אויך זוכה געווען צו האבן ביי זיך אזא טייערן, הארציקן ייד, וואס איז פול מיט אהבת־ישראל, אהבת־הבריות. ער וועקט, איז מעורר און רופט: — יידן, רחמנים בני רחמנים, העלפט! העלפט וואו מ׳דארף, וואו אייער הילף איז נויטיק!

בין איך זיך טאקע מצרף מיט די יידן אין לאס אנדזשעלעס, צו די הארציקע ברכות, וואס זיי ווינטשן זייער — חיים שאפירא.

פערשינג־סקוועך

אין לאס אנדזשעלעס זיינען נישטא קיין סך גרויסע פארקן, אפשר דער־פאר ווייל די גאנצע שטאט איז איין גרויסער פארק.

זיינען די עטלעכע גאָרטנס צעוואָרפן איבער דער שטאָט, אַ חוץ דער גרויסער גריפיט־פּאַרק הינטער דער שטאָט.

אָבער אין סאַמע צענטער פון שטאָט געפינט זיך דער באַרימטער „פּערשינג סקווער", וואָס איז אַן אויסנאַם פון אַלע פּאַרקן און גאָרטנס אין גאַנצן קאַליפאָרניע.

דאָס איז אַ קליינער גאָרטן, וואָס שטייט לעבן דער רוישיקער „היל". גאַס פון איין זייט, פון דער צווייטער זייט ציט זיך דער גרויסער בילטמאָר האָטעל. פון דער דריטער זייט, די זעקסטע גאַס און פון דער פערטער זייט, די פינפטע גאַס.

איז טאַקע אין „פּערשינג סקווער" שטענדיק לעבעדיק, אַ טומל, אַ געדרעדריי. אויף די אויסגעשטעלטע הילצערנע בענק זיצן דאָרט יעדן טאָג כמעט די זעלבע מענטשן: אָרעמע, דערשלאָגענע, אַרויסגעשטויסענע, אַרבעטסלאָזע, עלטערע, טרעמפּס, וואַגאַבונדן, וואָס וואַרעמען זיך אונטער דער קאַליפאָרניער זון...

דאָרט איז דער אמתער אינטערנאַציאָנאַל... איר געפינט דאָרט די בכבודיקע פאָרשטייער פון אַלע לענדער און פעלקער... איר קענט דאָרט הערן אַלע שבעים לשונות, אַן אמתער דור הפלגה...

אין מיטן סקווער שפּריצט שטענדיק אַ קיילעכדיקער פאָנטאַן, און טאַקע דאָרט אַרום דעם פאָנטאַן, שטייען טאָג־טעגלעך רעדלעך מענטשן און דיסקוטירן הויך אויפן קול. איר קענט דאָרט רעדן, שרייען וויפל אייער האַרץ גלוסט, ס'איז אַ פרייע מדינה...

שטייט אַ מיסיאָנער מיט כיטרע אויגן און רייסט זיך דעם גאָרגל, אַז נאָר „דזשיזוס" וועט ראַטעווען די וועלט... דערלעבן שטייט אַ הויכער נעגער און שרייט אויס הויך, אַז די קריסטן האַלטן אַליין נישט וואָס „דזשיזוס" האָט געזאָגט און ער וויל דווקא וויסן, וואָס עס מיינט קריסט־לעכע ליבע מיט דיסקרימינאַציעס... דער עולם לאַכט, און ס'שיטן זיך פראַגעס פון אַלע זייטן.

עס זיצן דאָרט אויך אונדזערע יידן, מ'רעדט פון פּאָליטיק, מ'שפּאַרט זיך. ס'איז אַ לעבעדיקע וועלט.

און טאַקע צווישן די רייען בענק מיט די שיטערע ביימער און פּאַל־מעס, דרייען זיך אַרום הונדערטער טויבן. עפּעס מאָדנע טייבעלעך, זיי האָבן נישט קיין מורא, עסן פון די הענט, קריכן אונטער די פיס, און די עלטערע דיקע טויבן גייען גיך־גיך, ווי גאַנצע באַלעבאָסטעס. באַוועגן

שנעל מיט די שטאָלצע, פּאַרריסענע קעפּלעך, ווי נאָר זיי אַליין מעגן כאַפּן וואָס אַ גרעסערע פּאַרציע קערעלעך...

ביי דער זייט גאָרטן פון דער פינפטער גאַס, פונקט קעגנאיבער דעם אַריינגאַנג אין פילהאַרמאָניע אוידיטאָריום, שטייט אויף אַ פּעדעסטאַל די סטאַטוע פון דעם גרויסן, אומשטערבלעכן מייסטער — בעטהאָווען. ער שטייט פאַרטראַכט, דעם קאָפּ אַ ביסל אַראָפּגעבויגן. האַלט די הענט מיטן צעקנייטשטן הוט און שפּאַציר־שטעקן פון הינטן. מיט איין פוס מאַכט ער אַ טריט פאָרויס. דאַכט זיך טאַקע, אָט אָט, אָט גייט דער מייסטער אַראָפּ פון פּעדעסטאַל און שפּאַצירט זיך פּאַמעלעך אַריין אין פילהאַרמאָניע זאַל, וואו מ׳שפּילט איצט זיין אומשטערבלעכע ניינטע סימפאָניע. און מיטן שטעקן אין האַנט נעמט ער אַליין דיריזשירן דעם סימפאָנישן אָרקעסטער מיטן כאָר, וואָס זינגען די אומשטערבלעכע ווערטער פון שילערס „אָדע":
— אַלע מענטשן זיינען ברידער — — — — — — — —

די געטלעכע מוזיק שטייגט מיטן ריטם און טאַקט אַלץ העכער און העכער. רופט און דערוועקט מוט און האָפנונג אין מענטשלעכע הערצער, דערוואַרעמט דאָס בלוט אין די אָדערן, שאַלט און זאָגט אָן בעסערע צייטן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט...

יאָ, דער אומשטערבלעכער בעטהאָווען שטייט זיך ווייטער פאַרטראַכט אויפן פּעדעסטאַל אין „פּערשינג סקווער". די טייבעלעך שטייען אויף זיינע אַקסלען, וואָרקען עפּעס אַזוי שטיל, פּיקן זיך די שנעבעלעך און פירן ליבעס...

און דער הויכער, שטייפער פּאָליציאַנט גייט זיך אַרום צווישן עולם מיט פעסטע טריט און מיט אַ שטאָלצע מינע פון אַ גענעראַל... קוקט גיך פוןביידע זייטן בענק און זוכט עפּעס אַ שיכור. אַ קריגעריי צווישן די שטענדיקע שטאַם־געסט... אָדער עפּעס וואָס איז קעגן געזעץ און אָרדנונג... אין טומלדיקן „פּערשינג סקוועער".

שניי אין קאַליפאָרניע

עטלעכע טעג נאָך ניי־יאָר, אין אַ זונטיק אין דער פרי איז דאָס געווען. האָט אין דער מלאכים־שטאָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ שטאַרקער, קאַלטער ווינט.

ווען כ׳בין געשטאַנען אויפן באַרג לעבן דער אָבסערוואַטאָריע אין גריפיט פּאַרק און באַטראַכט די וואונדערבאַרע פּאַנאָראַמע: ליגקס, שפּרייט

זיך אויס די סאַן פערנאַנדאָ וואַלי (טאַל), מיט הונדערטער ווייסע הייז־לעך, סימעטריש אויסגעשטעלט ווי קעסטעלעך. רעכטס, די לאַנגע, ברייטע בולוואַרן, ווּעניוס און גאַסן מיט געדיכט ביימער און פּאַלמעס, וואָס ציען און שלענגלען זיך באַרג אַרויף און אַראָפּ.

און פון מערב זייט זעט זיך פון ווייטנס דער אויסגעשפּרייטער, וויי־טער ים, וואָס ווערט ערגעץ פאַרפאַלן אין האָריזאָנט.

אָבער דער ווינט בלאָזט וואָס אַ מאָל שטאַרקער, רייסט דעם קאַפּעלוש פון קאָפּ און יאָגט אונטער דעם אויטאָ באַרג־אַראָפּ מיט אַ פייפעריי...

ביים ברעג ים האָט שוין אַ דראָאַבנער רעגן געשמיסן אין פּנים, און די כוואַליעס האָבן מיט שטורעם, מיט כעס און מיט רוגזה געפּאַטשט דעם זאַמדיקן ים־ברעג.

ביינאַכט איז געפאַלן אַ שניי, אין לאָס אַנדזשעלעס אַ שניי? שוין צענדליקער יאָרן האָט די מלאָכים־שטאָט נישט פאַרזוכט קיין שניי, און מיט אַמאָל אַ שניי, קעלט און טאַקע מיט אַ פראָסטל...

די מענטשן האָבן נעבעך געכאַפּט אַ ציטער, אַ „קאָלד", זיך פאַרקילט, אָנגעהויבן צו ניסן און הוסטן. אַזאַ מעשה גאָר! אין דער זוניקער, וואַ־רימער קאַליפאָרניע אַ שניי מיט קעלט?

איז טאַקע געווען אַ גאָטס־רחמנות אויף די ציטערדיקע, שלאַנקע פּאַל־מעס. זיי האָבן זיך געטרייסלט פון קעלט, זיך געשאָקלט ווי אַ לולב מיט די אַראָפּגעבויגענע צווייגן, ווי מיט פאַרחלשטע, צעבראָכענע הענט...

זיינען טאַקע אויך די איידעלע, גאָלדענע ציטרוס־פּרוכט נעבעך פאַר־פרוירן געוואָרן... ס'האָבן זיך נעבעך פאַרקילט די זאַפטיקע אָראַנזשן, די העל־ברוינע ציטרינען. כ'האָב זיי געזען אויפן וועג, ווען כ'בין געפאָרן צוריק אין מעקסיקע.

זיי זיינען געלעגן אין די טויזנטער אויף דער ערד לעבן די קליינע, דיקע ציטרוס־בוימער. די יונגע פּאַמעראַנצן וואָס דערקוויקן דאָס מענטש־לעכע האַרץ, האָבן זיך געוואַלגערט פאַרחלשטע, פאַרפרוירענע אויף גאַנ־צע קילאָמעטערס פון ביידע זייטן שאָסיי.

ס'האָט נישט געהאָלפן דאָס דערוואַרעמען זיי מיט ברענענדיקע קנויטן פון בלעכענע עמערס גאַזאָלין. די גאַנצע ציטרוס־שפע איז געגאַנגען פאַר־לוירן.

נאָך עטלעכע שעה פאָרן אויפן קאַליפאָרניער שאָסיי האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ וואונדערלעך בילד, אַ פּראַכטפול־שיינע פּאַנאָראַמע: שניי! ווייס בלענדנדער שניי! שניי! שניי!

דער גאַנצער וועג ביז דאָס אויג קען דערזען — שניי. בערג, טאָלן, אַלץ איז באַדעקט מיט שניי, אַ ים מיט שניי! אויבן שיינט די זון, און אַרום און אַרום די גאַנצע לאַנדשאַפט איז באַדעקט, פאַרהילט מיט שניי...

און בילדער איינס נאָכן אַנדערן שווימען אַרויף אין מיין זכרון — פּוילן! יאָ, מיר דאַכט זיך, אַז כ׳בין אין פּוילן אין מיין געבורט־שטעטל קאָנסקעוואָליע: ס׳איז ווינטער, אַלץ איז באַדעקט מיט פלאַכטעס שניי. די זון שיינט, דער פראָסט ברענט און מיר פאָרן אין אַ שליטן אויפן לובלי־נער שאָסיי. די פערדלעך לויפן און די גלעקלעך קלינגען אַזוי ציטעריק, מחיהדיק, היימיש, יאָ, מיר פאָרן אַהיים, אַהיים. אין אַ וואַרעמער שטוב אַריין, אַהיים, אַהיים...

אָבער שוין לאַנג, לאַנג זיינען אַוועק די שליטנס מיטן שניי, מיט דער פרישער פראָסטיקער לופט, מיט דער היים... אויף פּוילישע וועגן און שאָסייען.

איצט פאָר איך אין אַ וואַרעמען אויטאָבוס אויף די געפלאַסטערטע שאָסייען פון קאַליפאָרניע, אַריזאָנאַ און טעקסאַס.

און אַ וואונדער איז געשען — שניי! אין דער וואַרעמער „סאַוט״ (דרום) שניי! ווייסער, בלאַנקער שניי!

דער „באָס״ צערייבט, צעשמעלצט דעם ווייסן שניי אונטער די גומענע רעדער אויפן גאַנצן וועג ביז „על פּאַסאָ״.

די פּאַסאַזשירן בייטן זיך אין יעדער גרויסער שטאָט. מ׳זעט פאַרשי־דענע טיפּן מענטשן, אַרבעטער, פאַרמערס.

לעבן אַ קליין שטעטל האָבן זיך הינטער מיר געזעצט צוויי פאַרמערס. איינער אַ הויכער, אַן אויסגעצויגענער מיט אַ ברייטן קאַפּעליוש, שמאָ־לע, געפּאַסטע הויזן און מיט קורצע שטיוול מיט הויכע אָפּצאַסן... און אַזוי ווי כ׳פאַרשטיי נישט דעם ווייבערשן סוד, פאַרוואָס פרויען גייען אין שיך מיט הויכע אָפּצאַסן, און מיט די פיאַטעס אַראָפּ... אַזוי קען איך טאַקע נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס אַזאַ הויכער פאַרמער, דאַרף נאָך גיין אין שטיוול מיט הויכע אָפּצאַסן.

לעבן אים איז געזעסן אַ קליינער, דיקער פאַרמער און געקייעט „טשיק־לע״. דער הויכער האָט געהאַלטן אין איין רעדן מיט אַ מאָדנעם ענגלישן אַקצענט, געשלונגען די ווערטער גיך, גיך, אונטער דער נאָז.

דער טשיקלע־קייער האָט די גאַנצע צייט בלויז געענטפערט מיט איין וואָרט — יע, יע! און ווען ער האָט דעם „יע״ פאַרענדיקט מיט פאַר־קוועטשטע ליפּן, איז דער יע אַרויסגעקומען ווי יעפּ! יעפּ!

און די צוויי וואוילע פּאָלקס־מענטשן, דער פּאַרמער מיט די הויכע אָפּ־צאָסן און דער טשיקלע־קייער מיטן יעף, יעף! האָבן זיך נאָך אַ צוויי שעה פּאַרן, פּאַמעלעך אַרויסגעשאַרט פון „באָס״.

צוריק אין לאַרעדאָ

האָב איך זיך טאַקע ווידער אויסגערוט אַ נאַכט אין דעם זעלבן לאַ־רעדאָ־האָטעל, און פריי־טיק אין דער פרי אָוועק זיך געזעגענען מיטן פריינד לואיס פראַנקלין, איידער כ׳פאָר אַריבער די גרענעץ צוריק אין מעקסיקע.

איז מיר באַשערט געווען צו טרעפן אין זיין געשעפט אַ ראַביי פון לאָס אַנדזשעלעס. אַ ייד אַ תלמיד חכם, אַ ליטוואַק, וואָס רעדט אַ געשמאַקן ווילנער יידיש.

דער חשובער רב אַבראַמזאָן פאָרט אַרום מיט זיין פרוי אין די שטאַטן, צו זאַמלען געלט אַרויסצונעמען יידישע קינדער פון גויאישע הענט, פון שמד אין אייראָפּע...

בין איך טאַקע געוואָרן איינגעלאַדן אויף אַ כשרער, שבתדיקער וועט־שערע אין הויז פון לאַרעדאָ כלל־טוער לואיס פראַנקלין.

פרייטיק 6 אַזייגער איז אונדזער מכניס־אורח פריינט פראַנקלין געקו־מען אין האַמילטאָן האָטעל און האָט אונדז, דעם ראַביי, זיין פרוי און טאַקע נאָך אַ גאַסט, אַ טויבער רעפאָרם־ראַביי פון ניו־יאָרק און מיך, אָפּגעפירט צו זיך אין הויז אויף שבת.

איז דאָס טאַקע געווען אַן אמתער עונג־שבת. אויפן ווייס־געדעקטן טיש האָבן די ליכט אין די שבת־לייכטער באַשיינט אַלע אַרום טיש. די מענער אין יאַרמולקעס, און טאַקע מיטן פיינעם קידוש, מיט געשמאַקע, געפילטע פיש מיט כריין, וואָס די איידעלע, גאַסטפריינטלעכע פרוי פראַנקלין האָט אַליין געמאַכט.

האָב איך טאַקע דאָרט, אַ חוץ די געשמאַקע שבתדיקע מאכלים מיט דער נשמה יתירה, אויך געטראָפן אַ טייער, פיין, חנעוודיק יידיש מיידל חוה בערקמאַן פון מעקסיקע. דער פאַמיליע פראַנקלינס אַ משפחה, און אַ טאָכטער פון דער באַקאַנטער לערערקע פון דער יידישער שול, שושנה בערקמאַן.

האָט דאָס טייערע מיידל חוהלע, אַ געזונט אויף איר קאָפּ, בשום אופן נישט געוואָלט רעדן נישט קיין ענגליש און נישט קיין שפּאַניש — נאָר יידיש... בלויז יידיש!

זי האָט אין זיך איינגעזאַפּט אין היגן יידישן לערער־סעמינאַר ר' אברהם גאָלאָמבס אינטעגראַלע יידישקייט, און — מיט אַ ייד דאַרף מען רעדן יידיש!...

האָב איך טאַקע דאָרט געזען אַן אויסטערלישן, טשיקאַוון מינהג:

נאָך דער שבתדיקער וועטשערע, אַרום 8 אַזייגער, זיינען מיר געפאָרן מיט אַ פולן מאָגן מקבל פנים זיין די מלכה שבת, וואָס האָט נעבעך גע־וואָרט ערגעץ אַ הונגעריקע...

האָב איך טאַקע דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן געזען מקבל שבת זיין נאָכן עסן...

האָבן זיך אַ 60 יידן געשטעלט זאָגן לכו נרננה אין אַ זאָל פון דעם „אַמעריקאַנער לידזשאָן" (אַ מיליטערישער קלוב), וואָס די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט דערלויבט די יידן צו דאַווענען, ביז זיי וועלן האָבן פאַר־טיק די אייגענע שול.

ביים עמוד האָבן געברענט ליכט, אַלע זיינע געזעסן אויף לאַנגע בענק. ווען דער חזן וואָס געזונגען דעם לכה דודי, האָבן אפילו די פרויען מיט־געזונגען דעם שיינעם ניגון נאָך יעדן פערז. און ווען די מענער מיט די פרויען האָבן גענומען זינגען נאָכן דאַווענען יגדל אלהים, פסוק נאָך פסוק, האָט דאָס טאַקע געשאַפן אַ פייערלעכע שטימונג, און כ'בין געבליבן זיצן פאַרוואונדערט פון דעם אויסטערלישן ספּעקטאַקל לכבוד שבת...

נאָכן קידוש האָט דער ראַביי געהאַלטן אַ „ספּיטש" אין אַ פיינעם יידיש פאַרבראַקט מיט אַ ביסל ענגלישע ווערטער...

האָב איך זיך טאַקע באַקאַנט מיט עטלעכע אַמעריקאַנער יידן, וואָס האָבן אַמאָל געוואוינט אין מעקסיקע, ווען מ'האָט נאָכן דאַווענען מכבד גע־ווען דעם עולם מיט טיי און שבתדיקן קוכן. כ'האָב זיך געפונען עפּעס אין אַ מאָדנער סביבה. כ'האָב זיך געהאַלטן אין איין וואונדערן: וואו בין איך? עפּעס אַ מאָדנער פרייטיק צונאַכטס...

אין אַן אַמעריקאַנער שטאָט לעבן דער מעקסיקאַנער גרענעץ. אַ כשרע שבתדיקע סעודה. אַ יידיש מיידל געבוירן אין מעקסיקע, וואָס מיט יידן, רעדט זי נאָר יידיש... וואוילע, טייערע יידן, וואָס זיינען מקבל שבת נאָכן עסן... יידישע פרויען און מיידלעך זינגען אַזוי שיין, אַזוי האַרציק לכה דודי און יגדל... און אַ טויבער רעפאָרם ראַביי, וואָס עסט געפיל־טע פיש מיט אַ כשרע שבתדיקע וועטשערע און האַלט אַ שבתדיקן „ספּיטש" אויף יידיש...

וואונדער איבער וואונדער!

אין מעקסיקאַנער גן־עדן

כ׳האָב שוין געזען אַ מינהג וואו מ׳דאַוונט גאָרנישט... אָבער אַ מינהג צו דאַוונען נאָכן עסן. מקבל שבת זיין מיט אַ פולן מאָגן, דאָס האָב איך געזען דאָס ערשטע מאָל אין לאַרעדאָ...

האָט דאָס טאַקע געמאַכט אויף מיר אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק. דעם לעצטן רייזע־איינדרוק איידער כ׳האָב פאַרלאָזט די שטאַטן.

שבת אין דער פרי האָב איך געזאָגט „גוד ביי״ די שטאַטן און די טייערע, וואוילע אַמעריקאַנער יידן.

כ׳בין צוריק אַריבער די גרענעץ. צוריק אין דעם לאַנד וואו כ׳האָב די לעצטע 23 יאָר פון מיין לעבן, געפונען אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַ שטיקל ברויט צו זאַט...

צוריק אין דער שיינער, זוניקער מעקסיקע!

ווידער אין די שטאַטן

(מאַרץ 1950)

יאָ ס'איז טאַקע אמת וואָס מ'זאָגט: מ'קען וויסן, מ'קען אויסרעכענען פונקט, עקזאַקט די צייט און טאַקע די מינוט ווען מ'פאָרט אַרויס. אָבער מ'קען קיינמאָל נישט אויסרעכענען באַשטימט, פּינקטלעך די צייט ווען מ'דאַרף אָנקומען דאָרט, וואוהין מ'פאָרט...

דאָ העלפט שוין גאָרנישט קיין חכמות, נישט דאָס אויסרעכענען, דאָס קאַלקולירן אויפן זייגער, קיין שום טעכנישער באַשטימטער חשבון — אַז מען מוז אָנקומען, אַז די רעדער פון אויטאָבוס מוז זיך דרייען, אַז דער מאָטאָר מוז אַרבעטן פונקט אַזוי ווי דער שאָפער וויל. אָ, ניין!

איז טאַקע דער קאַמיאָן אין וועלכן כ'בין געפאָרן דאָס מאָל צו דער גרענעץ לאָרעדאָ, געבליבן מיטאַמאָל שטיין אַ הונדערט קילאָמעטער הינ־טער דער שטאָט וויקטאָריאָ און גייט טוט אים עפּעס...

דער קאַמיאָן שטייט, דער מאָטאָר מאַכט עפּעס מאָדנע קונצן: קלאַפּט, קרעכצט, שיסט, סיקיט, רעוועט ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה. ער גייט נישט און אַ סוף!

דער שאָפער אַרבעט, שוויצט מיט די צוואַנגען און שרויפן, וויל נע־בעך באַווייזן זיינע גרויסע קענטעענישן ביים פאַרריכטן דעם מאָטאָר, אָבער ס'העלפט נישט. ער אַרבעט אָפּ אַ האַלבע שעה און דערקלערט מיט אַן אומעטיק קול, אַז ס'טויג נישט, ער קען דעם מאָטאָר נישט פאַרריכטן. מען מוז טעלעפאָנירן אין וויקטאָריאָ, מ'זאָל ברענגען אַ צווייטן קאַמיאָן.

ס'ווערט אַ ביסל קאַלעמוטנע אויפן הארץ. די 25 פּאַסאַזשירן מוזן אַרויסגיין פון קאַמיאָן אין מיטן וועג, ערגעץ אויפן פרייען פעלד, וואו ס'שטייען עטלעכע קליינע ליימענע הייזלעך, „כאַקאַלעס". דער שאָפער

זוכט א טעלעפאן צו וויסן געבן אין וויקטאריא, מ'זאל ברענגען אן אנ־דערן קאמיאן, אבער ס'איז אפילו נישטא קיין סימן פון א טעלעפאן אין דער גאנצער געגנט ארום.

פארפאלן, מ'דארףווארטן ביז ס'וועט אנקומען א קאמיאן פון דער זעלבער קאמפאניע, וואס פארט צוריק אין מעקסיקע, מ'זאל אנזאגן אין וויקטאריא מ'זאל באלד ארויסשיקן א קאמיאן.

ס'איז פאלג מיך א גאנג!

די פאסאזשירן דרייען זיך ארום אומצופרידענע, בייזע, גייען אריין צו די אָרעמע פּויערים בעטן א טרונק וואסער. די לופט איז א ווארעמע, א מחיהדיקע. א לינד ווינטל ווייעט מיט פרישקייט פון די אפענע פעלדער, פון די גרינע בערג ארום.

כ'זעץ זיך אויף אן אלטער הילצערנער באנק לעבן א נידעריק לייַמען הייזל און ווארט אומגעדולדיק אויפן קאמיאן, ער וועט זיכער מוזן אנקומען. א ברירה האב איך?...

כ'שפּאציר ארום א ביסל אויף די פעלדער, אויפן וועג ביז, ביז נאך א צוויי שעה ווארטן לויפט אן מיט א געפילדער און פייפעריי א קאמיאן. דער שאפער שטעלט אים אפ און לאזט וויסן, אז מ'זאל באלד ארויסשיקן א קאמיאן פון וויקטאריא, און נאכן ווארטן נאך א צוויי שעה קומט טאקע אן א פרישער קאמיאן מיט מזל. מ'פּאקט ארויף דעם באגאזש אויפן דאך פון קאמיאן און מיר פארן ווייטער.

מיר האבן אזוי ארום פארשפּעטיקט א 5 שעה און מיר זיינען אנגעקומען „בשלום" צען אזייגער ביינאכט צו דער גרענעץ...

איר זענט שוין אמאל אריבער ביינאכט א גרענעץ?

כ'מיין נישט, חלילה וחס, אריבערגיין די גרענעץ פון דעם אמאליקן רוסלאנד, וואו מ'האט באדארפט אין מיטן א שטאק־פינצטערער נאכט גנבע־נען, שווארצן די גרענעץ מיט פארדעכטיקטע פארשוינען, מיט א שווארצער, א שמוגלער און מ'איז טאקע געווען איינגעשטעלט מיטן לעבן... ווי שלום עליכמס מאטל פייסי דעם חזנס דערציילט: ער און זיין משפחה זיינען געלאפן איבער א וואלד. מ'האט זיי געוואלט בארויבן, הרגענען, מ'האט זיי נאכגעשאסן און זיי זיינען געלאפן, געפאלן און ווייטער געלאפן ביז זיי האבן דערזען שוין פארטאג די שטאט בראד (עסטרייך)...

כ'מיין דא א גרענעץ, וואו מ'גייט אריבער מיט אן אויסלענדישן פּאס, מיט א וויזע, רואיק, געלאסן אויף א פיינעם אופן, ווי ס'פירט זיך ביי לייטן...

אָבער דאָך איז עפּעס דאָס אַריבערגיין די גרענעץ ביינאַכט אַן אוי־סערגעוויינלעכע איבערלעבונג. עפּעס כאַפּט אַרום דעם מענטש אַ מאָדנע שטימונג פון פרעמדקייט און נייגער...

אויף דער זייט נועוואָ לאַרעדאָ איז נאָך געווען לעבעדיק. די קאַפעס, די קאַנטינאַס זיינען נאָך געווען אָפן, אַ באַוועגונג אין די גאַסן. אָבער ביי דער גרענעץ־בריק איז שטיל און שוואַך באַלויכטן.

דער מעקסיקאַנער גרענעץ־באַאַמטער, זעט אויס אַ מידער, אַ ביסל אַ פאַרשלאָפענער, ער נעמט צו די צוויי גרענעץ־פּאַפּירלעך און כ׳גיי שוין אויף דער האַלב פינצטערער בריק.

כ׳גיי אַריין אין אַ שוואַך באַלויכטענעם צימער, זאָגט מיר דער אַמע־ריקאַנער גרענעץ־באַאַמטער שטילערהייט, אַזוי ווי ער וואָלט מיר איינ־רוימען אַ סוד: „סמאָל פּאָקס”, איר דאַרפט זיך שטעלן פּאָקן, זאָג איך אויך שטיל, אַז כ׳בין שוין אַ געשטעלטער... און ווייז אים דעם דאָקטאָרס סערטיפיקאַט, ענטפערט ער מיר נאָך שטילער: אָל רייט, אָל רייט, און הייסט מיך גיין ווייטער.

אַרום איז אַלץ שטיל, רואיק. נישטאָ דער טומל, ,די גרויסע באַוועגונג פון קאַטשעס אַהין און צוריק איבער דער בריק, אָדער דורכגייערס בייטאָג.

בייטאָג מוז מען וואַרטן אויף נומערן אַריינצוגיין וואו מ׳שטעמפּלט דעם פּאַס אויף כשר... איצט זיינען דאָ בלויז דריי מענטשן מיט די פּעסער אין די הענט. און ס׳ווערט טאַקע גיך אָפּגעפאַרטיקט, שטיל, רואיק און כ׳בין שוין אין גרויסן זאַל וואו די אַמעריקאַנער גרענעץ־באַאַמטער, אַ ביסל אַ פאַרשלאָפענער הייסט עפענען די וואַליזן. ער גיט אַפּאַטיש אַ הויב אויף פאַרזיכטיק די זאַכן מיט צוויי פינגער, ווי ער וואָלט זיך גע־היטן ער זאָל חלילה עפּעס נישט צעברעכן... זאָגט אָפּ אַ גיכן אָלרייט אונטער דער נאָז — און מיר פאָרן שוין אין מעקסיקאַנער קאַמיאָן צו דער סטאַנציע, בלויז עטלעכע מינוט און מיר זיינען שוין אין לאַרעדאָ — טעקסאַס...

צום צווייטן מאָל אין לאָס אַנדזשעלעס

די גאַסן זיינען ליידיק, שטיל און העל באַלויכטן. אַלץ איז פאַרמאַכט, מ׳זעט זעלטן אַ דורכגייער. די לופט איז אַ קילע, אַ פרישע און ס׳ווילט זיך עפּעס שפּאַצירן אַ ביסל איבער די שטילע באַלויכטנדיקע גאַסן אין לאַרעדאָ. כ׳וויל פון זיך אויסלאָדן דאָס זיצן אין ענגן קאַמיאָן גאַנצע 26 שעה.

אַך, וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן ס'איז ווידער צו גיין אויף די האַרטע, שטיינערדיקע טראָטואַרן, אויסגלייכן זיך אַ ביסל די פיס. וואָס פאַראַ פאַרגעניגן, וואָס פאַר אַ מחיה ס'איז איינצואָטעמען אין די לונגען די פרישע, קילע לופט אויף די שטילע גאַסן נאָך האַלבע נאַכט...

כ'בייס עפּעס צו אין אַ קאַפע, דערקאַפּ זיך דאָס האַרץ מיט אַן אַמעריקאַנער סענדוויטש, מיט אַ שוואַרצע קאַפע מיט „קרים" און באַלד אַריין אין אַ האָטעל.

כ'שטיי און באַטראַכט דאָס בעט: ריין, ווייס, ציכטיק און ווייך אויסגעבעט. ווער ווייסט ווער ס'איז דאָ נעכטן געשלאָפן? ווער ווייסט ווער ס'האָט דאָ נעכטן ביינאַכט אויסגעחלומט זיינע פריילעכע אָדער קאָשמאַרע, שווערע חלומות...

עפּעס אַ מאָדנע מידקייט, אַ פוילקייט נעמט מיך אַרום, עפּעס אַ זיסע שלעפעריקייט צעגיסט זיך איבערן גאַנצן גוף... איי, וואָלט איך זיך מחיה געווען, ווען כ'קען אַזוי אָנגעטאָנערהייט זיך געבן אַ לייג אַריין אין בעט, זיך אויסציען און אויסגלייכן די מידע ביינער פון אַ גאַנצע נאַכט זיצן אין קאַמיאָן, האַלב זיצנדיק און האַלב אָנגעלעגט אויף אַ קליין קײשעלע פאַר אַ פּעזע נוץ־געלט...

די פיר ווענט פון אַ האָטעל אין אַ פרעמדער שטאָט, נאָך דערצו אין אַ פרעמד לאַנד, יאָגן אַרויף אויף מיר עפּעס אַזאַ פרעמדקייט, אַזאַ אומהיימלעכקייט. ס'ווייזט זיך מיר אויס אַז עפּעס רירט זיך אין וואַש־צימער, אין די טונקעלע ווינקלען; עפּעס שאַרט זיך ביי די ווענט אינעם צווייטן צימער... ווער ווייסט?

יאָ, אין יעדן צימער וואו מיר וואוינען גאַנצע יאָרן, אין יעדן האָטעל־צימער וואו מיר שלאָפן בלויז איין נאַכט, לאָזן מיר איבער אַ טייל פון אונדזער לעבן, אַ טייל פון אונדזער „איך", אַ שטיקל נשמה...

און ווען כ'גיי אַרויס פון אַ האָטעל־צימער, געזעגן זיך מיט די ליידיקע ווענט, קוק איך זיך אַרום און ס'דאַכט זיך מיר, אַז עפּעס האָב איך דאָ איבערגעלאָזט... איבערגעלאָזט אַ מעת־לעת פון אַ מענטשלעך לעבן...

* * *

דער געפלאַסטערטער, רחבותדיקער וועג איז מיר שוין גוט באַקאַנט. כ'פאָר איצט אין זעלבן „באַס" ווי פאַראַיאָרן. כ'דערקען די זעלבע באַלויכטענע פאַרשטעטלעך, וואָס ציען זיך אויף גאַנצע קילאָמעטערס, מיט די באַלויכטענע אויפשריפטן „מאָטעל", אַ מאָטער־האָטעל, וואו ס'איז דאָ אַ שטיבל צו שלאָפן און אַ גאַראַזש פאַרן אויטאָ. ס'שטייען אויסגעשטעלט

ביי די זייטן צענדליקער טריילערס. אָן אויטאָ מיט אַ צוגעשעפּעט קליין שטיבעלע אויף פיר רעדער. עפּעס קוקן אויס די „טריילערס" מאָדנע, מיסטעריעז, מיט די פאַרהאַנגענע, קליינע פענצטערלעך אויפן פרייען פעלד...

כ׳דערקען אפילו די זעלבע קאַלטע, אויסגעפּוצטע קעלנערקעס, וואָס דערלאַנגען אייך גיך, גיך, אַ סענדוויטש מיטן טעפּעלע קאַפע און טאַקע מיטן „טשעק" און רעדן נישט קיין איבעריק וואָרט, זאָגן אַפ דעם קאַלטן „טענק יו"... און אַוועק... זיי ווייסן שוין די שלאַנקע, בלאָנדע מיידלעך, אַז דער באָס שטייט נישט מער ווי אַ 20 מינוט. דערלאַנגען זיי אויפן אַמעריקאַנער שטייגער „האַרי אַפּ", שנעל, שנעל...

דער גרויסער באָס גליטשט זיך אויפן גלאַטן וועג, שלינגט די מיילן ווי אַ ריזיקע חיה וואָס קען זיך גאָרנישט אָנזעטיקן. נאָך 5 מייל, נאָך צען מיילן, אַריין, אַריין! פרעסט און שלינגט נאָך, נאָך, גיך, גיך, מ׳קען נאָך עפּעס פאַרשפּעטיקן...

און אָט דערזעט מען שוין ביינאַכט פון ווייטנס בלישטשען עטלעכע עלעקטרישע לעמפּלעך, אהאַ, אַ פרישע באַלויכטן שטעטל, ווידער אַ קאַפע. דער באָס שטעלט זיך, מעג דאָס זיין 2 אָדער פיר אַזייגער ביינאַכט, ווען די מידע פּאַסאַזשירן כאַפּן אַ דרימל אויף די ווייך־געבעטע שטולן; ווערט ראַפּטום, מיטאַמאָל ליכטיק; די פּאַסאַזשירן רייבן זיך די פאַרשלאָפענע אויגן און דער שאָפער מעלדעט מיט אַ צערטלעך ווייכער שטימע: 20 מי־נוט, לינקס איז דאָ אַ וואַשצימער און אַ קאַפע, גיט אַכטונג די טרעפּ, אַ דאַנק!

מ׳כאַפּט זיך טאַקע ווידער אַריין אין קאַפע — און ווייטער געפאָרן אין דער ווייטער נאַכט אַריין...

ציען זיך אַזוי די באַלויכטענע שטעטלעך; אָט איז מען אין שטאַט טעקסאַס, ניו מעקסיקאָ, און אַריזאָנאַ מיט איר גרויסן מדבר, וואו מ׳זעט פון ביידע זייטן וועג לאַנגע פעלדער באַוואַקסן מיט ווילדע פלאַנצן, קאַק־טוסן מיט ווילדע פּאַלמעס, וואָס ציען זיך ביז צום האָריזאָנט פון די גע־פּאַלדעטע, נאַקעטע „סיעראַ־מאַדרע"־בערג, וואָס באַוואַכן דעם גאַנצן וועג, ווי גוטע, געטריישע שומרים...

דער וועג אין אַריזאָנאַ ציט זיך באַרג אַרויף און אַראָפּ. ביי די זייטן גרויסע ריזן־שטיינער, ווי אויסגעהאַקטע, משונהדיקע ריזן־חיות, וואָס רייטן, דראַפּען זיך איינס אויפן אַנדערן...

די האַלבע לבנה ווי אַ האַלב איבערגעשניטן שטיקל ציטרין, לייכט

אַראָפּ פון טיפן בלויען הימל, מיט איר קאַלט, באַשיידן ליכט בלויז אויף איין זייט הימל, פון דער אַנדערער זייט זעט מען זי נישט...

איז טאַקע איין זייט הימל באַלויכטן באַזילבערט און אויף דער אַנ־דערער זייט הימל איז טונקעלער און טאַקע פינצטערער ביזן ווייטן האָ־ריזאָנט.

וואָס פאַר אַ שיין, וואונדערלעך בילד דאָס איז! זילבערדיק לבנה־ליכט, גאָלדענע, פינקלדיקע שטערן אין אַ טיף בלויען הימל...

בלוי, גאָלד און זילבער האָבן זיך צעשפּילט אין אַ טיפער נאַכט־סימ־פאָניע אין די ווייטע הימלען, וואָס פאַרחלומען די מענטשלעכע נשמה און באַרואיקן, פאַרוויגן דאָס מענטשלעכע האַרץ מיט אַ שטיל פליסטערן: אָ, ווי פּרעכטיק, ווי וואונדערלעך שיין איז גאָטס וועלט!

איז טאַקע אַ שאָד אַ גרויסער שאָד, וואָס פאָעטן באַזינגען נישט די צאַרטע, פאַרחלומטע האַלבע לבנה, וואָס קען נעבעך נישט באַלייכטן דעם אַנדערן זייט הימל; וואָס איז פאַרזונקען אין אַ טיפער פינצטערניש, אין אַ פאַרהוילענער מורא ערגעץ צווישן די נאַקעטע בערג...

ווען דער אויטאָבוס שלענגלט זיך אַרויף אויפן קאַליפאָרניע וועג, שיילט זיך פאַרטאָג אַרויס פון בײדע זייטן וועג צעאַקערטע פעלדער, געצוי־נער מיט צעוואַקסענע בוימער, און ס'הויבן זיך אָן ציען פון בײדע זייטן שאָסיי די קליינע בייכיקע ציטרוס־ביימער, מיט די גאָלדיק־רויטע פּאָמע־ראַנצן, וואָס פאַרשיכורן די פרישע פרימאָרגן־לופט מיט זייער שמעקנדיקן אַראָמאַט און זיס־שאַרפע ריחות.

* * *

די נאַטור איז אַ סך קאַפּריזנער ווי דער מענטש. דער זינדיקער מענטש איז גענוג קאַפּריזנע, קאָמפּליצירט אין כאַראַקטער; יעדער מענטש אַ באַ־זונדערע וועלט, אַ באַזונדערער כאַראַקטער...

די פּסיכאָלאָגיע זוכט, פאָרשט, נישטערט און גריבלט זיך אין דער מענטשלעכער נשמה. אָבער ס'איז זייער שווער זיך צו דערגרונטעווען אין דעם לאַבירינט פון דער מענטשלעכער פּסיכיק, אין די טיפענישן פון דער מענטשלעכער נשמה.

אָט איז דער מענטש צערטלעך ווי אַ קעצעלע, ווי אַ טייבעלע, גוט און האַרציק ווי אַ לעמעלע און מיט אַמאָל גיט ער זיך אַ צינד אָן ווי אַ העַ־ליש פייער, ווערט בייז ווי אַ טיגער, צאָרנט, שרייט, בייזערט זיך און צעלאָזט זיך ווי אַ פייער־שפּייענדיקער וואולקאַן; ברעכט, צעשטערט אַלץ

וואָס קומט אים אונטער די הענט, לאָזט אויס זיין ביטערן כעס צו אומ־שולדיקע מענטשן...

אָבער אַ סך מענטשן קענען זיך מער אָדער ווייניקער קאָנטראָלירן, איינשטילן די צעשרויפטע נערוון און באַהערשן זייערע חיהשע אינס־טינקטן...

אָבער גייט פאַרשטייט, קאָנטראָלירט און באַהערשט די קאַפּריזן פון די רויע, ווילדע נאַטור־כוחות.

אַ שווער שטיקל אַרבעט!

פאַראַיאָרן זיינען אין דער מלאָכים־שטאָט, די לעצטע דעצעמבער־טעג געווען מילדע, וואַרעמע, יעדן טאָג אַ בלויער הימל מיט אַ זון, וואָס שיקט אירע גינגגאָלדענע שטראַלן אויפן צעבליטן קאַליפאָרניער פעלד, וואַלד און גאָרטן.

די קאַליפאָרניער בריליאַנטענע נעכט זיינען אַ ביסל קילער. ס'טרעפט זיך אויך אַ פאַרוואָלקנטער הימל און אַ דראָבנער רעגן נעמט קאַפּען. אָבער אויפן צווייטן טאָג גייט די זון ווידער אַרויס אַ צעשטראַלטע, אַ פריש־אויסגעוואַשענע און כוואַליעס ליכט באַשיינען ווידער די מלאָכים־שטאָט.

אָבער עטלעכע טעג שפּעטער, האָט די אייביק קאַפּריזנע נאַטור באַוויזן אירע קונצן... ווי מיט אַ יאָר צוריק.

ס'איז ראַפּטום אָנגעקומען אַ קאַלטער ווינט מיט שנייען, און די תמיד זוניקע, מערבדיקע קאַליפאָרניע, האָט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ צפונדיק שטיקל ווינטער...

די גרינע פעלדער זיינען באַדעקט געוואָרן מיט שניי, די בערג באַוויס־טע און די צאַרטע ציטרוס־פּרוכטן, האָבן נעבעך געכאַפּט אַ רעכטן צי־טער און פאַרלוירן זייערע אויסגעוואַקסענע געשמאַקע, זאַפטיקע פּירות...

נו, גייט האַלט איין, צוימט און פאַרשטייט די נאַטור־קאַפּריזן!

דאָס יאָר האָט זיך דער נאַטור פאַרגלוסט צו שענקען קאַליפאָרניע אַ פרילינג־וועטער אין סאַמע יאַנואַר.

האָב איך טאַקע געטראָפן די מלאָכים־שטאָט אַ צעבליטע, מיט בוי־מער צוואַוואַקסענע, מיט שלאַנקע, הויכע פּאַלמעס, וואָס פאַררייסן די גרינע געדיכטע קעפּ צום הימל, צו דער זון, מיט צעשפּראָצטע, שמעקנדיקע, קאָ־לירטע בלומען און מיט טעג אַזעלכע זוניקע, וואַרעמע, ליכטיקע.

ליגט די מלאָכים־שטאָט אַ צעשפּרייטע ביים אויסגעצויגענעם, לאַנגן ים־ברעג, ביז צו די האָליוואָודער גרינע בערג, סאַן פערנאַנדאָ, באָול־הייטס

און מיט צענדליקער פאַרשטעטלעך וואָס שלענגלען זיך איבער די געפלאַס־טערטע וועגן אין דער לענג און אין דער ברייט.

וואַקסט לאָס אַנדזשעלעס ווי אויף הייוון...

וואַקסט טאַקע אויך דער יידישער ישוב און ציילט שוין, קיין עין הרע, אַריבער צוויי הונדערט טויזנט יידן. ס'ווערט ביסלעכווייז אַ יידישער צענ־טער, אַ קולטורעלער יידישער צענטער — „די ניו־יאָרק אויפן פּאַסי־פיק"...

וואוינען איצט אין דער מלאכים־שטאָט אַן אַנגעזעענע גרופּע פיינע יידישע שרייבער, באַוואוסטע פּאָעטן און פּראָזע־מייסטער.

ס'קומען אויך פון ניו־יאָרק שרייבער־געסט, רעפערענטן, קולטור־טוער און ווערן גאָר פיין אויפגענומען פון יידישן קולטור־קלוב, מיטן באַרימטן טעפּל קאַווע מיט קוכן נאָך יעדן רעפעראַט פאַר אַלע צוהערער...

און אַ לויב און אַ שבח מוז געגעבן ווערן דעם יידישן קולטור־קלוב אויף מאַנראָ גאַס, דאָס איז די וואונדער־אינסטיטוציע פון יידיש־קולטורעלן לאָס אַנדזשעלעס.

אין ניו־יאָרק, אין דעם גרויסן יידישן ניו־יאָרק, געפינט זיך נישט אַזאַ יידישער קלוב, מיט אַזאַ פאַרנעם פון קולטור־אַרבעט.

ס'איז פּשוט אַ גייסטיקער פאַרגעניגן ווען מ'געפינט זיך אינעם שיי־נעם ליכטיקן זאַל פון יידישן קלוב. אַ גרויסע בינע פאַר קאָנצערטן, טעאַ־טער־פאָרשטעלונגען, רעפעראַטן און אַ פיינע ביבליאָטעק.

איר דערפילט באַלד, אַז דאָ איז אַ יידישע קולטור־סביבה...

אויף איין זייט וואַנט הענגען קונסט־בילדער אויף יידישע טעמעס. פון דער צווייטער זייט וואַנט קוקן אויף אייך די בילדער פון אונדזערע קלאַ־סיקער, די מייסטער און שאַפער פון אונדזער מאָדערנער יידישער ליטע־ראַטור.

עפּעס פיל איך זיך דאָ אין אַ געהויבענער, יום־טובדיקער שטימונג, און מיר דוכט זיך, אַז די אומשטערבלעכע גרויסע מייסטער י. ל. פּרץ, שלום־עליכם, דער זיידע מענדעלע און אַנדערע קוקן מיט גרויס הנאה אויפן פאַרזאַמלטן עולם, וואָס שמועסן און רעדן אַ געשמאַקן, פליסיקן יידיש... כ'הער, דאַכט זיך, ווי די מייסטער אונדזערע שעפּטשען שטי־לערהייט: זייט געבענטשט איר לאָס אַנדזשעלעסער יידן, וואָס איר היט אָפּ אונדזער גרויסע, רייכע ירושה, אונדזערע טייערע אוצרות, דאָס יידישע לשון און ליטעראַטור. אַ ברכה אויף אייך איר נאָכפאָלגער און באַשיצער פון אונדזער יידישער קולטור!

יאָ, דער יידישער קולטור־קלוב איז אַ שטאַרקע פעסטונג קעגן דער ביליקער, פוסטער אַסימילאַציע, אין דער גרויסער, צעשפרייטער מלאָכים־שטאָט...

די זיילן, די פילאַרן וואָס האַלטן אויף און היטן אָפּ דעם קולטור־קלוב: דער באַוואוסטער און באַליבטער דיכטער ה. רויזענבלאַט, דער איצטיקער פּרעזידענט פון קלוב. דער געוועזענער לאַנגיאַריקער פּרעזידענט, דער באַקאַנטער שרייבער און קולטור־טוער י. פרידלאַנד און דער באַוואוסטער אַקטיאָר און קולטור־טוער אליהו טענענהאָלץ און נאָך עטלעכע קולטור־טוער.

אָט די געטרייע גרופּע יידישע קולטור־טוערס האָבן זיך איינגעשפּאַרט, געבויט און פאַרפעסטיקט דעם בנין פון יידישן קולטור־קלוב.

עס זיינען אויך דאָ אין יידישן צענטער „באָול הייטס" און אין אַנדערע טיילן פון דער צעשפּרייטער שטאָט, עטלעכע יידישע נאָכמיטאָג שולן און אַ פיינע מיטל־שול; אַ גרויסער וולאַדעק־צענטער וואו מ'שפּילט אַלע שבת יידיש טעאַטער. ס'איז אויך דאָ אַ פיינער דראַמאַטישער קרייז ביי אַנדערע גרופּעס יידישע קולטור־טוער.

איז אָבער אויסגעגאָסן אויפן יידישן לאָס אַנדזשעלעס אַ קללה אויף אַלע קולטור־טוערס, די קללה פון דור הפלגה... פון נישט קענען זיך פאַרשטיין. נישט קענען זיך צוזאַמענרעדן איבער אַזאַ נייטיקן און וויכטיקן ענין — ווי אַרויסגעבן אַ יידישע צייטונג פאַרן ישוב...

ס'איז אַ ווייטיק און אַ בושה צו דערציילן, אַז דער קולטורעלער יידישער ישוב אין דער גרויסער מלאָכים־שטאָט האָט נישט קיין יידישע טאָג־צייטונג און אפילו נישט קיין יידיש וואָכנבלאַט...

ס'איז נאָך אַ שטיקל גליק, וואָס מ'קען הערן יעדן טאָג אַ יידיש וואָרט, יידישע נייס אָדער אַ וויכטיקע מעלדונג אויף דער יידישער ראַדיאָ־שעה פון צען ביז עלף אין דער פרי.

קומט טאָקע אַ גרויסן יישר כוח דעם באַקאַנטן שרייבער און טעאַטראַל זלמן זילבערצוויג מיט זיין חשובער פרוי צייליע סילווער (געוועזענע אַקטריסע צייליע צוקערבערג פון מעקסיקע), וואָס טויזנטער יידן קענען כאָטש הערן דורך די ראַדיאָ־כוואַליעס אַ יידיש וואָרט אין לאָס אַנדזשעלעס.

און ווען כ'בין געשטאַנען ביים ראַדיאָ־מיקראָפאָן, און אָפּגעגעבן אַ גרוס פון מעקסיקאַנער יידישן ישוב, האָב איך זיך פאַרשעמט און געטראַכט:

אַ, וואָס פאַר אַ גרויסע מעגלעכקייטן די יידן האָבן אין די פרייע, דע־

מאַקראַטישע שטאַטן, וואָס זיי קענען אויפטאָן פאַרן יידישן וואָרט, פאַר אונדזער האַרציק מאַמע־לשון; און — מ'טוט כמעט גאָרנישט פאַר דער יידישער פרעסע, פאַרן יידישן שול־וועזן, אין דער פּרעכטיק־שיינער קאַליפאָרניע . . .

לאַגונאַ־ביטש

איז מיר דאָס יאָר באַשערט געווען דאָס גליק צו זען און באַוואונדערן אַ נייע פּרעכטיקע געגנט אַרום לאָס־אַנדזשעלעס, אַ וואונדער־שיינע פּאַנאָראַמע, דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן.

יאָ, ס'איז גוט צו האָבן פריינד אין דער שטאָט וואו מ'וואוינט, אין דער סביבה וואו מ'לעבט. אָבער ס'איז אוודאי גוט און וויכטיק צו האָבן פריינד אין אַ פרעמדער שטאָט, אין אַ פרעמד לאַנד וואו מ'קוקט בלויז צוגאַסט . . .

האָב איך טאַקע צווישן מיינע טייערע גוטע פריינד, וואָס מיין גוטער מזל האָט מיר באַשערט אין דער מלאָכים־שטאָט, צוויי טייערע, ליבע פריינד: דער באַוואוסטער אַדוואָקאַט חיים שאַפּיראָ און זיין חשובע פרוי באַסקע.

קלינגט ביי מיר דער טעלעפאָן אין אַ שיינעם פרימאָרגן און כ'הער אַן אַנגענעמע, ווייכע פרויען־שטימע. דאָס האָט מיך די חשובע פרוי שאַפּיראָ, אַ טייערע, ליבע פרוי, וואָס איז די גוטסקייט און איידלקייט אַליין, איינגעלאַדן אַרויסצופאָרן אויף אַ וויטן שפּאַציר 60 מייל הינטער לאָס אַנדזשעלעס, צו דעם באַרימטן „לאַגונאַ ביטש"ביים ברעגן פון פּאַציפישן ים.

האָב איך שוין ביים רעדל פון דער „קאַר" געטראָפן זיצן די „פירערין" פרוי שאַפּיראָ, מיט צוויי משפחה־געסט פון ניו־יאָרק און אַ באַקאַנטע „פּייסאַנאָ", אַ מעקסיקאַנער יידישע דאַמע, באַלאַ גערוויץ.

פירט טאַקע באַסקע שאַפּיראָ די קאַטשע פּונקט ווי זי רעדט: רואיק, פיין און געלאַסן . . .

דער טאָג אַ זוניקער, אַ שיינער און דער וועג אַ גלייכער, אַ גלאַטער, זעט מען טאַקע פוןביידע זייטן די פּאָמעראַנצן־גערטנער. די געלע ציטרוס־פּרוכטן הענגען און שווערן אַראָפּ די דינע צווייגן און בלענדן אונטער דער צעפּלאַמטער זון.

די לופט איז אָנגעזאַפּט מיטן שאַרף־זיסן ריח פון די גאָלדענע פּאָמעראַנצן. די זון וואַרעמט אַזוי מילד, אַזוי אָנגענעם, אַז ס'ווילט זיך כאַפּן אַ זיס־לייכטן דרימל. אָבער גיי מאַך צו די אויגן, אַז אין קאַטשע זיצן פיר

דאַמען... מוז מען זיין אַ דזשענטלמאַן און זיך נישט אונטערגעבן דעם פאַרשיכורטן דרימל... מ'דאַרף האַלטן אָפן די אויגן־לעדלעך וואָס לאָזן זיך אַזוי לייכט אַראָפּ איבער די אויגן, פון דער פאַרשלעפנדיקער, פריי־שער, קאַליפאָרניער פרימאָרגן־לופט...

אָ, ניין! מען מוז מיטן גאַנצן כוח אָפנהאַלטן די אויגן און אַריינזאַפּן, אַריינצניען אין זיך די פּרעכטיקע, וואונדער־שיינע לאַנדשאַפט אויפן וועג.

מיר פאָרן אַריין אין אַ שטיל קליין שטעטל מיט דער הויפטגאַס בילבאַאָ. דאָס איז אַ לאַנגער האַלב־אינדזל, וואָס שניידט זיך אַריין אין אָפענעם ים ווי אַ ריזיקער קליין. פון איין זייט זעט מען דעם אויסגעשפּרייטן ים, וואָס ווערט ערגעץ פאַרפאַלן אין וויטן האָריזאָנט, פון דער צווייטער זייט אַ גרויסע, ברייטע אַזורע, אַ לאַנגער ים־אויסגוס וואָס ציט זיך ביזן ברעג.

מיר פאָרן צו ביזן ברעג אַזורע. דאָרט שטייט אַ מאָטער־שיף, אַ פּאַ־ראָם. די קאַטשע פאָרט אַרויף אויפן שיפל, דאָרט שטייט שוין נאָך אַ קאַטשע און מיר שיפן זיך אַריבער פאַר 50 סענט ביזן צווייטן ברעג פון לאַגונאַ ביטש.

דאָס וואַסער איז רואיק, שפּיגלט זיך אונטער דער צעשטראַלטער זון. אויף דער אַזורע וויגן זיך צענדליקער אויסגעשטעלטע ספּאָרט־שיפלעך, וואָס זעען אויס פון ווייטנס מיט די ווייסע זעגלען, ווי גרויסע ים־פייגל מיט צעשפּרייטע ווייסע פליגל...

די קאַטשע פאָרט אַראָפּ פון שיפל אויפן ברעג און נאָך עטלעכע מינוט פאָרן, באַווייזט זיך לאַגונאַ ביטש מיט איר גאַנצער פּרעכטיקער שיינקייט. דאָס איז אַ וואונדערלעכער פּייסאַזש, וואָס באַצויבערט, פאַרכאַפּט די נשמה און נעמט מיך אַרום, ווי אַן אויסערגעוויינלעכע איבערלעבונג.

כ'בלייב שטיין פאַרגאַפט, פאַרכישופט פון דער וואונדערלעכער נאַ־טור־פּאַנאָראַמע. דאָס האַרץ קלאַפּט שטאַרקער, דער אָטעם טיפער; אין די אויגן שטעלן זיך טרערן פון גרויס באַגייסטערונג, ווי כ'וואָלט געהערט בעטהאָווענס זעקסטע סימפאָניע, די „פּאַסטאָראַל", אָדער דערזען אַ וואונ־דערלעך קונסט־בילד פון אַ גרויסן מייסטער...

צווישן די גרינע בערג אין אַ טיפן האַלבן קרייז זיינען אויסגעשטעלט ווייסע ווילעס, האָטעלן און קאַפּעס איינגעטונקען אין גרינע בוימער, בלו־מען און פּאַלמעס. אַ טייל הייזער דראַפּען זיך אויף די משופּעדיקע בערג אונטער די שטראַלן פון דער בלענדנדיקער זון.

מיר פאָרן אַריין אין גאָרטן פון באַרימטן און שענסטן רעסטאָראַן, „וויקטאָר הוגאָ" אין לאַגונאַ ביטש.

מ׳דאַרף וואַרטן אַ האַלבע שעה, ביז מיר קריגן אַ טישל לעבן די פענצטער אויף דער וועראַנדע, וואָס שטייט אויפן באַרג ביים ברעג ים.

כ׳גיי דערווייל אַראָפּ פון באַרג דורך די שמאָלע זיגזאַגישע סטעזשקעס, אויסגעלייגט מיט קליינע שטיינדלעך און ביי די זייטן קליינע פעלד־בלי־מעלעך.

דער ים איז רואיק, די כוואַליעס גלעטן דעם געל־זאַמדיקן ברעג מיט אַ שטילן סימעטרישן פליסטער. אַ לינד ווינטל אָנגעזאַפּט מיט דער פריש געזאַלצערנער ים־לופט, לאַשטשעט דאָס פּנים, פּילט אָן די לונגען, קרעפּ־טיקט און מונטערט אויף דאָס האַרץ.

אויף דער וועראַנדע לעבן די גלעזערנע ווענט, זיצן אַרום די טישלעך יונגע פּאָרלעך און קוקן זיך פאַרליבט אין די אויגן אַריין, מער ווי אין טעלער... און רייכע פאַרגעניגן־זוכער, וואָס ווילן אַריינכאַפּן אַ ביסעלע עולם הזה — און מיר...

דאָס עסן איז אויסגעצייכנט, טעם גן־עדן. די קעלנערקעס גייען אַרום די געסט ערנסט, שטיל, ווי זיי וואָלטן געטאָן עפּעס אַ הייליקע אַרבעט...

אָבער ווי אַזוי קען מען אין זינען האָבן די „אַכילה", ווען פון דער וועראַנדע אויפן באַרג ביים ברעג ים, זעט מען אַזאַ וואונדערלעכע נאַ־טור־סימפאָניע...

פון איין זייט, גרינע, שאָטנדיקע בערג מיט ווייסע ווילעס, עפּעס אַ שטילע שבתדיקע מנוחה הילט איין די ווייסע שורות הייזער מיט די סוד־דותדיקע פאַרהאַנגענע פענסטער, וואָס טוליען זיך ביים ראַנד פון די גרינע בערג. פון דער אַנדערער זייט, אַנטפּלעקט זיך פאַרן אויג דער אויסגע־שפּרייטער אָפענער ים וואָס ציט זיך אַוועק ווייט־ווייט...

די זון שטראַלט אויס אויף די כוואַליעס אַ בלענדנדיקע ליכטיקייט. דאָס וואַסער לעבן געל־זאַמדיקן ברעג מיניעט זיך, בייט די קאָלירן; אָט איז דאָס וואַסער טונקל־גרין, און אָט העל־בלוי.

דאָס אויג זעטיקט זיך מיטן וואונדערלעכן בילד און דאָס האַרץ זינגט אַ שטילע שירה, אַ לויב־ליד צו דער פּרעכטיקער נאַטור, צום באַשעפער פון פאַרכישופטן ווינקל אויף גאָטס ערד — לאַגונאַ־ביטש...

פאַרנאַכט זיינען מיר צוריק אַריינגעקומען אין שטאָט. פון ווייטנס האָבן זיך שוין געוויזן די אָנגעצונדענע, הויכע לאַמטערן פון צענטער־שטאָט, וואָס לייכטן נאָך דערווייל שוואַך אין דעם זוניקן פאַרנאַכט.

די סילועטן פון די האָליוואודער בערג, זיינען שוין געווען איינגעהילט אין אַ דינעם דורכזיכטיקן נעפּל...

אין אזא בין השמשות־שטימונג, אן אנגעזאפטער מיט איינדרוקן פון דעם וואונדערלעכן טאג, וואס כ׳האב איבערגעלעבט, בין איך אן איינזא־מער, א פארטראכטער אריין צו זיך אין צימער. כ׳האב זיך געזעצט ביים אפענעם פענצטער און א פארבענקטער באטראכט דעם לעצטן רויטן בליאסק פון דער אונטערגייענדער זון אין דער באצויבערטער מלאכים־שטאט.

שניידעריי, שניידעריי!

ווען מ׳וואוינט אפ אין א לאנד 25 יאר, א דריטל פון א מענטשלעך לעבן, ווערט מען ביסלעכוויז צוגעוואוינט צום קלימאט, צו די מנהגים און צום לעבנס־שטייגער פון לאנד.

איז פאר מיר טאקע געווען א נייס, טשיקאווע און זייער אינטערעסאנט צו זען די מנהגים, דעם לעבנסשטייגער אין די פאראייניקטע שטאטן.

א פראקטיש, רעאליסטיש פאלק מיט א שטארקער ליבע צו אינדיווי־דועלע פרייהייט. האבן ליב באקוועמלעכקייט, ריינקייט און האבן נישט אי־בעריק ליב די אפגעלעבטע, פארשימלטע אייראפעאישע מאניערן...

איינפאכקייט, באקוועמלעכקייט און ארבעט!

מ׳שעמט זיך נישט אין די שטאטן מיט קיין שום ארבעט, אבי מ׳קען נאר „מאכן א לעבן".

א „סעלף מעיד מען", אליין זיך ארויפגעארבעט, פון ארעם ווערן רייך, פון א צייטונג־פארקויפער ווערן א מיליאנער, ווערט אין די שטאטן בא־וואונדעט און געשעצט...

צוליב געוויסע עקאנאמישע אומשטענדן, האבן מיר נישט אין מעק־סיקע קיין יידישן ארבעטער־קלאס, ווי אין די אייראפעאישע לענדער.

איז טאקע פאר מיר געווען אינטערעסאנט צו זען און באגעגענען זיך מיט יידישע ארבעטער, אמתע הארעפאשניקעס, אמתע פראלעטאריער...

לאס אנדזשעלעס איז נישט קיין גרויסער פאבריק־צענטער, אבער אונ־דזער יידיש־נאציאנאלע מלאכה — שניידעריי, „עמד", שער און אייזן... פארנעמט דעם ערשטן פלאץ צווישן די אנדערע מלאכות וואו יידן זיינען באשעפטיקט.

זיינען דא אין דער מלאכים־שטאט עטלעכע טויזנט יידישע שניידער און שניידערקעס, אנגעשלאסן אין א גרויסער „יוניאן" (סינדיקאט). זיינען טא־קע די שניידערס דאס אויבערשטע פון שטייסל, די מיוחסים, די אויסדער־ווילטע פון דעם יידישן פראלעטאריאט אין לאס אנדזשעלעס...

איר שפילט זיך מיט די שניידערס ??

איר דאַרפט נאָר זאָגן, אַז איר זענט אַ שניידער, ווייסט מען שוין, אַז איר האָט אַ גוטע מלאכה אין האַנט און איר זענט שוין באַזאָרגט מיט אַ שטיקל ברויט...

זיינען טאַקע דאָ שניידערס וואָס פאַרדינען מער ווי אַ דאָקטאָר... אַ „קאָטער", אַ צושניידער פאַרדינט ביז 120 דאָלאַר אַ וואָך און מער. אַן איינפאַכער שניידער פאַרדינט אויך פון 60 ביז 80 דאָלאַר אַ וואָך. אַ סך מער ווי אַ לערער אָדער אַ פּראָפעסאָר אין אַ שולע... אָדער ווי געוויסע מעקסיקאַנער יידישע סוחרים...

אַ סך יידישע שניידערס האָבן אייגענע קאָטשעס און אַן אייגן הויז פאַר דער פאַמיליע. און טאָמער, חלילה, מאַכט זיך אַ ביסל „סלעק", נישטאָ קיין אַרבעט, צאָלט אייך די רעגירונג 26 דאָלאַר אַ וואָך אַרבעטסלאָזגעלט...

אַ גאָלדן לאַנד!

רעדט מען טאַקע, אַז אין לאָס אַנדזשעלעס זיינען דאָ טויזנטער יידישע אַרבעטער, אַנגעשטעלטע, און מיטלקלאַס יידן, וואָס רעדן יידיש און לייענען אַ יידישע צייטונג און אַ יידיש בוך. נאָר אַן אייגענע יידישע צייטונג אָדער וואָכנבלאַט איז נאָך אַלץ נישטאָ.

עפּעס האָבן די יידישע קולטור־כוחות מורא אַרויסצוגעבן אַ יידישע צייטונג, טאָמער דאַרף מען, חלילה, פאַרלירן געלט... פאַרשטיי איך טאַקע נישט די מורא, נו, אַז מ׳דאַרף אין אָנהייב פאַרלירן עטלעכע טויזנט דאָלאַר אַ יאָר, איז דאָס אַזאַ גרויסער אומגליק, פאַר אַזאַ אָנגעזעענעם גרויסן יידישן ישוב, קיין עין הרע, אין דער מלאכים־שטאָט?

שרייבער און רעדאַקטאָר, קיין עין הרע, פעלט אויך נישט... וואָלט דאָך אַן אייגענע יידישע צייטונג באמת געווען אַ גרויסער כבוד פאַרן יידישן ישוב אין לאָס אַנדזשעלעס.

אָבער אַזוי ווי עס זיינען דאָ די ל"ו צדיקים, די לעגענדאַרע 36 צדיקים, וואָס אין זייער זכות האַלט זיך נאָך אויף אונדזער זינדיק וועלטל... געפינען זיך זיכער ל"ו צדיקים, וואָס אין זייער זכות האַלט זיך אויף אונדזער יידיש לשון און ליטעראַטור...

און איינער אַזאַ לאַמעדוואָווניק איז טאַקע אויך דאָ אין דער מלאָכים־שטאָט.

האָב איך זיך טאַקע דאָס מאָל מיט אים באַקענט און אים צוויי מאָל באַזוכט אין זיין פאַרכישופטן „פּאַלאַץ", ערגעץ צווישן די בערג נישט וויט

פון לאָס אַנדזשעלעס, אין אַ קליין שטעטעלע טאַהאַנגאַ (אויף שפּאַניש טוכונגאַ).

נעמט אַ ייד, אַ סקולפּטאָר, אַ שרייבער און אַנטלויפט פון טומלדיקן בראָדוויי, מעין און היל־סטריט אין דער מלאָכים־שטאָט, און באַזעצט זיך 18 מייל ווייט פון שטאָט ערגעץ צווישן די „ווערדוגאָ" בערג, אַרומגע־רינגלט מיט גרינע ביימער, הויכע פּאַלמעס און שמעקנדיקע בלומען.

איז דער חשובער סקולפּטור און שרייבער, באַריס דיימאַנדשטיין, אַ מענטש מיט אַ קינסטלערישער נשמה און טאַקע אויך אַ ייד — אַן עקשן, פון דעם עם קשה עורף. נעמט ער און שפּאַרט זיך איין, און גיט שוין אַרויס דאָס פינפטע יאָר אַ צוויי־חדשימדיקן זשורנאַל „ליטעראַרישע העפטן", פאַר ליטעראַטור, קונסט און קריטיק.

פריינט דיימאַנדשטיין איז אַליין דער רעדאַקטאָר, אַליין דער אַרויסגע־בער און טאַקע אויף זיינע אייגענע הוצאות גיט ער אַרויס דעם זשורנאַל.

איז דאָס אין דער היינטיקער סוחרישער, פאַרביזנעסטער וועלט, וואו מ'זוכט אין אַלץ קודם כל — פּראָפיט, אַ פאַרדינסטל, זייער אַ פיינער שטריך פאַר אַ פאַרמעגלעכן ייד, אַ קינסטלער, אַרויסצוגעבן אַ יידישן זשורנאַל, וואו ס'געפינען פּלאַץ צו דרוקן זייערע שאַפונגען, אַ סך באַקאַנ־טע, אַנגעזעענע יידישע שרייבער.

בין איך צוויי מאָל געווען צוגאַסט ביים רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פון די „ליטעראַרישע העפטן", באַריס דיימאַנדשטיין.

דאָס הויז, דער גאָרטן און דאָס שטילע פאַרשלאָפענע געסל איז איינ־געהילט מיט צעוואַקסענע בוימער, וואָס פאַרשטעלן מיט זייערע צווייגן די פאַרחלומטע הייזער, אָפּגערוקט איינס פון אַנדערן מיט אַ ברייטן גאָרטן. דאָס הויז, די סביבה און די גאַנצע געגנט אַרום די גרינע בערג, זעט באמת אויס ווי אַ גן־עדן התחתון, אַן ערדישער גן־עדן...

דאָס ערשטע מאָל בין איך געווען אין אַ רעגנדיקן טאָג. אַ דראָבנער רעגן האָט מאַנאָטאָן געקאַפּעט פון הימל; מיינע פריינט האָבן קוים גע־פונען דאָס הויז מיטן ווייסן פאַרקנדל אַרום, אין דעם טונקעלן, רעגנדיקן טאָג.

אַ שוואַרצער הונט (בלעקי), אַ שטילער, אומעטיקער מיט אַן אַראָפּגע־לאָזטן קאָפּ, האָט אונדז באַגעגנט אויף דער וועראַנדע, וואָס איז געווען אויסגעשטעלט מיט פאַרשידענע סקולפּטאָרן, ביוסטן און פיגורן, וואָס דיי־מאַנדשטיין קלעפּט אויס, האַמערט אויס פון שטיין און ליים.

אַ שוואַרצע, גרויסע, פּוכיקע קאַץ האָט זיך געפּלאָנטערט אונטער די

פיס פון די געסט און געזוכט אַ ביסל וואַרעמקייט און פריינטשאַפט ביי די פרעמדע מענטשן...

פריינד דיימאַנדשטיין האָט שוין אַ שם פאַר אַ גוטהאַרציקן, גאַסט־פריינטלעכן מענטשן און פאַר אַ גרויסן מכניס ־ אורח. ער זעט אויס אַן ענערגישער מענטש מיט אַ פריינטלעכן שמייכל און מיט שאַרפע, קלוגע אויגן, וואָס שיינען אַרויס פון ברייטן שטערן. דער קאָפּ איז שטענדיק באַדעקט מיט אַ שפּאַניש, קיילעכיק, ווייך היטל (אַ באַנעט). ער איז אַ ריי־רעוודיקער מענטש, שטייט נישט ליידיק, האָט שטענדיק ליב עפּעס צו טאָן.

זיין פרוי איז איצט אין ניו־יאָרק, און אַ דינסט אין לאָס אַנדזשעלעס איז שווער צו קריגן. בלויז די רייכע קענען זיך פאַרגינען אַזאַ „לוקסוס", ווי צו האַלטן אַ דינסט...

איז ער טאַקע באַלד אַריין אין קיך און איינס צוויי, על רגל אחת, איז פאַרטיק געוואָרן אַן אימפּראָוויזירטער מיטאָק, מיט דער הילף פון אַ גוטן פריינט א. ל. קעלנער, אַ הויכער, דאַרער יונגערמאַן וואָס גייט גלייך, אויסגעצויגן ווי אַ ווירע און האָט ליב צו שרייבן סענטימענטאַלע ליי־דער...

נאָכן אונטערלענען זיך אַ ביסל דאָס האַרץ, זיינען מיר אַראָפּ אויף הילצערנע, נאָסע און גליטשיקע טרעפּ אין אַ קליינעם מוזייאום, וואָס דיי־מאַנדשטיין האָט אַליין איינגעאָרדנט.

רבונו של עולם, וואָס דאָרטן טוט זיך! קונסט־בילדער, צייכענונגען, גראַווירן, זעלטענע ביכער, יידישע און העברעאישע, אנטיקן, בריוו און כתב־ידן פון פאַרשידענע שרייבער.

מיר זיינען געזעסן שפּעטער אין דער ביבליאָטעק, דאָס ליכט אונטער אַ קאָלירטן אַבאַזשור, האָט אַלץ באַלויכטן מיט אַ געדעמפּט־טונקעלן שיין. אין דרויסן האָט דער רעגן מאָנאָטאָן געגאָסן, פון די ביימער און פּאַלמעס האָבן געטריפט טראָפּנס רעגן אויפן נאסן גראָז.

מיר האָבן עפּעס געלייענט און גערעדט וועגן קונסט און ליטעראַטור. אין מיין זכרון זיינען אַרויפגעשוואומען די אומפאַרגעסלעכע מאָמענטן, ווען כ'בין מיט ליבע פריינד אַזוי געזעסן אַמאָל, אַמאָל אין דער אַלטער היים; ווען דאָס יידישע וואָרט, די יידישע ליטעראַטור און מוזיק זיינען געווען הייליקייטן...

וואָס פאַר אַ וואונדערלעך־ראָמאַנטישע צייט דאָס איז געווען!

דאָס צווייטע מאָל האָב איך באַזוכט פריינד דיימאַנדשטיינס הויז אין

אַ שיינעם זוניקן טאָג. ווען די קאַליפאָרניער זון האָט באַשטראַלט מיט מילדער וואַרעמקייט און באַגאָסן מיט אַ העלער ליכטיקייט, דאָס הויז און דאָס גאַנצע שטעטעלע טאַהאַנגאַ, וואָס ליגט ערגעץ באַהאַלטן צווישן די גרינע „ווערדוגאָ בערג", און האָט איצט אויסגעזען יום־טובדיק, צעבליט און אויסגעוואַשן.

דער גרויסער שוואַרצער הונט איז איצט שוין געווען לעבעדיקער, און האָט דווקא געוואָלט פאַרזוכן אַ שטיקל פון מיינע געפּרעסטע, מעקסיקאַנער הויזן...

די קאַץ, די גרויסע, שוואַרצע, פּוכיקע קאַץ, האָט זיך שוין געוואַרעמט אונטער די זון אויף דער וועראַנדע. אין גאָרטן האָט אַ ווייסע ציג נעבעך געמעקעט אין אַ פאַרמאַכט שטעלכל און געוואָלט אַרויס, כאַפּן אַ שפּאַציר אויפן גרינעם גראָז.

די טייבעלעך אין טויבן־שלאַק, האָבן עפּעס אַזוי צערטלעך און ליבלעך געוואָרקעט; אָבער די בלומען זיינען נעבעך נאָך אַלץ געווען פאַרחלשט מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּלעך פון רעגן און קעלט.

מיר האָבן זיך דערכאַפּט דאָס האַרץ מיט קאַליפאָרניער סמעטענע, מיט ווייכן קעז, פעטע מילך און מיט געבייטלט אויסגעבאַקן ברויט, וואָס האָט טויזנט טעם.

איי, פאַרמאָגט די מלאכים־שטאָט סמעטענע מיט ווייכן קעז, „קאָטעזש טשיז". עפּעס איז דאָס אַזוי באַטעמט, ס'עסט זיך אַזוי גרינג און ס'היילט פּשוט דאָס האַרץ...

יאָ, פריינד דיימאָנדשטיין איז אַ ייד מיט אַ קינסטלער ־ נשמה און אַ גרויסער עקשן. קומט אים טאַקע אַ גרויסן יישר כוח פאַרן אַרויסגעבן כאָטש דעם איינציקן יידישן זשורנאַל אין דער מלאכים־שטאָט.

פאַרנאַכט, ווען כ'בין געפאָרן צוריק אין שטאָט, האָט „טאַהאַנגאַ" אויסגעזען פון וויטנס, ווי איינגעהילט אין אַ לייכטן נעפּל צווישן די אַרומיקע בערג, און דאָס הויז מיטן ווייסן פאַרקנדל איז פאַרהוילן געוואָרן פון אויג אינעם טונקעלן פאַרנאַכט...

יאָ, דאָס איז באמת געווען פאַר מיר אַן אומפאַרגעסלעכער טאָג!

* * *

איז מיר מיט עטלעכע טעג שפּעטער אויסגעקומען צו באַזוכן דאָס איינזאַמע הויז, וואָס שטייט אָפּגעזונדערט אויף די זיגזאַגישע ראַנדן פון די האָליוואודער בערג, מיט אַ געפלאַסטערטן שמאָלן וועג אין גראַסיאָסאָ דרייוו.

כ'האָב דאָס הויז באַזוכט מיט דריי יאָר צוריק, ווען דער גרויסער דראַמאַטורג און שריפטשטעלער פּרץ הירשביין ע"ה האָט נאָך געלעבט. איצט לעבן אין דעם זעלבן איינזאַמען הויז, די באַוואוסטע דיכטערין אסתר שומיאטשער, הירשביינס אלמנה מיט איר בן יחיד עמוס.

ביים אַריינגיין אין הויז איז נאָך דאָ דער קליינער וואַסער־פֿאָנטאַן. אויף דער צווייטער זייט ציט זיך אַרויף אַ געשלענגלטער באַרג־וועג, וואו הירשביין ע"ה האָט אַזוי ליב געהאַט צו שפּאַצירן.

אין שטוב הערשט אַ שטילער טרויער. דער גרויסער טיש אין עסצי־מער איז באַדעקט מיט אַ ווייס טישטוך. צוויי לייכטער מיט אויסגעלאָ־שענע ליכט שטייען איינזאַם אויפן טיש. קיינער זיצט נישט ביים טיש זינט הירשביין איז אַוועק אין דער אייביקייט...

אויף די ווענט הענגען בילדער פון באַרימטע שרייבער און קינסטלער. זעט אויס דאָס בילד פון הירשביינס אַלטן טאַטן, דער מילנער, ווי אַן אמתדיק קונסט־בילד.

אויפן קאַמין שטייט הירשביינס בראָנזענער ביוסט מיט אַ שאַרפן, שטאָלצן בליק ווי אַן אָדלער. דער שרייב־טיש אין דער גרויסער ביבליאָ־טעק איז פאַרלייגט מיט ביכער, נישט פאַרענדיקטע מאַנוסקריפּטן. דאַכט זיך מיר אויס, אַז אָט באַלד קומט דער מייסטער און זעצט זיך צוריק ביי זיין שרייב־טיש פאַרענדיקן אַ מאַנוסקריפּט...

כ'זיץ אויפן באַלקאָן, וואו הירשביין האָט אַזוי ליב געהאַט צו זיצן און באַוואונדערן די שיינע פּאַנאָראַמע, וואָס ציט זיך ערגעץ באַרג אַרויף.

מיר בייסן צו אין קליינעם, שמאָלן עסצימער און אסתר רעדט מיט איר ווייכער, צאַרטער שטימע ציילנדיק די ווערטער: זי דאַרף זיך אַ ביסל אָפּפרישן, בייטן איר מעלאַנכאָליש־טרויעריקע שטימונג. זי וואָלט געוועזן זייער צופרידן צו קומען אין מעקסיקע אויף עטלעכע רעפעראַטן, איר עקאָנאָמישע לאַגע איז אויך נישט קיין גוטע... זי שעצט זייער הויך דעם יידישן ישוב אין מעקסיקע, זי האָט דאָ אַ סך ליבע, האַרציקע פריינט.

איר שטימע איז אָנגעזאַפּט מיט אַזוי פיל טרויער, און מיר דאַכט זיך, אַז אָט־אָט וועלן פון אירע פייכטע, טרויעריקע אויגן אָנהייבן טריפן טרערן... טרערן פון אַן איינזאַמער אַלמנה, פון אַ טיף־פילנדער, איידע־לער דיכטערין.

אין אַ שפּעט־פאַרנאַכטיקער שעה, האָב איך פאַרלאָזט דאָס איינזאַמע הויז, וואָס איז שוין געשטאַנען איינגעהילט אין נאַכטיקע שאָטנס פון די אַרומיקע האַליוואָודער בערג.

זונטיק ביינאַכט האָב איך זיך געזעגנט מיט דער שיינער, ליכטיקער מלאָכים־שטאָט.

כ׳פאָר צוריק אויפן זעלבן וועג מיט וועלכן כ׳בין אַהער געקומען מיט אַ חודש צוריק.

כ׳פאָר צוריק אין דער שיינער, עקזאָטישער מעקסיקע, וואו כ׳האָב מיין היים שוין 25 יאָר.

כ׳פאָר צוריק אינעם לאַנד פון די אַצטעקן, וואו כ׳האָב טייערע, ליבע חברים און פריינד, צום גוט־האַרציקן, קולטורעלן יידישן ישוב אין מעקסיקע.

טאָג און נאַכט אין לאָס אַנדזשעלעס

(פעברואַר 1951)

יעדער מענטש וואָס גרייט זיך אין וועג אַריין, גרייט זיך ערגעץ פאָרן, מעג דאָס זיין אויף עטלעכע טעג; אויף עטלעכע וואָכן אַרויס פון שטאָט אָדער אויף וואַקאַציע, קריגט אַביסל רייזע־פיבער...

מען האָט רייזע־פיבער אפילו אין אַ רואיקער צייט, נאָך דערצו איצט, ווען די צייט איז אַן אומרואיקע; כאַפּט טאַקע אַרום אַ באַהאַלטענע מורא, אַ נישט זיכערקייט, דעם מענטש וואָס גרייט זיך איצט אין וועג אַריין.

מען דאַרף זען, גוט אַכטונג געבן, מען זאָל חלילה עפּעס נישט פאַרגעסן און דאָ פאַרמאָגט מען אַזוי פיל קעשענעס...

רבונו של עולם! צו וואָס דאַרף אַ מענטש אַזוי פיל קעשענעס?

אין די הויזן זיינען דאָ פיר קעשענעס, אין וועסטל פיר קליינע קעשענעס און מיט אַ בוזעם־קעשענע אין אונטערשלאַק. אין רעקל זיינען דאָ דריי קעשענעס און צוויי בוזעם־קעשענעס און אַ קליינע קעשענע אַ צולאָג, און ווען מען טוט נאָך אָן אַ מאַנטל, קומען צו נאָך צוויי קעשענעס מיט אַ בוזעם־קעשענע אַ צולאָג.

סך הכל: 17 (זיבעצן) קעשענעס...

נו, גייט זייט אַ נביא, האָט אַזאַ גוואַלדיקן זכרון צו געדענקען אין וועלכער קעשענע איר האַלט דעם פּאַס מיט דער וויזע, די שליסעלעך, דאָס געלט? און איך נעם זוכן אין אַלע קעשענעס...

יאָ, דער פּאַס! וואו איז דער פּאַס? וואו זיינען די טשעקן? די פּעזעס? די דאָלאַרן? די אַדרעסן? און וואו זיינען ערגעץ די שליסעלעך פון די וואַליזקעס? די שליסעלעך וואו זיינען? די שליסעלעך!

און ווען מען האָט שוין, מיט מזל אַלץ איינגעפּאַקט, דאַרף מען זען,

מען זאָל חלילה נישט פאַרשפעטיקן... יאָ, מען קען נאָך חלילה פאַר־שפעטיקן דעם קאַמיאָן. שלאָפט מען טאַקע די לעצטע נאַכט אומרואיק, מען כאַפּט זיך אויף און מען שלאָפט ווייטער אַביסל... מען דאַרף דאָך זייןביים אויטאָבוס 7 אַזייגער אין דערפרי.

וואַקסט טאַקע דער רייזע־פיבער מיט יעדע מינוט, מיט יעדער שעה, ביז מען זיצט שוין, אַ דאַנק גאָט, אין אויטאָבוס.

איז טאַקע מיין איצטיקע רייזע אין לאָס אַנדזשעלעס געווען פאַר מיר אַן אינטערעסאַנטע, אַ געשפאַנטע און אַביסל אַן אומרואיקע.

אין דרויסן איז קאַלט, מען כאַפּט אַ ציטער, נאָר אין קאַמיאָן איז אַביסל וואַרימער. איך זיץ ביים פענצטער. און קלער: אפשר וואָלט גלייכער געווען איצט נישט צו פאָרן? ווער ווייסט וואָס קען אויפן וועג פּאַסירן? מען פאָרט אין אַ פרעמד לאַנד, איבער אַ גרענעץ. אין ווייטן מזרח איז איצטער אַ מלחמה. איך פאָר אין אַ לאַנד, אין די שטאַטן, וואָס שיקט אירע בעסטע זין, איר יוגנט אויפן שלאַכט־פעלד אין קאָרעאַ.

די גאַנצע וועלט איז איצט אומרואיק, לעבט ווי אין אַ פיבער... וואָלט אפשר גלייכער געווען צו זיצן אין דער היים?

אין אויטאָבוס זיינען די פּאַסאַזשירן געזעסן שטיל פאַרטראַכטע און עפּעס אַ קאַלטע פרעמדקייט האָט אַלעמען באַהערשט.

נאָך עטלעכע שעה פאָרן איז די קאַלטע אַטמאָספערע שוואַכער געוואָרן. די פּאַסאַזשירן האָבן אָנגעהויבן זיך פילן אַביסל היימישער, מ'האָט אין אָנהייב גערעדט שטיל, געפּליסטערט, ווי פאַר עפּעס זיך געשראָקן... נאָר ביסלעכוויז איז דער טאָן געוואָרן העכער, דרייסטער, מ'האָט גערעדט וועגן יקרות, וועגן סינע־בילדער, און ווער ווייסט צי עס וועט חלילה נישט אויסברעכן אַ נייע וועלט־מלחמה...

נאָר נישט ווייט פון דער גרענעץ־שטאָט נועוואָ לאַרעדאָ, האָט ווידער אָנגעהויבן ווייען אַ פרעמדקייט צווישן די פּאַסאַזשירן. אַלע זיינען געוואָרן שטיל און ערנסט, ווי זיך פאַר עפּעס געשראָקן...

נאָכן אַריבערגיין די גרענעץ־בריק איבער טייך ריאָ גראַנדע, האָב איך זיך דערפילט אַביסל פרייער, די געשפּאַנטקייט איז אַוועק, די אומרואיקייט איז מיט אַמאָל ערגעץ פאַרשוואונדן, עס ווערט גרינגער דאָס געמיט און לייכטער אויף דער נשמה.

אָט שטיי איך ווידער אויף דער אַמעריקאַנער ערד אין לאַרעדאָ (טעקסאַס). די לאַנגע גאַס, קאָנווענטאָ עוועניו, וואָס ציט זיך פון דער בריק ביז טיף אין שטאָט אַריין איז געפּאַקט מיט מענטשן... די באַוועגונג אין

מיטן גאַס איז גרויס. מען פאָרט הין און צוריק איבער דער בריק, די געשעפטן זיינען געפּאַקט מיט קונים, עס איז פאַר „קריסטמעס".

די לופט איז מחיהדיק, עס בלאָזט אַ קיל, מילד ווינטל, עס איז דאָ אַ סך וואַרעמער ווי אין מעקסיקע.

איך שפּאַציר צו צום האָטעל, איך וויל זיך אַביסל אויסגלייכן די פיס... אַך, וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן עס איז איצט זיך דורכגיין אַביסל, נאָכן זיצן אין אויטאָבוס גאַנצע 26 שעה... עפּעס ווערט אַזוי ליב דאָס גיין, עפּעס האָט מען אַזאַ גרויסע הנאה צו שפּאַצירן אויפן האַרטן טראָטואַר און עס גלוסט זיך איצט גיין און גיין...

אין „לאָבי" פון האָטעל האַמילטאָן זיצן זיך געמיטלעך אויף די ווייך־געבעטע שטולן; די האָטעל געסט, רויכערן, לייענען אָדער רעדן שטיל, געלאַסן ווי אין אַ שפּיטאָל...

אין האָטעל־רעסטאָראַן זיצן ביי וויס־געדעקטע טישלעך אָדער ביים באַר־בופעט עטלעכע געסט און דערכאַפּן זיך דאָס האַרץ; עס שיינען אַרויס שניי־ווייסע קעפּ מיט יונגע, גלאַט, אויסגעפּרעסטע באַקן... זיי האָבן זיך ליב צו האַלטן יונג, די אַמעריקאַנער, טראָגן זיי אַלע קאָלירטע ספּאָרט־העמדער.

ביים באַר־בופעט זיצן יונגוואַרג און עטלעכע סאָלדאַטן. עפּעס אַן אַנגענעמע רואיקייט הערשט אין האָטעל, און ביסלעכווייז ווער איך אַריינגעצויגן אין דער רואיק־געמיטלעכער אַטמאָספערע.

יאָ, די אַמעריקאַנער, ווייזט אויס זיינען אַביסל ענלעך צו די אַנגלאָ־זאַקסן, צו די קאַלטע, רואיקע ענגלענדער: זיי קאָכן זיך נישט, זיינען נישט נערוועז, ווערן נישט גיך אויפגערעגט. זיי באַטראַכטן די איצטיקע שווערע לאַגע אויף דער וועלט און די מלחמה אין קאָרעאַ, גאַנץ קאַלט־בלוטיק, ווי עפּעס אַ קראַנקהייט וואָס מוז זיך אויסשטיין און דער חולה וועט זיכער געזונט ווערן... זיינען טאַקע די אַמעריקאַנער ניכטערע מענטשן און אויך גרויסע אָפּטימיסטן... און נישט ווילנדיק ווערט מען אַליין אויך אָנגעשטעקט מיט זייער רואיקייט און אָפּטימיזם.

אויף די באַקוועמע און באַלויכטענע באַן־סטאַנציעס זעט מען יונגע סאָלדאַטן אין שיינע, אויסגעפּרעסטע אוניפאָרמען. זיי פאָרן איצט אַהיים אויף „קריסטמעס".

* * *

אין באַס רעדט מען וועגן שיינעם, וואַרימען וועטער, וועגן יקרות און וועגן העכערע טעקסעס אָבער נישט וועגן דער מלחמה...

איז טאַקע אַ מחיה צו פאָרן אין די גרויסע, באַקוועמע אויטאָבוסן פון דער „גרעיהאַונט" קאָמפּאַניע. מען זיצט אויף די ברייטע, אויסגעבעטע שטולן ווי אין אַ סאַלע און מען קוקט אַרויס דורך די פענצטער, ווי דער „באַס" שלינגט די מיילן אויף די אויסגעפּלאַסטערטע, רחבותדיקע וועגן איבער די ריזיקע שטרעקעס נישט באַוואוינטע ערד פון טעקסעס, ניו־מעק־סיקע, אַריזאָנאַ, און איבער די פעלדער וואָס זיינען נאָך באַוואַקסן מיט וויל־דע פלאַנצן.

פון ביידע זייטן שאָסיי זעט מען די בלויע סילועטן פון די נאַקעטע פעלזן־בערג, פון די סיערא־מאַדרעס, וואָס באַגלייטן דעם לויפנדיקן באַס אויפן גאַנצן וועג ביז לאָס אַנדזשעלעס.

אַ סך מאָל דאַכט זיך, אַז דער וועג איז אין גאַנצן אַרומגערינגלט מיט די נאַקעטע בערג, וואָס זעען אויס ווי פאַנטאַסטישע פיגורן: אָט ציט זיך אַ לאַנגע באַרג־קייט, וואָס זעט אויס ווי ריזיקע קעמלען מיט איינגעהויקערטע רוקנס. אָט ציט זיך אַ לאַנגער קאַראַוואַן מיט קעמלען מיט ריזיקע הויי־קערס און דאַרע אויסגעצויגענע העלזער, מיט פאַנטאַסטישע שפּיציקע קעפּ, וואָס וואַנדערן געלאַסן, אומעטיק ביים האַריזאָנט פון דער מדבר אין אַרי־זאָנאַ . . .

און עס דאַכט זיך, אַז דער אויטאָבוס וועט שוין פון צווישן די בערג נישט קענען אַרויס . . . נאָר באַלד באַוויזט זיך אַ שמאָלער פּאַס צווישן די בערג, ווי אַ גרויע, גלאַטע לענטע און דער באַס לויפט זיך ווייטער זיין וועג.

פאַרנאַכט, ווען דער מידער אָוונט האָט זיך אַנגעהויבן דערנענטערן, האָב איך דורכן פענסטער דערזען אַן אויסערגעוויינטלעך שיין, פאַנטאַס־טיש נאַטור־בילד; ווען דער אויטאָבוס האָט דורכגעשניטן די לאַנגע, ליי־דיקע וועגן אין דעם מדבר פון אַריזאָנאַ.

אין מערב־זייט האָט זיך די זון גענומען זעצן, עטלעכע קליינע דורכ־זיכטיקע וואָלקנדלעך, ווי דינע צעריסענע וואַטע, האָבן אַרומגעשוועבט אויפן האַריזאָנט. די אונטערגייענדיקע זון האָט זיך צעשפּילט אין אַ פּראַכט־פולער, באַצויבערדיקער פאַרבן־סימפאָניע.

וואָס נידעריקער די רויט־ברענענדיקע זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צווישן די בערג, האָבן זיך געביטן די קאָלירן פון די אונטערגעצונדענע, דינע וואָלקנדלעך, וואָס האָבן באַגלייט מיט אַ ים פאַרבן און זיך געזעגנט מיט דער אָפּשטאַרבנדיקער זון . . .

אַ, גאָט! וואָס פאַר אַ וואונדערלעך שיין בילד, וואָס קיין שום קינסט־

לער, קיין שום מאלער איז נישט אומשטאַנד אָפּצומאָלן, נאָכצומאַכן די צויבער־האַנט פון באַשעפער...

דאָס איז געווען אַן אומפאַרגעסלעכע איבערלעבונג, וואָס פאַרשיכורט די מענטשלעכע נשמה מיט איר פּרעכטיק, וואונדערלעכער שיינקייט, און מאַכט פייכט די אויגן פון גרויס באַגייסטערונג...

אין האַרץ נאָגט עפּעס אַ בענקשאַפט, און אַ שטילע, טרויעריקע שטי־מונג נעמט מיך אַרום, ווי איך וואָלט מיטגעטרויערט אויפן אָפּשטאַרבנ־דיקן טאָג.

פון מזרח־זייט, ביים האָריזאָנט צווישן די בערג, האָט אָנגעהויבן אַרויסשווימען אַ גרויסער, פלאַטשיקער מאַט־זילבערנער טעלער...

וואָס העכער דער לבנה־טעלער האָט זיך געהויבן, אַלץ קלענער איז געוואָרן דער זילבערנער טעלער. און ווען דער לעצטער, רויטער בליאַסק פון דער זון איז פאַרשוואונדן, און פון צווישן די בערג זיינען אַרויסגע־קראָכן די שאָטנס און נאָכט געמאַכט דעם גאַנצן אַרום, איז די איינזאַמע, בלאַסע לבנה אַרויפגעשוואומען העכער און העכער אויפן טיף־בלויען אויס־געשטערנטן הימל; און מיט אַ מילדן זילבער־גלאַנץ באַלויכטן דעם גע־פלאַסטערטן וועג אויף וועלכן דער באַס האָט זיך שטיל און גלאַט געגליטשט אין דער ווייטער נאַכט אַריין.

ביינאַכט, ווען דער אויטאָבוס שטעלט זיך אָפּ ביי אַ סטאַנציע, קומט אַרויף אַ בלאָנד, הנעוודיק מיידל, מיט אַ ווייס היטעלע אויפן קאָפּ, ווי אַ קראַנקן־שוועסטער אין אַ שפּיטאָל; און מיט אַ צערטלעכער, ווייכער שטי־מע פאַרקויפט זי אייך אַ ווייך, ווייס קישעלע פאַר אַ „קוואָדער" (25 סענט) איר זאָלט קענען גרינגער שלאָפן...

דאָס ווייכע קישעלע קומט טאַקע צוניץ, ווען מען וויל כאַפּן אַ דרימל אויף דער אויסגעצויגענער שטול, ווען אין באַס ווערט פינסטער.

וואָלט טאַקע אַלץ גוט געווען, ווען מען קען אָפּשלאָפן עטלעכע שעה ביז אין דערפרי; איז אָבער דער „דרייווער" (שאָפער) אַ גרויסער מענטשן־פריינד, אַן אמתער הומאַניטאַריער...

איז נאָך אַ 2 שעה פאָרן, גיט ער אין מיטן דער נאַכט אַ ציינד אָן מיטאַמאָל אַלע לעמפּלעך אין באַס. עס ווערט מיט אַמאָל, ליכטיק און דער באַס שטעלט זיך אָפּ אין אַ שטעטל לעבן אַ קאַפע, און דער באַרמהערצי־קער „דרייווער" מעלדעט מיט אַ זינגענדיקער שטימע: 20 מינוט, דאָ איז דאָ אַ וואַש־רום מיט אַ קאַפע, וואַטש יור סטעפּס, (אַ וואַש צימער, היט אייערע טריט).

די פּאַסאַזשירן נעבעך רייבן זיך די פאַרשלאָפענע אויגן, זיינען אומ־צופרידן, ציען זיך, דרייען זיך אויף דער שטול מיטן קישעלע. זיי וואָלטן איצט גלייכער געוואָלט שלאָפן, נאָר אַז מען בעט אַזוי העפלעך אַרויסגיין טרינקען אַ הייסע קאַפע דריי אַזייגער ביינאַכט, קען מען ניט אָפּזאָגן...

גייט מען פאַרשלאָפענע, איינגעקאַרטשעטע ביסלעכווייז אַרויס אויף דער קאַלטער לופט און מען כאַפּט זיך גיך אַריין אין דער ליכטיקער קאַפע, מען דערוואַרעמט זיך אויף גיך מיט אַ הייס טעפל קאַווע... און מען פאָרט ווייטער.

איי, ווען דער שאָפער שטעלט זיך ניט אָפּ אין יעדן שטעטל, און פאַר־בעט נישט אין מיטן נאַכט אויף אַ קאַפע, וואָלט מען כאָטש געקענט אי־בערשלאָפן די נאַכט אַנגעלענט אויפן ווייכן קישעלע. נאָר גייט האָט אַ טענה צום גוט־האַרציקן שאָפער, וואָס מיינט נאָר בלויז אייער טובה...

צוריק איינשלאָפן איז שוין אַביסל שווער. איך קוק אַרויס אויף דער ליכטיקער גאַס פון שטעטל, וואָס ציט זיך אין דער ווייטער נאַכט אַריין און איך בין מקנא די מענטשן אין די קליינע שטיבלעך מיט די פאַרהאַנ־גענע פענסטער, וואָס ליגן איצט אַזוי רואיק און באַקוועם אין זייערע ווייכע, וואַרעמע בעטן...

אין האַרץ וואַקסט אַ שטילער באַגער, אַז דער באַס זאָל עפּעס מיט אַמאָל קאַליע ווערן און שטיין בלייבן... איך וואָלט אַריין אין אַ שטיבל און געבעטן איבערנעכטיקן, איך וואָלט זיך גלייך אין אָנטוען אַריינגע־וואָרפן אין בעט, זיך אויסגעצויגן און געשמאַק געשלאָפן.

איי, וואָלט איך זיך איצט מחיה געווען אויף אַ ווייך וואַרעם געלעגער, אויסגלייכן אַביסל די ביינער.

אָבער איך וויג זיך ווייטער אין פינסטערן באַס, אַ מידע פוילקייט צע־גיסט זיך איבערן גאַנצן גוף. די פאַרשלאָפענע אויגן קלעפּן זיך, פאַרמאַכן זיך אַליין און די קאַלטע הענט זוכן עפּעס אַן אָרט וואו זיך צו דערוואַ־רעמען...

* * *

נאָך מיט אַ צוויי שעה פאָרן אַריינפאָרן אין לאָס אַנדזשעלעס, באַווייזן זיך די דערפלעך און פאַרשטעטלעך מיט די קליינע, ווייסע, ציכטיקע הייז־לעך וואָס ציען זיך פוןביידע זייטן שאָסיי, אַרומגערינגלט מיט שאָטנ־דיקע ביימער און באַוואַכט פון די לאַנגע, שטאָלצע פאַלמעס.

געדיכטע גערטנער מיט פאַלמע־ביימער, וואָס שטייען אויסגעשטעלט ווי שורות סאָלדאַטן, פאַרשפרייטן אַ זיס־פעטן ריח פון זייערע געשמאַקע

טייטלען. לעבן די טייטל־בוימער שטייען טישלעך מיט קעסטלעך פרישע טייטלען מיט אַן אויפשריפט: קויפט אַ קעסטל פרישע טייטלען און דער־כאַפּט זיך דאָס האַרץ...

און באַלד נעמען זיך אַרויסשיילן פון בײדע זייטן וועג די בייכיקע ציטרוס־בוימלעך, נאָך באַהויכטע פון פרי־מאָרגן טוי, מיט זייערע געדיכט אָנגעפּיקעוועטע גאָלדענע פּאָמעראַנצן.

די פרימאָרגן לופט איז אָנגעזאַפּט מיט שמעקנדיקע, שאַרפע ריחות פון די גאָלדענע ציטרוס־פּרוכט, וואָס צייטיקן זיך נאָך אויף די בוימער צווישן די גרינע בלעטלעך.

אַזוי ציען זיך לענג אויס דעם וועג, אויף צענדליקער מיילן די פּאָמע־ראַנצן גערטנער, ווי זיי וואָלטן איינגעלאַדן די מידע פּאַסאַזשירן, זיי זאָלן זיך כאָטש אָנזעטיקן פון ווייטנס מיט זייערע בליקן אויף די גאָלדענע פּירות, וואָס פילן זיך איצט אַן מיט זייער מחיהדיקן באַטעמטן זאַפט אונ־טער דער קאַליפאָרניער בלענדנדער זון.

דער טאָג איז אַ שיינער אַ לויטערער. עס איז פּונקט זונטיק, ערב „קריסטמעס”, פאַר ניי־יאָר 1951. אָבער דער דרויסן קוקט אויס נישט ווי ווינטער, נאָר ווי אין אָנהייב פרילינג...

די זון שיינט אויפן לויטערן, בלויען הימל מיט אַ מילדער וואַרעמקייט. די ריינע פרימאָרגן לופט פאַרשיכורט מיט איר פרישקייט און עס אָטעמט זיך עפּעס אַזוי לייכט, אַזוי גרינג. די לונגן שעפּן, ציען אין זיך אַריין גאַנצע עמערס מחיהדיקע, ריינע און פרישע לופט.

די מחנות פייגל סווישטשן, זינגען אויף די שאָטנדיקע בוימער, צווישן די פריש אויפגעגאַנגענע בלומען און אויפן פרישן גרינעם גראָז, וואָס אין נאָך באַהויכט מיטן פרימאָרגן טוי.

די גאַנצע נאַטור אַרום זינגט איצט אַ לויב־ליד, שירה צום אַלמעכ־טיקן, וואָס האָט באַשאַפן אַזאַ שיינע, ליכטיקע, בליענדע וועלט...

ניין אַזייגער אינדערפרי, האָט זיך דער באַס שטיל אַריינגעגליטשט אין דער נאָך פאַרשלאָפענער, שיינער מלאכים־שטאָט.

„פעלקער” אין לאָס אַנדזשעלעס...

איך בין שוין דאָס פערטע מאָל אין לאָס אַנדזשעלעס, און איך געפין אויס וואָס אַמאָל מער, די אויסערגעוויינטלעכע שיינקייט און מערקווירדי־קייט פון דער פּרעכטיקער, וואונדערלעכער שטאָט ביים ברעג פון פּאַצי־פישן ים.

פונקט ווי יעדער מענטש האָט אַ נשמה, פּערזענלעכקייט, געמיט, און פונקט ווי אַ שפּראַך האָט אַ נשמה און געמיט, אַזוי האָט אויך יעדע שטאָט איר נשמה, איר געמיט, איר שיינקייט איר צויבער און אייגנטימלעכקייט...

קען מען טאַקע אָפּלעבן יאָרן גאַנצע אין אַ שטאָט און דאָך נישט קענען די שטאָט מיט איר געמיט, נישט וויסן אַלע אירע גאַסן, די באַהאַלטענע סודות וואָס די שטאָט טראָגט אין זיך...

מען דאַרף לאַנג זוכן, פאָרשן און נישטערן ביז מען דערטאַפּט דעם פּולס, ביז מען דערפילט דעם אייגנאַרטיקן ריטם פון דער שטאָט.

אין דער צעשפּרייטער, צעצויגענער מלאָכים־שטאָט, ווי אין אַלע גרויסע שטעט אין די שטאַטן, לעבט זיך יעדע פעלקער־גרופּע באַזונדער, טאַקע אין באַזונדערע גאַסן, אין באַזונדערע שטאָט־טיילן.

עפּעס פילט זיך יעדע עטנישע גרופּע אַ סך היימישער, לעבעדיקער, אַז מען וואוינט אויף איין גאַס, אויף איין אָרט, אין אַן אייגן קאָמפּאַקטן קוואַרטאַל.

מען קען טאַקע גיכער און אַ סך בעסער אָפּהיטן די אייגענע שפּראַך, טראַדיציעס, געוואוינהייטן און מנהגים פון דער אַלטער היים, וואָס ליגן נאָך אַלץ טיף פאַרבאָרגן אין דער נשמה, און דאָס האַרץ איז נאָך פול מיט בענקשאַפט און זכרונות פון אַמאָל...

עפּעס אַן אויסערגעוויינטלעכע, טשיקאַווע דערשיינונג איז דאָס, וואָס אין יעדער גרויסער שטאָט, ווערט דער מזרח טייל פון שטאָט באַוואוינט פון די אָרעמע שיכטן פון די שטאָט־איינוואוינער...

פאַרוואָס דאָס איז אַזוי? ווייס איך נישט, אַ פאַקט איז דאָס אָבער. עס איז אַוודאי דאָ אין דעם אַ פּסיכאָלאָגישער הינטערגרונט; פאַר וואָס אין דעם אָרעמען טייל שטאָט, אין מזרח, גייט אַלע טאָג אויף די זון, און אין דעם רייכן טייל שטאָט, אין דעם אַריסטאָקראַטישן מערב־טייל פון שטאָט, גייט שטענדיק אונטער די זון...

וואוינט טאַקע נאָך אַלץ דער גרעסטער טייל יידישע אימיגראַנטן (כאָטש שוין נישט אַזוי אָרעם) אין „בוילהייטס", אין דעם מזרח טייל פון לאָס אַנדזשעלעס.

אין צענדליקער גאַסן פילט זיך דער פּולס פון יידישן לעבן. עס ווייבעלט און שווייבלט מיט יידישער ענערגיע. גאַנצע גאַסן, קוואַרטאַלן מיט יידישע הייזער, האָטעלן, קראָמען, מערק און רעסטאָראַנען. שולן צום דאַווענען, תלמוד תורות, וועלטלעכע נאָכמיטאָג־שולן.

מען הערט אַ לעבעדיק יידיש וואָרט. מען קען דאָרט אויסלעבן די יאָרן און רעדן בלויז יידיש, עסן כשר און האַנדלען, מאַכן אַ לעבן פון בלויז יידן...

ווער קען דאָס נישט אין לאָס אַנדזשעלעס די באַרימטע סאָטאָ סטריט אין בוילהייטס, מיט ברוקלין עוועניו?

אמת, ווי עס פירט זיך, ווי דער שטייגער איז, הייבט זיך אָן אַן עמי־גראַציע, אַן איבערשיכטונג פון די העכערע, פאַרמעגלעכע יידן פון מזרח צו מערב... פונקט ווי ביי אונדז אין מעקסיקע: פון כעסוס מאַריאַ ביז היפאָדראָמאָ, פון היפאָדראָמאָ ביז פּאָלאַנקאָ און פון פּאָלאַנקאָ ביז לאָמאַס...

אין דער מלאָכים שטאָט גייט דאָס פון בוילהייטס אין דעם רייכערן שטאָט־טייל: אין פעירפעקס, וועסט עדעמס, בעווערלי הילס, ווילשעיר, לאַ ברעיאַ און האָליוואוד, ביז סאַנטאַ מאָניקאָ ביים ים.

אָבער דער גרעסטער טייל יידן וואוינט נאָך אַלץ אין בוילהייטס האָרט וואו עס געפינט זיך דער מעקסיקאַנער קוואַרטאַל.

די מעקסיקאַנער באַפעלקערונג באַוואוינט די צענדליקער גאַסן לעבן סאָמע צענטער פון שטאָט „דאַן־טאַון", לעבן דער באַן־סטאַנציע, פון די באַרימטע אָלווערא סטריט ביז אַרום ברוקלין עוועניו און בוילהייטס.

איר קענט דאָרט הערן רעדן שפּאַניש פונקט ווי אין מעקסיקע. מעק־סיקאַנער רעסטאָראַנען מיט שפּאַנישע אויפשריפטן, וואו איר קריגט די עכטע מעקסיקאַנער „פּלאַטיאָס" (מאכלים): טאָרטאָס, ענטשילאַדאָס, פרי־כאָלעס, אַראָז אַ לאַ מעכיקאַנאַ, קאַרנע קאָן טשילע און פּאָוואָ קאָן מאָ־ל'ע... און עס פעלט טאַקע דאָרט אויך נישט קיין אָפּגעלאָזנקייט און אָרעמקייט ווי אין מעקסיקע...

איז טאַקע לאָס אַנדזשעלעס אַן עכטע קאָסמאָפּאָליטישע שטאָט, וואָס זאַמלט איין אין זיך טויזנטער געסט פון אַלע שטעט אין די שטאַטן, וואָס בענקען נאָך אַ בלויען הימל מיט אַ מילדער, וואַרימער זון.

אַז איך פאַרבענק מיך נאָך מיינע טייערע, ליבע יידן, נעם איך מיר דעם טראַמוויי נומער 2 אויף מעין סטריט און פאָר אַרויף אויף ברוקלין עוועניו אין בוילהייטס — און איך בין שוין אין ארץ ישראל...

אָדער איך פאָר מיר צו אין סאַנטאַ מאָניקאָ ביים ים, וואו ביים ביטש (פּליאַזש), שפּאַצירן אַרום אונדזערע יידן אין אַ זוניקן זונטיק, אָדער זיי זיצן אויף די הילצערנע בענק און קוקן פאַרבענקטע, פאַרחלומטע אויף דעם געבייזער פון די ים־כוואַליעס, וואָס ראַנגלען זיך און באַשפּריצן מיט זייער ריטמישן גערויש דעם זאַמדיקן ברעג מיט אַ ווייסן שוים. די יידן

רעדן צווישן זיך אַ היימישן יידיש פאַרשמאַלצן מיט עטלעכע ענגלישע ווערטער. זיי רעדן פון „ביזנעס" פון דער אַלטער היים און דערמאָנען זיך איצט אין זייער ערשטער יוגנט...

וויל איך זען מיינע מעקסיקאַנער לאַנדסלייט, פאָר איך מיר צו אויף אַלווערא סטריט און אין די אַרומיקע גאַסן לעבן סאַמע צענטער, נישט ווייט פון דער הויכער, אימפּאַזאַנטער, ווייסער געביידע פון „סיטי האָל" (מוני־ציפּאַל געביידע) און איך בין שוין אין מעקסיקע...

מען קען אפילו אַריינגיין זען מעקסיקאַנער בילדער אין די דריי גרויסע סינע־טעאַטערס, וואָס געפינען זיך אין די דריי גרויסע גאַסן אין סאַמע צענטער: בראָדוויי, מעין און היל סטריט.

* * *

האָב איך אָבער דאָס יאָר אויך געמאַכט אַ שפּאַציר אין „אַפריקע"... און דוקא אין דער ווייסער, ליכטיקער לאָס אַנדזשעלעס.

אין קאַליפאָרניע איז נישטאָ קיין דיסקרימינאַציע קעגן דער נעגער באַ־פעלקערונג. די טונקל־הויטיקע מענטשן מעגן וואוינען וואו זיי ווילן און זיצן וואו זיי ווילן גלייך מיט ווייסע...

איר קענט אפילו זען שוואַרץ־הויטיקע טראַפיק־פּאָליציאַנטן, שאָפערן און אין אַנדערע באַשעפטיקונגען.

האָב איך אין אַ שיינעם, זוניקן טאָג געמאַכט אַ שפּאַציר אין וועסט עדעמס בולוואַרד. איז טאַקע די ברייטע שיינע גאַס, וואו עס געפינט זיך די שענסטע קאַטוילישע קירכע מיט עטלעכע פּראָטעסטאַנטישע קירכעס, געווען אַמאָל פון די סאַמע אַריסטאָקראַטישע, יחוסדיקע גאַסן אין שטאָט.

אויף דער גאַס שטייען נאָך שיינע הייזער און פּאַלאַצן מיט פאַרשידנ־אַרטיקע סטילן, איינגעהילט אין שאָטנס פוןביימער און שלאַנקע, הויכע פּאַלמעס, אַרומגערינגלט מיט גערטנער און ברייטע אַריינפאָר־טויערן, ווי אין פריצישע הויפן...

דאָרט שטייט נאָך אפילו דאָס שיינע פּאַלאַצל וואו טשאַרלי טשאַפּלין האָט געוואוינט.

אָבער שפּאַצירנדיק אין די גאַסן צווישן וועסט עדעמס און דזשעפער־סאָן בולוואַרד ביז וועסטערן עוועניו, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז איך בין איצט אין אַפריקע...

אויף צענדליקער גאַסן זעט מען בלויז די טונקלהויטיקע איינוואוינער. די שוואַרצע ראַסע האָט זיך דאָ גאַנץ ברייט אויסגעשפּרייט און פאַרנעמט צענדליקער בלאָקן (קוואַרטאַלן).

אין דרויסן אויף די גאַסן זעט מען כמעט בלויז נעגערס, לעבן די הייזער שפּילן זיך שוואַרץ־חנעוודיקע נעגער־קינדער מיט די געקרייזלטע קעפּלעך, ווייסע ציין און מיט פאַרגאַפטע, טרויעריקע אויגן...

די טונקל־הויטיקע באַפעלקערונג שפּרייט זיך אויס און פאַרנעמט, קויפט אָפּ ביי די ווייסע זייערע הייזער און דאָס שטיקל „אַפריקע" ווערט וואָס אַמאָל גרעסער אין דער מלאָכים שטאָט.

אמת, קיין עפנטלעכע דיסקרימינאַציע ווערט נישט אַרויסגעוויזן קעגן דער קאָלירטער ראַסע, אָבער אַ שטילע, דזשענטלמענישע דיסקרימינאַציע איז דווקא, יאָ דאָ...

קויפט אָפּ אַ נעגער אַ הויז ביי אַ ווייסן, הייבן אָן די ווייסע שכנים אַרויסוויזן זייער אומצופרידנקייט און ציען זיך אַרויס אויף אַן אַנדערער גאַס אָדער פאַרקויפן זייערע הייזער.

ווערן באַלד די איבעריקע הייזער אין דער גאַס ביליקער און פאַלן אין פּרייז. די ווייסע ווילן שוין דאָרט נישט קויפן... די אַריסטאָקראַטישע, ווייסע יחסנים ווילן וואוינען וואָס ווייטער פון די טונקל־הויטיקע.

זאָל זיך אַריינציען אַ נעגער־פאַמיליע אין אַן אַפּאַרטמענט־הויז, צע־לויפן זיך שטיל די ווייסע שכנים. נעמט טאַקע נישט אַריין קיין שום באַ־לעבאָס פון אַן אַפּאַרטאַמענט־הויז קיין שוואַרצע פאַמיליעס.

מען וויל גלייכער זיין גוטע פריינד פון ווייטנס...

אָבער עס איז, חס וחלילה, נישטאָ קיין שום דיסקרימינאַציע קעגן די טונקל־הויטיקע איינוואוינער אין דער מלאָכים שטאָט... אָ, ניין!

פאַרקויפן טאַקע אויך אונדזערע יידן זייערע הייזער, ווען אַ נעגער קויפט לעבן זיי אַ הויז און ציען זיך גיך אַריבער אין אַן אַנדערער גאַס אָדער אין אַן אַנדער געגנט. זיי ווילן נישט, אַז זייערע הייזער זאָלן ביליקער ווערן צוליב אַ נעגער...

הונדערטער יידישע פאַמיליעס לעבן טאַקע פון דירה־געלט, פון רענט, פון זייערע אַפּאַרטאַמענט־הייזער אָדער האָטעלן.

די איינציקע האָפנונג פון אַ סוחר, אָדער פון אַן אַרבעטער, וואָס וויל לעבן אַביסל בעסער און רואיקער אויף די עלטערע יאָרן, איז אָפּצושפּאָרן עטלעכע צענדליק טויזנט דאָלאַר און זיך קויפן אַן אַפּאַרטאַמענט הויז, וועט ער זיין זיכער מיט אַ גרינגער פּרנסה...

קען מען טאַקע קויפן אַן אַפּאַרטאַמענט־הויז, וואָס איז ווערט 60 טויזנט דאָלאַר און בלויז איינצאָלן אַ העלפט. די אַנדערע העלפט באָרגט שוין די באַנק אויפן הויז און מען קען אָפּצאָלן מיטן דירה־געלט...

אַ גאָלדן געשעפט!

האָפן טאַקע אַ סך מענטשן זיך צו קויפן אַן אַפּאַרטאַמענט־הויז, און זיך באַזאָרגן מיט אַ גרינגע פּרנסה אויף די עלטערע יאָרן...

פונקט ווי ביי אונדז אין מעקסיקע האָפן אַ סך אָרעמע מענטשן צו געווינען די פּרעמיע מאַיאָר אויף דער נאַציאָנאַלער לאָטעריע...

אַ שיינער חלום

אויב עס איז טאַקע אמת וואָס אונדזערע תנאים זאָגן, אַז אונדזער וועלט איז נישט מער ווי אַ פּרוזדור, אַ פאָדערהויז, וואו מען דאַרף זיך צוגרייטן אַריין צו גיין אין טרקלין, אין פּאַלאַץ אַריין, אויף דער אמתער וועלט...

אויב עס איז טאַקע אמת, וואָס דער גריכישער פילאָזאָף פּלאַטאָ זאָגט, אַז אונדזער וועלטל איז נישט מער ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון אַ בעסערער און שענערער וועלט, אַז אונדזער וועלטל איז נישט מער ווי אַ חלום...

דאַרף מען טאַקע זען, אַז דער חלום זאָל זיין וואָס אַ בעסערער חלום, וואָס אַ שענערער חלום און וואָס אַ זיסערער חלום. (זייער אָפט איז דער חלום אַ ביטערער...)

וויל טאַקע יעדער מענטש, אַז דאָס קורצע לעבן זיינס, דער זיבעציק יאָריקער חלום זיינער, זאָל זיין וואָס בעסער און וואָס שענער.

אָבער שיין חלומען דאַרף מען קענען, שיין חלומען איז אַ גרויסע קונסט, גאָר אַ גרויסע קונסט!

שיין חלומען קען אַ רעליגיעזער מענטש. שיין חלומען קענען אידעאַ־ליסטן, פּאָעטן, קינסטלער און איינזאַמע מענטשן...

און טאַקע שיין חלומען קען מען אין דער מלאכים שטאָט, וואָס איז טאַקע אַליין אַ גרויסער שיינער חלום.

פאָרט מען נאָר אַוועק פון צענטער שטאָט „דאַן טאַון", איז מען באַלד אין אַן אַנדערער וועלט, אין אַ פאַרחלומטער שטאָט, וואו אין די גאַסן זיינען אויסגעשטעלט קליינע, ווייסע, הילצערנע הייזער מיט גרין גראָז אַרום יעדן הויז, ווי איינגעפאַסט אין אַ גרינער ראָם.

יעדער הויז שטייט באַזונדער, אָפּגעדרוקט פון אַנדערן, ווי פאַר זיך אַליין, פאַרהילט אין שאָטנס פון צוואָקסענע בוימער. לעבן די הייזער שטייען אויסגעשטעלט דינע, הויכע פאַלמעס מיט צוואָקסענע קוטשמעס אויף די קעפּ, וואָס זעען אויס ווי נאַכט־שומרים וואָס באַוואַכן און היטן, אַז קיינער זאָל חלילה נישט שטערן די רו פון די איינוואוינער, וואָס זיצן

איצט אין זייערע שטילע הייזער און גרייטן זיך צום נאַכטיקן חלום אויף זייערע ווייכע געלעגערס...

פאַרנאַכט, אַרום זעקס אַזייגער, צעשיטן זיך גרופּעס מענטשן פון די געשעפטן, פון די פאַבריקן, ווי זיי וואָלטן זיך איילען וואָס גיכער צו פאַר־לאָזן דעם צענטער־שטאָט, און גיך אַהיים גיין אָפּעסן מיטאָג מיט וועטשערע אין איינעם... און זיך אויסרוען, צוגרייטן זיך צום מאָרגנדיקן טאָג.

איז טאַקע פאַר אַ סך מענטשן דאָס אַל־טעגלעכע לעבן אַזוי טרוקן, אַזוי מאָנאָטאָן, בלייבט נאָר איבער פאַר די מענטשן אַמאָל אַריינגיין אין אַ קינאָ־טעאַטער, אָדער הערן אַביסל די ראַדיאָ, לייענען אַמאָל אַ בוך און ביינאַכט בלייבן אין זייערע פאַרמאַכטע פאַרחלומטע הייזער און מיטחלומען דעם שיינעם זיסן חלום, פון דער שיינער פאַרחלומטער מלאכים־שטאָט..

בייטאָג קען מען זען ווי צעוואָרפן, ווי צעשפּרייט די גרויסע שטאָט איז. עפּעס ווי עטלעכע שטעטלעך און דערפלעך האָבן באַשלאָסן זיך צו פאַראייניקן אין אַ גרויסע שטאָט, וואָס מען רופט לאָס אַנדזשעלעס...

אָט ווערט אַ גרויסע, לאַנגע גאַס מיטאַמאָל איבערגעהאַקט, ווי ס'וואָלט שוין געווען הינטער דער שטאָט. עס באַווייזט זיך אַ ליידיקער פּלאַץ מיט גראָז און ביימער. אָבער באַלד דערזעט מען ווי אַ פרישער טייל שטאָט הויבט זיך אָן, מיט באַלעבטע גאַסן, קראָמען, מערק ,שיינע געביידעס, און אין די זייטיקע גאַסן באַווייזן זיך ווידער די פּריוואַטע וואוינונגען מיט די ווייסע הילצערנע, ציכטיקע פאַרחלומטע הייזער באַצירט און פאַרהילט אין גרינס, ווי אין אַ לעגענדאַרישער גאָרטן־שטאָט...

פאַרנאַכט נידערן אַראָפּ די שאָטנס פון די האָליוואודער בערג און מישן זיך צוזאַמען מיט די פייכטע שאָטנס, וואָס הייבן זיך אַרויס פון טונקל גע־וואָרענעם ים אין סאַנטאַ מאָניקאַ, און הילן אַרום די גאַנצע שטאָט ביז סיטי טערעס און גלענדייל.

ביינאַכט, ווען עס צעצינדן זיך די הויכע לאַמטערן מיט אַ העל־בלענדנ־דער ליכטיקייט, זעען אויס די לאַנגע גאַסן און בולוואַרן ליידיק און פאַר־לאָזן. מען זעט בלויז די טויזנטער אויטאָס מיט בלישטשנדע אויגן לויפן גיך־גיך אין מיטן די ברייטע גאַסן, ווי זיי וואָלטן זיך געאײַלט ערגעץ וואו צו אַנטלויפן...

ביינאַכט זעט אויס די מלאכים־שטאָט, ווי אַ גרויס ריזיק דאָרף, וואָס האָט זיך איבערנאַכט פאַרייניקט, צוזאַמענגערוקט פאַר מורא צו בלייבן אַליין אין באַזונדערע שטאָט־טיילן.

זעען די הילצערנע הייזער אויס, ווי זיי וואָלטן זיך צוגעטוליעט איינס

צום אַנדערן אין די טונקל־באַלויכטענע גאַסן, איבערגעדעקט מיט אַ טיף־בלויען, אויסגעשטערנטן הימל. עס רייסט זיך אַמאָל אַ דורך אַ שמאָלער פּאַס ליכט פון די באַהאַנגענע פענסטער אין דער האַלב טונקעלער גאַס, זעט יעדעס הויז אויס, ווי עס וואָלט עפּעס באַהאַלטן אין זיך אַ פאַרבאָרגענעם סוד איבער נאַכט . . .

עס טרעפט זיך אויך, אַז ביינאַכט הויבט זיך אַרויס פון ים אַ פייכטער נעפּל וואָס מאַכט נאַס און פייכט די לופט און לאָזט איבער אויף די גאַסן אַ פייכקייט, ווי פון געפאַלענע טוי־טראָפּנס . . .

בלויז אויף די אַריסטאָקראַטישע גאַסן, ווילשייר, האַליוואָוד בולוואַרד זיינען אויף די עקן גאַס, אויף די ראַגן באַלויכטן מיט אַ העלער ליכט, אָפן די קאַפּעען, און אין דרויסן אין אַ האַלבן קרייז שטייען אויסגעשטעלט די אויטאָס אַרום דער קאַפּע. שיינע, שלאַנקע קלענערינס אין געפּאַסטע, אויסגעפּרעסטע הויזן מיט היטלען אויף די שיין פאַרקעמטע מיידלשע קעפּ, באַדינען די געסט אין די אויטאָס און וואַרטן אויף אַן אַריסטאָקראַטישן „טיפּ" . . .

אין די האַליוואָודער גאַסן, באַלויכטן מיט אַ געדעמפּטער, מילדער ליכט, שלייכן זיך שטיל אַריין די אויסגעפּוצטע, פאַרחלומטע געסט אין די נאַכט־קלובן. אין די מיט בלוי און ראָז באַלויכטענע סאַלאָנען זיצן די רייכע געסט, וואָס זוכן אַ ביסעלע עולם הזה, ביי ווייס־געדעקטע טישלעך און הערן די ריטמיש־באַרוישנדע טענער פון די דזשאַס־אָרקעסטערס, און זעטיקן זיך מיט דאָרשטיקע בליקן אויף די קינאָ־שיינהייטן . . . זיי וואַרטן אויף אַ געלעגנהייט צו קענען כאַפּן אַ טאַנץ מיט אַ האַליוואָאָדער שלאַנקע, קינאָ־־אַרטיסטין...

* * *

האָב איך אויך דאָס יאָר, טאַקע געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַזוכן צוויי אינטערעסאַנטע, וואונדערלעכע פלעצער פון וויסנשאַפט און קולטור.

אין אַ שיינעם זונטיק אין דער פרי, בין איך דאָס ערשטע מאָל געפאָרן זען די גרויסע, פּרעכטיקע און באַרימטע אָבסערוואַטאָריע אויפן באַרג ווילסאָן, (מאַונט ווילסאָן אָבסערוואַטאָרי).

די אויסגעפּלאַסטערטע שאָסייען און וועגן אַרום דער שטאָט, מיט נומערן פון יעדן וועג, מיט אויפשריפטן אויף יעדן שייד־וועג, זיינען אַן אמתע ברכה פאַר די אויטאָ־פאָרערס.

און די 25 מייל ביזן באַרג ווילסאָן זיינען אַ דערקוויקונג פאַרן מענטש־

לעבן אויג, און אַ גרויסע דערגרייכונג פון דער מאָדערנער, טעכנישער ציוויליזאַציע . . .

דער ווילסאָן־באַרג דערגרייכט אַ הויכקייט פון 5714 פיס. דער וועג באַרג אַרויף ציט זיך מיט זיגזאַגן, שלענגלט זיך און דרייט זיך ווי אַ שרויף. די אויטאָס פאָרן פּאַמעלעך, נישט געאײַלט זיך, צייט איז דאָ גע־נוג, עס איז דאָך זונטיק . . .

וואָס העכער מען קומט אַרויף, ווערט די לופט אַלץ קילער און קילער. אויפן באַרג בלאָזט שוין אַ גאַנץ קאַלטער ווינט, מען מוז זיך גוט פאַרק־נעפּלען דאָס מאַנטל. די באַקן רויטלען זיך און די לונגען ציען אַריין אין זיך די קאַלטע, פרישע באַרג־לופט און דער מענטש דערפילט זיך פרישער, מונטער און געזונטער.

אויפן באַרג דרייען זיך אַרויס צווישן די בוימער און הויכע פעלד־גראָזן, עטלעכע הירשן מיט געקרייזלטע, שפּיציקע הערנער. די הירשן האָדעווען זיך פריי אויפן באַרג ווי אין אַ וואַלד.

אויפן סאַמע שפּיץ באַרג באַווייזט זיך אַ ריזיקע, מאַסיווע געביידע און פאַרענדיקט זיך אין דער הויך מיט אַ מעטאַלענעם קופּאַל, וואָס גלאַנצט אונטער דער מילדער פרימאָרגן זון.

מען גייט אַרויף אויף מעטאַלענע טרעפּ, וואָס קלינגען אָפּ מיט אַ מע־טאַלענעם עכאָ, ביז מען קומט אַרויף אויף אַ מעטאַלענער, קײַלעכדיקער פּלאַטפאָרמע, און מען שטייט שוין לעבן דעם ריזיקן טעלעסקאָפּ, וואָס איז איינער פון די גרעסטע אין דער וועלט. דער ריזיק־גרויסער טעלעסקאָפּ האַלט הונדערט אינטשעס אין דיאַמעטער. דער באַוועגלעכער פוס אויף וואָס עס האַלט זיך דער ריזיקער טעלעסקאָפּ, וועגט הונדערט טאָן, און דער קופּאַל אינעווייניק האַלט הונדערט פיס אין דיאַמעטער און הונדערט מיט פינף פיס הויך.

מען בלייבט שטיין פאַרכאַפּט און פאַרוואונדערט פון די מעכטיקע, טעכ־נישע דערגרייכונגען און פון דעם ריזיקן פאַרנעם פון מענטשלעכן געניוס...

אין זײַטיקע געביידעס זיינען אויך דאָ קלענערע טעלעסקאָפּן, אַסטראָ־נאָמישע טאַבעלן, צייכענונגען און פון וואַקס געמאַכטע קאָפּיעס פון די וויכטיקסטע פּלאַנעטן.

די אָבסערוואַטאָריע איז געשאַפן געוואָרן פון די פאָנדן פון דעם באַ־רימטן אַמעריקאַנער פילאַנטראָפּ קאַרנעגי.

נישט ווייט פון דער אָבסערוואַטאָריע געפינט זיך דער מאָונט ווילסאָן האָטעל, אַ רעסטאָראַן, וואָש־צימערן און אַ פּאָסט־ביוראָ.

לעבן רעסטאָראַן אויפן באַרג שטייען בענק וואו מען רוט זיך אָפּ אַביסל און מען וואַרעמט זיך אונטער דער זון פון דער קאַלטער באַרג־לופט.

די פאָטאָ־אַפּאַראַטן אַרבעטן שנעל, יעדער באַזוכער פּלייסט זיך צו נע־מען וואָס מער בילדער מיט זיין קאַמעראַ.

קוקנדיק אַראָפּ פון באַרג, אַנטפּלעקט זיך פאַרן אויג אַ וואונדערשיינע פּאַנאָראַמע.

אונטן, ווייט אַרום דעם באַרג, זיינען די טויזנטער בוימער, פלאַנצן און פּאַלמעס איינגעהילט אין אַ דורכזיכטיקן בלויען נעפּל, באַהויכט פון דער קילער פרי־מאָרגן לופט און באַהעלט פון אויבן מיט די מילדע זון־שטראַלן...

און עפּעס אַ מאָדנע, אויסטערלישע פּאַסירונג איז פאָרגעקומען אין דער הויך אויפן באַרג.

מיין ברודער יעקב, איך און מיין שוועגערין וואַלערי און מיין שוועגערינס ברודער האָבן עפּעס גערעדט מיט אַ יידישן פּליט פון דייטשלאַנד, זיינען מיטאַמאָל צוגעקומען צוויי מיידלעך, איינע אַ בלאָנדע שיינהייט מיט בלויע אויגן, און איינע אַ ברונעטקע מיט אַ ווייכער צאַרטער הויט, ברוינע אויגן און שוואַרצע האָר.

זיי אַנטשולדיקן זיך פאַר מיין שוועגערין, זיי האָבן געהערט ווי זי רעדט אַ ווינער דייטש, ווילן זיי וויסן אויב מיין שוועגערין איז פון ווין. מיין שוועגערין ענטפערט זיי, אַז יאָ, זי איז אַ ווינערין און אַ יידישע...

די יונגע, שיינע גוישע מיידלעך האָבן זיך דערפרייט, זיי קומען פון ווין, זיי זיינען סטודענטקעס, זיי זיינען געשיקט געוואָרן אַלס אויסטויש־סטודענטן און ווערן אויסגעהאַלטן פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג; זיי לערנען אין דעם קאַליפאָרניער אוניווערזיטעט עקאָנאָמיע, וועלט־האַנדל און דעמאָקראַטיע...

מיין שוועגערין פרעגט זיי צי עס זיינען נאָך דאָ אַ סך יידן אין ווין...

די בלאָנדע שיקסע ענטפערט גאַנץ רואיק, אַז ניין, קיין סך יידן זיינען איצט נישטאָ אין ווין, עס קומען יאָ יידן אָבער זיי פאָרן באַלד אַוועק...

ווייזט אויס, אַז די צוויי ווינער, שיינע שיקסעס, זיינען נאָך געווען קליינע, ווען די נאַצי־באַנדיטן האָבן געמאָרדעט און געפּלינדערט די ווי־נער יידן, און זיינען נישט פאַרסמט פון דער נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע...

די צוויי ווינער מיידלעך פאַרשטייען אוודאי גאָרנישט, וואָס עס קומט

פאַר איצט אין די הערצער און נשמות פון די יידן, וואָס רעדן איצט מיט זיי...

די בלאָנדע שיקסע, האָט אפילו געהאַט די אומשולדיקע חוצפה מיך צו בעטן אויסזוכן אירס אַ פעטער אין מעקסיקע סיטי און מיר געגעבן אַן אַדרעס.

אַזאַ נאַרישע, ווינער בהמה! אַזאַ נאַריש, בלאָנד, שיין קעלבל!...

מיר זיינען שוין אַראָפּ פון באַרג טרויעריקע, פאַרטראַכטע וועגן דעם גרויסן אומגליק פון די ווינער יידן...

אין הונטינגטאָן פּאַרק

אין די שטאַטן האָבן אַ סך מענטשן מיט אונטערנעמונגס־גייסט, מיט גרויסע פעאיקייטן געשאַפן גרויסע רייכטימער, געמאַכט מיליאָנען דאָלאַרן, האָבן אָנגעזאַמלט ריזיקע פאַרמעגנס, אוצרות גאַנצע: פעלדער, וועלדער און פּאַלאַצן.

אָבער די אַמעריקאַנער מיליאָנערן האָבן טאַקע אויך אַ חוש, אַ געפיל און אַ פאַרשטענדעניש ווי אַזוי צו פאַרווענדן, ווי אַזוי אויסצונוצן זייערע אָנגעזאַמלטע אוצרות און פאַרמעגנס צום גונסטן די ברייטע פאָלקס־מאַסן...

צווישן די אַמעריקאַנער באַרימטע מיליאָנערן זיינען דאָ גרויסע פּי־לאַנטראָפּן, מעצענאַטן וואָס גיבן אַוועק מיליאָנען דאָלאַרן צו בויען שפּי־טעלער, מוזייאומס, אוניווערזיטעטן, וויסנשאַפטלעכע און קונסט אינסטי־טוציעס. זיי פאַראייביקן דערמיט זייערע נעמען אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

האָט טאַקע אויך אין קאַליפאָרניע געלעבט אַ מיליאָנער, אַ גרויסער גוטבאַזיצער העגרי ע. הונטינגטאָן, (אין ענגליש האַנטינגטאָן).

איז מיסטער האַנטינגטאָן געווען אַ חוץ אַ גרויסער מיליאָנער, אויך אַ גרויסער קונסט־ליבהאָבער און אַנטיקן־זאַמלער, קונסט־בילדער, ווערטפולע ביכער און מאַנוסקריפּטן פון באַרימטע פערזענלעכקייטן.

האָט דער גרויסער פילאַנטראָפּ הענרי האַנטינגטאָן, וואָס איז געשטאָרבן אין יאָר 1927 איבערגעלאָזט זיין פּרעכטיקן פּאַלאַץ, די קונסט־זאַמלונגען, דעם וואונדערלעכן באָטאַנישן גאָרטן מיטן גרויסן פּאַרק פאַרן גאַנצן פאָלק, צוזאַמען מיט זיין פאַרמעגן אויפצוהאַלטן זיין גרויסע מתנה און צו העלפן וויסנשאַפטלעכע פאָרשער און קינסטלער.

איבער דריי מיליאָן מענטשן האָבן שוין באַזוכט דעם באַרימטן האַנ־

טינגטאָן פּאַרק. ביי אַ 5000 פאַרשער האָבן שוין גענוצט די גרויסע בי־ בליאָטעק פאַר זייער פאַרשונגס־אַרבעט.

בין איך אין אַ זוניקן זונטיק אינדערפרי געפאָרן אין דעם האַנטינגטאָן פּאַרק, וואָס געפינט זיך אַ 12 מייל הינטער לאָס אַנדזשעלעס, אין דעם קליינעם שטעטעלע סאַן מארינאָ.

נעכטן האָט טאַקע געקאַפּעט אַ דראָבנע רעגנדל און היינט, זונטיק, איז דער הימל אַ לויטערער, אַן אויסגעוואַשענער, אַ טיף־בלויער, און די מילדע קאַליפאָרניער זון באַהעלט און באַשטראַלט דאָס קליינע שטעטעלע מיטן הונטינגטאָן־פּאַרק, וואָס איז איינגעטונקען אין גרין גראָז, פּאַלמעס, ביימער און בלומען.

ביים אַריינגאַנג אין גרויסן פּאַרק פאַרשרייבט יעדער באַזוכער זיין נאָ־ מען. נישט ווייט פון אַריינגאַנג שטייט אַ פּרעכטיקער פּאַלאַץ אין פראַנ־ צויזישן סטיל פון אַכצנטן יאָרהונדערט. דאָרט געפינט זיך די ריזיקע בי־ בליאָטעק פון טויזנטער ביכער אין גלעזערנע שאַפעס. די זעלטענע ביכער, אַנטיקן און מאַנוסקריפּטן זיינען אויסגעשטעלט אין באַלויכטענע, גלעזערנע שענקלעך מיט אויפשריפטן.

צווישן זיי געפינט זיך אַ זעלטענער עקזעמפּליאַר פון גוטענבערגס ערשטע געדרוקטע ביבל פון יאָר 1450. די ערשטע אויסגאַבע פון שעקס־ פּירס ווערק, געדרוקט אין יאָר 1623 און אַנדערע זעלטענע האַנט־גע־ שריבענע ביכער פון מיטלאַלטער, מיט קינסטלערישע דעקאָרירטע גאָלד־ אָרנאַמענטן און צייכענונגען אויף די בלעטער.

אין אַ צווייטער גרויסער געביידע מיט פּרעכטיקע רענעסאַנס־סאַלאָ־ נען, איז אויסגעשטעלט אַ קאָלעקציע פון פלעמישע און פראַנצויזישע קונסט־בילדער פון פופצנטן און זעכצנטן יאָר הונדערט.

אין די אַנדערע הויך־געוועלבטע זאַלן מיט געשניצטע געזימסן אויף די ווענט און באַפּוצט מיט פראַנצויזישע טאַפּעטן פון טונקל גאָלד מיט בראָקאַט, געפינט זיך פאַרשידענע סקולפּטורן. דאָרט איז אויך אויסגע־ שטעלט אַ גרויסע אַנטיקן קאָלעקציע פון זעלטן מעבל, אַן אָריגינעלע קאַ־ מין פון מירמיל־שטיין פון יאָר 1755.

טייערע, קינסטלערישע ווענעציאַנער שפּיגלען, זעלטענע אַלטע זייגערס און אַ זאַמלונג פון פּרעכטיקע פאָרצעלאַן אַנטיקן.

אַט די אַלע קונסט־אוצרות וואָס איז אוממעגלעך אויסצורעכענען און באַשרייבן, זיינען אַנגעזאַמלט געוואָרן מיט אַ סך פּיעטעט און ליבע פון דעם קונסט־ליבהאָבער הענרי ע. האַנטינגטאָן און פרוי.

אין דעם גרויסן פּאַרק פון 200 אַקער לאַנד, זיינען דאָ 25 טויזנט פאַר־שידענע בלומען, פלאַנצן, בוימער און פּאַלמען פון אַלע לענדער.

אין פּאַרק איז אויך דאָ אַן אָריענטאַלישער גאָרטן, מיט יאַפּאַנישע און כינעזישע פּלאַנצן. אַ ספּעציעל געשאַפענע אָריענטאַלישע אַטמאָספערע מיט בריקלעך איבער שמאָלע קאַנאַלן וואַסער; ווערענדעס, שטיבעלעך און אַ גרויסער בראָנזענער „גאָנג" (גלאָק).

אין דער רעכטער זייט פּאַרק איז דאָ אַ פּרעכטיקע, וואונדער־שיינע קאָלעקציע פון צענדליקער סאָרטן בלומען, וואָס פאַרשיכורן מיט זייער אַראָמאַט, און שמעקן מיט זייערע דופטיקע ריחות איבערן גאַנצן פּאַרק.

לעבן די בלומען ציט זיך אַן אַלייע מיט אויסגעשטעלטע גריכיש־מיטאָ־לאָגישע סקולפּטורן פון ביידע זייטן.

און נישט ווייט פון דער בלומען־קאָלעקציע לעבן אַ שמאָלער סטעזש־קע שטייט איינזאַם אַ מירמלנער מאַוזאָלעום, וואו עס געפינען זיך די קברים פון דעם גרויסן קונסט־זאַמלער מיט זיין פרוי ז"ל.

דאָס גראָז אין פּאַרק איז אויסגעגלייכט, צוגעשוירן און מען גייט פּונקט ווי אויף אַ ווייכן טעפּיך. מען זעצט זיך צו אַביסל אויף אַ באַנק אָפּרוען און מען גרייט זיך צו פאַרלאָזן דעם גן־עדן פון קונסט און נאַטור־שיינקייט.

די אויגן זיינען אָנגעזעטיקט פון גרויס געניס, זיינען שוין מיד פון איינזאַפּן אין זיך עטלעכע שעה אַן עסטעטיש־גייסטיקע דערהויבנקייט, פון גרויסע קונסט־ווערק געשאַפן פון מענטשלעכן געניוס.

אין האַרץ וואַקסט אַ שטילע, באַהאַלטענע פרייד און די נשמה לויכט אויף מיט אַנטציקונג און דאַנקבאַרקייט צו די אַלע גרויסע, גאָט־געבענטשטע קינסטלער, וואָס האָבן, דורך דורות לאַנג, באַרייכערט די מענטשלעכע קול־טור און שענער געמאַכט אונדזער מאַנאָטאָן לעבן...

מען פאַרלאָזט טאַקע דעם פּרעכטיקן האַנטינגטאָן פּאַרק מיט אַ ברכה אויף די ליפּן פאַר דעם גרויסן פילאַנטראָפּ און קונסט־ליבהאָבער הענרי עדוואַרד האַנטינגטאָן.

אין האַרמאָניע־קלוב

איז מיר טאַקע דאָס יאָר אויך אויסגעקומען צו באַזוכן אַ טשיקאַוון, אויסטערלישן קלוב אין דער מלאָכים־שטאָט. דאָס איז פאַר מיר טאַקע געווען אַ גרויסע איבערראַשונג און אַ קוריאָזע דערשיינונג...

בין איך שוין געווען דריי מאָל אין לאָס אַנדזשעלעס, און ערשט איצט,

צום פערטן מאָל, האָב איך זיך דערוואוסט פון דעם אינטערעסאַנטן, אָרי־גינעלן קלוב.

דאָס איז אַ יידישער קלוב פון בלויז אומפאַרהייראַטע מענער און פרויען...

דער קלוב רופט זיך טאַקע מיט זייער אַ פיינעם צוגעפּאַסט נאָמען: האַרמאָני בענעוואָלענט סאָשיעל קלוב. דאָס הייסט: אַ קלוב פון האַרמאָניע, פריינטשאַפט און געזעלשאַפט...

דער קלוב עקזיסטירט שוין גאַנצע צען יאָר, און דאָרט האָבן שוין געפונען זייערע זיווגים, זייערע באַשערטע צענדליקער מענער און פרויען, וואָס לעבן זיך גליקלעך און דאַרפן שוין נאָכאַמאָל נישט אָנקומען אין האַרמאָני־סאָשל קלוב צו ווערן נאָכאַמאָל מיטגלידער...

געפינט זיך דער דאָזיקער טשיקאָווער קלוב אין אַ שיינער געביידע וואָס איז באַקאַנט אין גאַנץ לאָס אַנדזשעלעס: פאַרבערס פּאַרק וויו מענאָר.

דאָס שיינע הויז געפינט זיך אויף דער זיבעטער גאַס, וועסט 2200. לעבן אַלווראַדאָ עוועניו און ווילשייר בולוואַרד, און שטייט טאַקע פונקט קעגנאיבער דעם וועסט לייק פּאַרק.

אין דעם פּאַרק איז דאָ אַן אָזערע וואו עס שווימען אַרום קליינע שיפלעך. די אָזערע איז אַרומגערינגלט מיט שאָטנדיקעביימער, פּאַלמעס און בלומען, און מיט אויסגעשטעלטע שורות בענק לעבן וואַסער.

וויל זיך איינער אָפּרוען כאַפּט ער זיך אַריין אין „וועסט לייק פּאַרק", זעצט זיך אויף אַ באַנק און קוקט זיך צו ווי עס לויפן אַרום אויפן גראָז די טויבן, וואָס כאַפּן גיך־גיך די קערנדלעך און שטיקלעך ברויט וואָס גוטהאַרציקע מענטשן זיינען זיי מכבד.

ביים ברעג אָזערע פליען אויך אַרום צענדליקער ים־פייגל. דאָס זיי־נען די מעוועס, גרויס ווי די טויבן מיט ווייסע בייכלעך, לאַנגע שוואַרצע פליגל מיט קרומע אויסגעבויגענע שנאָבלען ווי ביי אָדלערס.

זיי קומען צו פליען אין שטאָט פון ים־ברעג צו קענען כאַפּן אין פּאַרק אַ געשמאַקן ביסן... און פליען צוריק צום ים.

בין איך געקומען אין דעם „פּאַרק וויו מענאָר" זיך צו טרעפן מיט חבר זלמן זילבערצווייג, וואָס האָט מיך איינגעלאַדן זען די לעצטע פּראָבע פון דער פאָרשטעלונג, וואָס זלמן זילבערצווייג און ציליע סילווער אָרדנען איין יעדעס יאָר אין אַ גרויס, שיין טעאַטער.

חבר זילבערצווייג האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַרן באַלעבאָס פון הויז: דאָס איז פריינד ווייסבוים, אַ שרייבער פון מעקסיקע.

מיסטער מאָריס פאַרבער, אַ הויכער גוטמוטיקער מענטש מיט אַ פריינטלעכן שמייכל און פיינע מאַניערן, נעמט מיך באַלד אַרומפירן איבער אַלע זעקס גרויסע, באַקוועמע זאַלן, וואו עס קענען אין איין טאָג פאַרקומען דריי חתונות, באַנקעטן און פאַרזאַמלונגען...

די זאַלן זיינען שיין דעקאָרירט מיט קונסט־בילדער און שיינע ליכט־עפעקטן. פריינט פאַרבער האָט אַמאָל געוואוינט אין פּאַריז איז ער פאַרליבט אין פראַנצויזישע מאַלערייען. ער איז אויך געווען אין מדינת ישראל, האָט ער פון דאָרט אויך געבראַכט ייִדישע קונסט־בילדער.

ער פירט מיר וויַיזן די ריזיקע קיך וואו עס שטייען מאַשינען וואָס קענען וואַשן 5000 טעלער אין איין שעה...

דערנאָך פירט ער מיך אַרויף אין אַ גרויסן טאַנץ־זאַל און שטעלט מיך גיך פאָר פאַרן פּרעזידענט פון קלוב און פאַרן סעקרעטאַר. מען שטעלט מיר פאָר אויך דעם געוועזענעם פּרעזידענט מיט זיין פרוי, וואָס ער האָט טאַקע דאָ טאַנצנדיק אין האַרמאָני קלוב, זיך מיט איר באַקאַנט, פאַרליבט און מיט מזל חתונה געהאַט, אַזאַ גליק! אַזאַ גליק...

דער פּרעזידענט דערקלערט מיר, אַז אין קלוב זיינען דאָ 200 „מעמבערס". יעדער מיטגליד צאָלט צוויי דאָלאַר אַ חודש און האָט דאָס רעכט אַלע פרייטיק צו קומען אויפן טאַנץ־אָוונט פריי. ער האָט אויך אַ רעכט מיטצוברענגען אַ פריינד און רעקאָמענדירן אים פאַר אַ מיטגליד.

דער געוועזענער פּרעזידענט שטראַלט פאַר שמחה לעבן זיין האַרמאָני־קלוב באַשערטער... ער האָט נישט באַדאַרפט צו רייסן קיין סך פאַר שיך ביים טאַנצן. בלויז צוויי חדשים און באַלד געטראָפן זיין גליק, זיין באַשערטע, אַ גליקלעכער מענטש!

פריינד פאַרבער האָט מיך אַריינגעפירט אין גרויסן טאַנץ־זאַל. דער אָרקעסטער זיצט ווי אונטער אַ חופה און שפּילט דזשאַס־מעלאָדיעס. פון די זייטן סופיט שיינט אַראָפּ אַ ראָז־בלוי ליכט און באַהעלט די טאַנצנדיקע פאַרלעך אויף דער גלאַנצנדיקער פּאָדלאָגע.

אויסגעפּוצטע פרויען זיצן ביי די ווענט און וואַרטן מיט באַנער אין די מידע אויגן: אפשר וועט דער וואָס וועט זי בעטן טאַנצן, זיין איר באַשערטער, אפשר? מען דאַרף זיך גוט באַקענען פריער, אפשר?

די מיטליאָריקע, די וואָס לעבן איבער אַ צווייטע יוגנט... טאַנצן מיט האָפענונג אין האַרץ. אפשר וועט די יונגע, שיינע דאַמע ווערן זיין באַשערטע, און די איינזאַמקייט פון זיין צימער וועט זיך ענדיקן אין האַרמאָני־קלוב און ער וועט שוין נישט דאַרפן טאַנצן...

נאָכן טאַנצן זעצט מען זיך אויס ביי געדעקטע טישן אין גרויסן זאַל. מען איז מכבד די מיטגלידער מיט אַ הייס טעפּל קאַפע מיט קוכן. מען שמועסט אַ ביסל, מען זינגט און מען קריגט נייע באַקאַנטע — ביז דעם צווייטן פּרייטיק. ביז מען קריגט אַ פריינד, מען האָט חתונה און מען ווערט אויס מיטגליד אין ראָמאַנטישן „הארמאַני קלוב", ביז מען גט זיך און מ'טאַנצט ווייטער...

איז דער קלוב פאַר מיר ממש געווען אַן איבערראַשונג און אַ גרויסע אַנטדעקונג אין דער מלאכים שטאָט.

דאָס איז דאָך דער בעסטער, מענטשלעכסטער, הומאַניסטישער אין ראָ־מאַנטישער קלוב אין די שטאָטן...

ביים געזעגענען זיך, האָט מיר פריינד פאַרבער אָנגעזאָגט אַ גוטע בשורה, אַז ער וועט אין קורצן באַזוכן דאָס שיינע לאַנד מעקסיקע און זיך באַקענען מיט אונדזער יידישן ישוב. ער וועט אויך אין איינוועגס איינלאַדן אַלע היגע אַלטע בחורים און אומפאַרהייראַטע מענער און פרויען צו קו־מען אין לאָס אַנדזשעלעס, און ווערן „מעמבערס" אין „הארמאַני־קלוב"... און נעמען טאַנצן!

זיי וועלן דאָ זיכער קריגן טאַנצנדיק זייערע באַשערטע, און וועלן קע־נען פאָרן גליקלעכע, פאַרהייראַטע צוריק קיין מעקסיקע מיט זייערע „מלאָכים" און „מאַלעכטעס", פון דעם ראָמאַנטישן „הארמאַני סאָשל קלוב" אין דער מלאָכים־שטאָט...

יאָ, כ'טאַנץ טאַקע נישט, אָבער מ'דאַרף פאָרן צוריק אין מעקסיקע...

נוד - ביי לאָס אַנדזשעלעס

(פעברואַר 1952)

ס'איז שוין דער שטייגער פון מענטשן צו ווערן אַנטוישט...

מ'ווערט אַנטוישט פון פריינד, ס'ווערן אַנטוישט פאַרליבטע... מ'ווערט אַמאָל אַנטוישט פון אייגענע, געטרייע מענטשן.

און מ'ווערט אפילו אַמאָל אויך אַנטוישט פון אַ וואוינונג, פון אַ גאַס און אויך פון אַ גאַנצער שטאָט.

אַזוי איז שוין דער מענטש: ער באַגייסטערט זיך גיך, ער ווערט שנעל באַאיינפלוסט, מיטגעריסן און — ווערט שפּעטער אַביסל אָפּגעקילט און טאַקע אויך אַנטוישט.

און שיער, שיער בין איך דאָס יאָר געוואָרן אַנטוישט אין מיין פאַר־ליבטער, שיינער און פאַרחלומטער מלאָכים־שטאָט...

אין טאַקע יעדעס יאָר, ווען כ'קום אין לאָס אַנדזשעלעס, אויך דאָ אַביסל רעגן אין חודש יאַנואַר. ס'הייסט, ס'גיסט נישט, ס'כלאַפּעט נישט חלילה, נאָר ס'מאַכט זיך אַ טאָג, ווען דער קאַליפאָרניער בלויער הימל פאַרוואָלקענט זיך און ס'רעגנט. ס'טריפט אַ דראָבנער, געלאַסענער רעגן, יוצא צו זיין. צו ווייזן די קאַליפאָרניער איינוואוינער, אַז ס'איז ווינטער אויף גאָטס וועלט, אַז אין דער מלאָכים־שטאָט קען זיך אויך דער שטענ־דיק בלויער הימל פאַרמאַכן, זיך אָנבלאָזן און עס זאָלן זיך נעמען ציען פון אויבן דינע וואַסער־שנירלעך...

אָבער נאָר בלויז אויף עטלעכע שעה, אָדער אויף אַ טאָג און שוין! אויס רעגן. דער הימל לייטערט זיך אויס, אין אויסגעוואַשענעם בלויען הימל באַווייזט זיך ווידער די מילדע קאַליפאָרניער זון און וואַרעמט צוריק אויס די מלאָכים און די מלאכטעס אין דער מלאָכים־שטאָט.

די צעהעלטע זון שיקט ווידער אַרויס אירע גינגאָלדענע שטראַלן אויף באַרג און טאָל, אויף פעלד און שטאָט, וואַרעמט און דערקוויקט דעם מענטש, די פּאַלמעס און די בלומען. דאָס גרינע גראָז טריקנט זיך אונטער דער זון, און די בייכיקע בוימער מיט אָנגעלאָדענע, גאָלדענע פּאָמעראַנצן שטייען פרישע, אָפּגעוואַשענע און פאַרשפּרייטן זייערע זאַפטיק־זיסע ריחות אין דער אָפּגעפרישטער, לויטערער לופט.

און אַלץ: מענטש, פּלאַנץ, וואַלד און פעלד און די גאַנצע הערלעכע נאַטור שיקן אַ לויב און אַ ברכה צום באַשעפער, פאַרן דערפרישנדיקן און דערקוויקנדיקן געבענטשטן רעגן.

אָבער דאָס יאָר האָט עפּעס געטראָפן אַן אויסטערלישע געשעעניש, וואָס האָט שוין לאַנג לאַנג נישט געטראָפן אין לאָס אַנדזשעלעס.

— רעגן! אָבער רעגן! און ווידער רעגן!

אַזאַ מין רעגן וואָס האָט נעבעך באַגאָסן, אויסגעווייקט און איינגעווייקט די גאַנצע מלאָכים־שטאָט, מיט באַרג און טאָל, מיט סאַנטאַ מאָניקאַ און האָליוואוד...

די ערשטע טעג אין יאַנואַר פון 1952 זיינען געווען ליכטיקע, העל־צעשטראַלטע מיט אַ לויטערן בלויען הימל און די זון, די מילדע קאַליפאָר־ניער זון ברענט נישט, בריט נישט, נאָר וואַרעמט די איינוואוינער פונקט ווי אַ גוטהאַרציקע, געטרייע מאַמע וואַרעמט אירע קינדער...

און אַזוי זיינע געשטאַנען איינער נאָכן אַנדערן ליכטיק־זוניקע טעג מיט אויסגעשטערנטע, פאַרבענקטע און פאַרחלומטע לבנה־נעכט — ביז...

ביז ס'האָט זיך באַוויזן אַ פאַרכמאַרעטער פרימאָרגן. שווערע וואָלקנס האָבן אָנגעהויבן אַ געיעג איבערן הימל און דער וועטער־נביא האָט אָנגע־זאָגט אויף דער ראַדיאָ, אַז ס'קומט אַ שטורעם מיט אַ רעגן.

און ס'האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו רעגענען, וואָס אַמאָל שטאַרקער און שטאַרקער, ס'האָט געגאָסן אַ שלאָקס־רעגן.

די גאַנצע שטאָט איז איינגעהילט געוואָרן אין אַ טונקלקייט, עפּעס האָט אַ טרויער געשוועבט אין דער נאַס־אָנגעזאַפּטער לופט.

ביי אונדז אין מעקסיקע, קומט אַן זומער דער רעגן מיט דונערן און בליצן און מיט אַ שטורם. אָבער דאָ, אין דער דאָרפישער מלאָכים־שטאָט, האָט זיך עפּעס דער רעגן אַריינגנבעט דווקא שטיל, אַן רעש און געפּיל־דער, ווי אַן אומגעבעטענער גאַסט. אָבער ווען דער נאַסער גאַסט האָט זיך צעשפּרייט איבער דער שטאָט, האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט אַוועק־גייז, אָ, ניין!

די מלאכים־שטאט האט זיך דאס יאר נישט גאנץ לייטיש אויפגע־פירט...

די שיינע ליכטיקע שטאט מיט די האליוואודער סטודיאס האט זיך באנעצט, נאס, נאס און טאקע פיטש־נאס...

דער שר של מים, דער הימלישער וואסער־מיניסטער, דער אפיציעלער וואסער־גיסער, האט דאס יאר אפגעטאן דער מלאכים־שטאט א וואסער־דיק שפיצל: רעגן און רעגן!

אט דאכט זיך, אז אט־אט שטעלט זיך אפ דער רעגן. יא, ס'רעגנט שוין אביסל ווינציקער און מיטאמאל ברעכט ווידער אויס א שטארקער שלאקס־רעגן ווי פריער.

שוין דריי טעג ווי דער רעגן גיסט און גיסט, מוז איך זיצן אין שטוב פארשפארט, ווי א פריוויליקער ארעסט...

כאפ איך זיך ארויס און וויל פארן צו א פריינד, ווער איך אויסגע־ווייקט ביז כ'קום צום „באס" און אויפן „באס" מוז מען אמאל ווארטן א האלבע שעה ביז דער לאנגער באס קומט צו קריכן.

נישטא אין לאס אנדזשעלעס ווי ביי אונדז אין מעקסיקע, די דעכלעך איבער די הייזער און געשעפטן וואו מ'קען זיך באשיצן פון רעגן. אין צענטער שטאט קען מען זיך נאך ראטעווען פון רעגן, מ'לויפט אריין אין א גרויסן דעפארטאמענט־געשעפט אדער אין א „לאבי" פון א האטעל אדער אין א קאפעטעריע.

אבער אין די רעזידענץ גאסן איז פשוט נישטא וואו זיך אוועקשטעלן און זיך באשיצן פון רעגן.

די פרויען באשיצן זיך נעבעך מיט די קליינע קאלירטע רעגן־שירמס, וואס פארדעקן קוים דעם קאפ, און די מענער? די אמעריקאנער ספארט־מענער טראגן נישט קיין שירמס, ווי פאסט דאס עפעס פאר א ספארטמאן מיט א שירם? פע, נישט שיין! קומט מען טאקע אהיים אן אויסגעווייק־טער פון קאפ ביז די פיס...

די פרויען טראגן הויכע גומענע שטיוועלעך און אויף די דינע שיכ־לעך, גומענע קאלאשן און גייען איינגעהילט אין דורכזיכטיקע דינע־רעגן־מאנטלען.

אבער ס'העלפט נישט. דער רעגן גנבעט זיך ארונטער אונטער די שירמס מיט די קאלאשן און רעגנמאנטלען און באנעצט נעבעך זייערע די־נע, צארטע פרויען קליידער...

איז טאקע געווען א גאטס רחמנות אויף די ארבעטער, איבערהויפט

אויף די פרויען־אַרבעטער, וואָס האָבן געמוזט וואַרטן אונטערן רעגן מיט די קליינע שירעמלעך אויפן באָס, צופאָרן אין דערפרי צו דער אַרבעט.

איז טאַקע ביינאַכט שווער געווען איינצושלאָפן. דער רעגן האָט גע־קלאַפּט אין די פענסטער, אויף די דעכער פון די איינשטאָקיקע הייזער, אין אַ סך הייזער האָבן זיך באַוויזן אויפן סופיט און אויף די ווענט נאַסע פלעקן פון דעם שטאַרקן רעגן, וואָס האָט געגאָסן און געכלאַפּעט עטלעכע טעג און נעכט נאָכאַנאַנד.

פון די גאַסן וואָס גייען באַרג אַרויף האָבן גיך אַראָפּגעשטראָמט גאַנ־צע ריטשקעס וואַסער און פאַרגאָסן, פאַרפלייצט די גאַסן באַרג אַראָפּ. אַ סך קאַטשעס זיינען געבליבן שטיין האַלב אין וואַסער אין די נידעריקע גאַסן און נישט געקענט פאָרן.

האָט די פּאָליציי געוואָרנט אויף דער ראַדיאָ, מ'זאָל זיין זייער פאָרזיכ־טיק און נישט פאָרן אין די פאַרפלייצטע גאַסן און די קינדער זאָלן נישט גיין אין די שולן, ביז דער רעגן וועט זיך אָפּשטעלן.

איז טאַקע די גאַנצע שטאָט באַהערשט געוואָרן מיט אַ שטילן אומעט.

אין אַ שטאָט וואו מ'איז געוואוינט יעדן פרימאָרגן צו באַגעגענען און באַגריסן אַ בלויען הימל מיט אַ שטראַלנדיקע זון, מוז אַ פאַרוואָלקנטער הימל מיט עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד אַ גאָס־רעגן, אַריינברענגען די מענטשן אין אַ שלעכטער שטימונג, וואָס דריקט אויף דער נשמה און פאַרומעט דאָס געמיט.

מענטשן גייען אַרום מיט זויערע פּנימער, אומצופרידענע און ווערן אָפּהענגיק. דער ריטם פון לעבן ווערט שלאַבעריק; גייט יאָגט זיך, אַז דער רעגן שמייסט אין פּנים אַריין . . .

האָט זיך טאַקע אָפּגעשטעלט דאָס גאַנצע יידישע קולטור לעבן אין דער מלאָכים־שטאָט.

ס'רעגנט און רעגנט!

מ'קען זיך אין לאָס אַנדזשעלעס זייער גוט אויסלעבן אין אַ קולטורעלע סביבה. ס'איז דאָ כמעט יעדן אָוונט וואו צו גיין פאַרברענגען אין אַ קול־טור־קרייז, און אַמאָל זיינען דאָ אין איין אָוונט עטלעכע קולטור אונטער־נעמונגען און אויך אַ יידיש טעאַטער־פאַרשטעלונג.

האָב איך טאַקע געהאַט דאָס פאַרגעניגן זיך צו באַקענען דאָס יאָר, מיטן באַרימטן דענקער און שרייבער און גרינדער פון דער יידיש־עטי־

שער געזעלשאַפט אין ניו־יאָרק, אַבא גאָרדין, וואָס איז געקומען אין לאָס אַנדזשעלעס מיט זיינע ניי־אַרויסגעבענע־ביכער.

אַבאַ גאָרדין האָט אויך געהאַלטן עטלעכע גייסטרייכע רעפעראַטן אין יידישן קלוב, ביים פאַרבאַנד און ביים קראָפּאָטקין צוויג אַרבעטער רינג.

איז פאַר מיר פּשוט געווען אַ נחת רוח, אַ גייסטיקער פאַרגעניגן צו הערן רעדן און פאַרברענגען אין דער געזעלשאַפט פון אַזאַ גייסטרייכער פּערזענלעכקייט און דענקער.

כ׳האָב זיך שוין געהאַט באַשטעלט מיטן חשובן פריינד אַבאַ גאָרדין אַרויס צו פאָרן אַ 20 מייל פון לאָס אַנדזשעלעס, אין אַ קליין שטעטל צווישן די בערג, וואו מיר זיינען געוואָרן איינגעלאַדן צו אַ גוטן פריינד. נאָר גייט מאַכט אייך פּלענער, ווען דער מענטש איז אונטערגעוואָרפן צו די אויס־טערלישע קאַפּריזן פון דער נאַטור...

ס׳האָט זיך פּלוצים אָנגעהויבן דער „מבול”, דער שלאַקס רעגן און אויס פּלענער

יאָ, ס׳איז נאָך דאָ שטיקל גליק אין דער מלאַכים־שטאָט, וואָס אין יעדער שטוב איז דאָ אַ טעלעפאָן. איצט האָב איך איינגעזען, אַז די טעכ־נישע ציוויליזאַציע, אומשטיינס געזאָגט, קומט פאַרט אַמאָל צוניץ...

כ׳האָב זיך אָוועקגעזעצט אין שטוב און גענומען זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ דורכן טעלעפאָן מיט פריינד און באַקאַנטע.

— חבר יחזקאל בראָנשטיין, מיר ווען זיך נישט קענען טרעפן היינט. ס׳גיסט מיט סכנות נפשות.

ענטפערט מיר דער באַקאַנטער שריפטשטעלער, חבר בראָנשטיין און הוסט צו אַביסל... — וואָס רעדט איר? ס׳איז דאָך אַ מבול, אַ פאַר־פלייצונג אין שטאָט.

— חבר גאָרדין, ס׳איז שלעכט! מ׳וועט נישט קענען פאָרן, אַ מבול אין דרויסן.

ענטפערט מיר פריינד אבא גאָרדין, מיט זיין רואיקער, געלאַסענער שטימע: — נו, וואָס קען מען טאָן? וועט מען נישט פאָרן, כ׳דאַרף דאָך אין גיכן פאָרן אין סאַן פראַנציסקאָ.

איז די מלאַכים־שטאָט טאַקע געוואָרן אַ נאַסער, גייסטיקער מדבר...

עס גיסט און ס׳גיסט!

אַלע קולטורעלע אונטערנעמונגען האָבן געמוזט ווערן אָפּגעלייגט צו־ליב דעם רעגן.

דער גרויסער קולטור יום טוב לכבוד די ערשטע 5 בענד שריפטן פון פרץ הירשביין ע"ה, אין יידישן קלוב, האָט מען געמוזט אָפּלייגן.

דער גרויסער יערלעכער קאָנצערט און טעאַטער־אָוונט לכבוד דער יידישער ראַדיאָ־שעה פון זלמן זילבערצווייג און ציליע סילווער, האָט גע־מוזט אָפּגעלייגט ווערן אויף אַ גאַנצער וואָך.

אַ ברירה האָט מען?

צוויי אַנדערע יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען האָט מען געמוזט אָפּ־לייגן.

אָט אַזוי האָט זיך בעבעך דאָס גאַנצע יידיש ־ געזעלשאַפטלעכע לעבן געמוזט אָפּשטעלן ביזן נאָכן „מבול"...

איז טאַקע געוואָרן אַביסל לאַנגווייליק, כ'זיץ אין שטוב און הער זיך צו דעם מאָנאָטאָנעם קלאַפּן פון די רעגן־טראָפּנס: טריף־טראָפּ, טריף־טראָפּ. ס'קאַפּעט און קאַפּעט! ס'קאַפּעט אויף דער נשמה!

כ'דריי זיך אַהין, דריי זיך אַהער, כ'קען זיך קיין אָרט נישט געפינען, די אויגן ווערן מיד פון לייענען, גיי איך צו צום פענסטער, קוק אַרויס, אפשר? אפשר וועט זיך דער שר של מים, דער וואַסער־גיסער, פאַרט מרחם זיין און אָפּשטעלן דעם רעגן?

אָבער אַ ווינט גיט דעם רעגן אַ כליאַפּ אַרויף אויפן פענסטער: פּליוך־פּליוך!!!

ווי איינער רעדט: זיץ אין שטוב און שווייג, דו ביסט טאַקע געקומען דריי טויזנט קילאָמעטער פון מעקסיקע אין דער מלאכים שטאָט, אָבער מיר קענען צוליב דיר, גרויסער פּריץ, נישט אָפּשטעלן דעם רעגן...

בין איך טאַקע נישט ווילנדיק געוואָרן אַביסל בייז אויפן שר של מים, אויפן רעגן, אויף דער צעשפּרייטער שטאָט מיט די טונקעלע, מרה־שחורה־דיקע נאַסע גאַסן.

אין האַרץ האָט אָנגעהויבן נאָגן אַ שטילער צווייפל. ס'האָט זיך ביס־לעכווייז אָנגעהויבן אַריינגנבענען אַן אַנטוישונג מיט אַ שטעכיקער איראָ־ניע:

— איז דאָס דער פּרעכטיקער, קאַליפאָרניער קלימאַט?

— איז דאָס מיין באַליבטע, שיינע און באַזונגענע מלאכים־שטאָט?

* * *

האָט אָבער דער רבונו של עולם די מענטשן געטאָן אַ גרויסע טובה — ער האָט זיי אויסגעלערנט פאַרגעסן...

מענטשן האָבן אַ קורצן זכרון.

מ׳פאַרגעסט עוולות, מ׳פאַרגעסט די צרות, מ׳פאַרגעסט וואָס מ׳האָט צוגעזאָגט אויף דער הייסער מינוט...

מ׳פאַרגעסט אפילו דאָס וואָס מ׳דאַרף געדענקען נישט צו פאַרגעסן...

ס׳איז טאַקע אַ גליק, אַן אמתע ברכה, אַ באַלזאַם פאַרן מענטשלעכן האַרץ — דאָס קענען פאַרגעסן...

האָבן טאַקע די איינוואוינער פון דער מלאָכים־שטאָט, ביסלעכווייז אָנגעהויבן פאַרגעסן די צרות פון די נאַסע, רעגנדיקע טעג און פינסטערע אויסגעווייקטע נעכט, ווען דער הימל האָט זיך צוריק אויסגעלייטערט, אַן אויסגעוואַשענער, אַ בלויער, און די זון האָט ווידער אָנגעהויבן שיטן אירע גאָלדענע שטראַלן און אויסוואַרעמען אַביסל די דורכגענעצטע איינוואוינער, און אויסטרוקענען די לאַנגע, נאַסע גאַסן מיט די אָנגעזאַמלטע קאַלוזשעס וואַסער.

די טעג האָבן זיך געשטעלט שיינע, זוניק־ליכטיקע און דער אומעט האָט אָפּגעלאָזט אַביסל, און די מרה־שחורה איז ווי מיט אַ כישוף ערגעץ פאַרשוואונדן געוואָרן.

נו, אדרבה, גייט זייט בייז און ברוגז אויף אַזאַ העל־ליכטיקער שטאָט, מיט אַזאַ צעשטראַלטער זון, מיט אַזעלכע רחבותדיקע בולוואַרן, מיט אַזאַ שיינעם, פאַרכישופטן ים־ברעג.

די הונדערטער גאַסן מיט די אויסגעשטעלטע ווייסע הייזער, שטייען שוין ווידער אָפּגעוואַשענע, אויסגעצירטע, אַרומגערינגלט מיט גרין גראָז און באַשאָטנט פון צעוואַקסענע בוימער און הויכע פאַלמעס. יעדעס הויז באַזונדער איז פאַר זיך אַ סוד און האַלט הינטער די פאַרהאַנגענע פענסטער און פאַרמאַכטע טירן, פאַרבאָרגן דעם אָפּשטאַם, געוואוינהייטן און מנהגים פון די פאַרשידענע פעלקערשאַפט, וואָס רופן זיך בלויז אַמעריקאַנער בירגער...

ווערט טאַקע די אַנטוישונג ביסלעכווייז צערונען און מ׳קוקט ווידער מיט פאַרליבטע אויגן אויף דער פרעכטיקע, צעבליטער מלאָכים־שטאָט.

ס׳האָבן זיך שוין ווידער באַוויזן אויף די ציכטיקע, לאַנגע בולוואַרן, די שלאַנקע „ליידיס" מיט די שיין־געפּאַסטע, ענג־אָנגעצויגענע סוועטערס אויף די רייצנדע פרויען־לייבער, מיט די לאַנגע, געפּרעסטע הויזן.

ס׳האָבן שוין ווידערגענומען פליען די קאַטשעס מיט די עלעגאַנטע ספּאָרט־ווייבלעך, די קינאָ־אַרטיסטקעס מיטן ציגאַרעטל אין מויל, יאָגן זיך שוין ווידער אין זייערע עלעגאַנטע קאַטשעס איבער בעווערלי הילס, בע־

לעיר, סאַנטאַ מאָניקאַ, און איבער די שמאָלע, זיגזאַגישע וועגן אין די האַליוואודער בערג.

דער עולם לויפט שוין ווידער צו די שבתדיקע „רייסיס" אין סאַנטאַ אַניטאַ, וואו ס׳איז צוליבן רעגן נעבעך פאַרשטערט געוואָרן עטלעכע פערד־געיעג, ווי איז מיר!

אין גרויסן שלאַקס רעגן, האָט מען מורא געהאַט צו לאָזן לויפן די איידעלע, אַריסטאָקראַטישע פערד אויף נאַסע, בלאָטיק־גליטשיקע וועגן; די טייערע סוסים זאָלן זיך חלילה נישט אויסגליטשען און צעברעכן די שלאַנקע פערדישע רגלים...

אָבער נישקשה, די וואָס האָבן ליב דעם פערדישן ספּאָרט, וועלן שוין איצט האָבן אַ „טשאַנס" וואו צו פאַרלירן עטלעכע דאָלאַר...

האָב איך טאַקע אויך ווידער אָנגעהויבן אַרומפאָרן אין די שיינע, ציכטיקע שטעטלעך און דערפלעך אַרום דער מלאכים־שטאָט.

אין קאַליפאָרניע זיינען דאָ אַ סך יידישע פאַרמעס. יידישע פויערים מיט גרויסע טשיקן־פאַרמס, יידן וואָס האָדעווען הינער, נישט חלילה זיי צו פאַרקויפן אין שטאָט אויף יידישע שמחות, אויף באַנקעטן, אָדער אויף אַ „טשיקן־דינער", אָדער כדי די פרויען זאָלן קענען אָפּקאָכן אַ פרישע, הייסע יויך מיט אַ פערטל עוף און האָבן אַ ביסל הינערשע שמאַלץ.

ניין, די יידישע הינער־פאַרמער האָדעווען טויזנטער הינער נאָר כדי זיי זאָלן לייגן ביצים, אייער. פּראָסט־פּשוט, דאָס זיינען אַזעלכע דאָרפישע פאַרמס מיט גרויסע אייער־פאַבריקן...

האָב איך זיך מיט צוויי יאָר צוריק באַקענט מיט אַ יידישער פאַמיליע פון ניו־יאָרק. דער מאַן, מיסטער ריכטער, האָט אין לאָס אַנדזשעלעס זיך גענומען צו פאַרשידענע פרנסות, אָבער ס׳איז אים נישט געגאַנגען. איז זיין פרוי געבליבן אַרבעטן אין שטאָט, (זי איז אַ שניידערין) און דער מאַן איז אַוועק אין דעם שיינעם, ריינעם שטעטל אָנטאַריאָ, אַ 50 קילאָמעטער הינטער לאָס אַנדזשעלעס, וואו צענטליקער יידישע פאַמיליעס האָבן דאָרט טשיקן־פאַרמס, און מיט די לעצטע עטלעכע טויזנט דאָלאַר זיך געקויפט הינטערן שטעטל אַ הויז מיט אַ גרויסן גאָרטן און זיך געמאַכט אַ טשיקן־פאַרם.

אַליין געלאָזט מאַכן די גרויסע שטייגן און געקויפט קליינע הינדלעך, זיי געהאָדעוועט ביז זיי האָבן אָנגעהויבן לייגן אייער, און איצט פאַרמאָגט ער אַ טשיקן־פאַרם מיט דריי טויזנט הינער, אַן אמתע אייער־פאַבריק.

אין דער אייער-פאַבריק

אין אַ שיינעם, זוניקן פרימאָרגן, זיינען מיר, מיין ברודער, שוועגערין און איך אַרויסגעפאָרן באַזוכן אונדזערע פריינד אין זייער אייער־פאַבריק...

איז דער וועג אַ רחבותדיקער, אַ צעמענטירטער און גלאַנצט אונטער דער מילדער פרימאָרגן־זון. פון ביידע זייטן שאָסיי ציען זיך גאָלדענע פאָ־מעראַנצן גערטנער, און פריש צעאַקערטע פעלדער.

מ׳זעט ווי גאָט האָט געבענטשט די קאַליפאָרניער ערד מיט אַ וואונ־דערלעכן קלימאַט און מיט אַ גערעטעניש, די שפע שפּראָצט און וואַקסט אַרום און אַרום, שפּאַרט זיך פון דער פרוכטבאַרער ערד.

די קאַטשע גליטשט זיך גלאַטיק און זיכער אויפן געפּלאַסטערטן וועג, און מיר פאָרן שטיל אַריין אין שטעטל־אַנטאַריאָ, וואָס איז איינגעהילט מיט צעוואַקסענע ביימער און הויכע פּאַלמעס.

אין שטעטל איז שטיל און רואיק, עס זעט אויס ווי די איינוואוינער וואָלטן זיך נאָר וואָס אויפגעכאַפּט פון שלאָף . . .

אין צענטער זעט מען עטלעכע געשעפטן, האָטעלן און רעסטאָראַנען, אָבער אויף אַלץ איז אויסגעגאָסן אַזאַ יום טובדיקע רואיקייט. אַלץ באַ־וועגט זיך אַזוי פּאַמעלעך, באַזאַכט. רבונו של עולם! איז דאָס טאַקע די שנעל־יאָגנדיקע אַמעריקע?

דאָס שטעטל אַנטאַריאָ ווערט אין דער בריט צעטיילט אין צווייען מיט אַ לאַנגע, ברייטע אַלייען וואָס ציט זיך פון איין עק שטעטל ביזן צווייטן. די גרויסע סימעטריש־אויסגעשטעלטע ביימער אין דער אַלייע, פאַרשפּרייטן גערדיכטע שאָטנס פון ביידע זייטן גאַס, און די זון־שטראַלן פאַרשפּרייטן דורך די צווייגן גאָלדענע פּאַסן אויף דער אויסגעפּלאַסטער־טער גאַס.

אין עק אַלייע ענדיקט זיך לעבן אַ הויכן גרין־באַוואַקסענעם באַרג. לעבן באַרג איז דאָ אַ גרויסער גאָרטן מיט אַ יידישן האָטעל. אין גאָרטן זיינען אויסגעשטעלט צענטליקער בונגאַלאָס. אונטער די פּאָמעראַנצן־בוי־מער ליגן אַראָפּגעפאַלענע פּאָמעראַנצן און קיינער קלויבט זיי נישט אויף . . .

אין האָטעל איז איצט שטיל, אַן אומעט הערשט איבערן גאַנצן גאָרטן, מ׳זעט קיינעם נישט. בלויז די אויפוואַרטערין דרייט זיך אַרום אין גרויסן עס־צימער מיטן די אויסגעשטעלטע ליידיקע טישלעך, אַן איינזאַמע, אַ טרויעריקע. זי דערקלערט אונדז, אַז דער האָטעל איז איצט פאַרמאַכט און ס׳איז נישטאָ וואָס צו עסן. אַרום פּסח צייט עפנט זיך דער סעזאָן פאַר די געסט וואָס קומען זיך דאָ אָפּרוען אויף עטלעכע טעג אָדער וואָכן.

זעט טאָקע אויס דער האָטעל מיטן גאָרטן און מיט די קליינע שטיב־לעך, אַ פּאַרכישופטער און אַ פאַרלאָזטער אויף אייביק...

אויף איין זייט אַלייען, נישט ווייט פון די בערג, איז אויך דאָ אַ גרוי־סער גאָרטן מיט אַן אָפּרו־היים פון אַרבעטער־רינג, אָבער אַלץ איז איצט ליידיק און פאַרמאַכט, מ'זעט בלויז די יידישע אויפשריפטן אין גאָרטן.

מיר פאָרן דורך די לאַנגע, שאָטנדיקע אַלייען און מיר קומען צו דעם אַנדערן עק שטעטל, וואו ס'געפינען זיך שיין־אויסגעלייגטע גאַסן מיט גרויסע אויסגעשפּרייטע גערטנער, מיט די פאַרם־הייזער און מיט די טשיקן־פאַרמס.

מיר פאָרן גלייך צו אונדזער פריינדס פאַרם און מיר טרעפן קיינעם נישט אין שטוב. מיר גייען אַריין אין גאָרטן וואו ס'וואַקסן גרויסע נוס־בוימער, אויף דער ערד הינטער די בוימער וואַלגערן זיך אַרום גרויסע וועלשענע ניס, און אַ ביסל טיפער אין גאָרטן הערט מען שוין דאָס גע־פּילדעריי און קוואָקעריי פון די טויזנטער הינער אין די גרויסע שטייגן.

מיר טרעפן דאָרט די פרוי ריכטער אין מענערשע „אָוועראָלס" (אָו־ניאָנס), מיט פאַרקאַשערטע אַרבל, זי איז איצט פאַרנומען, פאַרהאָוועט אין דער אַרבעט.

דער מאַן אירער איז איצט אין לאָס אַנדזשעלעס, ער קומט צוריק אין אַ שעה אַרום, מוז זי געבן עסן די הינער.

לויפט זי גיך אַרום לעבן די לאַנגע שטייגן און שטופּט אַ קליין וועגעלע מיט דינע, געמאָלענע קערנדלעך און איז מכבד די הינער מיט אַ געשמאַקן ביסן... מ'דאַרף אַזוי שפּייזן טאָג־טעגלעך דריי טויזנט הינער.

די הינער אין די שטייגן שרייען, ליאַרמען און עסן, פּילדערן און עסן, כאַפּן גיך־גיך, פּיק־פּיק, פּיק־פּיק, גיבן גיך אַ קוק אַהין, אַ קוק אַהער, קאָ־קאָ־קאָ! און ווייטער געפרעסן. זיי האָבן נישט קיין צייט, זיי האָבן מורא טאָמער וועלן חלילה די אַנדערע הינער אַלץ אויספּיקן...

אין איין גרויסער שטייג שטופּן זיך 500 ווייסע הינער, זיי זיינען פאַר־טיפט אין דער אכילה, לויפן אין צענטער שטייג און טונקען גיך איין די דינע שנאָבלען אין גלעזערנע טעלער מיט איבערגעקערטע פלעשער וואַסער, כאַפּן עטלעכע טראָפּן און צוריק צו דער פרעסאַרניע, צום פּיקן, פּיקן.

ביי די זייטן גייען די שטייגן משופּעדיק, ,וואו די הינער לייגן די איי־ער, קאָלערן זיך די אייער צום ברעג שטייג, עפּנט מען אַ שמאָל טירעלע און מ'נעמט אַרויס די פרישע אייער.

פאַשעט מען זיי די הינער, מ'גיט זיי גענוג עסן און זיי פרעסן און לייגן

אייער: עסט הינער וויפיל איר ווילט און לייגט ביצים. אויב נישט קיין גאָלדענע אייער, טאָ לייגט, זייט מוחל, געלט־אייער... אייער וואָס מ׳פאַרקויפט זיי פאַר גוט געלט.

איז טאַקע אויך אַ צער בעלי־חיים, אויף די טויזנטער הינער, מ׳לאָזט זיי קיין סך נישט שלאָפן... נאָר עסט און לייגט אייער!

פאַרנאַכט, ווען ס׳ווערט שוין טונקל, ווען די הינער דאַרפן שוין גיין שלאָפן, ווערן אָנגעצונדן גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן, וואָס הענגען איבער די שטייגן. מ׳נאַרט נעבעך ביינאַכט אָפּ די הינער, זיי זאָלן מיינען, אַז ס׳איז נאָך טאָג: — שלאָפט וויניקער הינער טייערע, עסט וויפיל איר ווילט, קוואָקעט און פּיקט, נאָר אייער זאָלט איר לייגן וואָס מער...

לייגט טאַקע יעדע הון פיר אייער אַ וואָך, און אויב אַ הון הערט אויף צו לייגן ביצים, ווערט זי באַלד פאַרקויפט אויף אַ באַנקעט צו מאַכן איבער איר אַ ברכה...

ווערן טאַקע געהאָדעוועט קלענערע הינער אין אַ שטייג כדי צו פאַרבייטן די הינער, וואָס טויגן שוין נישט אין דער אייער־פאַבריק...

אין אַן אייער־פאַבריק, וואו די אַרבעטער זיינען די הינער, מוזן זיי אַליין נעבעך פאַבריצירן די אייער־פּראָדוקציע. און אויב אַ אַרבעטער־הון הערט אויף צו פּראָדוצירן, גייט זי אין טאָפּ אַריין...

האָבן טאַקע יידן אַ גוטע פּרנסה פון די טשיקן־פאַרמס. דאַרפן זיך נישט יאָגן אין דער גרויסער שטאָט און ווערן נערוועז און אַלט פאַר דער צייט.

דאָ, אין דער רואיקער סביבה מיט די אַרומיקע פאַרמס, וואָס איז אַ קאָמבינאַציע פון שטעטל און דאָרף, לעבט זיך דער מענטש אַ סך בעסער און געזונטער, ווי אין דער גרויסער רוישיקער שטאָט.

* * *

ס׳איז שוין דריי אַזייגער נאָכמיטאָג, מ׳דאַרף שוין צוריקפאָרן אין שטאָט אַריין.

פון די פעלדער וויעט אַ לינד, פריש ווינטל. דער קערפּער ווערט אָנגעפילט מיט אַ זיסער מידקייט, און כ׳וואָלט זיך איצט געגעבן אַ צי־אויס אויפן גרינעם גראָז און כאַפּן אַ געשמאַקן דרימל...

אין האַרץ וואַקסט אַ שטילער פאַרלאַנג צו בלייבן דאָ אין איינעם פון די דאָרפישע הייזלעך, וואָס ציען זיך וויַיט־וויַיט אַוועק ביז צו די אָפענע פעלדער, וואָס באָדן זיך איצט אין ליכט פון דער מילדער נאָכמיטאָג זון,

און פֿאַרשיכורן מיט פּערפום־ריחות פֿון גרין גראָז, צייטיקע רויזן און פֿעלד־בלומען.

אוי, ווי ס׳גלוסט זיך נישט צו פֿאַרלאָזן דאָס פּרעכטיקע שטעטל אַנטאָ־ריאָ, מיט דער שטילער, דאָרפֿישער אידיליע.

* * *

און ווידער האָבן זיך אין דער מלאָכים־שטאָט, צעצינדן ביינאַכט די העל־ליכטיקע לאָמפּן אויף די לאַנגע בולוואַרן מיט אַ יום טובדיקע ליכ־טיקייט, צו באַשיינען מיט אַ העלער פֿרייד די אויסגעטריקנטע שטאָט נאָכן גרויסן שלאָקס־רעגן.

פֿון די האָליוואָודער בערג צינדן זיך און פֿינקלען פֿון ווייטנס טויזנ־טער פֿייערלעך פֿון די שאָטנדיקער הייזער, וואָס דראַפּן זיך אויף די משופּעדיקע בערג, וואָס זיינען איצט איינגעהילט אין נאַכטיקע סודות.

האָב איך די לעצטע עטלעכע טעג, איידער כ׳פֿאָר צוריק אין מעקסיקע, פֿאַרברענגט בייטאָג ביים אָפֿענעם ים. עפּעס אַן אינערלעכע רואיקייט און אַ שטילע בענקשאַפֿט נעמט מיך אַרום, ווען כ׳שטיי און קוק אויפֿן אָפֿע־נעם ים מיטן אייביקן געראַנגל פֿון די ריטמיש־לויפֿנדע כוואַליעס.

אויף איין זייט ברעג ים ציט זיך דער שטענדיק טומלדיקער אָושן־פּאַרק מיט די הונדערטער שפּילערייען, מיט די קרעמלעך און קאָרטן־וואַר־פֿערקעס, וואָס טרעפֿן אייער צוקונפֿט פֿאַר איין דאָלאַר... און מיט די שפּייז קראָמען און יידישע רעסטאָראַנען.

אָבער פֿון דער אַנדערער זייט, ציט זיך ווייט אַוועק די וואונדער־שיינע אַלייען ביים ים־ברעג פֿון סאַנטאַ־מאָניקאַ.

אין מיטן גאַס גליטשן זיך שטיל די קאַטשעס, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט אויפֿצוועקן די פֿאַרשלאָפֿענע איינוואוינער, פֿון די שטילע אויסגע־פּוצטע הייזער, וואָס שטייען זיך אַזוי סימעטריש אויסגעשטעלט ווייט אַוועק לענג־אויס אין גאַס.

פֿון דער אַנדערער זייט גאַס ציט זיך ביים ברעג ים די ברייטע, פּרעכ־טיקע אַלייען, מיט לאַנגע שורות שטאָלצע פּאַלמעס און שאָטנדיקע, צעוואַק־סענע בוימער. דאָס פֿרישע, גרינע גראָז איז אַרומגעשניטן און אויסגע־גלייכט, און די אויסגעשטעלטע הילצערנע בענק, רופֿן אייך, לאַדן אייך איין: — קומט, זייט מוחל, זעצט אייך, רוט זיך אָפּ און דערקוויקט זיך מיטן פֿרישן ים־ווינטל.

קומען טאָקע יעדן זונטיק אַרויס אין סאַנטאַ מאָניקאַ אַ סך יידן מיט זייערע פֿרויען און קינדער. זעצן זיך אויס אויף די בענק, אויפֿן ווייכן

גראָז, זיינען זיך מחיה מיט דער פרישער ים־לופט און כאַפּן דערוויל אַריין אַ היימישן שמועס...

איצט איז אָבער שטיל. די בענק שטייען ליידיק און דער זאַמדיקער ים־ברעג איז געבליבן איינזאַם און פאַרלאָזן.

זיץ איך איינער אַליין אויף אַ באַנק און באַטראַכט די שורות שטאָלצע פּאַלמעס, וואָס שטייען גלייך, אויסגעצויגן, ווי צו סאַלוטירן דער גאָלדע־נער זון פאַר איר וואַרעמקייט...

פיל איך זיך אָבער נישט אַליין ווען פאַר מיר איז אויסגעשפּרייט אַ בלוי־גרינער ים, וואָס ציט זיך אַוועק ווייט־ווייט ביזן האָריזאָנט. ביי די זייטן שאָטנדיקעביימער, הינטער מיר גרין גראָז מיט צעבליטע בלומען־בייטן.

ניין, כ'בין נישט אַליין, נאָר באַהאַפטן, פאַרייניקט צוזאַמען מיט דער נאַטור אַרום מיר...

די איינזאַמקייט היילט די נשמה, מאַכט קלאָרער דאָס טראַכטן און וועקט אויף אין האַרץ אַ ליבשאַפט און אַ שטילע באַגייסטערונג פאַר דער שיינער, וואונדערלעכער נאַטור.

אַרום הערשט אַ רואיקע שטילקייט, מ'זעט זעלטן אַ דורכגייער, מ'הערט בלויז דאָס ריטמישע קלאַפּן פון די שוימיקע כוואַליעס אויפן זאַמדיקן ברעג.

עפּעס שטייט איינער אַ טרויעריקער, אַ פאַרטאַכטער לעבן ברעג ים מיט אַ ווענדקע אין האַנט און וויל דווקא כאַפּן פיש.

די פיש לאָזן זיך אָבער אַזוי גרינג נישט כאַפּן... און אַן אומצופרי־דענער ציט ער אַרויס די ווענדקע פון ים — און וואַרפט זי ווידער אין וואַסער אַריין, אפשר ??

ער מוז אוודאי זיין אַ גרויסער אָפּטימיסט, דער פיש־כאַפּער...

פון אָפענעם ים בלאָזט איצט אַ פריש, קיל ווינטל, וואָס גלעט אַזוי מחיהדיק די באַקן, און ס'אָטעמט זיך עפּעס אַזוי לייכט, אַזוי גרינג. די לונגען ציען אַריין אין זיך די ריינע, פרישע ים־לופט.

פאַרנאַכט, ווען די זון האָט זיך גענומען זעצן, האָב איך ביים ים־ברעג געזען אַ וואונדערלעך, פּרעכטיק בילד.

די זון בויגט זיך פאַמעלעך אַוועק צו מערב זייט, און די גאָלדענע שטראַלן פאַלן איצט קרום, אויסגעבויגענע אויף אַ קיילעכדיקן, גרויסן ים־שטח ביים האָריזאָנט, און שימערירן, גלאַנצן ווי טויזנטער זוניקע שפּיגלען שלאָגן זיי צוריק אָפּ זייער ליכטיקייט פון דעם באַשטראַלטן ים־פלאַך, גלייך צום טיפן בלויען הימל.

די קאַלירן אויפן ים־שפּיגל מיניען זיך, בייטן זיך, ווען די רויט־צע־פלאַמטע זון בויגט זיך נענטער אַראָפּ צום האָריזאָנט. די לויפנדיקע כוואַליעס בויגן זיך און קנייטשן זיך אונטער דער וואונדערלעכער סימפּאָניע פון קאַלירן און פאַרבן: אַ רויט אָנגעצונדענער האָריזאָנט מיט אַ פייערדיק צעפלאַמטער זון, אַ בלוי־גרינער ים אונטער אַ טיף בלויען הימל...

פון מזרח זייט האָבן זיך די נאַכטיקע שאָטנס פּאַמעלעך אָנגערוקט...

* * *

מיט צוויי טעג שפּעטער האָב איך זיך שוין געמוזט נעמען פּאַקן אין וועג אַריין...

איז מיר טאַקע געווען אַביסל אומעטיק אויפן האַרץ. ס'האָט מיר באַנג געטאָן, וואָס פּונקט דעמאָלט, ווען די מלאָכים־שטאָט האָט זיך צוריק אויסגעלייטערט, ווען די שטאָט האָט זיך צוריק באַוויזן מיט אירע פּרעכטיקע זוניקע טעג און פאַרכישופטע, פאַרחלומטע נעכט, מוז איך זי פאַרלאָזן און אַוועקפאָרן, אַוועקפאָרן!

זונטיק צען אַזייגער ביינאַכט זיץ איך שוין ווידער אין גרויסן, באַקוועמען „גרעיהאַונט" באָס.

אַ טיפע בענקשאַפט האָט מיך מיטאַמאָל אַרומגעכאַפּט, זיך איינגעקלאַמערט אין האַרץ און געדריקט אויף דער נשמה...

יאָ, כ'מוז זיך איצט אין דער מידער נאַכט צעשיידן פון אייגענע, פון פריינד און חברים און לאָזן זיך צוריק אין וועג אַריין.

מיין ברודער און שוועגערין שטייען אומעטיקע, פאַרטראַכטע, מיט אַ באַהאַלטענער בענקשאַפט און זאָרג אין זייערע אויגן; זיי וואַרטן ביז דער גרויסע באָס רירט זיך פון אָרט, גליטשט זיך פּאַמעלעך אַרויס פון דער באַלויכטערנער סטאַנציע, און לאָזט זיך אַוועק אין דער ווייטער נאַכט אַריין.

זיי געזונט שיינע מלאָכים־שטאָט!

גוד־ביי לאָס אַנדזשעלעס!

דערשינענע ביכער פון

אברהם ווייסבוים:

מעקסיקאַנער זיגזאַגן

(געקליבענע פעליעטאָנען, מאָנאָלאָגן, הומאָרעסקעס און
בילדער) אין יאָר 1497
באַקומען די ערשטע ליטעראַטור־פּרעמיע פון
צבי קעסעל־פאָנד אין מעקסיקע.

אונטערן ישראל הימל

רייזע־איינדרוקן

(טאָג־בוך)

אין יאָר 1954

אַדרעס פון מחבר:

A. WEISBAUM

Orizaba 149 México, D. F.